STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11869

# TEG FUN SHREK

J. Lemel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# טעג פון שרעק

דערינערונגען פון דער מלחמה

1940־1945

אויסגעצייכנט מיט אַ ספּעציעלער אויסצייכענונג

אויפן קאָנקורס פון "יד־ושם" אין ירושלים

אין יאָר 1954

דאָס בוך איז צו באַקומען
ביים מחבר:

J. LEMEL

21, rue Hôtel des Monnaies
BRUXELLES 6

יעקב צבי לעמעל

# טעג פון שרעק

## דערינערונגען פון דער מלחמה
## 1945-1940

פאריז 1962

J. LEMEL

# JOURS D'ANXIÉTÉ

## MÉMOIRES DE LA GUERRE 1940-1945

CES MÉMOIRES ONT REÇU UNE DISTINCTION SPÉCIALE AU CONCOURS DE MÉMOIRES DU «YAD-VECHEM» A JÉRUSALEM EN 1954

PARIS 1962

J. LEMEL

# DAGEN VAN ANGST

## HERINNERINGEN UIT DE OORLOG 1940-1945

DEZE HERINNERINGEN HEBBEN GEKREGEN EEN SPECIALE ONDERSCHEIDING OP DE HERINNERINGENWEDSTRIJD VAN « JAD VECHEM » TE JERUSALEM IN 1954

PARIS 1962

געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק
פון מיין פרוי און מיינע דריי קינדער
אומגעבראַכט פון די דייטשן.

מיין פרוי דישקע

דוד
מיין עלטערער זון (8 יאָר)

בערעלע
מיין יינגערער זון (5 יאָר)

*Mijn dank gaat naar de edele en goedhartige Belgische families die mij in tijden van nood en gevaar hebben geholpen te ontkomen aan de duitse vervolgingen*

*Fam. Wouters,*
*Fam. Van Rompay,*
*Fam. Bogemans.*

*M. Wouters*

*Mme Wouters*



*Rik Van Rompay*

*Mme Van Rompay*

*Jeff Van Rompay*



*Jules Bogemans*

# פאָרוואָרט פון מחבר

17 יאָר נאָך דער מלחמה, גיב איך אַרויס מיט מיינע אייגענע מיטלען, מיין ווערק "טעג פון שרעק", פון דער מלחמה 1940־1945.

אין די יאָרן 1954 האָב איך באַקומען אַ מיטטיילונג פון "יד־ושם" אין ירושלים, אַז מיין ווערק "טעג פון שרעק", צוגעשיקט צום מעמואַרן־קאָנקורס פון "יד־ושם", איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיט אַ ספּעציעלער אויסצייכענונג. זייט דעמאָלט ליגט מיין ווערק אין די אַרכיוון פון "יד־ושם" און שלאָפט.

איך האָב זיך געוואָנדן צו פאַרשידענע פאַרלאַגן, מען זאָל מיר העלפן אַרויסגעבן מיין ווערק. איך האָב זיך געוואָנדן צום ייוו"אָ־פאַרלאַג, צום ציקאָ־פאַרלאַג, צום פּויליש־יידישן אַרגענטינער פאַרלאַג, צום יידישן קולטור־קאָנגרעס. איך האָב מיך געוואָנדן צו פאַרשידענע יידישע פּערזענלעכקייטן אין בעלגיע, צווישן זיי צום ד"ר שאַפּיראָ, ראַבינער פון אַנטווערפּן, צום סעקרעטאַר פון דער קאָנסיסטאָריע אין בעלגיע — מאַרסעל מאַרינאָווער, אָבער דער לעצטער האָט אפילו נישט געפונען פאַר נויטיק מיר צו ענטפערן.

איך האָב מיין ווערק געשיקט צו דער צייטונג "דער אַמעריקאַנער", האָט דוד מעקלער אָפּגעדרוקט אַ העלפט פון מיין ווערק, און פאַר דער צווייטער העלפט האָט ער זיך דערשראָקן און אויפגעהערט צו דרוקן. איך ווייס נישט, אויב די מעמואַרן פון אַננאַ פראַנק, אָדער פון דודל ראַבינאָוויטש, וואָלטן געווען געשריבן אין יידיש, צי זיי וואָלטן נישט געווען געהאַט דעם זעלבן גורל וואָס מיינע מעמואַרן און וואָלטן קיינמאָל נישט דערזען די ליכטיקע שיין.

איך גיב איצט אַרויס, מיט מיינע אייגענע מיטלען, מיינע מעמואַרן, זאָל מען אורטיילן, צי זיי האָבן נישט געדאַרפט דערשיינען.

# וואָס זאָגט „דער אַמעריקאַנער״ וועגן „טעג פון שרעק״
# פון יעקב צבי לעמעל

״מיט צוויי וואָכן צוריק, דעם זעקסטן יוני, איז געוואָרן פופצן יאָר זינט די אַליאירטע אַרמייען, אונטער גענעראַל אייזענהאַוערס קאָמאַנדע, האָבן געעפנט דעם ״צווייטן פראָנט״, לאַנדענדיק אין פראַנקרייך — אַ געשעעניש וואָס האָט געפירט צום זיג איבער היטלערס דריטן רייך. אין סעפּטעמבער, דאָס יאָר, וועט ווערן צוואַנציק יאָר זינט דער צווייטער וועלט־קריג האָט זיך אָנגעהויבן.

״דעם חורבן וואָס דער קריג האָט געבראַכט פאַר יידן איז קוים נויטיק צו באַטאָנען. בעת דער יידישער חורבן אין פוילן און אין אַנדערע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער איז שוין אַ סך באַשריבן געוואָרן, איז אָבער נאָך ווייניק געשריבן געוואָרן וואָס יידן האָבן איבערגעלעבט אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער.

״יעקב צבי לעמעלס דערינערונגען פון פינף יאָר קריג אין בעלגיע איז אַ בייטראַג צו אונזער מלחמה־ליטעראַטור. די דאָזיקע דערינערונגען האָבן באַקומען אַ ספּעציעלע אויסצייכענונג פון ״יד־ושם״ אין מדינת ישראל. מיר זענען זיכער, אַז די לייענער פון ״אַמעריקאַנער״ וועלן לייענען אָט די דערינערונגען מיטן גרעסטן אינטערעס.״

# ערשטער קאַפּיטל

פרייטיק, דעם 10־טן מאַי 1940, בין איך און מיין פרוי גאַנץ פרי אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ שטאַרקער קאַנאָנען־שיסעריי און גערויש פון אַוויאָנען. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס שיסט מען אויף פרעמדע אַוויאָנען, אַזוי ווי אַלעמאָל, ווייל ביזן 10־טן מאַי איז בעלגיע געווען נייטראַל אינעם קריג צווישן דייטשלאַנד, פוילן, פראַנקרייך, ענגלאַנד, און אַז אַ פרעמדער אַוויאָן איז דאָס לאַנד איבערגעפלויגן, האָט מען אויף אים געשאָסן.

אָבער דאָס שיסעריי האָט אָנגעהויבן צו לאַנג צו דויערן, און קיינמאָל האָבן די פענצטער אין די הייזער נישט געציטערט אַזוי ווי איצט. איך געדענק נישט, אָבער איך מיין, אַז מיין פרוי האָט אויפגעוועקט די קינדער און האָט גערעדט פון גיין מיט זיי אין קעלער. אַלע מענטשן האָבן אויפגעמאַכט די פענצטער און אַרויסגעקוקט אין דער גאַס, און זיך געפרעגט איינער דעם אַנדערן, וואָס דאָס לאַנגע שיסעריי קאָן באַדייטן? אַ סך מענטשן זענען געשטאַנען אין דער גאַס און אָבסערווירט דאָס שיסעריי און דאָס פליען פון די אַוויאָנען. שטיקלעך פון שראַפּנעלן זענען געפאַלן אויף דער גאַס און אויף די דעכער.

באַלד האָט זיך פאַרשפּרייט דאָס נייעס, אַז דייטשע אַוויאָנען האָבן באָמבאַרדירט דעם פלי־פּלאַץ פון אַנטווערפּן, דאָס באָמבעס זענען געפאַלן אויף אַ משוגעים־הויז אין מאַרטסל און אויף נאָך אַנדערע הייזער אַרום אַנטווערפּן, און אַז עס זענען דאָ פיל קרבנות.

האַלב אַכט אינדערפרי האָט דער ראַדיאָ איבערגעגעבן, אַז דעם מאָרגן האָבן דייטשע אַוויאָנען געמאַכט אַן איבערפאַל אויף בעלגיע, און אַז בעלגיע געפינט זיך אין קריג מיט דייטשלאַנד.

דאָס וואַסער איז געוואָרן אָפּגעשלאָסן און איך האָב, אַזוי ווי אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אייגענעם ברונעם נאָר וואַסער־לייטונג, געמוזט גיין מיט אַן עמער נאָך וואַסער צו די שכנים וואָס האָבן יאָ געהאַט אַ ברונעם.

מיין פרוי האָט אָנגעהויבן צוצוגרייטן דאָס עסן וואָס זי האָט געקויפט אויף שבת.

קעגנאיבער מיר האָט געוווינט אַ ייד, אַ דיאַמאַנטן־הענדלער, שוין אין די עלטערע יאָרן. האָב איך געזען, ווי באַלד אין דעם זעלבן פרייטיק אינדערפרי, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן אויטאָ פאַר זיין טיר. מען האָט אויפגעלאָדנט עטלעכע וואַליזעס און ער מיט זיין פרוי זענען איינגעשטיגן אין אויטאָ און אַוועקגעפאָרן. איך האָב זיי שפּעטער, אין צייט פון קריג, קיינמאָל מער נישט געזען.

איך בין אַראָפּ אין דער גאַס און אַוועק אין שטאָט אַריין אַ קוק געבן וואָס עס הערט זיך, ווייל איך האָב געוווינט אין צווייטן עק שטאָט און די פּעליקאַן גאַס, וואָס איז געווען דער צענטער פון האַנדל, מערסטנ־טיילס יידישע געשעפטן פון אַלע סאָרטן סחורות און דיאַמאַנטן האַנדל, וואָס דאָרט האָט שטענדיק געווימלט פון יידן, איז געווען אַ צוואַנציק מינוטן גאַנג פון מיר.

די פּעליקאַן גאַס איז טאַקע איצט געווען פול מיט יידן. אַ סך געשעפטן זענען שוין געווען געשלאָסן, ווייל אַ סך סוחרים האָבן זיך שוין געגרייט אַוועקצולויפן קיין פראַנקרייך. טייל געשעפטן זענען נאָך געווען אָפן און מען האָט געקענט קויפן סחורות חצי חינם.

איך האָב זיך געטראָפן מיט בייניש זילבערשטיין, דעם אַרויסגעבער פון די "בעלגישע בלעטער". איך גלויב, אַז זיי האָבן שוין דעמאָלט נישט מער דערשינען.

מיר האָבן שפּאַצירט, גערעדט וועגן איצטיקן קריג, פון די באָמבעס וואָס זענען געפאַלן. איך גלויב, אַז מיר האָבן אויך גערעדט וועגן ליטע־ראַטור און שרייבער. ער האָט מיך דעמאָלט באַגלייט כמעט ביז צו מיין הויז.

ווען איך בין אַהיימגעקומען איז שוין באַלד געווען מיטאָג־צייט. איך האָב עפּעס געגעסן און געזאָגט צו מיין פרוי, אַז איך וועל אַרויספאָרן אין אַ דאָרף אַריין איבער דער שעלדע, זען צו געפינען ערגעץ אַ וווינונג. איך האָב געהאַט אַ סך באַקאַנטע פלעמער אויף די דערפער און אין די שטעטלעך פון די לאַנגע יאָרן, וואָס איך פלעג אַרומגיין הויזירן. אַנטווערפּן, האָט מען געשמועסט, וועט ווערן באָמבאַרדירט, און איך האָב געוווינט אויף אַ שלעכטן פלאַץ, נישט ווייט פון מיליטער־שפּיטאָל און אַרסענאַל.

איך בין אַוועק צו דער שעלדע, מיך אַריבערגעשיפט מיט דער שיף, וואָס האָט דאָרט אַהין און צוריק קורסירט קיין סינט־אַנעקע. אין סינט־אַנעקע האָב איך געטראָפן דעם אויטאָבוס, וואָס איז פונקט

אָוועקגעפֿאָרן און האָט מיך געדאַרפֿט אָוועקפֿירן קיין מעלסעלע, אין דעם דאָרף ווו איך האָב איצט געמוזט פֿאָרן.

איינס אַזייגער נאָכמיטאָג בין איך אָנגעקומען קיין מעלסעלע. דאָן האָב איך נאָך געהאַט צו גיין אַ שטיקל וועג הינטערן דאָרף, וואָס האָט זיך גערופֿן קאַלעסהוק. דאָרט האָב איך געקענט אַן אַלמנה, אַ לאָמע, וואָס איר מאַן האָט זיך מיט יאָרן צוריק געהאַט אויפֿגעהאָנגען. מען האָט דערציילט, אַז ער איז געווען אַ גרויסער שיכור. די אַלמנה האָט געוווינט אין איר אייגן הייזל. זי האָט געהאַט זין און טעכטער, וואָס אַ סך האָבן שוין געהאַט חתונה געהאַט.

די אַלמנה איז געווען אַ גוט־האַרציקע פֿרוי. יעדער ווייטיק פֿון אַ מענטש האָט ביי איר אַרויסגערופֿן טרערן. איך האָב איר דערציילט, וואָס איז דער ציל פֿון מיין קומען, אַז איך וואָלט געוואָלט מיט מיין פֿרוי און קינדער אַרויסקומען אין דאָרף אַריין צוליב די מורא, אַז אַנטווערפּן וועט ווערן באָמבאַרדירט. זי האָט זיך דאַן באַראַטן מיט אירס אַ טאָכ־טער, וואָס האָט געוווינט לעבן איר אין אַן אַלט, קליין הייזל, וואָס האָט אויך געהערט צו דער אַלמנה, איר מוטער. די טאָכטערס מאַן האָט זיך איצט געפֿונען ביים מיליטער, איז זי מיט אירע צוויי קליינע מיידלעך געגאַנגען וווינען צו דער מוטער. — אַז דו ווילסט, האָט די אַלמנה געזאָגט, קענסטו מיט דיין פֿרוי און קינדער אַרויסקומען און וווינען דאָ אין מיין טאָכטערס הייזל. — מען וועט זיך שוין אַן עצה געבן. מיט אַ טאָפּ צו קאָכן אָדער צו וואַשן וועלן מיר דיר שוין העלפֿן. און ווי איך געדענק, האָט די פֿרוי אַפֿילו נישט געוואָלט האָבן באַצאָלט פֿאַר דער צייט, וואָס איך וועל אין דעם הייזל פֿאַרבלייבן.

אין דער זעלבער צייט, וואָס איך האָב אין קאַלעסהוק אונטערהאַנדלט ביי דער אַלמנה וועגן מיין אַרויסקומען, זענען מיר אַלע אויפֿגעציטערט געוואָרן פֿון אַ שווערן קלאַפּ און פֿאַלן פֿון באָמבעס. באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויף דעם זעלבן וועג, ווי איך בין מיט אַביסל צייט פֿריער געגאַנגען קיין קאַלעסהוק, זענען געפֿאַלן באָמבעס, און עס זענען געווען אַ סך קרבנות.

ווען איך בין צוריק אַהיימגעקומען פֿון מעלסעלע, האָט מיין פֿרוי צו מיר געזאָגט, דאָס זי וויל, אַז מיר זאָלן די נאָכט גיין איבערנאָכטיקן אין שטאָט אַריין צו איר שוועסטער, וואָס האָט געוווינט אויף דער קי־וויט־גאַס, און צומאָרגנס זאָלן מיר אַרויספֿאָרן אין דאָרף אַריין. מיין פֿרוי האָט שטאַרק מורא באַקומען, אַז מען זאָל נישט די נאָכט נאָך באָמבאַרדירן דעם אַרסענאַל, אָדער דאָס מיליטער־שפּיטאַל, ווייל אַ גאַנצן

פרייטיק האָבן די דייטשע אַוויאָנען נישט אויפגעהערט צו שוועבן איבער אַנטווערפּן און צו וואַרפן באָמבעס.

פרייטיק־פאַרנאַכט בין איך מיט מיין פרוי און מיינע צוויי קליינע קינדער, אַ יינגל פון דריי און אַ האַלב יאָר און אַ יינגל פון זיבן חדשים, אַוועק נעכטיקן אויף דער קיוויט־גאַס. מיין שוואָגער איז געווען אַ שניי־דער און האָט געאַרבעט ביי יענעם. ער האָט זיך שוין געפונען אין דער היים. צי ער האָט שוין מער נישט געאַרבעט, געדענק איך נישט.

עס איז דאָרט, ביי מיין שוואָגער, געוואָרן אַ גערויש. ער האָט אויך געהאַט צוויי קליינע קינדער. מיינע קינדער האָבן אָנגעהויבן וויינען. די ווייבער, מיין פרוי און איר שוועסטער, האָבן אָנגעהויבן צוזוגרייטן די געלעגערס. ביידע האָבן געמאַכט געוואַלטן און געשריגן איבער די קינדער, אַז זיי זאָלן שטיל זיין. קיין ליכט האָט מען נישט געטאָרט אָנ־צינדן, ווייל דאָס גערויש און זשומען פון די אַוויאָנען האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט אויפגעהערט, און אַז מיין קליין קינד האָט געוויינט, איז גע־וואָרן אַ גאַנצע טרעוואָגע. איך האָב געדאַנקט גאָט, אַז עס איז שוין אינדערפרי און איך האָב מיט מיין פרוי און קינדער געקאָנט צוריק אַהיימגיין.

אַזוי ווי מיר זענען אַהיימגעקומען, האָבן מיר באַלד זיך אָנגעהויבן צוצוגרייטן אַרויסצופאָרן אין דאָרף אַריין. מיין פרוי האָט דאָס קלענערע קינד אַריינגעלייגט אין קינדער־וואָגן, און איך האָב גענומען דאָס גרע־סערע קינד. אַזוי האָבן מיר געמיינט צו קענען פאָרן מיטן טראַם ביז צום פּאָרט. אָבער מיין פרוי מיטן קינדער־וואָגן האָט מען אויפן טראַם נישט אַרויפגעלאָזט — אפשר ווייל זי איז געווען אַ יידישע? זי האָט געמוזט גיין צופוס ביז צום פּאָרט, און איך מיטן גרעסערן יינגל בין געפאָרן מיטן טראַם. איך בין נאַטירלעך אַ סך פריער אָנגעקומען צום פּאָרט ווי זי, און איך האָב אומגעדולדיק אויף איר געוואַרט.

די שיף, וואָס האָט אונז געדאַרפט אַריבערפירן איבער די שעלדע, איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט אַוועקלויפנדיקע מענטשן. איך האָב אויף מיין פרוי געשריגן, ווו זי בלייבט אַזוי לאַנג אַוועק. זי איז געווען שרעק־לעך אויפגערעגט. איך האָב מורא געהאַט, אַז מיר זאָלן די שיף נישט פאַרשפּעטיקן און דאַן וועלן מיר נישט האָבן דעם צוג, וואָס דאַרף אונז פירן קיין מעלסעלע. ווי מיר זענען אַזוי געשטאַנען, האָבן די סירענען אָנגעהויבן צו בלאָזן אַלאַרם. עס איז געוואָרן אַ געלויף, אַ גערויש, ווייל אויף דעם זעלבן אָרט, ווו מיר האָבן זיך איצט געפונען, זענען נעכטן געפאַלן באָמבעס. אַ פּאָליציאַנט האָט מיין פרוי געהאָלפן מיט אירע צוויי־

קינדער אַראָפּצוגיין אין שוץ־קעלער, וואָס האָט זיך געפונען אין די מויערן פון די דאָקן.

ווען מיר האָבן געמעגט פון שוץ־קעלער צוריק אַרויסגיין און גיין צו דער שיף, האָט מיין פרוי פון שרעק געהאַט פאַרלוירן איר סאַקוועקע מיט איר פּאַס און די ראַציאָנס־קאַרטן פון אונז אַלע. מען האָט אָנגע־הויבן זוכן און נישט געקאָנט געפינען. און דאָ איז שוין באַלד די שיף געגאַנגען אַוועקפאָרן. מיר האָבן שוין געוואָלט גיין צו דער שיף אָן דער סאַקוועקע, אָבער וואָס וועלן מיר טאָן אָן ראַציאָנס־קאַרטן. איך בין נאָך אַמאָל אַראָפּ אין קעלער זוכן, האָב איך געפונען די סאַקוועקע אונטערן לייטער, אויף וועלכן זי האָט געמוזט אַראָפּגיין אין קעלער.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אויף דער סטאַציע פון סינט־אַנעקע, איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. דאָס איז געווען דער לעצטער צוג, וואָס האָט געדאַרפט אַוועקגיין קיין גענט. דער צוג האָט געדאַרפט אַוועקגיין איינס אַזייגער נאָכמיטאָג, און עס איז שוין איצט געווען אַזייגער דריי. מען האָט געהאַלטן אין איין צושפּאַנען וואַגאָנען צוליב דעם כסדרדיקן צופלוס פון מענטשן. די באַאַמטע פון דער סטאַציע האָבן געהאַלטן אין איין טעלעפאָנירן און פרעגן — ווען דער צוג וועט קאָנען אַוועקגיין? ווייל דאָרט אויף דער שטרעקע סינט־אַנעקע—גענט, האָט זיך נאָר גע־פונען אין באַן־ליניע, און עס זעט אויס, אַז אַ צוג האָט געדאַרפט קומען צוערשט פון גענט, איידער אונזער צוג האָט געקאָנט אַוועקפאָרן.

אויף דער סטאַציע פון סינט־אַנעקע, זענען אַלע שויבן פון די פענצ־טער געווען אויסגעהאַקט, ווייל פּרייטיק זענען דאָרט נישט ווייט פון דער סטאַציע געפאַלן באָמבעס. נאָר אַזוי ווי די ערד דאָרט לעבן דער סטאַציע איז געווען אַ זאַמדיקע, האָט עס דער סטאַציע נישט געשאַדט, און מען האָט געקאָנט זען אין זאַמד גרויסע גריבער פון די באָמבעס.

ענדלעך האָט אונזער צוג, אָנגעשטאָפּט פול מיט מענטשן, גערירט, און מיר זענען אָנגעקומען קיין מעלסעלע מיטן קינדער־וואָגן, וואָס איך האָב געהאַט אויפגעגעבן אויף באַגאַזש. דער שעף פון מעלסעלע־סטאַציע, אַ זייער אָרנטלעכער מענטש, האָט מיר געהאָלפן אויסלאָדענען דעם קינ־דער־וואָגן פון וואַגאָן.

אויפן וועג קיין קאַלעסהוק, זענען מיר נישט ווייט פון דער מעלסעלע־סטאַציע אַריין אין אַ שענק עפּעס טרינקען, און געפרעגט דעם בעל־הבית פון דער שענק, צי עס געפינט זיך נישט דאָ ערגעץ אַ הייזל צו פאַרדינגען, מיר זאָלן נישט דאַרפן גיין אַזוי ווייט הינטערן דאָרף. אָבער דער בעל־הבית פון דער שענק האָט פון קיין וווינונג נישט געוווסט, און מיר האָבן געמוזט אַוועק קיין קאַלעסהוק.

עס איז דעמאָלט, דעם שבת, געווען אַ שטאַרקע היץ, און מיין פרוי איז אָנגעקומען זייער אָנגעמאַטערט קיין קאַלעסהוק.

אַזוי ווי מיר זענען אָנגעקומען קיין קאַלעסהוק, האָבן די טעכטער פון דער אלמנה — די חתונה־געהאַטע און די, וואָס זענען נאָך געווען אין דער היים, באַלד אָנגעהויבן צוצוגרייטן פאַר אונז דאָס הייזל. זיי האָבן געוואַשן און געשייערט, געפּוצט און געראַמט. דאָס הייזל איז באַשטאַנען נאָר פון איין שטוב. די פּאָדלאָגע איז געווען פון ערד. געשטאַנען איז דאָרט אין דעם שטיבל אַן אַלט, הילצערן בעט, אַן אַלט שענקל מיט אַביסל געפּעס אינעווייניק, און אַן אַלטער, צעבראָכענער טיש מיט אַ פּאָר בענקלעך. אָבער מיר זענען געווען צופרידן, דאָס מיר האָבן זיך באַלד געקאָנט אין דעם הייזל אַריינציען. אַן אַלטער, אייזערנער אויוון איז דאָרט געשטאַנען, אויף וועלכן מיר האָבן געקאָנט קאָכן. קיין עלעקטרי איז דאָרט אין דעם הייזל נישט געווען, אָבער די טעג זענען איצט געווען לאַנגע, און ביינאַכט האָט מען נישט געדאַרפט לייכטן. אַ נאַפט־לאָמפּ איז דאָרט געשטאַנען, אָבער מען האָט אים נישט געטאָרט אָנצינדן צוליב די אַוויאָנען. אַז מיר האָבן געדאַרפט אָנוואַרעמען אַביסל עסן פאַרן קליינעם קינד, האָב איך אָדער מיין פרוי עס צוגעוואַרעמט אויפן פייער פון אַ ליכטל.

מילך פאַר די קינדער, האָב איך דאָרט באַקומען גענוג, ווייל אַרום אונז האָבן געוווינט בלויז פּויערים. אַזוי אַז עס האָט אונז גאָרנישט געפעלט. אייער, פּוטער, מילך, האָבן מיר באַקומען ביליק, און קאַרטאָפל האָבן מיר אַ סך מאָל באַקומען בחינם, ווייל די מענטשן דאָרט אַרום זענען נישט געווען קיין שלעכטע. אַזוי, אַז איך האָב געקאָנט זאָגן, אַז מיר האָבן זיך געפונען אויף אַן עכטער זומער־וווינונג.

פון קאַלעסהוק אָן, האָט מען ווייטער קיין הייזער נישט מער געזען, נאָר פעלדער און ביימער, און דאָ און דאָרט פונדערווייטנס אַ פּויערים־הויף. די טעג זענען דעמאָלט געווען וואַרעמע און שיינע. איך פלעג גיין שפּאַצירן מיטן קינדער־וועגעלע איינצושלעפן מיין קליין בערעלע, כדי מיין פרוי זאָל קאָנען טאָן איר אַרבעט. איך פלעג אויך מיין שפּאַציר מיט־נעמען מיין גרעסער ייִנגעלע — מיין דודל, וואָס איך האָב אַזוי ליב געהאַט.

עס זענען אַוועק צוויי טעג, שבת און זונטיק. מען האָט דערציילט, אַז אַלע מענטשן פון אַנטווערפּן אַנטלויפן, אַז אַנטווערפּן ווערט ליידיק. און אויף דעם וועג, וואָס האָט זיך געצויגן פון סינט־אַנעקע קיין גענט, האָבן איצט געשטראָמט טויזנטער מענטשן צופוס, אויף וועגן, אויף

אויטאָס, מיט קליינע קינדער, קראַנקע, אַלטע, קאַליקעס, אַלץ איז אַנטלאָפן פאַרן דייטש.

מיר האָבן אָנגעהויבן טראַכטן, אַז עס וואָלט געווען אַ פּלאַן אַהערצוברענגען אונזער ביסל האָב און גוטס. אונזער ביסל סחורה, די קליידער און דאָס בעטגעוואַנט. איך האָב געוואָלט איין מעלסעלע דינגען אַן אויטאָ, כדי צו ברענגען די זאַכן, אָבער איך האָב בשום אופן קיין אויטאָ נישט באַקומען. דאַן האָט אַ זון פון דער אלמנה, נאָך אַ בחור, געזאָגט, אַז מיין פרוי זאָל אַריבערגיין צו אַ פּויער, וואָס פירט יעדן טאָג, מיט אַ פערד און וואָגן, מילך קיין אַנטווערפּן, און אויב ער וועט וועלן די זאַכן מיטברענגען, וועט ער מיטפאָרן מיט מיין פרוי קיין אַנטווערפּן און איר העלפן די זאַכן ברענגען ביז צום פּאָרט אין אַ שענק, ווו דער פּויער וועט זיי קומען נעמען.

דאָס איז געווען זונטיק, דעם צווייטן טאָג, ווי מיר האָבן זיך געפונען אין קאַלעסהוק, און מאָנטיק אינדערפרי האָט מיין פרוי מיט דער אלמנהס זון געזאָלט פאָרן נאָך אונזערע זאַכן. זונטיק פאַרנאַכט, מיר זיצן אַזוי אין אונזער הייזל, קומט אונז עמעצער רופן — עס פרעגט זיך עמעצער אויף אונז. מיין פרוי גייט זען, ווער דאָס קאָן זיין. זי גיט אַ קוק — איר שוועסטער. ווי אַזוי זי האָט אונז געקאָנט געפינען, ווייסט איין גאָט. זי האָט אונז טאַקע אפשר אַ האַלבן טאָג געזוכט. זי איז געקומען, האָט זי געזאָגט, זען, אפשר וועט זי קאָנען איין מעלסעלע דינגען ביליק אַן אויטאָ, ווייל אין אַנטווערפּן איז אוממעגלעך פאַר אַן אָרעמאַן צו קענען אַוועקפאָרן אויף אַן אויטאָ, אַזוי פיל געלט פאַרלאַנגט מען פון אַ פּאַסאַזשיר מיט אַביסל זאַכן. עס גייט שוין אין די טויזנטער. קיין איין מענטש, האָט זי דערציילט, בלייבט נישט. אַלץ אַנטלויפט. עסן, סחורות, קען מען קויפן פאַר גאָרנישט. גאַנצע געשעפטן ווערן אויספאַרקויפט פאַר אַ פּאָר פראַנק. קיינער וויל אפילו פאַר אַ פערטל געלט גאָרנישט קויפן.

מיין פרוי איז מיט איר שוועסטער אַרויס אין דאָרף אַריין זוכן אַן אויטאָ, אָבער זיי זענען ביידע צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. קיין אויטאָ איז נישט צו באַקומען. דערוויל איז געוואָרן נאַכט. מיין פרויס שוועסטער איז ביי אונז געבליבן נאַכטיקן, און צומאָרגנס אינדערפרי איז זי מיט מיין פרוי, צוזאַמען מיטן פּויער, געפאָרן קיין אַנטווערפּן.

מאָנטיק אינדערפרי, איך גיב אַ קוק, מיין שוואָגער איז דאָ, ער איז געקומען זוכן זיין פרוי. איך האָב אים דערציילט, אַז זי איז דאָ געווען, אָבער זי איז מיט איר שוועסטער באַלד אינדערפרי צוריקגעפאָרן קיין אַנטווערפּן. ער האָט מיר דערציילט, אַז עס איז נישטאָ קיין צייט, קיין מינוט, צו פאַרלירן, אויב ער וויל נאָך אַוועק, און דערפאַר איז ער זי

געקומען זוכן. טראָצדעם וואָס ער איז געווען אויסערגעוויינלעך מיד פון גיין צופוס אַזאַ ווייטן וועג, איז ער אָבער באַלד צוריק אַהיימגעפאָרן.

איך פלעג אַריבערגיין צו אַ שכן, וואָס האָט געהאַט אַ ראַדיאָ, הערן די באַריכטן און די באַריכטן זענען נישט געווען קיין גוטע. די האָלענדישע רעגירונג, האָט דער ראַדיאָ איבערגעגעבן, מיט דער קעניגין, זענען אַנטלאָפן קיין ענגלאַנד, און אויך אין בעלגיע רוקט זיך דאָס דייטשע מיליטער וואָס־אַמאָל נענטער. דער בעלגישער קעניג האָט אויסגעצייכנט עפּעס אַן אַרדענישע דיוויזיע, אָדער רעגימענט, מיט דעם אָרדער פונעם לאַנד, פאַר זייער העלדישקייט, אָבער דאָס העלפט נישט. דער דייטש דרינגט אַריין וואָס מער און טיפער אין לאַנד. די פעסטונג פון ליעזש איז שוין געפאַלן. מען שמועסט, אַז די בעלגישע רעגירונג איז אַנטלאָפן קיין פראַנקרייך. פאַר איר אַנטלויפן, האָט דער בעלגישער פרעמיער־מיניסטער געהאַלטן אַ רעדע דורכן ראַדיאָ צו דער באַפעלקערונג פון בעלגיע.

מאַנטיק פאַרנאַכט איז מיין פרוי געקומען מיט די זאַכן אויפן וואָגן פון פויער. איך בין געווען צופרידן, וואָס מיר האָבן אונזער ביסל באַלעבאַטישקייט, ווייל ווער ווייסט? אין אַנטווערפן האָט מען אונז געקאָנט די שטובן אויסליידיקן. אַפילו מיין וואַליזע מיט מאַנוסקריפטן האָב איך דאָרט געהאַט, און דאָס האָב איך געהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ.

אַ טאָג צוויי שפּעטער האָט מיין פרוי ווידער נישט געקענט רוען. אויב איר שוועסטער איז אַוועק, קאָן מען איר ביסל האָב און גוטס אַרויסגנבענען. זי וועט אַריבערפאָרן קיין אַנטווערפן, אַרויסנעמען איר ביסל מעבל און די רעשט ביסל זאַכן און עס אַרויפשטעלן צו אונז, ווייל די מענטשן, וואָס האָבן געוווינט אין אונזער הויז, האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן נישט אַוועק. איך געדענק נישט, צי מיין פרוי איז צוערשט אַריבערגעפאָרן אַליין קיין אַנטווערפן זען, צי איר שוועסטער איז שוין אַוועק. איך געדענק, אַז זשעף, דער זון פון דער אלמנה, איז מיט איר ווידער מיטגעפאָרן און איר געהאָלפן אַריבערפירן די זאַכן פון איר שוועסטער צו אונז.

זשעף האָט דערציילט, אַז אין אַנטווערפן האָט מען אים געוואָלט פאַרהאַלטן אַלס שפּיאָן. זשעף וואָס האָט אַ סך געקאָנט שיכורן, האָט מיט זיינע קליינע אייגעלעך געהאַט אַביסל אַ ברוטאַלן און פאַרדעכטיקן אויסזען. טראָץ דעם וואָס ער איז אינגאַנצן אַלט געווען עטלעכע צוואַנציק יאָר. מיין פרוי האָט מען שוין אויך נישט געוואָלט מער צוריק אַריבערלאָזן קיין מעלסעלע, צוליב איר פרעמדן פּאַס, אָבער זי האָט ביי זיך גע־

האָט אַ באַווייז פון פליכטלינגס־רעזשיסטער פון מעלסעלע, אַזוי אַרום האָט מען זי צוריק אַריבערגעלאָזט.

די שיסעריי האָט זיך וואָס אַמאָל דערנענטערט צו אַנטווערפּן. מען האָט געקאָנט זען, אַז עס וועט נישט לאַנג דויערן, וועט דער דייטש זיין אין אַנטווערפּן. שבת, אַכט טאָג, ווי מיר זענען געווען אין מעלסעלע, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער דייטש איז אַריין קיין אַנטווערפּן.

שבת באַלד אינדערפרי איז קיין מעלסעלע אָנגעקומען אַ סך בעלגיש מיליטער, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט איבער די פעלדער און אָנגעהויבן גראָבן אָקאָפּעס. די פּנימער פון די זעלנער האָבן אויסגעזען ערנסט, אַזוי ווי זייערע אָנפירער. זיי האָבן אַפילו צו די פרויען און קינדער, וואָס האָבן פון די הייזלעך אַרויסגעקוקט, קיין שמייכל נישט געגעבן. די זעלנער האָבן אויסגעזען מיד, פאַרשטויבט. זיי האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו פאַרטיידיקן די שעלדע אויף דער אַנדערער זייט אַנטווערפּן.

דער גרעסטער טייל פון די זעלנער זענען געווען וואַלאָנער פון די קוילן־גרובן־געגנט און זיי האָבן גערעדט מיט אַ שטאַרקער פאַרביטערונג וועגן דייטש, אַז זיי וועלן זיך נישט אונטערגעבן, נאָר זיי וועלן קעמפן, אַפילו, האָט איינער צוגעגעבן, ווען זיי וועלן רופן קאַמעראַד.

די איינוווינער פון די הייזלעך, וואָס זענען געשטאַנען אין פעלד, דאָרט וווּ די זעלנער האָבן איצט געגראָבן זייערע אָקאָפּעס האָבן געמוזט פאַרלאָזן די וווינונגען. צווישן די עוואַקואירטע פון די הייזלעך, האָבן זיך געפונען צוויי ייִדישע פרויען, אַ מאַן און אַ קליין ייִדיש ייִנגל. דאָס ייִנגל, האָבן די פלעמער דערציילט, איז שוין דאָרט ביי דער פלעמישער פאַמיליע לאַנג געווען, און ער איז אויך געגאַנגען אין מעלסעלע אין דער שולע. דעם פאָטער פון דעם ייִנגל האָב איך גוט געקענט. ער האָט געוווינט אין אַנטווערפּן. — אַ ייִד וואָס איז אַרומגעגאַנגען זומער און ווינטער אָן אַ היטל, אין אָפּגעלאָזטע קליידער, וואָס האָבן פון אים אַראָפּגעהאָנגען. זיין פּנים איז געווען ברויך, געלבלעך, אַזוי ווי אָפּגעברענט. זיינע קליינע אויגן זענען געווען פעך־שוואַרץ, אַזוי ווי זיין געדיכטער קאָפּ האָר. ער האָט מיט זיין ווייב נישט געוווינט, און דערפאַר האָט ער אָוועקגעגעבן דאָס ייִנגל, וואָס ער האָט מיט איר געהאַט, אין דאָרף אַריין אויפצוציען ביי אַ פלעמישער פאַמיליע. געווען איז ער, דאַכט זיך, פון בעסעראַביע אָדער פון רוסלאַנד. ער האָט אָבער אויך געמוזט האָבן געלעבט אין פראַנק־רייך, ווייל ער האָט גערעדט אַ גוטן פראַנצויזיש. עס זעט אויס, אַז די צוויי ייִדישע פרויען מיט דעם מאַן און דאָס ייִנגל, האָבן די וווינונג נישט געוואָלט פאַרלאָזן, ווייל אַ וואָך האָט זיי געפירט אויף אַ וועגעלע, מיט זייער ביסל זאַכן אין דאָרף אַריין.

שבת־פאַרנאַכט האָבן אַ סך מענטשן אָנגעהויבן צו אַנטלויפן פון קאַ־לעסהוק. אַ שוואָגער פון דער לאָמער אלמנה, שוין אַן אַלטער מאַן אין די זעכציק, וואָס איז געווען אַן אינוואַליד פון קריג 1914, האָט געזאָגט, אַז ער וועט גיין וווּ די אויגן וועלן אים טראָגן, נאָר ער וויל דעם דייטש פאַר זיינע אויגן נישט מער זען. זיין פרוי האָט געוויינט — וואוהין, האָט זי אים געזאָגט, גייסטו? אַזאַ אַלטער, צעבראָכענער מענטש, וואָס איז קראַנק און שוואַך. אָבער ער האָט נישט געוואָלט הערן, נישט זיין פרוי, נישט זיינע קינדער. ער האָט זיך אָנגעפּאַקט אַביסל עסן אין אַ טאָרבעלע, גענומען אַ וועלאָ און איז אַוועק.

זשעף האָט אויך גענומען אַ וועלאָ און איז אַוועקגעפאָרן, אָבער ווי מיר דאַכט זיך, איז ער דער ערשטער פון אַלע באַלד צוריק געווען אין דער היים. ער איז, ווייזט אויס, ווייט נישט געפאָרן.

אונטער דער וואָך האָבן מיינע שכנים געמאַכט, ווי עס הייסט אין פלעמיש, אַ שכויל־קעלער (שוץ־קעלער), צו וועלכן איך האָב אויך צוגע־האָלפן. מען האָט געגראָבן אַ טיפן גרוב, אַרויפגעלייגט שווערע ביימער, און אינעווייניק אויסגעבעט מיט שטרוי, אַזוי אַז דאָרט האָבן געקאָנט אַריין אַ מאַן צוואַנציק.

שבת ביינאַכט האָט דאָס שיסעריי זיך שוין דערנענטערט צו מעלסעלע. איך געדענק נישט, צי מען האָט שוין שבת ביינאַכט פאַרבראַכט אין שוץ־קעלער, איך מיין, אַז יאָ.

זונטיק באַלד אינדערפרי, זענען די פרויען אַריינגעגאַנגען אין די הייזלעך מאַכן עסן. אָבער קעגן מיטאָג, האָט די שיסעריי אָנגעהויבן צו ווערן שטאַרק. די שראַפּנעלן און קוילן זענען שוין געפאַלן אויף די פעלדער, און אין דער הויך האָבן כסדר געשוועבט די דייטשע אַוויאָנען. דאָס בעלגישע מיליטער האָט זיך צוריקגעצויגן אין אומאָרדענונג. אַ גאַנצן זונטיק, נאָכמיטאָג און ביינאַכט, האָט די שיסעריי נישט אויפגע־הערט. זונטיק ביינאַכט איז ביי אונז דער שוץ־קעלער געוואָרן אַזוי אָנ־געשטאָפּט מיט מענטשן, אַז עס איז נישט מער געווען אויסצוהאַלטן פון היץ. מיין קליינטשיק יינגעלע וואָלט אַוודאי געווען דערשטיקט געוואָרן פון היץ און דושנעקייט, ווייל מיין פרוי און די קינדער האָבן זיך אין שוץ־קעלער געהאַט אַרויפגערוקט גאַנץ אויבן, וווּ עס איז נישט מער צוגעקומען קיין ביסל לופט. די ווייבער האָבן אַפילו מיטגעברענגט נאַכט־כלים. מיין פרוי האָט צו מיר געזאָגט, אַז זי קען אין דער דושנעקייט נישט מער אויסהאַלטן, און אַז דאָס קינד וועט דאָ אויך נישט אויסהאַלטן, און וואָס עס וועט זיין זאָל זיין, זי גייט אַריין שלאָפן אין הייזל. אָבער אין מיטן דער נאַכט, איך ווייס נישט ווי שפּעט עס האָט דעמאָלט געקאָנט

זיין, צוויי אָדער דריי אַזייגער, זענען געגעבן געוואָרן עטלעכע שאָסן, וואָס אַזעלכעס האָב איך נאָך אין מיין לעבן נישט געהאַט געהערט. אונזער קעלער, וואָס איז געווען געמאַכט פון אַזעלכע שווערעביימער, האָט זיך אַהין און צוריק באַוויגן.

נאָך דער שיסעריי איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן. באַלד איז מען גע־קומען צו לויפן דערציילן, אַז אין אַ סך הייזער זענען די דעכער אַראָפּ־געריסן געוואָרן, און אַז עס זענען דאָ געהרגעטע. איך האָב אָנגעהויבן צו ברעכן די הענט, איך האָב געמיינט, אַז מיין פרוי מיטן קינד זענען געהרגעט געוואָרן. אָבער אַביסל שפּעטער, ווי איך בין אַזוי געזעסן פאַר־צווייפלט, איז זי אָנגעקומען צו לויפן אַזוי ווי אַ משוגענע אין שוץ־קעלער אַריין מיטן קליינטשיקן קינד. שפּעטער האָט זי דערציילט, אַז זי איז פון דער שרעקלעכער שיסעריי אויפגעוועקט געוואָרן, און אַז זי האָט זיך אַ פּאָר מינוט אַרומגעדרייט אין שטוב און נישט געקאָנט געפינען דאָס קינד, אַזוי איז זי געווען צעמישט פון שרעק. צומאָרגנס אינדערפרי, מאָנטיק, דעם 20־טן מאַי, האָבן די דייטשן אַדורכמאַרשירט מעלסעלע.

נאָכן דייטשן אַריינמאַרש קיין אַנטווערפּן זענען מיר נאָך געבליבן מער ווי אַ וואָך אין מעלסעלע. די אַלע, וואָס זענען געהאַט אַנטלאָפן פאַרן דייטש, האָבן אָנגעהויבן לאַנגזאַם צוריק אַהיימצוקומען. צוערשט איז גע־קומען זשעף, דאַן איז בעקומען דער אַלטער, דער אלמנהס שוואָגער. זיי האָבן זיך אָנדערציילט נסים ונפלאות, וואָס זיי האָבן מיטגעמאַכט אונ־טערוועגס. זיי זענען געשלאָפן אין סטאָדאָלעס. עס זענען כסדר אַרום זיי געפאַלן באָמבעס, און עס איז נישט געווען וואַהין צו אַנטלויפן... ווייל אין פראַנקרייך איז דער דייטש שוין געווען, איידער זיי זענען נאָך גע־קומען. אַ סך מענטשן, האָבן זיי דערציילט, זענען אויפן וועג געהרגעט געוואָרן. דער אַלטער האָט דערציילט, אַז די דייטשן האָבן זיך צו אים גוט באַנומען, אַז ער איז איינמאָל ביי זיי געשלאָפן, און זיי האָבן אים געגעבן ברויט מיט מאַרמעלאַדע.

איך האָב אָבער נאָך אַלץ מורא געהאַט אַהיימצופאָרן קיין אַנטווערפּן, ווייל איך האָב געוווּסט פון פריער, ווי אַזוי זיי באַנעמען זיך צו יידן. איך האָב געזאָגט צו מיין פרוי, אַז זי זאָל פריער אַהיימפאָרן זען, וואָס עס הערט זיך, דאַן וועלן מיר צוריק אַהיימפאָרן. מיין פרוי איז דאַן אַהיימגעפאָרן קיין אַנטווערפּן, און איז צוריקגעקומען און דערציילט, אַז אַלץ איז אין אַנטווערפּן רואיק. די דייטשן טשעפּן קיינעם נישט, און אַ סך יידן הייבן אָן צוריקצוקומען, און אַז זי איז געווען ביי דער פאַמיליע ניי־מאַן, אונזערע באַקאַנטע און גוטע מענטשן, ביי וועמען מיין חתונה איז

פֿאַרגעקומען, און אַז זיי זיינען איבערהויפּט נישט אַנטלאָפֿן. ניימאַן האָט איר אויך געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין שום מורא צוריקצוקומען.

דאַן האָבן מיר ווידער באַשטעלט דעם פֿויער, און מאָנטיק האָט ער אונז מיט די קינדער און די זאַכן צוריקגעפֿירט קיין אַנטווערפּן. אויפֿן וועג האָבן מיר באַגעגנט אַ סך דייטשע מיליטערישע וועגן מיט זעלנער, כמעט אין אַלע זענען געווען איינגעשפּאַנט פֿערד. אויף די וועגן איז גע־לעגן שטרוי און היי אָנגעשטופּט. אַ סך פֿון די זעלנער האָבן זיך געוואַשן. עס ווייזט אויס, אַז זיי האָבן אויף די וועגן די גאַנצע נאַכט פֿאַרבראַכט. אַלץ אויף דעם וועג ביז אַנטווערפּן איז מיר אויסגעקומען אַזוי פֿרעמד. מיר האָבן געזען צעשאָסענע הייזער, צעשאָסענע טאַנקן, אויסגעברענטע אויטאָס. די שעלדע זענען מיר אַדורכגעפֿאָרן אויף אַ צייטווייליקער בריק, וואָס די דייטשן האָבן געהאַט געלייגט.

# צווייטער קאַפּיטל

איידער די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט מיין פרוי געהאַט געגער־מען אין דער קראַנקן־קאַסע אַ באַשטעטיקונג צו קענען אָפּערירן מיין גרעסער יינגל אויף ״מאַנדלען״. אַ פּאָר טעג נאָך אונזער צוריקקומען קיין אַנטווערפּן, איז מיין פרוי אַוועק אין שפּיטאָל מיט מיין יינגל אים צו לאָזן אָפּערירן. קיין אויטאָ איז נישט געווען צו באַקומען, האָט זי דאָס קינד אַריינגעלייגט אין קינדער־וועגעלע, און אַזוי איז זי מיט אים באַלד נאָך דער אָפּעראַציע אַהיימגעקומען איינגאַנצן פאַרבלוטיקט, מיט פאַרבלוטיקטע האַנטוכער. ווען מיין יינגעלע האָט דערוואַכט, האָט ער שטאַרק געוויינט, אַז דער האַלדז טוט אים ווי. איך האָב אים כסדר געַ־ברענגט אייזקרעם, וועלכע ער האָט מיט האַט מיט גרויס מי געשלונגען. איינמאָל בין איך געגאַנגען נאָך אייזקרעם, און ווען איך בין צוריקגעקומען האָב איך געטראָפן זיצן ביי אים אויפן בעט די טאָכטער פון מיין פלעמישן שכן, מאַרסעלאַ, אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן. זי האָט שטאַרק געוויינט, ווייל דאָס קינד פלעגט ביי זיי מער זיצן ווי ביי אונז. דוד, דודל, האָט זי זיך ביי אים געבעטן אין פלעמיש, זאָג מיר וואָס טוט דיר אַזוי ווי? און געווישט די טרערן.

די באַן איז נאָך אַ לאַנגע צייט נישט געגאַנגען, און פון גיין ערגעץ פאַרדינען האָט נאָך קיין רייד נישט געקאָנט זיין. דירה־געלט האָט מען ווייטער געמוזט צאָלן. דאַן האָבן מענטשן דערציילט, אַז די שטאָט גיט אונטערשטיצונג די יעניקע, וואָס קאָנען נישט גיין אַרבעטן.

אין אַ פרימאָרגן בין איך אויך דאָרט אַהין אַוועק. פאַר יידן האָט מען געהאַט באַשטימט באַזונדערע ערטער, וואוהין זיי דאַרפן גיין נאָך שטיצע. פון דער פרי זיבן אַזייגער בין איך דאָרט געשטאַנען ביז איינס אַזייגער נאָכמיטאָג, איך האָב באַקומען פאַר פיר מענטשן הונדערט און עטלעכע פראַנק. דאָס געשטופּעריי ביי דעם נעמען שטיצע איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַ סך האָבן געהלשט פונעם שטיין אַזוי לאַנג אויף דער זון. אַ סך האָבן געהאַט קליינע קינדער, האָבן זיי כסדר געמוזט אַהיימ־לויפן די קינדער געבן עסן, און צוריקקומען.

אָבער דאָס געבן יידן שטיצע האָט נישט לאַנג געדויערט. אַלע, וואָס

אויף זייער פּאַס איז געווען געשריבן דאָס זיי האָבן אַ פרייען באַרוף, באַ־קומען נישט מער קיין שטיצע, און וועלכער ייד האָט דאָס נישט קיין פרייען באַרוף? ווי איך געדענק, האָב איך, דאַכט זיך, איינמאָל, אָדער העכסטנס צוויי מאָל, באַקומען שטיצע. איבערהויפּט האָט מען יידן קיין שטיצע שפּעטער נישט מער געוואָלט געבן. איך האָב געזען ווי טויזנטער יידן, פּליטים פון דייטשלאַנד, פרויען מיט קינדער־וועגעלעך, זיינען אָפּ־געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג און האָבן גאָרנישט באַקומען. פונוואַנען זיי האָבן איצט געזאָלט לעבן, האָבן די פלעמער, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער שטיצע, נישט געפרעגט. איך בין געווען צופרידן, וואָס איך וועל נאָך קיין שטיצע נישט מער דאַרפן גיין, ווייל איך וועל זיך פאַר קיינעם נישט דאַרפן היטן, און וועל זיך קענען פריי באַוועגן, ווייל די וואָס האָבן באַקומען שטיצע, האָבן נישט געטאָרט האָבן קיין שום באַשעפ־טיקונג.

איידער די באַן האָט נאָך אָנגעהויבן צו קורסירן האָב איך זיך מיט פאַרשידענע געלעגנהייטן אַריבערגעכאַפּט קיין סינט־ניקלאַס צו קויפן סחורה און צוריק אָנגעהויבן צו גיין הויזירן. די סחורה איז פון טאָג־צו־טאָג געשטיגן. איך האָב געהאַט ליגן אויף דער פּאָסט אַ פּאָר טויזנט פראַנק. די נאַציאָנאַלע באַנק האָט אויסגעצאָלט צו טויזנט פראַנק אַ וואָך אויף די פּאָסט־ביכלעך. איך האָב דאַן אויף דער באַנק אויך גענומען געלט און געקויפט סחורה.

אָבער באַלד האָט דער דייטש באַוויזן, אַז ער וועט די יידן נישט צורו לאָזן. צוערשט האָט די בעלגישע רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז יעדער וואָס האַנדלט, מוז זיך איינשרייבן אין האַנדלס־רעזשיסטער. אַזוי אַרום וועט מען קענען וויסן, ווער עס האַנדלט. דאַן איז געקומען דער דייטש און האָט אויפגעפּאָדערט, אַז אַלע יידן, וואָס באַזיצן אַ האַנדלס־רעזשיסטער, מוזן אויפגעבן זייערע פאַרמעגנס.

אַלץ איז באַלד געלאָפן אויף דער קאָמאַנדאַנטור נאָך די פאָרמולאַרן. פאַרן דייטש האָט מען מורא געהאַט, און יעדער האָט באַלד געזוכט צו זיין אין אָרדענונג, אַזוי אַז דאָס געלויף נאָך די פאָרמולאַרן אויף דער קאָ־מאַנדאַנטור איז געווען גרויס. די רייען מענטשן האָבן זיך געצויגן גאַנצע טעג. עס האָבן באַלד אויסגעפעלט פאָרמולאַרן, און אַ סך האָבן געמוזט וואַרטן ביז עס וועלן אַריינקומען פרישע פאָרמולאַרן.

עס האָבן אָנגעהויבן קומען וואָס אַמאָל שטרענגערע געזעצן קעגן יידן. די דיאַמאַנט־הענדלער האָבן געמוזט אויפגעבן זייער סחורה. איינ־מאָל געדענק איך, האָט מען די גאַנצע פעליקאַן־גאַס אָפּגעשלאָסן, און אַלע יידישע סוחרים צוזאַמענגעטריבן אויף איין אָרט און זיי באַזוכט.

ביי דעם וואָס מען האָט געפונען נישט קיין אויפגעגעבענע סחורה (דיאַ־מאַנטן), האָט מען זיי ביי אים צוגענומען, און אים נאָך איינגעזעצט. יידן האָט מען פאַרבאָטן צו קומען אין די שטאָטישע פּאַרקן. יידן האָבן נישט געטאָרט קומען אין קיין עפנטלעכע בעדער. יידן האָבן נישט גע־טאָרט אַריינקומען אין קיין פלעמישע קאַפעס. יידן האָבן געמוזט נאָך זיבן אַזייגער פאַרנאַכט, זומער אין די גרעסטע היצן, בלייבן אין שטוב, און זיך נישט באַווייזן אויף דער גאַס, אַפילו דורכן פענצטער נישט אַרויס־קוקן. אַביסל שפּעטער האָבן יידן נישט געטאָרט אַפילו שטיין בלייבן אין דער גאַס, נאָר האָבן זיך אַלעמאָל געמוזט באַוועגן, אַפילו אַ שויפענצטער נישט אָנקוקן.

פאַר עובר זיין אויף איינעם פון די אַלע געזעצן, האָט מען צוערשט באַשטראָפט מיט געלט־שטראָפן. אָבער דערנאָך, אַז אַלע יידן האָבן כסדר די שטראָפן באַצאָלט, האָט מען פאַר עובר זיין אויף איינעם פון די גע־זעצן באַשטראָפט מיט קאָנצענטראַציע־לאַגער. שפּעטער האָט מען אַפילו אין אַ לאָקאַל אויך נישט געטאָרט זיין, און מען האָט די מענטשן אַרויס־גענומען פון די לאָקאַלן. עס זענען אַרומגעגאַנגען ספּעציעלע פעלד־זשאַנ־דאַרן, וואָס האָבן יידן געשלאָגן אין די גאַסן, כלומרשט, אַז זיי זענען שטיין געבליבן אין דער גאַס. די זשאַנדאַרן האָבן ביי זיי צוגענומען די פּעסער, און זיי האָבן דערנאָך געמוזט קומען אויף דער קאָמאַנדאַנטור באַצאָלן זייערע געלט־שטראָפן און אויב איינער איז געווען אַן אָרעמאַן, און האָט נישט געקאָנט באַצאָלן, האָט מען אים אַוועקגעשיקט אין קאָנ־צענטראַציע־לאַגער.

ווען אין בריסל איז נאָך נישט געהאַט געווען איינגעפירט דער פאַרבאָט, אַז יידן טאָרן זיך אויף דער גאַס נאָך זיבן אַזייגער נישט באַ־וועגן, אַזוי ווי אין אַנטווערפּן, האָט איינמאָל געטראָפן, אַז אַ יונגערמאַן מיט זיין משפחה און זיינע עלטערן זענען געקומען קיין אַנטווערפּן אויף אַ תנאים, און ווען זיי זענען געגאַנגען צוריק אַהיימפאָרן קיין בריסל מיטן צוג, וואָס האָט געדאַרפט אַוועקגיין אַ פאַר מינוטן נאָך זיבן, האָט מען אַלע יידן, וואָס זענען שוין געזעסן אין צוג — צוריק אַראָפּגענומען און זיי אַוועקגעשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער.

איידער די אַלע געזעצן, וועגן וועלכע איך האָב דאָ גערעדט, זענען אַרויס, איז צוערשט געהאַט אַרויס אַ געזעץ, אַז אַלע יידן, וואָס זענען אַריינגעקומען קיין אַנטווערפּן נאָכן יאָר 1937 — מוזן פאַרלאָזן אַנט־ווערפּן. — נישט אַליין פאַרלאָזן, נאָר זיי מוזן זיך צושטעלן אויף דער זיד־סטאַציע אין אַנטווערפּן, און פון דאָרט וועלן זיי מיט ספּעציעלע באַנען טראַנספּאָרטירט ווערן. וואַהין מען וועט זיי שיקן, האָט קיינער

נישט געוווסט. יעדער האָט געמעגט מיטנעמען נאָר 25 קילאָ באַגאַזש. עס איז געוואָרן אַ געוויין, אַ רעש, אַ געשריי. מענטשן זענען אַרומגעלאָפן פאַרצווייפלט. עס האָט געטראָפן, אַז דער מאַן האָט באַקומען אַן אויסווייז, און די פרוי האָט געמעגט בלייבן. און אויך פאַרקערט. דאָס זעלבע האָט אויך פּאַסירט ביי מיר. אַזוי ווי איך האָב זיך געפונען שוין איבער צוואַנ־ציק יאָר אין בעלגיע, האָב איך געמעגט בלייבן, נאָר מיין פרוי האָט באַקומען אַן אויסווייז. זי האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען. — ווו וועט זי גיין מיט אַזאַ פּיצל קינד פון איבער אַ יאָר? זי איז געגאַנגען אויף דער קאָמאַנדאַנטור זיך בעטן, אַז זי האָט אַ קליין קינד. הער, האָט זי זיך געבעטן ביי דעם אָפיציר, וואָס איז דאָרט געזעסן, האָט רחמנות אויף מיין קליין קינד. איך האָב נישט קיין רחמנות, האָט ער איר געענטפערט. פאַר אויפרעגונג, האָט זי אים געזאָגט — דו וועסט אפשר אַמאָל זיך נייטיקן אין רחמנות.

עס איז דעמאָלט געווען ווינטער. איך האָב נישט געוווסט, וואָס פאַר אַן עצה איך זאָל זיך געבן. מען האָט אינגאַנצן געגעבן אַ פּאָר טעג צייט זיך צוצוגרייטן צו דער רייזע. איך בין געלאָפן צו אַן אַדוואָקאַט. דאָרט איז געווען פול מיט יידן, אָבער דער אַדוואָקאַט האָט גאָרנישט געקאָנט העלפן. צופעליק האָט מיין שוואָגער מיט זיין פרוי אויך באַקומען אַן אויסווייז צו פאַרלאָזן אַנטווערפּן, נישט ווייל זיי זענען נישט געווען גענוג לאַנג אין בעלגיע, נאָר ווייל זיי האָבן זיך אַריבערגעצויגן פון בריסל קיין אַנטווערפּן נאָך 1937. אַן אַדוואָקאַט האָט אים דעם אויסווייז צוריקגע־צויגן. מיין שוואָגער איז מיט מיר געלאָפן צו דעם אַדוואָקאַט און אים געבעטן ער זאָל פאַר מיר עפּעס טאָן, בכן מיין פרוי האָט אַזאַ פּיצל קינד. דאָס איז געווען דאַנערשטיק פאַרנאַכט, און פרייטיק אינדערפרי האָט מיין פרוי געדאַרפט אַוועקפאָרן. דער אַדוואָקאַט האָט ביי מיר גע־נומען מיין חתונה־ביכל און אונזערע פּעסער. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז זיך סומך דערויף, וואָס איך האָב געזעצלעך חתונה געהאַט אין אַנטווערפּן, און אַזוי ווי איך האָב דאָ אויך געהאַט צוויי קינדער, וועט ער אפשר פאַר מיר עפּעס קענען טאָן.

פרייטיק אינדערפרי האָב איך גערופן אַ דאָקטאָר ער זאָל מיר געבן אַ סערטיפיקאַט, אַז מיין קינד איז קראַנק און מען קען דערמיט נישט פאָרן. דער דאָקטאָר איז נאַטירלעך געווען אַ פלעמער. ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ, אַז ער קאָן אַזאַ סערטיפיקאַט נישט געבן. צופעליק איז מיין קינד געגאַנגען ציינדלעך, און עס האָט געהאַט פיבער. דאַן האָט ער ערשט פאַר אַ גוטן פּרייז אַזאַ סערטיפיקאַט געגעבן, וועלכן איך האָב איבערהויפּט נישט נייטיק געהאַט, ווייל פרייטיק נאָכמיטאָג, האָט דער

אַדוואָקאַט מיר איבערגעגעבן, אַז דער אויסוויַיז איז פּאַרלויפּיק צוריקגע־צויגן געוואָרן נאָר ער ראַט מיר, איך זאָל זיך פון אַנטווערפּן אַוועקציען, וויַיל ער גלויבט, אַז די אַלע אויסוויַיזן, וואָס מען האָט איצט צוריקגעצויגן, איז עס נאָר פּאַרלויפּיק, און אין אַ צייט אַרום וועלן די זעלבע מענטשן ווידער אויסגעוויזן ווערן.

די פרייד דעמאָלט פון מיין פרוי איז נישט צום באַשרייבן. דערוויַיל האָט זיך דער גלות פון טויזנטער מענטשן געצויגן. אַלטע־לייט, קראַנקע, פרויען מיט קינדער, האָבן יעדן טאָג געצויגן גאַנץ פרי אין דער קעלט מיט פּעק צו דער זיד־סטאַציע. נאָך אַ פּאָר טעג, ווי מען האָט די ערשטע פּאַרטיע יידן געהאַט אַוועקגעשיקט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַלע מענטשן ווערן געשיקט אין דער פּראָווינץ לימבורג. דאָרט מוזן די מענטשן זיך אַליין זוכן וווינונגען, און לעבן פון אַביסל שטיצע, וואָס זיי וועלן באַקומען.

אַ סך פון די אויסגעוויזענע יידן האָבן נאָך באַוויזן זיך אַוועקצוציען פון אַנטווערפּן. איך געדענק נישט גענוי, אָבער איך מיין, אַז זיי האָבן נאָך געקאָנט באַווייזן צו באַקומען אַן אויסמעלדונגס־שיין, אויב עס איז נאָך פּאָר זיי נישט געווען אַרויסגעשיקט קיין אויסוויַיז. עס האָט טאַקע דעמאָלט געטראָפן, אַז אַ סך יידן, וואָס זענען געגאַנגען נעמען אַן אויס־מעלדונגס־שיין, אַנשטאָט זיי האָבן געזאָלט גיין אין שטאָט־הויז אַריין, זע־נען זיי געגאַנגען אין פרעמדלינגס־ביוראָ. אַזוי ווי דער פרעמדלינגס־ביוראָ האָט זיך שוין דעמאָלט געפונען אונטער דער קאָנטראָל פון דער געסטאַפּאָ, האָט מען די יידן, וואָס זענען זיך געקומען אויסמעלדן, אַרעס־טירט, זיי אַריינגעזעצט צוערשט אין אַ קעלער, און דערנאָך אַוועקגע־שיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פון ברייענדאָנק.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, ווי מען האָט מיין פרוי געהאַט צוריקגעצויגן דעם אויסוויַיז, האָט מען ווידער אָנגעהויבן צוצושיקן די זעלבע מענטשן אויסוויַיזן צו פּאַרלאָזן אַנטווערפּן. דאָ האָבן מיר געמוזט שנעל האַנדלען. זיך אַוועקציען פון אַנטווערפּן אײדער מיין פרוי באַקומט דעם אויסוויַיז, וויַיל אויב דער אויסוויַיז איז שוין אַרויסגעשיקט געוואָרן, מעלדעט מען מער נישט אויס. אָבער וואָהין זיך ציען, האָט מען אַליין נישט געוווּסט. קיין בריסל, האָט מען געדענקט, טויג אויך נישט, וויַיל שפּעטער וועט מען אפשר פון בריסל אויך אויסוויַיזן. מיר האָבן זיך געוואָלט ציען ערגעץ אין אַ דאָרף איבער דער שעלדע, אָבער דער אַדוואָקאַט האָט אונז אָפּגעראַטן, וויַיל ער דענקט, אַז דער שעלדע־געביט וועט שפּעטער ווערן עטאַפּן־געביט אָדער שפּער־געביט, און במילא וועלן דאָרט יידן נישט טאָרן וווינען.

אַזוי ווי מען האָט איצט געמוזט שנעל האַנדלען, איז גענוג געווען צו האָבן אַן אַדרעס, אויף וועלכער מען זאָל זיך קאָנען אויסמעלדן, און ערשט שפּעטער זוכן אויף דעם אָרט אַ וווינונג. אַז מען וועט זיין אויס־געמאָלדן, וועט דער אויסווייז נישט קאָנען מער צוגעשיקט ווערן.

מיין שוואָגער האָט געהאַט אין ליער אַ באַקאַנטע פלעמישע פאַמי־ליע — אַ שניידער, וואָס מיט אַ זון פון דער פאַמיליע האָט ער צוזאַמען געאַרבעט פאַר דער מלחמה און ער האָט אונז געראָטן, מיר זאָלן אַרויס־פאָרן קיין ליער פרעגן, אויב מיר קאָנען זיך פּאַרלויפיק אויסמעלדן אויף זייער אַדרעס? באַלד דעם אַנדערן טאָג, ווי עס האָט זיך פאַרשפּרייט דאָס נייעס, אַז מען טיילט ווידער אויסווייזן, איז מיין פרוי אַרויסגעפאָרן קיין ליער צו דער פלעמישער פאַמיליע, וואָס האָט זיך גערופן סאַנדערס, און זיי האָבן אונז דערלויבט זיך אויסצומעלדן אויף זייער אַדרעס.

איך האָב מורא געהאַט אַליין צו גיין אין שטאָט־הויז זיך אויס־מעלדן, האָב איך געשיקט דעם אַדוואָקאַט, ער זאָל מיר ברענגען די אויסמעלדונג. דער אַדוואָקאַט איז צוריקגעקומען און דערקלערט, אַז נאָך דער אויסמעלדונג מוז איך אַליין גיין, ווייל איך מוז זי אַליין אונטער־שרייבן, נאָר ער האָט דאָרט אַלץ דערליידיקט, און איך האָב נישט וואָס מורא צו האָבן.

ווען איך בין געקומען אין שטאָט־הויז זיך אויסמעלדן, בין איך גע־ווען פול מיט מורא. דער באַאַמטער, וואָס האָט מיך אויסגעמאָלדן, האָט מיך געפרעגט, נאָך וואָס איך האָב געדאַרפט אַרויסוואַרפן געלט אויף אַן אַדוואָקאַט, און פאַרוואָס איך בין נישט באַלד אַליין געקומען? ער האָט, זעט אויס, נישט געוווסט פון די יידן, וואָס מען האָט אַרעסטירט אין פרעמדלינג־ביוראָ, ווען זיי זענען געקומען זיך אויסמעלדן.

אין אַ שבת נאָכן אויסמעלדן זיך פון אַנטווערפּן, איז מיין פרוי ווי־דער אַרויסגעפאָרן קיין ליער זוכן אַ וווינונג. זי האָט געפונען אַ וווינונג אין אַ שיין הויז, נישט ווייט פון דער סטאַציע אין ליער, וואָס דאָס איז מיר געווען צו דער האַנט, ווייל איך האָב יעדן טאָג געמוזט פאָרן צוליב מיינע געשעפטן. אונטער אונזער וווינונג איז געווען אַ קאָלאָניאַל־געשעפט, וואָס האָט געהערט צו דעם בעל־הבית פון הויז, און ער האָט דאָרט געהאַט זיין וווינונג.

מאָנטיק איז נאָך אונז געקומען פון ליער אַ פורמאַן מיט פערד און וואָגן, וועלכן מיין פרוי האָט שבת געהאַט באַשטעלט. מען האָט אויפגע־לאָדנט אויף דעם וואָגן אַלע זאַכן מיט דעם מעבל. מיין פרוי איז מיט די צוויי קינדער צוערשט געפאָרן מיטן צוג קיין ליער. און איך בין מיט־געפאָרן מיטן פורמאַן אויפן וואָגן.

דאָס איז געווען, גלויב איך, אין חודש פעברואַר, ווען מיר האָבן זיך געצויגן קיין ליער. פאַרנאַכט בין איך מיטן פורמאַן אָנגעקומען קיין ליער. מיין פרוי מיט די קינדער האָבן שוין אויף מיר געוואַרט. מען האָט אָנגעהויבן אַרויפצוטראָגן דאָס מעבל. אָבער מיין גרעסער יינגל האָט נאָך דעמאָלט צו מיר און צו דער מוטער נישט אַנדערש געוואָלט רעדן נאָר יידיש, און אַזוי ווי די בעל־הבתים פון הויז האָבן געהערט, אַז מיין קינד רעדט אַ פרעמדע שפּראַך, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז מיר זענען פרעמדע, האָבן זיי באַלד אָנגעהויבן פרעמד און בייז צו קוקן. דעם ערשטן טאָג האָבן זיי באַלד אָנגעהויבן צו טשעפּען זיך, אַז די פענצטער זענען נישט גוט פאַרהאַנגען פאַרן ליכט. טראָץ דעם וואָס מיר האָבן ספּעציעל געלאָזט קומען אַ בעל־מלאכה, ער זאָל אָנמאַכן אין די פענצטער נייע שוואַרצע סטאָרן צו פאַרשטעלן בייניאַכט דאָס ליכט, אַזוי ווי דאָס געזעץ האָט דעמאָלט געפאָדערט. אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געטויגט. וואַסער איז דאָרט אין דעם הויז נישט געווען, נאָר דער בעל־הבית האָט געהאַט איינגעאָרדנט אין זיין קעלער אַן אייגענע וואַסער־לייטונג, און אַ מאַשין אויף עלעקטרי, וואָס האָט דאָס וואַסער פון ברונעם געדאַרפט אַרויפטרייבן אין דער הויך. אָבער אַ סך מאָל איז שוין געווען עלף אַזייגער, ווען זיי האָבן דאָס וואַסער ערשט אויפגעמאַכט, אַזוי אַז מיין פרוי איז געווען שרעקלעך אויפגערעגט. זי האָט נישט געקאָנט טאָן איר אַרבעט אין דער צייט. עס זעט אויס, אַז די פאַמיליע וואַן לעעמפּיט, די בעלי־הבתים, ביי וועלכע מיר האָבן געוווינט, האָבן זיך דערוווּסט, אַז מיר זענען יידן, און דאָס איז זיי נישט אָנגעשטאַנען צו זייער יחוס, אַז זיי זאָלן האָבן וווינען אין זייער הויז אַ ייד.

איך בין שוין דעמאָלט נישט מער אַרומגעגאַנגען הויזירן אַזוי ווי פאַרן קריג, נאָר פלעג זיצן יעדן טאָג אין סינט־ניקלאַס און מעקלען פאַר סוחרים, וואָס זענען אין סינט־ניקלאַס נישט געווען אַזוי גוט באַקאַנט, פאַרשידענע סחורות. עס פלעגן קומען קיין סינט־ניקלאַס יעדן טאָג סוחרים פון בריסל, שאַרלערואַ, ליעזש. די סוחרים פלעגן קויפן מאַסן סחורות, וועלכע זיי פלעגן פאַרקויפן צו דייטשע אָפיצירן, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט שמוגל. די דייטשע אָפיצירן פלעגן קויפן פאַר מיליאָנען פראַנקן סחורות. די אָפיצירן אַליין פלעגן די סחורות קומען נעמען מיט מיליטערישע אויטאָס. איך מוז זאָגן, אַז איך האָב מיין ברויט גוט פאַרדינט. איך האָב געהאַט אַ פאַבריק, ביי וועלכער איך פלעג פאַר דער מלחמה קויפן יעדע פאַר וואָכן אַביסל סחורה, האָב איך איצט דורך דער פאַבריק פאַרדינט אַ פאַר טויזנט פראַנק אַ וואָך. איך האָב נאָך געהאַט אויסער דער פאַבריק פאַרשידענע ערטער, וווּ איך האָב נאָך געלט פאַרדינט. זעקס

אַזייגער באַלד אינדערפֿרי בין איך יעדן טאָג געפֿאָרן פֿון ליער קיין סינט־ניקלאַס. אָבער יעדן טאָג, ווען איך בין געקומען פֿאַרנאַכט אַהיים, האָב איך געהערט מיין פֿרוי זיך קלאָגן, אַז די בעל־הביתטע טוט איר אָן גרויסע צרות, און אַז זי האָט דירעקט געגעבן אָנצוהערן, אַז זי וואָלט געוואָלט, מיר זאָלן זיך אַרויסציִען. אַ סך מאָל פֿלעגט די טאָכטער פֿון די לעעמפּיטס, אַ מיידל פֿון אַ יאָר 11, קלינגען אויף אונזער גלאָק, און אַז מיין פֿרוי איז אַראָפּגעגאַנגען זען, ווער דאָס האָט געקלונגען, האָט זי זיך באַהאַלטן. און דאָס האָט זיך אַזוי געקאָנט איבערחזרן עטלעכע מאָל אין טאָג.

די קינדער פֿלעגן וויינען, און זי איז אַלץ געגאַנגען אַראָפּ און אַרויף פֿון די שטיגן. דאָס מיידל האָט דאָס געטאָן מיט דער צושטימונג פֿון די עלטערן, אונז אָנצוטאָן צרות, אַז עס זאָל אונז מיאוס ווערן און מיר זאָלן זיך אַרויסציִען. איינמאָל, געדענק איך, איז מיין גרעסער ייִנגל קראַנק געוואָרן. אין דער צייט, וואָס מיין פֿרוי איז געגאַנגען רופֿן אַ דאָקטאָר, בין איך געבליבן ביים קינד. טראָץ דעם וואָס די פֿאַמיליע וואַן לעעמפּיט האָט געוווּסט, אַז מיין קינד איז קראַנק, האָבן זיי געשיקט זייער מיידל און זי האָט געהאַלטן אין איין קלינגען אויף אונזער גלאָק. איך האָב אַלץ געמיינט, אַז דער דאָקטאָר קלינגט, אָבער ווען איך בין געגאַנגען קוקן, האָב איך קיינעם נישט געזען. נאָר איינמאָל האָב איך געזען דאָס מיידל אַוועקלויפֿן. צומאָרגנס, דאָס איז, גלויב איך, געווען אין אַ זונטיק, בין איך געגאַנגען אויף דער פּאָליציי זיך קלאָגן אויף דער פֿאַמיליע וואַן לעעמפּיט. אַ פּאָליציאַנט איז דעמאָלט געקומען צו די לעעמפּיטס, וואָס ער האָט זיי געזאָגט, ווייס איך נישט, אָבער דאָס מיידל האָט שוין מער נישט געקלינגען.

דאַן האָבן די לעעמפּיטס פֿון אונז געפֿאָדערט מיר זאָלן זיך אַרויס־ציִען. מיין פֿרוי האָט זיי געזאָגט, אַז אַרויסצוציִען זיך, מוז מען צוערשט האָבן אַ וווינונג, וווּ מען זאָל זיך קאָנען אַריינציִען. אין ליער איז דעמאָלט כמעט נישט געווען מעגלעך צו געפֿינען קיין וווינונג, ווייל אַ סך בעלגיער זענען אין דער צייט פֿון דער מלחמה געקומען וווינען קיין ליער. מיין פֿרוי פֿלעגט גיין זוכן אַ וווינונג, און אין ערגעץ גאָרנישט געקאָנט געפֿי־נען. אַ סך האָבן דערקענט אין איר שפּראַך, אַז זי איז אַ פֿרעמדע, האָט מען איר נישט געוואָלט פֿאַרדינגען. אונזערע בעלי־הבתים האָבן אונז געהאַלטן אין איין פֿרעגן, ווען מיר ציִען זיך שוין אַרויס?

ווען די לעעמפּיטס האָבן געזען, אַז עס גייען אַוועק וואָכן און מיר ציִען זיך אַלץ נישט אַרויס, האָבן זיי דורך אַ נאָטאַר אונז צוגעשיקט אַ רעקאָמאַנדירטן בריוו. מיין פֿרוי האָט דעם בריוו נישט געוואָלט אָננע־

מען, ווייל זי האָט פאַרשטאַנען, אַז די לעעמפּיטס ווילן דורך אַ נאָטאַר אונז אָפּזאָגן די וווינונג. איך בין געוואָרן אַזוי אויפגערעגט, דאָס איך האָב געזאָגט צו מיין פרוי: אויב מיר געפינען נישט קיין וווינונג, ציען מיר זיך צוריק קיין אַנטווערפּן. פון אַנטווערפּן האָט מיין פרוי נישט געוואָלט הערן, ווייל זי האָט געהערט פון די אַלע גזעצן וואָס די יידן האָבן אין אַנטווערפּן אויסצושטיין. מיין פרוי איז געווען אינגאַנצן פאַר־צווייפלט. צופעליק האָט זי דעם זעלבן טאָג, וואָס די בעלי־הבתים האָבן אונז צוגעשיקט דורכן נאָטאַר דעם בריוו, מיט גרויס געבעט באַקומען אַ וווינונג, אַ גאַנץ הייזל פאַר אונז אַליין מיט אַ גרויסן הויף, וווּ מען קאָן פאַרזייען גרינס און קאַרטאָפל — פאַר צוויי הונדערט פראַנק אַ חודש. די בעל־הביתטע פון דעם הייזל איז געווען אַ מיידל, שוין אין די פופצי־קער, מיטן נאָמען לואיס וואַן־האָף. די לואיס וואַן־האָף איז געווען זייער אַ פרומע. ווען זי האָט אונז דאָס הייזל פאַרדונגען, האָט זי געוווּסט, אַז מיר זענען פרעמדע, נאָר זי האָט אויף אונז רחמנות געהאַט.

דאָס הייזל איז געשטאַנען הינטער דער שטאָט, און איך האָב געמוזט יעדן טאָג גיין אַ מהלך וועג צו דער סטאַציע. אָבער איך און מיין פרוי זענען געווען גליקלעך, וואָס מיר וועלן וווינען אַליין אין אַ הייזל און אונזערע קינדער וועלן מעגן קלאַפּן און זיך שפּילן וויפיל זיי וועלן, ווייל צוליב די קינדער האָבן מיר אומעטום געהאַט אויסצושטיין צרות. אין אַנטווערפּן נאָך, ווו מיר האָבן געוווינט, איידער מיר האָבן זיך גע־צויגן קיין ליער, האָט אונטער אונז געוווינט אַ פלעמער, אַ מילך־הענדלער, אַ גרויסער רשע, און מיר האָבן פון אים אַ סך געהאַט אויסצושטיין. אַ קינד האָט זיך כמעט נישט געטאָרט באַוועגן.

דאָ, אין ליער, האָבן מיר פון די אַלע דייטשע געזעצן, וואָס זענען אַרויס קעגן יידן, נישט געוווּסט. מיר זענען געגאַנגען אויף דער גאַס ביז ווען מיר האָבן געוואָלט. איך האָב נאָר געמוזט זען, אַז איך זאָל פאַר זיבן אַזייגער אַרויס פון אַנטווערפּן. אַפילו שפּעטער, ווען עס איז אַרויס דאָס געזעץ, אַז יידן מוזן טראָגן אַ "שטערן", האָב איך דעם "שטערן" געטראָגן נאָר אין אַנטווערפּן. ווען איך בין נאָר געזעסן אין צוג פון ליער, האָב איך דעם "שטערן" באַלד פאַרדעקט.

ווען מען האָט אָנגעהויבן מוזן טראָגן אַ "שטערן", האָט אויך מיין פרוי דאָס זעלבע געטאָן. עטלעכע טעג האָט זי דעם "שטערן" געטראָגן, דערנאָך האָט זי אים אַראָפּגענומען.

אָבער באַלד איז אַרויס פון דייטש אַ געזעץ, אַז יידן טאָרן זיך מער אין קיין קליינע ערטער נישט ציען, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין די קליינע ערטער וועט מען דאָס געזעץ אויף זיי נישט קענען צופּאַסן. דאָס

גליק איז געווען, וואָס די יידן, וועלכע האָבן שוין געוווינט, האָבן געמעגט ווייטער דאָרט בלייבן וווינען.

די וואָן לעעמפיטס האָבן דערנאָך געהאַט עגמת־נפש, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוואָרפן הונדערט פינף און צוואַנציק פראַנק פאַרן נאָטאַר, אַז אין דעם זעלבן טאָג האָבן מיר אַליין אָפּגעזאָגט די וווינונג. מיין פרוי האָט צו זיי געזאָגט: וואָס האָט איר געוואָלט? אויף דער גאַס האָבן מיר דאָך נישט געקאָנט גיין וווינען! איך האָב אייך דאָך געזאָגט, אַז ווען איך וועל געפינען אַ וווינונג, וועלן מיר זיך אַליין אַרויסציען.

דער זעלבער פורמאַן, וואָס האָט אונז געבראַכט פון אַנטווערפּן, האָט אונז אויך איצט אַריבערגעפירט אין אונזער נייע וווינונג.

# דריטער קאַפּיטל

קיין סינט־ניקלאס האָב איך נישט מער געקענט לאַנג פאָרן. די פּלע־מישע פאַבריקאַנטן האָבן איינער דעם צווייטן אָנגעהויבן צו מסרן ביי דער דייטשער מאַכט וועגן שמוגל, וואָס ווערט געפירט דורך דייטשע אָפי־צירן. די דייטשע מאַכט האָט אַרויסגעשיקט אין דער גאַס אַריין פעלד־זשאַנדאַרן, און אַ סך פון די אָפיצירן, וואָס זענען געקומען נאָך סחורות קיין סינט־ניקלאס, זענען פאַרהאַלטן געוואָרן. דאַן האָט מען אָנגעהויבן יאָגן די פאַרמיטלערס, וואָס האָבן די סחורות פאַר די אָפיצירן צוגע־שטעלט. אַ סך יידן האָט מען אָנגעהויבן צו אַרעסטירן אין די גאַסן פון סינט־ניקלאס. צום גליק האָט זיך דעמאָלט אין סינט־ניקלאס קיין גע־שטאַפּאָ נישט געפונען. מען האָט די אַרעסטירטע אָפּגעהאַלטן אַ פּאָר טעג אין פּאָליציי־געפענגעניש, און דאַן האָט מען זיי אָפּגעלאָזט. שפּעטער האָט מען די זעלבע פערזאָנען אויפגעזוכט דורך דער געשטאַפּאָ אויף זייערע ערטער, ווו זיי האָבן געוווינט, און זיי ווידער איינגעזעצט.

איינמאָל באַלד אינדערפרי, איך האָב געוווסט וועגן די אַרעסטן, וואָס קומען פאָר אין סינט־ניקלאס, האָב איך פּונקט געהאַט פאַרהאַנדלט אַביסל סחורה אַ וואַלאָנישן יונגן סוחר פון דער געגנט פון ליעזש. דאַן בין איך מיט דעם וואַלאָנער געגאַנגען אין דעם געשעפט אַריין, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געהערט צו דעם פאַבריקאַנט, ווו איך פּלעג קויפן סחורה. דאָס געשעפט איז געווען פאַר דער מלחמה אַ פיליאַלע פון דער פאַב־ריק. אָבער איצט האָט דאָס פלעמישע יונגע פּאָרפאָלק, וואָס איז אין דעם געשעפט געבליבן וווינען, ווייטער געפירט זייער האַנדל אויף זייער נאָ־מען, און ביי זיי האָב איך אויך אַממערסטן געלט פאַרדינט, ווייל זיי האָבן מיר אַממערסטן סחורה צוגעשטעלט. דער וואַלאָנער האָט באַשטעלט אַ פּאַרטיי פּולאָווערס. דאָס יונגע פּאָרפאָלק פון געשעפט האָט אונז געגעבן אַ ראַנדעוווּ, כדי צו וויסן, אויב די סחורה קאָן געליפערט ווערן. אָבער ווען איך מיט דעם וואַלאָנער זענען געקומען אויף דער ראַנדעוווּ, האָט אויף אונז געוואַרט אַ פעלד־זשאַנדאַר. צוערשט איז געקומען דער וואַלאָ־נער, אַביסל שפּעטער איך. אָבער ווען כ'בין אַריינגעקומען אין געשעפט, האָב איך באַלד געזען אין די אייגעלעך פון דעם זשאַנדאַר, אַז איך בין

פאַרלוירן. דער זשאַנדאַר האָט נישט געטראָגן קיין דינסט־קליידער, אַזוי ווי די דייטשע זשאַנדאַרן טראָגן געוויינלעך, ווען זיי זענען אין דינסט, אַ העלם און אַ בלעך אויף דער ברוסט, נאָר אין געוויינלעכע קליידער, אַזוי ווי אַ זעלנער, מען זאָל אים נישט דערקענען. איך ווייס נישט, צי זענען מיר געווען פאַראַטן פון די געשעפטס־מענטשן אַליין, ווייל זיי האָבן געטראַכט: צו וואָס דאַרפן מיר האָבן דעם ייד? די וואַלאָנישע און פלעמישע סוחרים וועלן איצט האַנדלען אַנשטאָט די יידן, און זיי וועלן צו אונז אַליין טרעפן, און מיר וועלן איינשפּאָרן טויזנטער פראַנקן מעקל־געלט.

דער זשאַנדאַר האָט מיך מיט דעם וואַלאָנער אָוועקגעפירט אויף דער זשאַנדאַרמעריע. אויפן וועג האָט דער זשאַנדאַר אונז געזאָגט, אַז מיר זאָלן נישט פּרובירן צו אַנטלויפן, אַז נישט וועט ער אויף אונז שיסן. עס איז פּונקט געווען מיטאָגצייט, און דער וואָס האָט געדאַרפט אויף דער זשאַנדאַרמעריע מאַכן דעם פּראָטאָקאָל, האָט זיך געאיילט אויף מיטאָג. — פיר זיי ביידע אָוועק, האָט ער באַפוילן דעם זשאַנדאַר, נאָר דעם וואַלאָנער לאָז זיצן אויף דער פּאָליציי און דעם ייד זעץ אַריין אין געפענג־געניש. דאָס געפענגעניש האָט זיך געפונען אויפן מאַרק פון סינט־ניקלאָס ביי דער בעלגישער פּאָליציי. די בעלגישע פּאָליציי האָט זיך אָנגעקוקט פאַרוואונדערט, פאַרוואָס מען אַרעסטירט די יידן, זיי זענען געווען גע־ווינט, אַז יידן זאָלן פריי קומען האַנדלען קיין סינט־ניקלאָס.

אין דער צייט, וואָס דער דייטשער זשאַנדאַר איז געשטאַנען, האָט אַ בעלגישער פּאָליציאַנט פון מיר צוגענומען מיין קראַוואַט, מיין פּאַסיק פון די הויזן. אַזוי האָט געפאָדערט דער בעלגישער רעגולאַמין, איך זאָל זיך נישט קאָנען אויפהענגען. אין דער צייט, וואָס דער פּאָליציאַנט האָט ביי מיר צוגענומען די זאַכן, האָט דער דייטשער זשאַנדאַר געשריגן: יודע, יודע, וואָס האָסטו אַלץ נאָך ביי דיר? מיט אַ פייער אין די אויגן מיך איינצושלינגען האָט ער געריטשעט, אַז די בעלגישע פּאָליציי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער וויל פון מיר. ענדלעך האָט מען מיך אַריינגעלאָזט אין אַ צעלע, ווו עס איז געלעגן אַ שעניק אויף ברעטער, און אַן עמער איז געשטאַנען צו קענען טאָן דאָס געברויך.

דעם וואַלאָנער האָט מען באַלד נאָכמיטאָג באַפרייט. נאָך מיר איז דער זשאַנדאַר נישט געקומען, איך זאָל אונטערזוכט ווערן. קיין עסן האָב איך נאַטירלעך ביי מיר נישט געהאַט. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין דער צעלע אַזוי ווי משוגע. נאָך אַ ייד אַ סוחר פון בריסל, וואָס איז שוין דאָרט אויך געזעסן אַ פּאָר טעג, האָט דערקענט מיין שטימע, און צו מיר אַרויסגעשריגן פון זיין צעלע־לעכל: דו ביזט אויך דאָ?

פאַרנאַכט איז געקומען דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט געוווינט אין דעם זעלבן געפענגעניש, און מיך געפרעגט, צי איך פאַרלאַנג עפּעס צו עסן? — אויב איך האָב ביי מיר געלט, וועט ער מיר ברענגען עסן, ווייל דאָרט איז נישט געווען קיין געפענגעניש, ווו מען גיט אַרעסטירטע עסן. דער פּאָליציאַנט, אַ קאָלאָסאַלער, הויכער, דיקער מענטש, וואָס האָט אוודאי געווויגן אַ הונדערט פופציק קילאָ, האָט מיר געברענגט צוויי טרוקענע שטיקלעך ברויט מיט אַביסל שוואַרצע קאַווע. פאַר דעם האָב איך געמוזט באַצאָלן פינף און צוואַנציק פראַנק. דאָס ברויט האָט געקלעבט און איך האָב עס נישט געקאָנט עסן, ווייל איך בין דעמאָלט נישט געווען אין אָרדענונג מיט מיין מאָגן. איך מוז צוגעבן, אַז דער דיקער פּאָליציאַנט איז געווען אַ העכסט־אָרנטלעכער מענטש. איך האָב אים געפרעגט, ווי אַזוי קומט עס, דאָס מען איז מיך נישט געקומען רופן אויף אַן אונטערזוכונג? — יאָ, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, איך ווייס אייגנטלעך אַליין אויך נישט, פאַרוואָס דער זשאַנדאַר איז נאָך דיר נישט געקומען. נאָך דעם וואַלאָנער, האָט ער צוגעגעבן, איז ער באַלד נאָכמיטאָג געקומען. אָבער ער האָט מיך געטרייסט, מאָרגן, האָט ער געזאָגט, וועט מען דיך אוודאי רופן.

איך האָב זיך מיטן צופאַלן פון דער נאַכט געלייגט אויף מיין שעניק און געוואַרט אומגעדולדיק אויפן פרימאָרגן. איך האָב דערוואַכט, אַזוי ווי עס האָט נאָר אָנגעהויבן צו ווערן טאָג, און האָב זיך אָנגעהויבן אומגעדולדיק אַרומצודרייען אַהין און צוריק אין מיין צעלע. ענדלעך, איך גלויב, אַז עס איז דעמאָלט געווען ניין אַזייגער אינדערפרי, איז דער דיקער פּאָליציאַנט מיך געקומען רופן, איך זאָל מיט אים מיטגיין אויף דער זשאַנדאַרמעריע.

ווען דער פּאָליציאַנט האָט מיך אין דער קאָמענדאַנטור אַרויפגעפירט אין דער זשאַנדאַרמעריע, האָב איך אויף די שטיגן, וואָס זענען געווען באַלייגט מיט טעפּיכן, באַגעגנט אייניקע העכערע דייטשע אָפיצירן, וואָס זענען געשטאַנען און צווישן זיך געשמועסט. איין אָפיציר האָט זיך געפרעגט דעם פּאָליציאַנט אין דייטש, פאַרוואָס מען האָט מיך אַרעסטירט. איך האָב זיך דעמאָלט צעוויינט, און דעם אָפיציר געזאָגט, אַז איך האָב גאָרנישט געטאָן. יאָ, האָט דער אָפיציר, אַ מאַן אין די פופציקער, וואָס האָט אויך גערעדט אַ גוטן פראַנצויזיש, ווייל ווען ער האָט זיך געוואָנדן צו דעם פּאָליציאַנט אין דייטש און דער פּאָליציאַנט האָט אים נישט פאַרשטאַנען, האָט ער צו אים באַלד גערעדט אין אַ פליסנדיקן פראַנצויזיש. איר יידן, האָט ער צו מיר געזאָגט, זענט קיינמאָל נישט שולדיק, פאַרוואָס גייט איר נישט קיין פּאַלעסטינע? — איבעריקנס,

האָט ער צוגעגעבן, איך מיש זיך נישט אין די געשעפטן, אויף דעם איז דאָ די זשאַנדאַרמעריע.

אויף דער זשאַנדאַרמעריע האָב איך אויך געזען דעם בריסעלער יידישן סוחר. ער איז געזעסן און אינגאַנצן געציטערט מיט די פיס פאַר נערוון. דאַן איז דאָרט נאָך געזעסן אַ בעלגיער, אַ סוחר פון בריסל, וואָס האָט אויך צוגעשטעלט סחורות פאַר דעם דייטשן אָפיצירן־שמוגל. די צוויי בעלגיער מיט דעם ייד האָט מען אַרויפגעפירט אויספרעגן אין דער הויך. און מיך האָט אויסגעפרעגט דער זעלבער זשאַנדאַר, וואָס האָט געדאַרפט נאָך נעכטן מאַכן מיין פּראָטאָקאָל, אַ מענטש מיט אַביסל אַ פליכעוואַטן קאָפּ, אָבער ער האָט נישט געהאַט אַזאַ מערדערישן אויסזען, ווי דער זשאַנדאַר, וואָס האָט מיך אַרעסטירט.

דער פליכעוואַטער זשאַנדאַר האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ שרייב־מאַשין און געוואָלט צוזאַמענשטעלן מיין פּראָטאָקאָל. דאַן איז אַריינגעקומען אַ זשאַנדאַר, וואָס איז, זעט אויס, געווען אין דינסט, ווייל ער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ העלם, און אויף דער ברוסט אַ קייט מיט אַ בלעך. דער מיט דער בלעך האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש עפּעס שרייבן.

איך האָב זיך צעווײנט און געזאָגט צום פליך, וואָס האָט געוואָלט שרייבן מיין פּראָטאָקאָל: איך בין אַן אָרעמער מאַרק־קרעמער. איך האָב אַ פרוי מיט צוויי קליינע קינדער און בין אַ קראַנקער, וואָס ליידט אויפן מאָגן. נאָך וואָס, האָט ער מיך געפרעגט, ביזטו געקומען קיין סינט־ניקלאַס? קויפן סחורה פאַרן מאַרק, האָב איך אים געענטפערט. אויף וועלכע מערק שטייסטו: האָט ער מיך ווייטער געפרעגט. איך האָב אים אויסגערעכנט, אויף וועלכע מערק איך פלעג שטיין.

איך האָב אים געוויזן אַ דערלויבעניש צו שטיין אויפן מאַרק, מיין האַנדלס־רעזשיסטער, רעכענונגען פון סוחרים און פאַבריקאַנטן ביי וועלכע איך פלעג קויפן מיין סחורה אין סינט־ניקלאַס. וויפיל געלט האָסטו ביי דיר? האָט ער מיך ווייטער געפרעגט. לויטן געזעץ האָב איך נאָר געמעגט האָבן ביי מיר ביז דריי הונדערט און פופציק מאַרק (ביי די פיר אָדער פינף טויזנט פראַנק). איך האָב אָבער קיין דריי הונדערט מאַרק ביי מיר דעמאָלט אויך נישט געהאַט. ווען ער האָט אָפּגעציילט מיין געלט, האָב איך געזען, אַז עס פעלן הונדערט פראַנק. איך האָב מיך גאָרנישט וויסן געמאַכט.

— וואָס מאַכט מען מיט אים? האָט זיך דער פליך געוואָנדן צו דעם זשאַנדאַר מיט דעם העלם און דער בלעך. יענער אין העלם האָט מיך אָנגעקוקט און זיך גאָרנישט אָנגערופן, אַזוי ווי איינער זאָגט: קענסט

מיט אים טאָן וואָס דו ווילסט. דער זשאַנדאַר מיטן העלם האָט זיך אויפ־געהויבן און איז אַוועקגעגאַנגען. דער פליך האָט מיר דאַן אַלע מיינע פּאַפּירן מיטן פּאַס צוריקגעגעבן אָן צו מאַכן אַ פּראָטאָקאָל. — דו מעגסט רעדן פון גליק, האָט ער צו מיר געזאָגט, וואָס איך מאַך דיר נישט קיין פּראָטאָקאָל, אַז דו גייסט איצט אַרויס, האָט ער ווייטער געזאָגט, און דו וועסט באַגעגענען אַן אָרימאַן — מעגסטו אים געבן פופציק פראַנק. איך האָב טאַקע פון מיין אַרעסט אין סינט־ניקלאַס מער גאָרנישט געהערט. אָבער די אַנדערע יידן וואָס מען האָט געהאַט אַרעסטירט אין סינט־ניקלאַס, איז מען דערנאָך געקומען אין זייערע וווינונגען מאַכן רעוויזיעס און זיי ווידער איינגעזעצט.

איך בין שוין מער קיין סינט־ניקלאַס נישט געפאָרן. נישט נאָר איך בין מער נישט געפאָרן, כמעט קיין איין ייד האָט מער נישט ריזיקירט נאָך צו פאָרן קיין סינט־ניקלאַס. איך האָב ווירקלעך נישט געוווסט, וואָס איך וועל איצט אָנהויבן טאָן, ביי וואָס איך וועל קענען פאַרדינען. הויזירן גיין איז שוין לאַנג געווען פאַרבאָטן. אויפן מאַרק שטיין, בין איך נישט געווען געוווינט, און די סחורות זענען שוין איצט געווען צו טייער, מען זאָל זיי נאָך קאָנען אויפן מאַרק פאַרקויפן. און דעם מאַרק האָב איך קיינמאָל נישט ליב געהאַט.

צופעליק האָב איך אין סינט־ניקלאַס צווישן די סוחרים געהאַט קענען געלערנט אַ האָלענדישן ייד, און אין דעם זעלבן טאָג וואָס מען האָט מיך געהאַט אַרעסטירט, האָב איך געהאַט אויסצוריכטן פאַר אים אַ שליחות. איך האָב געדאַרפט פאַר אים פון עמעצן אָפּנעמען אַ פאָר טויזנט פראַנק. דער האָלענדישער ייד, מיטן נאָמען בלאָך, איז נישט געווען קיין שלעכטער מענטש. אין דעם טאָג וואָס מען האָט מיך באַפרייט, האָב איך אים אַוועקגעטראָגן זיין געלט. ער האָט מיך אָנגעקוקט און זעענדיק, אַז איך בין זייער פאַרטרויערט ווייל איך ווייס נישט פונוואַנען איך וועל איצט נעמען פרנסה, האָט ער צו מיר געזאָגט — זאָרג נישט, דאָס וואָס דו האָסט פאַרדינט אין סינט־ניקלאַס, וועסטו ווייטער קאָנען פאַרדינען דאָ אין אַנטווערפּן. ער האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט. ער האָט מיר געגעבן צו פאַרקויפן אַלערליי סחורות: שעלקעס, זאָקן־בענדלעך, אַלע סאָרטן גומי, אַלע סאָרטן שנורעוואַדלעס, וואָס דאָס האָט מען אומעטום געזוכט. יעדע וואָך האָט ער אַריינבאַקומען פון סינט־ניקלאַס צענדליקער טוצן שעלקעס, הונדערטער גראָס שנורעוואַדלעס און טויזנטער מעטער עלאַסטיק.

אין אָנפאַנג איז מיר אַביסל שווער אָנגעקומען דאָס שאַפן זיך קונים, אָבער נאָך אַ קורצער צייט האָב איך ביי דעם האָלענדישן ייד בלאָך פאַרדינט מער געלט ווי אין סינט־ניקלאַס. איך בין ביי אים געוואָרן אַזוי

הײמיש, אַז קײנער האָט נישט געהאַט אַזאַ צוטריט אין זײן הויז װי איך. מײן גליק איז געװען, װאָס זײן פרוי, טראָץ דעם װאָס זי האָט בײ איר אין הויז נישט געקענט פאַרטראָגן קײן שום פרעמדן מענטש, האָט זי אָבער מיך זײער גוט פאַרטראָגן. איך פלעג אַ סך מאָל אָפּװאַרטן בײ אים אין שטוב װען די סחורה האָט געדאַרפט אַרײנקומען פון פאַבריק. דאַן האָב איך געהאָלפן די פּעק אויפּפּאַקן. טראָץ דעם װאָס ער האָט געהאַט אַ סך אָפּנעמער פון פריער אויף די סחורות, האָב איך אָבער שטענדיק באַקומען די גרעסטע טײל פון זײנע סחורות, װײל איך האָב מיך זײער שנעל אַריענטירט אין שאַפן קונים אויף מײן סחורה. אויב דער האָלענדישער ייד האָט אָן געלט כמעט קײנעם נישט געטרויט, האָט ער אָבער מיר געטרויט אויף שװערע טויזנטער פראַנקן.

מײן גאַנצע אַרבעט איז באַשטאַנען צו פאָרן יעדן טאָג פון ליער קײן אַנטװערפּן, נעמען בײ דעם האָלענדער זײנע סחורות און זי פאַרקויפן. איך האָב פאַרדינט אַ סך געלט, װײל טראָץ דעם װאָס איך האָב גוט געלעבט, האָב איך דורך אַ קורצער צײט געקאָנט אָפּשפּאָרן בײ די פופציק טויזנט פראַנק, און פאַר אַכט טויזנט פראַנק האָב איך מיר געקויפט אַ גאָלדענעם זײגער.

אויף דער קיװיט־גאַס איז געװען אַ יידישער רעסטאָראַן, אַ געװיסער קאַפּליק. בײ אים פלעג איך זיצן כמעט אַ גאַנצן טאָג און מײנע קונים פלעגן מיך שױן אַלײן קומען זוכן, אַזױ פּאָפּולער בין איך שױן געװען מיט מײנע סחורות. בײ דעם קאַפּליק איז אַ גאַנצן טאָג געװען פול מיט יידן. סוחרים, מעקלער פון אַלע סאָרטן סחורות. אין דער צװישנצײט האָט מען אויך געשפּילט קאָרטן. אין אָנפאַנג האָב איך געפלעגט זיך בלויז צוקוקן צום קאָרטן־שפּיל, אָבער שפּעטער פלעג איך אויך מיטשפּילן.

כמעט אַלע יידן פון אַנטװערפּן האָבן איצט געטריבן האַנדל. אײנער האָט געשמוגלט, דער צװײטער האָט אַזױ געהאַנדלט, מיט אײל, צוקער, קאַװע, שאָקאָלאַד, זײף. אַלץ װאָס מען האָט נאָר געװאָלט הערן און געדענקען, האָבן יידן געהאַט צו פאַרקויפן. און אַלץ האָט זיך געגעבן ראַנדעװו בײ קאַפּליקן.

בײניש זילבערשטײן האָט געהאַנדלט מיט אַלטע קלײדער. מײן פרײנט קלמן שיף, אַ שטיקל אַרטיסט, אַ שטיקל ליטעראַט און אַ שטיקל מאָלער, אַ מענטש װאָס איז געװען באַגאַבט פון אַלעם אַביסל, האָט אויך געהאַנדלט מיט אַלע סאָרטן סחורות. אָבער ער האָט, דוכט זיך, בײ זײן גאַנצן האַנדל נישט פאַרדינט אויפן עסן. בײ קאַפּליקן האָט מען נאָך באַקומען װײסע בײגל, אַ גוט שטיקל פּוטער־קוכן, אַ גוט שטיקל געפילטע פיש, אַ גוט שטיקל ברוסט, אַלץ אַזױ װי פאַרן קריג.

אַזוי איז אַוועק אַ צייט, וואָס טראָץ אַלע צרות וואָס יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין פון דייטש אין אַנטווערפּן, האָבן זיי דאָך געלעבט און פאַרדינט זייער פּרנסה. איין ייד האָט געהאָלפן דעם צווייטן. אַז מען האָט איינעם איינגעזעצט און מען האָט געדאַרפט געלט דעם ייד פון תפיסה אַרויסצו־נעמען, איז געשאַפן געוואָרן. מען האָט קיין ייד נישט געלאָזט פאַלן.

מיטאַמאָל האָט מען אָנגעהויבן שמועסן, אַז יידן וועלן מוזן טראָגן אַ "שטערן" — אַ מגן־דוד, און אַז אין האָלאַנד מוזן די יידן אים שוין פון לאַנג טראָגן. מען האָט דערציילט פאַרשידענע השערות, אַז די בעלגישע רעגירונג איז קעגן אַזאַ געזעץ. אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט, איז טאַקע באַלד דערשינען אַזאַ פאַראָרדענונג אין די צייטונגען, אַז פון דעם און דעם דאַטום מוזן די יידן פון בעלגיע טראָגן אויף דער לינקער זייט, נעבן האַרץ, אַ געלן מגן־דוד.

ווען מען האָט אָנגעהויבן טיילן אין אַנטווערפּן די "שטערן", בין איך אויך געגאַנגען נעמען אַ "שטערן". דאָס איז געווען אויף דער בעלגעליי, וווּ די בעלגישע פּאָליציי האָט די "שטערן" געטיילט. מען האָט געדאַרפט זען, וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן, צו קאָנען באַקומען דעם "שטערן". טויזנטער יידן, מענער, פרויען, אַלט און יונג האָבן זיך געשטופּט נאָך די "שטערן", אַזוי האָבן די יידן מורא געהאַט פאַרן דייטש, ווייל די צייט פונעם דאַטום, וואָס מען האָט די "שטערן" געדאַרפט טראָגן לויט דער פאַראָרדענונג, וואָס איז געהאַט דערשינען אין די צייטונגען, איז שוין געהאַט פאַרביי און די "שטערן" זענען נאָך אויף דער קאָמאַנדאַנטור נישט געהאַט אַריינ־געקומען. פאַרשידענע אינסטאַנצן האָבן זיך געהאַט געוואָנדן צו דער קאָמאַנדאַנטור וועגן דער פאַרטיילונג פון די "שטערן". דער ראַבינער, די בעלגישע פּאָליציי און אַנדערע אינסטאַנצן, דוכט זיך, ווייל די יידן האָבן מורא געהאַט פאַר נייע שיקאַנעס מצד דעם דייטש, צוליב דעם שוין אָפּ־געלאָפענעם דאַטום פון מוזן טראָגן די "שטערן".

איך בין דעמאָלט אָפּגעשטאַנען אַ האַלבן טאָג אין אַנטווערפּן נאָך דעם "שטערן". צום סוף האָט מען מיר געזאָגט, אַז מיין "שטערן" מוז איך באַקומען אויף דעם אָרט וווּ איך וווין. אינצווישן דער צייט האָט מען געמוזט מיין קלענער יינגעלע, מיין ברערעלע, אָפּערירן אויף פּאַליפּן און "מאַנדלען". מיר האָבן אים געמוזט אַוועקפירן אין שפּיטאָל פון ליער באַלד אינדערפרי, איידער ער האָט נאָך געהאַט געגעסן. מיין פרוי איז מיט אים אַוועק אין שפּיטאָל אַריין אַכט אַזייגער אינדערפרי, אָבער די דאָקטוירים וואָס האָבן געדאַרפט די אָפּעראַציע דורכפירן זענען ערשט געקומען אַזייגער עלף פאַרמיטאָג. איך געדענק, אַז איך האָב ערשט געמוזט גיין אין דאָקטאָר רופן, אין דער צייט וואָס דער צווייטער האָט שוין געוואַרט.

מיין קליין בערעלע, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען אינגאַנצן צוויי און אַ האַלב יאָר, האָט אויסגעזען נאָך דער אָפּעראַציע אַזוי ווי אַ געשאָכטן גענזל. דאָס בלוט האָט אים כסדר גערינען פון מויל און ער האָט שטאַרק געוויינט. איך האָב אים געקויפט פאַרשידענע שפּילצייג און געברענגט אין שפּיטאָל אַריין, אָבער ער האָט נעבעך כסדר געוויינט.

אינצווישן דער צייט האָט מען מיך גערופן אויף דער געשטאַפּאָ קיין אַנטווערפּן. איך קום איינמאָל פאַרנאַכט אַהיים פון אַנטווערפּן, דערציילט מיר מיין פרוי, אַז אַ בעלגישער פּאָליציאַנט האָט געברענגט אַ צעטל, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אויפגעשריבן די אַדרעס פון דער געשטאַפּאָ אין אַנטווערפּן און אַז איך מוז מיטברענגען מיין פּאַס, דעם האַנדלס־רעזשיסטער און מיין חתונה־ביכל.

איך האָב מיך נאַטירלעך גוט דערשראָקן, ווייל איך האָב געוווּסט וואָס עס באַדייט די געשטאַפּאָ. איך האָב אָבער מיט אַ פּאָר טעג פריער געהאַט געהערט, אַז אין אַנטווערפּן האָט מען אויך איניקע יידן, מאַרק־קרעמער, גערופן אויף דער געשטאַפּאָ און מען האָט זיי אַלע אָפּגעלאָזט.

איך בין באַלד אינדערפרי אַוועק קיין אַנטווערפּן. מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ בין איך צוגעפאָרן צו דער געשטאַפּאָ, וואָס האָט זיך געפונען ווייט אונטער אַנטווערפּן. איך האָב מיך אַזוי פרי צוגעשטעלט, אַז איך בין געווען דער ערשטער וואָס איז אַרויפגעלאָזן געוואָרן אין דער געשטאַפּאָ. נאָך אַביסל גיין אויף עטלעכע שטיגן האָב איך מיך געפינען פאַר דער טיר, וו עס איז געזעסן דער מעכטיקער מענטש וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער געשטאַפּאָ פון בעלגיע.

איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר — הערייַן! האָט זיך דערהערט פון אינעווייניק אַ שטימע. איך האָב שטיל אויפגעמאַכט די טיר און בין אַריין אין אַ שטוב נישט קיין צו גרויסע. ביי אַ שרייב־טיש איז געזעסן אַ הויכער בלאָנדער מאַן. ער האָט געבלעטערט אין עפּעס פּאַפּירן. דאָס איז געווען דער הער האַלמס אַליין (אַ צווייטער שערלאָק האָלמס, ווייל אַ קאָפּ האָט ער געהאַט אַ גוטן). איך האָב אים שטיל און נישט דרייסט באַגריסט מיט אַ גוטן מאָרגן אויף וועלכן, איך גלויב, אַז ער האָט נישט געענטפערט. איך האָב אים דערלאַנגט מיין פּאַס, מיין בעלגישע קאַרט ד׳אידאַנטיטע. ער האָט נישט געהאַט באַמערקט, אַז אויף דער קאַרטע האָט זיך געפונען דער דאַטום, אַז איך האָב זיך געצויגן קיין ליער איידער דאָס געזעץ איז געהאַט אַרויס, אַז יידן טאָרן זיך אויף קיין קליינע ערטער נישט ציען. ער האָט געמיינט, אַז ער האָט שוין אויף מיר געפונען א חטא. אָבער ער האָט דערנאָך אַליין באַמערקט זיין טעות. דאַן, מיין נאָמען — לעמעל.

דערווייל איז אויך אָנגעקומען אַ פלעמישער יונגערמאַן, וואָס האָט

געאַרבעט אויף דער געשטאַפּאָ. דער יונגערמאַן האָט געדאַרפט אַראָפּ־שרייבן פון מיין חתונה־ביכל אויף אַ פּאַפּיר מיין נאָמען, מיין אַדרעס, מיין פרוי און מיינע קינדער. ווען דער פלעמישער יונגערמאַן האָט פון מיר גענומען מיינע פּאַפּירן כדי אַלץ צו נאָטירן, האָט האַלמס צו אים פלוצלינג געזאָגט — וואָרט אַ מאָמענט, שרייב נאָך נישט. לעמעל, האָט ער איבערחזרט, איך האָב לעצטנס געזען אַזאַ זעלבן נאָמען. דעמאָלט האָב איך געזען, אַז דער האַלמס באַזיצט אַ גוטן קאָפּ, ווייל אין דער ווירקלעכקייט האָט זיך אין אַנטווערפּן געפונען נאָך אַ לעמעל, נאָר יענער האָט זיך גערופן לעמעל אויפן פאָרנאָמען, און ביי מיר איז עס געווען דער פאַמיליע־נאָמען. איך בין געשטאַנען שטיל די גאַנצע צייט וואָס איך בין געווען אויף דער געשטאַפּאָ און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. האַלמס האָט אַזוי לאַנג געבלעטערט, ביז ער האָט ענדלעך געפונען דעם צווייטן לעמעל. דאַן האָט ער ערשט אין דעם נאָמען פון מיין פרוי געזען, אַז איך בין אַן אַנדערער לעמעל.

דער פלעמישער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך צו מיר גאַנץ העפלעך באַנומען, האָט דאַן גאַנץ שנעל אַלץ נאָטירט, מיין באַשעפטיקונג, צי מיין פרוי איז אַ יידישע, צי מיר זענען איינגעשריבן אין ליער אין יידן־רעזשיסטער, און צי איך הענג אַרויס, ווען איך שטיי אויפן מאַרק, אַ שילדל — יידישע אונטערנעמונג. צולעצט האָט ער מיך געפרעגט, צי איך באַקום נאָך גענוג סחורה. איך האָב אויף מיין פּאַס פיגורירט אַלס מאַרק־קרעמער. איך האָב אים געענטפערט, אַז סחורה געקויפט באַקום איך שוין נישט צופיל. דאַן האָט ער מיר געגעבן מיין באַפרייאונגס־שיין, ווייל אַן דעם באַפרייאונגס־שיין האָט מען שוין מער פון דער געשטאַפּאָ נישט געקאָנט אַרויס.

איך בין געווען גליקלעך ווען איך בין אַרויס פון דער געשטאַפּאָ און פאַר פרייד בין איך אַוועק צו קאַפּליקן עסן אַ פּאָר ווייסע בייגל. ביי קאַפּליקן האָט מען שוין געוווסט, אַז מען האָט מיך גערופן אויף דער געשטאַפּאָ, ווייל פאַרנדיק צו דער געשטאַפּאָ האָב איך אויפן טראַם באַגעגנט אַ באַקאַנטן יידישן סוחר, וואָס האָט זיינע קינדער אַוועקגעפירט אין דער שולע אַריין און איך האָב אים דערציילט, אַז איך מוז איצט גיין אויף דער געשטאַפּאָ, און דער סוחר האָט שוין דאָס נייעס געהאַט פאַר־שפּרייט.

מיין בעל־בית, דעם האָלענדישן ייד, האָט מען אויך גערופן אויף דער געשטאַפּאָ. צי עמעצער האָט אים געמוסרט אַז ער הענגט נישט אַרויס אין זיין פענצטער — "יידישע אונטערנעמונג", אָדער איז עס געווען דורך אַ צופאַל פון אַ פלעמער וואָס פלעגט ביי אים קויפן סחורה, און מען האָט

ביי דעם פלעמער קאָנטראָלירט די סחורה, האָט מען געזאָלט געפונען די רעכנונגען פון מיין בעל־בית. איך גלויב נישט די לעצטע השערה, וואָס מיין בעל־בית האָט אַרויסגעזאָגט. איך גלויב, אַז צוליב קנאה וואָס ער מאַכט אַזעלכע גוטע געשעפטן, האָבן אים די שכנים געמוסרט.

מיין בעל־בית איז פאַראורטיילט געוואָרן פאַרן נישט אַרויסהענגען קיין שילד "יידישע אונטערנעמונג" אין פענצטער, מיט צען טויזנט פראַנק שטראָף און צוויי וואָכן געפענגניש. וויפיל ער האָט זיך באַמיט און געוואָלט לאָזן קאָסטן געלט ער זאָל די צוויי וואָכן געפענגניש נישט דאַרפן גיין זיצן, האָט אַלץ נישט געהאָלפן. קיין שום פּראָטעקציע האָט נישט געהאָלפן. ער האָט זיין שטראָף געמוזט אָפּזיצן.

אונטער דער צייט איז ווידער אַרויס אַ פריש געזעץ, אַז אַלע יידן וועלן מוזן איינליפערן זייערע האַנדלס־רעזשיסטערס. יעדער יידישער סוחר האָט באַקומען אַ רעקאָמענדירטן בריוו פון דער קאָמאַנדאַנטור. — די דייטשע מאַכט, אַזוי האָט זיך אין דעם בריוו געשריבן, פאָדערט אויף איינצוליפערן דעם האַנדלס־רעזשיסטער און דעם סטאָק פון די סחורות אַריינצושיקן צו דער דייטשער מאַכט. אַ חוץ קליינהענדלער, וואָס פלעגן פאַרקויפן זייערע סחורות אין ענצל, זיי האָבן געמעגט זייערע סחורות ליקווידירן, נאָר זיי וועלן מוזן, האָט מען געזאָגט, פאַר די פאַרקויפטע סחורה איינליפערן "פונקטן", אַזאַ סאָרט טעקסטיל־מאַרקע, וואָס די קויפער האָבן געגעבן ביים קויפן זייער סחורה.

באַלד נאָך דעם געזעץ פון איינליפערן די האַנדלס־רעזשיסטערס איז דערשינען ווידער אַ פריש געזעץ, אַז יידן וועלן גענומען ווערן אויף אַרבעט, נאָר זיי וועלן נישט טאָרן אַרבעטן צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטער, נאָר אָפּגעזונדערט, אַליין.

איך האָב דאַן געמוזט פאָרן קיין מאַלין (מעכעלען) איינליפערן מיין האַנדלס־רעזשיסטער, ווייל ליער האָט געהערט צום אַראָנדיסמאַן מאַלין. די באַאַמטע פונעם האַנדלס־רעזשיסטער אין מאַלין האָבן זיך וועגן מיין פאַל שטאַרק געסודעט, און ווען איך האָב דעם באַאַמטן געפרעגט, צי איך זאָל מיין האַנדלס־רעזשיסטער באַהאַלטן, האָט ער צו מיר געזאָגט — באַהאַלט אים גוט, ער וועט דיר נאָך צונוץ קומען. אַזוי ווי איינער זאָגט, אַז דער דייטש וועט אַוועק, וועסטו ווידער מעגן האַנדלען. מיין דערלויבעניש צו שטיין אויפן מאַרק האָב איך געמוזט אָפּשיקן אין בעלגישן מיניסטעריום פון עקאָנאָמישע זאַכן. דאַן האָב איך געמוזט שרייבן אַ העפלעכן בריוו אין דער דייטשער קאָמאַנדאַנטור, אַז איך האָב אַלץ דערפילט לויטן ווונטש פון דעם רעקאָמענדירטן בריוו וואָס איז מיר צוגעשיקט געוואָרן.

מען האָט אָנגעהויבן נעמען יידן אויף אַרבעט. צוערשט האָט מען גערופן די יידן וואָס פלעגן נעמען אַ געוויסע שטיצע ווען זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַרבעט. אַלץ איז געגאַנגען פאָרמעל. מען האָט די יידן צוערשט גערופן צום דאָקטאָר. דאַן האָט דער יעניקער, וואָס דער דאָקטאָר האָט אים געפונען פאַר געזונט, באַקומען אַ צעטל אין אַ פּאָר טעג אַרום זיך צוצושטעלן אויף אַרבעט. אין די ערשטע טעג האָט מען אַ קראַנקן, אַ פאָטער פון אַ סך קינדער, באַפרייט פון צו גיין אויף אַרבעט. אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט, האָט דער דאָקטאָר קיין איין ייד מער נישט באַפרייט, אַלץ איז גענומען געוואָרן אויף אַרבעט: קראַנקע, לאָמע, טויבע, אינוואַלידן אפילו, וואָס האָבן מיטגעמאַכט דעם קריג אין בעלגישן מיליטער. עס האָט אפילו געטראָפן דאָס אַ יידיש־בעלגישער זעלנער, וואָס איז ערשט געהאַט אַהיימגעקומען פון קריגס־געפאַנגענ־שאַפט און ער איז געווען קראַנק און שוואַך, האָט ער אויך געמוזט אַוועק אויף אַרבעט. דער יידישער קריגס־געפאַנגענער האָט זיך דעמאָלט געוואָנדן צום בעלגישן מיניסטעריום פון "קריג". ער האָט אויך, דאַכט זיך, געשריבן אַ בריוו צום בעלגישן קעניג. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן, ער האָט געמוזט אַוועקגיין אויף אַרבעט.

# פערטער קאַפּיטל

די ערשטע פּאַרטיע יידן, וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען אויף אַרבעט, זענען נישט געווען זייער טרויעריק געשטימט. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן אַרבעטן און מען וועט זיי באַהאַנדלען אַלס אַרבעטער, זיי וועלן קענען זייערע פאַרדינסטן שיקן זייערע פרויען זיי זאָלן האָבן צו לעבן מיט די קינדער.

עס איז אָבער אַוועק אַ פּאָר וואָכן, און פון די אַוועקגעשיקטע איז קיין בריוו נישט געקומען. דעמאָלט האָט מען ערשט געזען דעם חורבן. בעלגישע אַרבעטער, וואָס פלעגן אַהיימקומען אויף אורלויב פון פראַנק־רייך, האָבן די ערשטע דערציילט, אַז זיי האָבן געזען די יידן פון בעלגיע, צווישן וועלכע זיי האָבן אַ סך געקענט. זיי האָבן דערציילט, אַז די יידן ווערן געפירט יעדן טאָג אויף זייער אַרבעט מיט אַ דייטשע וואַך, זיי זענען אַרומגעצוימט מיט שטעכלדיקע דראָט און זיי הונגערן. דעמאָלט איז געוואָרן אַ רעש. יעדער האָט געזוכט זיך צו ראַטעווען. אַ סך זענען געלאָפן צו אַדוואָקאַטן — דער האָט אַן אַלטע מוטער, דער האָט אַ קראַנק ווייב אָדער אַ קראַנק קינד און יעדער וויל, אַז מען זאָל אים פאַרלענגערן דעם טערמין פון שטעלן זיך צו דער אַרבעט.

עס איז געווען איין אַדוואָקאַט אין אַנטווערפּן, וואָס האָט געקאָנט דאָס אַוועקשיקן אויף אַרבעט אַ געוויסע צייט אויפהאַלטן, און דער מענטש האָט פאַרדינט מאַסן געלד.

אַ סך יידן זענען געלאָפן צו פּויערים, מען זאָל זיי צונעמען אויף אַרבעט. זיי האָבן די פּויערים נאָך געלט צוגעצאָלט, ווייל מען האָט גע־זאָגט, אַז יידן וואָס וועלן זיין באַשעפטיקט ביי לאַנד־אַרבעט, וועט מען זיי נישט נעמען אויף אַרבעט.

אָבער דער דייטש האָט די אַלע פּלענער צונישט געמאַכט. איינמאָל, איך זיץ אַזוי אין אַ יידישן רעסטאָראַן אויף דער פעסטונג־גאַס. דאָס איז, דאַכט זיך, דעמאָלט געווען דער איינציקער יידישער רעסטאָראַן, וואָס איז נאָך געווען אָפן. די אַנדערע, ווי אויך קאַפליק, האָבן שוין לאַנג גע־האַט באַקומען רעקאָמאַנדירטע בריוו, אַז זיי מוזן זייערע רעסטאָראַנען

שליסן. קומט צו לויפן אַ ייד און דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען, ווי אַלע יידן, וואָס קומען אָן מיט די באַנען פון בריסל און אַנדערע געגנטן, ווערן איינגעהאַלטן. מענער און פרויען. ווער עס טראָגט נאָר אַ ״שטערן״ ווערט באַלד אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט. מען האָט אויך דערציילט, אַז אפילו אויף די טראַמען האַלט מען איין די יידן.

איך בין דאַן שנעל געלאָפן צו דער סטאַציע פון בערכעם, צו נע־מען דעם צוג קיין ליער. אויפן וועג קיין בערכעם, האָב איך באַגעגנט יידן, זיי האָבן געמיינט, אַז איך מוז פאָרן קיין בריסל און זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז אין דער בערכעם־סטאַציע שטייט קיינער נישט. אין דער בערכעם־סטאַציע איז טאַקע קיינער נישט געשטאַנען און איך האָב מיט אומגעדולד געוואַרט אויף מיין צוג קיין ליער.

איך דערמאָן זיך, אַז איידער מען האָט אָנגעהויבן צו כאַפן יידן אין די גאַסן, האָט אַ בעלגישער ס. ס.־מאַן מיך צוויי מאָל געהאַט איינ־געהאַלטן ביים אויסשטייגן אין דער סטאַציע פון בערכעם, ווייל צו גיין צו מיין בעל־הבית האָב איך געמוזט אָפּשטייגן אין דער סטאַציע פון בערכעם, פון וועלכער ער האָט נישט ווייט געוווינט. דער ס. ס.־מאַן מיט זיין מערדעריש פּנים, מיט שניטן פון מעסערס אין די באַקן און זיינע מערדערישע, קליינע אייגעלעך, האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק, אַז מען האָט נאָר דעם מענטש אָנגעקוקט. ער האָט געמיינט, אַז איך בין פון אַנטלויפן און איך פאָר שמוגלען. אָבער ווען ער האָט איינמאָל אַריינגעקוקט אין מיין לעדערנער טאַש, אַז עס ליגט נישט מער נאָר אַ פּאָר שטיקלעך ברויט, האָט ער גאָרנישט געזאָגט. דער ס. ס.־מאַן איז געהאַט ספּעציעל באַשטימט געוואָרן צו האָבן די קאָנטראָל איבער יידן אויפן דיסטריקט בערכעם. אַ צווייט מאָל, האָט ער מיך ווידער געזען אָנקומען. ער האָט זיך געהאַט באַהאַלטן הינטער אַ מויער, איך זאָל אים נישט זען. פון וואַנען קומסטו? — האָט ער מיך געגעבן אַ פרעג. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך קום פון ליער. — וואָס האָסטו דאָרט געטאָן? — האָט ער מיך ווייטער געפרעגט. — איך האָב אים דאַן געזאָגט, אַז איך וווין אין ליער. ער האָט דאַן זיך געהייסן ווייזן מיין פּאַס. — נאָך וואָס קומסטו יעדן טאָג קיין אַנטווערפּן? — האָט ער מיך ווייטער געפרעגט. — אַזוי אַביסל, האָב איך אים געזאָגט, און היינט האָב איך אים ווייטער געזאָגט, מוז איך עפּעס דערליידיקן אויף דער קאָמאַנדאַטור. — דו ליגסט, האָט ער צו מיר געזאָגט אין דייטש.

איך האָב אים גאָרנישט געענטפערט און ער האָט מיך דעמאָלט אָפּגעלאָזט. — אַז איך וועל דיך נאָך איינמאָל זען, האָט ער צוגעגעבן אין דייטש, דאַן שפּער איך דיך איין. צוויי טעג שפּעטער האָט מען

יידן געכאַפּט אין די גאַסן, און ווען ער וואָלט מיך דעמאָלט געווען איינ־געהאַלטן, וואָלט איך שוין אוודאי באַלד דעמאָלט מיין פרוי און קינ־דער נישט מער געזען. אָבער עס זעט אויס, אַז דער באַפעל פון כאַפּן יידן אין די גאַסן, איז נאָך דעמאָלט נישט געהאַט אָנגעקומען. דער דייטש האָט יעדן טאָג אַנדערע פלענער מענטשן צו פּייניקן. איצט ווען איך האָב געוואַרט אויפן צוג, האָב איך זיך שטאַרק געשראָקן, אַז דער ס. ס.־מאַן זאָל נישט אָנקומען. יעדע מינוט האָט מיר אויסגעזען צו זיין אַן אייביקייט.

איך בין שוין מער קיין אַנטווערפּן נישט געפאָרן. אָבער נאָך אַ פּאָר טעג, ווי איך בין געבליבן אינדערהיים, זאָג איך צו מיין פרוי — דאָס איז געווען אין אַ זונטיק, איך וועל פאָרן זען, וואָס עס טוט זיך אין אַנטווערפּן. איך האָב גענומען דעם צוג ביז מארטסל צוויי סטאַציעס פאַר אַנטווערפּן. דאָן בין איך געגאַנגען צופוס ביז אוידעגאַט. דאָרט האָב איך געוואָלט נעמען דעם עלעקטרישן טראַם, וואָס איז געגאַנגען קיין אַנטווערפּן. ווי איך בין אַזוי געשטאַנען און געוואַרט אויפן טראַם, זע איך פּלוצלינג ווי עס פאָרט פאַרביי אַ לאַדונגס־אויטאָ פול אָנגע־שטופּט מיט יידן. מענער, פרויען און קינדער. אַן אַלטער פלעמער, וואָס איז פּונקט פאַר מיר פאַרבייגעגאַנגען און האָט דאָס געזען, האָט ציניש געמאַכט צו מיר אַ באַמערקונג — וואָס אונזער גאָט טוט אַלץ אָן אויף דער וועלט.

איך האָב גענומען דעם טראַם קיין אַנטווערפּן. אין טראַם האָב איך זיך געפרעגט דעם טראַם־באַדינטן, וואָס עס קומט פאָר אין אַנטווערפּן? האָט ער מיר דערקלערט, אַז מען האָט אַ גאַנצע נאַכט פון שבת אויף זונטיק די יידן אַרויסגענומען פון זייערע בעטן. אַ ייד מיט אַ פרוי, וואָס זענען ביינאַכט געהאַט אַנטלאָפן פון אַנטווערפּן, זענען אויך אַרויפגעקו־מען אויפן טראַם, און זיי האָבן מיר דאָס זעלבע דערציילט, אַז די דייטשן האָבן נישט קיין רחמנות אַפילו אויף קיין קינדער. איינער, האָבן זיי דערציילט, אַ געוויסער געלמאַן, וואָס איך האָב גוט געקענט און איז געווען זייער אַן אנשטענדיקער מענטש. זיינס אַ ברודער מיטן ווייב זענען געהאַט געהרגעט געוואָרן מיט אַ יאָר צוריק פון אַ באָמבאַרדעמענט אויף דער פלוכט און געלמאַן האָט די דריי צי פיר יתומים, וואָס זענען פון זיין ברודער איבערגעבליבן, אַריינגענומען צו זיך. געלמאַן איז גע־ווען קראַנק, און ווייל ער האָט זיך נישט געקאָנט באַוועגן אַזוי שנעל, ווי זיי האָבן געוואָלט, האָבן די פעלד־זשאַנדאַרן אים געשלאָגן, ביז ער איז געבליבן ליגן טויט אויף דער ערד. די קליינע יתומים האָבן זיי מיטגענומען, און דעם טויטן האָבן זיי געלאָזט ליגן. נאָך דער גע־

שיכטע, וואָס דאָס יידישע פּאַרפאָלק האָט מיר דערציילט, האָב איך שוין מורא געהאַט אַריינצופאָרן קיין אַנטווערפּן. איך בין אָפּגעשטיגן אין בערכעם, ווו איך האָב געהאַט וווינען אַ באַקאַנטן פון לאַנגע יאָרן, אַ געוויסער געגאַט, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ פלעמיש מיידל — אַ געוועזענע לערערין אין אַ פלעמישער שולע. ער האָט אויך מיט איר געהאַט אַ קינד — אַ ייִנגל.

איך האָב ביי אים אָנגעקלינגען און געוואָלט נעמען אינפאָרמאַציעס וועגן די געשעענישן, ווייל די יידן פון געמישטע חתונות, האָט דער דייטש צורו געלאָזט. מיין באַקאַנטער איז אָבער נישט געווען אינדער־היים, נאָר די פרוי איז אַראָפּגעקומען און מיר אויפגעמאַכט די טיר. איך האָב זי געפרעגט אויף איר מאַן, האָט זי מיר דערקלערט, אַז ער איז אַוועק אין שטאָט אַריין, און ווען ער וועט צוריקקומען ווייס זי נישט. די פרוי געגאַט האָט מיר דערציילט, אַז מיין בעל־הבית, דעם האָלענדישן ייד, האָט מען אויך געכאַפּט אויף דער סטאַציע שוין אַ וואָך צייט, ווען ער איז שבת אַהיימגעפאָרן פון שאַרלערואַ באַזוכן זיין פרוי. דער געגאַט פלעגט אויך אַ סך מאָל עפּעס האַנדלען מיט מיין בעל־הבית, אַזוי אַרום האָט ער געוווסט, אַז מען האָט אים געכאַפּט. די פרוי געגאַט, האָט, דאַכט זיך, צוגעגעבן, אַז מיין בעל־הבית פרוי מיט אירע צוויי קינדער, איז צו איר מאַן אַליין אַהינגעפאָרן.

איך בין נאַטירלעך קיין אַנטווערפּן שוין נישט מער אַריינגעפאָרן, נאָר זיך אומגעקערט אַהיים. אַזוי ווי איך האָב געמוזט וואַרטן אויף אַ צוג ביז פיר אַזייגער נאָכמיטאָג, און איצט איז ערשט געווען אַזייגער צען אינדערפרי, האָב איך זיך געלאָזט גיין די פופצן קילאָמעטער, וואָס איך האָב געהאַט צו מאַכן פון אוידעגאַט ביז ליער צופוס.

אויפן וועג האָב איך באַגעגנט אַ מילך־פויער, וואָס איז צוריקגעפאָרן מיט ליידיקע קאַנען פון אַנטווערפּן, האָט ער מיך אַ שטיקל וועגס מיט אויפגענומען, שוין נישט וויט פון ליער.

אינדערהיים, האָב איך מיין פרוי דערציילט, וואָס עס קומט פאָר אין אַנטווערפּן.

צומאָרגנס, מאָנטיק אינדערפרי, האָט מיין פרוי געזאָגט, אַז זי וועט אַריבערפאָרן מיטן עלעקטרישן טראַם, וואָס גייט פון ליער קיין אַנטווערפּן, זען, וואָס עס הערט זיך. אגב, האָט זי געזאָגט, וועט זי זיך גיין פרעגן אין יידן־ראַט, צי מיר מעגן אַוועקגעבן אונזערע קינדער צו אַ פלעמער, ווייל מיר האָבן זיך געריכט, אַז אויך דאָ אין ליער וועט מען קומען איינע פון די נעכט אונז נעמען און מיר האָבן געזוכט צו פאַר־זאָרגן כאָטש אונזערע קינדער.

ווען מיין פרוי איז צוריק אַהיימגעקומען פון אַנטוּוערפּן, האָט זי דערציילט, אַז אין אַנטוּוערפּן איז איצט ווידער שטיל און אַז אין יידן־ראָט האָט מען איר געזאָגט, אַז זיי גלויבן נישט, אַז אַ פרוי מיט קליינע קינדער זאָל מען אַוועקשיקן. אויב זי קען די קינדער אַוועקגעבן צו אַ פלעמער, איז אוודאי גוט — דער דייטש וועט דאָך נישט גיין זוכן קיין קליינע קינדער.

אין דער גאַס, ווו מיין פרויס שוועסטער האָט געוווינט, האָט מיין פרוי דערציילט, איז גאָרנישט פאָרגעקומען. דינסטיק איז געקומען מיין פרויס שוועסטערס אַ יינגל פון אַ יאָר פערצן און ער האָט דערציילט, אַז אין אַנטוּוערפּן איז דערווייל רואיק. צוויי טעג שפּעטער איז מיין פרוי ווידער געפאָרן קיין אַנטוּוערפּן. איך געדענק נישט נאָך וואָס, אָבער זי האָט באַוויזן די אומפאָרזיכטיקייט צו בלייבן נעכטיקן ביי איר שוועסטער אין אַנטוּוערפּן. איך האָב דעמאָלט נישט געוווּסט וואָס פאַר אַן עצה איך זאָל מיר געבן. איך האָב געמיינט, אַז מען האָט זי אויפגעכאַפּט. צומאָרגנס איז זי געקומען אַהיים, און אַ טאָג שפּעטער, האָט מען אין דער זעלבער גאַס, ווו מיין פרויס שוועסטער האָט געוווינט, אויך גענומען פון די בעטן. דער דייטש האָט געהאַט אַ פּאָר טעג אויפגעהערט צו נעמען מענטשן פון די בעטן. אָבער ער האָט דערנאָך מיט נאָך מער העפטיקייט אָנגעהויבן צו מאַכן די ראַזיאַס. איך געדענק נישט גענוי, אָבער איך מיין, אַז מיין פרויס שוועסטערס מאַן, איז שוין געהאַט אַוועקגעפאָרן קיין פראַנקרייך אויף אַרבעט.

איך האָב אויך באַקומען אַ בריוו זיך צוצושטעלן קיין מאַלין צום דאָקטאָר. דער בריוו איז צוערשט געהאַט געקומען אויף מיין ערשטע אַדרעס פון ליער. אַזוי ווי איך האָב זיך נישט צוגעשטעלט, האָט דער אַרבעטס־אַמט אַרויסגעשיקט נאָך אַ צווייטן בריוו מיט אַ וואָרענונג, אַז איך האָב צו טאָן מיט דער דייטשער מאַכט. דער פּאָסטן־טרעגער האָט איצט געפונען מיין אַדרעס און מיר געבראַנגט דעם בריוו. איך האָב צוערשט געשיקט מיין פרוי אין אַרבעטס־אַמט פון מאַלין זיך פאַרענטפערן, אַז דאָס איז נישט געווען מיין שולד, וואָס איך בין נישט געקומען, נאָר דער בריוו איז געווען אָפּגעגעבן אויף אַ פאַרקערטן אַדרעס. אַזוי ווי אין אַרבעטס־אַמט זענען נאָך אַלץ געזעסן פלעמישע באַאַמטע, איז אַלץ אַדורכגעגאַנגען גלאַטיק. איך האָב זיך נאָר געדאַרפט צושטעלן צום דאָקטאָר. דערווייל האָב איך געהאַט אַכט טעג פּראָפּיטירט. איך בין נאַטירלעך אַריבערגעפאָרן קיין מאַלין אין אַרבעטס־אַמט. דער דאָקטאָר, אַ פיינער מענטש — אַ פלעמער, האָט מיט מיר געהאַט גרויס מיטלייד, ווייל ער האָט געזען, וואָס מען טוט מיט אונז יידן.

אין מאַלין האָב איך געזען, ווי ביי דער סטאַציע איז געווען געמאַכט אַ ספּעציעלער פּלאַץ אָפּגעגרענעצט, און יעדע פּאָר מינוט זענען אָנגעקומען באַנען מיט יידן. מענער, פרויען, יונגע און אַלטע. די יידן האָט מען אויפגעלאָדנט אויף אויטאָס און אַוועקגעפירט אין דער קאַזאַרמע דאַסיין. אויפן טראַם אין מאַלין, האָב איך געהערט, ווי אַ בעלגישער פּאָליציאַנט האָט דערציילט, אַז די קאַזאַרמע איז אַזוי אָנגעשטאָפּט, אַז עס איז נישטאָ מער קיין אָרט ווו די מענטשן אַריינצושטופּן. פרויען, האָט ער דערציילט, מיט זויג־קינדער. — דאָס געוויין און געשריי איז דאָרט אַזוי גרויס, אַז עס איז אומבאַשרייבלעך. דאָ האָבן ווידער די יידן געלעבט אין אַ טעות. זיי האָבן געמיינט, אַז מען שיקט זיי צוריק אַהיים אין די לענדער, פונוואַנען זיי זיינען. זיי האָבן זיכער נישט געוווסט, אַז מען שיקט זיי אַלע אַוועק אויסצוהרגענען און טויזנטער יידן האָבן זיך פריייוויליק צוגעשטעלט.

מיין פרויס שוועסטער האָט זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן ביי אַ פלעמישער פרוי, וואָס האָט געוווינט איבער איר וווינונג, ווען מען האָט געמאַכט ביינאַכט די ראַזיאַ אין איר הויז. דאַן איז זי אַרויסגעקומען קיין ליער מיט נאָך עפּעס אַ יידישע פרוי און האָבן ביידע אַוועקגעשטעלט זייער מעבל און נאָך אַנדערע זאַכן ביי דער פלעמישער פאַמיליע סאַנדערס אין דער וויינגאַרט־גאַס אויף דער אַדרעס, ווו איך האָב זיך געהאַט אין אַנטלויפן אויסגעמאַלדן, ווען איך בין געקומען קיין ליער. איך האָב דאַן מיין שוועגערין נאָך געבאָרגט געלט, זי זאָלן האָבן צו באַצאָלן די מעבל אַריבערצוברענגען, וואָס דאָס איז אפשר שפּעטער געווען מיין אומגליק.

מיין שוועגערין איז געבליבן דעמאָלט אָן געלט. זי האָט געהאַט ליגן שטאָפּן. גאָלדענע רינגלעך. אַ ראַדיאָ, אַ ניי־מאַשין. אָבער אַנשטאָט זי האָט געזאָלט בעסער עפּעס פאַרקויפן, אָדער מאַכן פון די שטאָפּן, וואָס זי האָט אַריינגעלייגט צו די סאַנדערס, אָן אַנצוג פאַר איר יינגל, וואָס איז אַרומגעגאַנגען נאַקעט, האָט זי זיך ליבער ביי מיר געבאָרגט געלט, און פון אַ געמיינעם שטאָף געלאָזט מאַכן פאַר איר יינגל אָן אַנצוג.

יאָ, אַלע יידן האָבן די פלעמער אָנגעשטאָפּט מיט פאַרמעגנס, וואָס דאָס איז שפּעטער געווען זייער אומגליק, ווייל כדי צו קענען באַזיצן די פאַרמעגנס, אויב אַ ייד האָט זיך אויסבאַהאַלטן, זענען זיי אים געגאַנגען אַליין פאַראַטן. שפּעטער בין איך צוליב מיין שוועגערינס זאַכן מיטן מעבל, אויך פאַראַטן געוואָרן מיט מיין פרוי און קינדער.

די ניי־מאַשין מיטן ראַדיאָ און אירע גאָלדענע רינגלעך, האָט מיין שוועגערין דערציילט, האָט זי אַריינגעלייגט צו דעם בעל־הבית, פאַר

וועלכן איר מאַן פלעגט לעצטנס אַרבעטן — עפּעס אַ געוויסער בויקע־לער. איך נאָטיר ספּעציעל אין מיינע דערינערונגען די פּערזאָנען, כדי זיי זאָלן שפּעטער נישט קאָנען אַראָפּשלינגען קיין יידיש האָב און גוטס. — דער בויקעלער, מוז איך באַמערקן, איז אַ שניידער, אַ באַקאַנטע פּלעמישע פירמע אין אַנטווערפּן.

צוויי טעג פאַר ראש־השנה איז מיין שוועגערין ווידער אַרויסגעקו־מען קיין ליער מיט אירע צוויי קינדער, אַ יינגל פון פערצן יאָר און אַ מיידל פון אַכט יאָר. ערב ראש־השנה האָט מיין שוועגערין געזאָגט, אַז זי פאָרט אַהיים קיין אַנטווערפּן. — עס קען זיין, האָט זי געזאָגט, אַז עס איז אָנגעקומען פון איר מאַן אין יידן־ראַט אַ בריוו. זי איז דאַן מיט די צוויי קינדער צוריק אַהיימגעפאָרן. אָבער נאָכמיטאָג, איך גיב אַ קוק דורכן פענצטער, זע איך, ווי דאָס יינגל איז אַליין געקומען צו פאָרן מיט זיין קליין שוועסטערל אויף זיין וועלאָ. ביידע האָבן שטאַרק געוויינט און דערציילט, אַז ווען די מוטער איז געגאַנגען אין יידן־ראַט אַריין, האָט מען זי דאָרט איינגעהאַלטן און, אַז אַלע יידן וואָס זענען דעמאָלט געקומען אין יידן־ראַט אַריין — אויסער בעלגישע יידן — האָט מען אַלע איינגעהאַלטן. די קינדער האָבן זיך גוט אויסגעוויינט, אָבער זיי האָבן באַלד אין זייער מוטער פאַרגעסן.

איך בין דעמאָלט געווען אַזוי נאַריש. מען האָט מיר אָנגעמאַכט אַ שרעק, אַז איך טאָר די צוויי קינדער נישט אויסבאַהאַלטן, אַז איך אַליין וועל נאָך שטאַרק באַשטראָפט ווערן. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט גע־ווּסט, וואָס דער דייטש טוט מיט די יידן און מיט די יידישע קינדער. איך האָב גערעכנט, אַז עס וואָלט אפשר בעסער געווען פאַר די קינדער זיי זאָלן זיין ביי זייער מוטער.

איך האָב געזאָגט צו מיין פרוי, נאָכדעם ווי די קינדער זענען ביי מיר געווען צוויי וואָכן, קיין ראַציאָנס־קאַרטן האָבן זיי נישט געקאָנט באַקומען, ווייל זייער מוטער האָט ביי זיך מיטגעטראָגן די ראַציאָנס־קאַרטן, און אַזוי צו לעבן אָן קאַרטן איז געווען שרעקלעך טייער. איצט ווען איך האָב געוואָלט אַוועקגעבן מיינע קינדער צו אַ פלעמער, האָב איך אַליין געדאַרפט האָבן אַ סך געלט, און האָב מיר נישט געקאָנט דערלויבן צו האַלטן נאָך צוויי קינדער אָן ראַציאָנס־קאַרטן. — זאָל די פרוי סאַנדערס, האָב איך געזאָגט, מיט די צוויי קינדער אַריבערפאָרן אין יידן־ראַט אַריין קיין אַנטווערפּן פרעגן, וואָס עס איז דאָ צו טאָן מיט די צוויי קינדער.

# פינפטער קאַפּיטל

די פרוי סאַנדערס איז אַריבערגעפאָרן מיט די קינדער אין יידן־ראַט אַריין. דאָרט האָט מען איר דערקלערט, אַז זיי האָבן באַקומען שטרענגע אינסטרוקציעס, אַלע קינדער וואָס וועלן זיך אַרומדרייען אָן עלטערן, באַלד אָפּצושיקן קיין מאַלין אין דער קאַזאַרמע דאָסיין. פּאַקטיש, — האָט מען אין יידן־ראַט דער פרוי סאַנדערס נאָך דערקלערט — וואָלטן זיי געדאַרפט די קינדער איינהאַלטן, נאָר אַזוי ווי זיי זענען נישט קיין פּאָליציי, טוען זיי דאָס נישט.

— מעג איך ביי מיר האַלטן דאָס מיידל? — האָט די מאַדאַם סאַנדערס זיך געפרעגט אין יידן־ראַט. — דו מעגסט זיכער, האָט מען איר געענטפערט, דאָס מיידל האַלטן ביי דיר, אויב דו ווילסט, דו וועסט נאָך באַקומען פון אונז אַ שטיצע, נאָר אויב דו שיקסט זיי בײדע אַוועק קיין מאַלין, האָט מען איר ווייטער דערקלערט, קאָן זיין, אַז זיי וועלן אָפּגעשיקט צו זייער מוטער. עס זעט אויס, אַז דער יידן־ראַט איז געווען שלעכט אינפאָרמירט וואָס מען טוט מיט די יידן.

די פרוי סאַנדערס האָט מיר די צוויי קינדער צוריקגעברענגט. דער פלעמישער שכן, ווו דאָס יינגל פלעגט שלאָפן, האָט אים דאָס נאָכט־לעגער אָפּגעזאָגט. ער האָט מורא באַקומען, אַז ער זאָל נישט באַשטראָפט ווערן, וואָס ביי אים נאָכטיקט אַ יידיש יינגל. אַזאַ פחד האָט דער דייטש געוואָרפן אויף די, וואָס וועלן לאָזן איבערנאַכטיקן ביי זיך אַ ייד. איך האָב נישט געוווסט וואָס איך זאָל טאָן. איך האָב פאַר מיר אַליין אויך מורא געהאַט, אַז טאָמער וועט מען ביי מיר געפינען די קינדער, וועל איך נאָך מער באַשטראָפט ווערן, אַזוי נאַריש און שלעכט איז אַ סך מאָל דער מענטש. אָנשטאָט איך האָב געזאָלט זאָגן, קינדער בלייבט ביי מיר, וואָס עס וועט זיין מיט מיר, וועט אויך זיין מיט איך, — האָב איך געזאָגט — נייך, בענאַ! אַזוי האָט געהייסן מיין שוואָגערס יינגל. — נעם, האָב איך צו אים געזאָגט דיין שוועסטערל מאַריעט, — מאַכט אייך צוויי פּעקלעך און גייט אַריבער קיין מאַלין, מען וועט אייך שיקן צו אייער מאַמען, וועט אייך זיין בעסער ווי אַזוי זיך אַרומצוואַלגערן, און שפּעטער זאָלט איר נישט וויסן, ווו אייער מאַמע געפינט זיך.

בענאַ האָט מיך געהאַרכט. ער האָט געמאַכט צוויי פּעקלעך, פאַר זיך און פאַר זיין קליין שוועסטערל, און זיי זענען געגאַנגען פאָרן קיין מאַלין. דאָס יינגל האָט געלאָזט מאַכן פאַר זיין שוועסטערל אַ זילבערנעם רינג מיט איר נאָמען און איר געבורטס־דאַטום. דעם רינג איז ער צו־ערשט געגאַנגען אָפּנעמען אין אַ גאָלד־געשעפט ביי אַ זייגער־מאַכער. דערנאָך, אַזוי ווי עס איז נאָך געווען צייט צו גיין צום אויטאָבוס וואָס איז געגאַנגען קיין מאַלין, איז ער מיט זיין שוועסטערל דערווייל געגאַנגען צו דער פאַמיליע סאנדערס. מיין פרוי האָט געהאַט מיר אָנגעזאָגט, אַז דאָס מיידל זאָל איך לאָזן ביי דער פרוי סאנדערס, ווייל זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט זי האַלטן. צופעליק האָט ביי דער פאַמיליע סאנדערס איבער־גענאַכטיקט אַ יידישער יונגערמאַן פון אַנטווערפּן, אַ שניידער, וואָס האָט אויך אַמאָל געהאַט געאַרבעט צוזאַמען מיט דעם זון פון די סאַנ־דערס ביי איין בעל־הבית, און אַזוי אַרום האָט ער די פאַמיליע געקאָנט.

דער יונגערמאַן איז איצט געהאַט אַנטלאָפן פון פראַנקרייך — פון די וואָס מען האָט געהאַט אַוועקגעשיקט אויף אַרבעט. דער יונגערמאַן האָט מיר אָנגעמאַכט אַ מורא, אַז אויב דאָס יינגל אַליין וועט גיין קיין מאַלין, וועט מען אים צווינגען, ער זאָל זאָגן ווו זיין שוועסטערל געפינט זיך, און דאַן האָב איך מורא געהאַט ער זאָל מיך נישט פאַראַטן. דער יונגערמאַן האָט מיר אויך דערציילט שרעקלעכע זאַכן, וואָס עס ליידן זיך אָן די וואָס זענען אַוועקגעפאָרן אויף אַרבעט.

די פרוי סאנדערס איז נישט געווען אינדערהיים, זי פלעגט פאָרן שמוגלען. איך האָב געזאָגט צו דעם יינגל: בענאַ, האָרך מיך, נעם מיט מאַריעטן, מען וועט אייך שיקן צו דער מאַמען. ער האָט מיך געהאָרכט. און ביידע זענען געגאַנגען צום אויטאָבוס וואָס איז געגאַנגען קיין מאַלין. אָבער ווען איך בין געקומען אַהיים, איז מיין פרוי אויסגעבראָכן אין אַ שרעקלעך געוויין — וואָס האָסטו געטאָן? — האָט זי צו מיר געשריגן — פאַרוואָס האָסטו דאָס מיידל אַוועקגעשיקט? די פרוי סאנדערס האָט דאָך געזאָגט, אַז זי וועט דאָס מיידל האַלטן, איך האָב אויך אָנגעהויבן צו וויינען און איר דערקלערט, אַז דער יונגערמאַן, וואָס איז די נאַכט געשלאָפן ביי די סאנדערס, האָט מיר אָנגעמאַכט אַזאַ מורא.

איך האָב זיך ווירקלעך באַזינען, אַז איך האָב נישט גוט געהאַנדלט. איך בין מיט אַ געוויין געלאָפן צו אַ שכן וואָס האָט געהאַט אַ טעלעפאָן, צו טעלעפאָנירן קיין מאַלין, אַז מען זאָל די צוויי קינדער — ווען זיי וועלן אָנקומען פון אויטאָבוס — איינהאַלטן, און דאָס מיידל צוריקשיקן קיין ליער. אומעטום האָט מען געקענט רעדן דורכן טעלעפאָן, נאָר מיט מאַלין אַליין נישט. אַזוי האָט זיך דער דייטש געהאַט באַוואָרנט,

און איך האָב דאָס מיידל פון די דייטשע הענט נישט מער געקענט ראַטעווען.

צוויי טעג שפּעטער איז אָנגעקומען דורכן יידן־ראַט אַ בריוו פון בענאַ, געשריבן אויף דער אַדרעס פון אַ פלעמישן שכן, אַז מיר זאָלן אים שיקן ברויט מיט מאַרמעלאַדע. נאַטירלעך, האָב איך אים באַלד אַרויסגעשיקט דאָס וואָס ער האָט געבעטן. דאַן האָט ער ווידער געשריבן אַ בריוו, אַז מען זאָל אים שיקן די מוטערס וואַליזע מיט אירע זאַכן וועלכע האָט זיך געפונען אין ליער, איך געדענק נישט צי ביי אונז, אָדער ביי דער פרוי סאַנדערס. נאַטירלעך, האָב איך מיט אַ ספּעציעלן מענטש באַלד געשיקט די וואַליזע מיט נאָך עסן. שפּעטער, האָב איך שוין פון אים גאָרנישט מער געהערט. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי די צוויי קינדער האָבן צו מיר געזאָגט, ווען זיי זענען געגאַנגען פון די סאַנדערס צום אויטאָבוס צו פאָרן קיין מאַלין — אָנקל, דו וועסט אונז שוין קיינמאָל נישט מער צוריקזען.

מיר האָט מען קיינמאָל נישט צוגעשיקט, אַז איך מוז פאָרן אויף אַרבעט. עס זעט אויס, אַז מען האָט שוין מער קיין יידן אויף קיין אַרבעט קיין פראַנקרייך נישט געשיקט.

צוויי טעג שפּעטער ווי די קינדער פון מיין שוועגערין זענען געהאַט אַוועק קיין מאַלין, איז מען געקומען זאָגן פון די סאַנדערס, אַז אַ רייכע מאַדאַם איז געקומען זוכן די צוויי קינדער. אין ליער האָט געוווינט אַ ייד, וואָס האָט געהאַט אַ קריסטלעכע פרוי, אַ גרויסער הערצפעלד. אין ליער איז ער געווען באַקאַנט מיטן נאָמען "דער טערק". זיין איידעם האָב איך צופעליק לעצטנס געהאַט באַקענט אין אַנטווערפּן. לויט ווי די פרוי סאַנדערס האָט אָפּגעמשלט. ווער עס איז געווען פרעגן אויף די קינדער, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען די טאָכטער פון דעם ייד הערצפעלד. צוויי וואָכן האָבן זיי געוווסט, זענען די קינדער געווען ביי מיר, זענען זיי די קינדער נישט געקומען זוכן, נאָר ווען זיי האָבן געהערט — פון די סאַנדערס זיכער — אַז עס איז פאַראַן מעבל, שטאָפן און גאָלדענע רינגען, זענען זיי געקומען די קינדער זוכן. אָבער דעמאָלט איז שוין געווען צו שפּעט.

איך בין דאַן אַהינגעגאַנגען צו דער פאַמיליע הערצפעלד. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין השערה איז געווען אַ ריכטיקע. ווען איך האָב זיי געמאַכט אויפמערקזאַם, פאַרוואָס זענט איר פריער נישט געקומען וועגן די קינדער? האָבן זיי מיר געענטפערט — מיר האָבן נישט געוווסט, אַז עס איז דאָ צו פאַרקויפן זאַכן, די קינדער זאָלן האָבן פון וואָס צו לעבן. די זעלבע פאַמיליע האָט אויך געקאָנט ראַטעווען מיינע קינדער, און האָבן עס אויך נישט געטאָן. מיין פרוי האָט שוין געמיינט, אַז עפּעס

אַ רייכע פּלעמישע דאַמע פון אַ שלאָס איז געקומען זוכן די צוויי קינדער. ביז איך בין געקומען אַהיים פון דעם ייד הערצפעלד, האָט זי נישט אויפ־געהערט צו וויינען. איך האָב איר באַלד געזאָגט, אַז איך גלויב נישט אין דער מעשה, אַז עס האָט זיך געזאָלט געפינען אַ פּלעמישע רייכע דאַמע, וואָס איז די צוויי קינדער געקומען זוכן, אַזוי ווי די פרוי סאַנדערס האָט עס איר דערציילט.

איצט האָבן מיר אָנגעהויבן צו זאָרגן אַוועקצוגעבן אונזערע קינדער. אין דער זעלבער גאַס, ווו מיר האָבן געוווינט, האָבן מיר געפונען אַ פּלעמיש פּאָרפאָלק, וואָס האָט אויך געהאַט צוויי יינגלעך, און זיי האָבן זיך אונטערגענומען צו זיין די באַשיצער פון מיינע קינדער. אָבער זיי האָבן נישט אַזוי געמיינט די טובה פון מיינע קינדער, ווי דעם פּראָ־פיט וואָס זיי וועלן האָבן. דער עיקר, איך האָב מיט זיי אָפּגעמאַכט אַ קאָנ־טראַקט, אַז איך וועל זיי באַצאָלן פינף הונדערט פראַנק אַ חודש פאַרן עסן און שלאָפן פאַר מיינע צוויי קינדער. און ווען די מלחמה וועט זיין געענדיקט וועלן זיי פון מיר באַקומען דאָס גאַנצע מעבל. די קינדער האָב איך אין שטאָט־הויז געלאָזט איינמעלדן אויף זייער אַדרעס, אַז זיי זאָלן קאָנען באַקומען ראַציאָנס־קאַרטן. מיר האָבן געמיינט, אַז די דייטשן וועלן קומען נאָך אונז, וועלן זיי נישט גיין זוכן די קינדער. מיר האָבן צו די מענטשן אַריבערגעפירט אונזער גאַנץ מעבל אויסער דאָס בעט, וואָס מיר האָבן שטיין געלאָזט, מיר זאָלן האָבן ווו צו שלאָפן. איך האָב דער פּלעמישער פאַמיליע געגעבן אויף דער האַנט פינף טויזנט פראַנק, און איינגעלייגט פאַר צוואַנציק טויזנט פראַנק סחורה און אַנדערע ווערט־פולע זאַכן. די סחורה איז באַשטאַנען פון אונטערלאַק און שטרימף. איך האָב צו דער פאַמיליע געזאָגט, אויב די פינף טויזנט פראַנק וועלן זיך אויסלאָזן, וועלן זיי האָבן סחורה צו פאַרקויפן.

מיינע קינדער זענען אַוועק וווינען אין אונזער גאַס צו דער פּלע־מישער פאַמיליע. עס וועט אפשר קלינגען פּאַראַדאָקסאַל דאָס וואָס איך וועל דאָ דערציילן, אָבער איך וויל דאָ אויפווייזן, ווי ווייט עס איז געווען ביי די קינדער איינגעקריצט די מורא פאַרן דייטש, אַז מען זאָל זיי נישט קומען נעמען. די קינדער האָבן נעבעך גאָרנישט רעאַגירט, וואָס מען שיקט זיי אַוועק וווינען צו פרעמדע מענטשן, טראָץ דעם וואָס מיר האָבן דאָך נאָך אין דער גאַס געוווינט. אָבער שענער פון אַלעם איז, וואָס מיין קלענער יינגעלע (בערעלע), וואָס איז איינגאַנצן אַלט געווען דעמאָלט צוויי און אַ האַלב יאָר, האָט געוווסט אויפצוקומען אין מיטן דער ערשטער נאַכט פון זיין שלאָף, און צו רופן די פרוי ביי וועלכער ער איז איצט געשלאָפן ביי איר נאָמען — פין, האָט זי געהייסן. — פין,

פּיך, האָט ער זי עטלעכע מאָל גערופן, איך מוז פּישן, ביז זי האָט זיין רופן געהערט. אָבער עס זענען אינגאַנצן אַוועק איניקע טעג, ווי מיינע קינדער זענען געווען ביי דער פלעמישער פאַמיליע, האָט דער דייטש אַרויסגעהאַנגען פּלאַקאַטן אין ליער, און אין דער גאַנצער פּראָווינץ אַנט־ווערפּן, אַז ווער עס וועט אויסבאַהאַלטן יידישע קינדער, וועט ווערן שווער באַשטראָפט.

דער פלעמער, ביי וועלכן מיינע קינדער האָבן איצט געוווינט, איז נאַטירלעך געקומען צו לויפן, אַז איך זאָל צוריקנעמען די קינדער. דאַן איז ער געגאַנגען אויפן שטאָט־הויז פרעגן אַן עצה. האָט אים דער סעקרעטאַר פון שטאָט־הויז דערקלערט, אַז אַזוי לאַנג ווי מיר וווינען נאָך דאָ לעגאַל, האָט ער נישט וואָס מורא צו האָבן צו האַלטן מיינע קינדער.

מיין גרעסער יינגל דודל איז געגאַנגען אין דער פלעמישער שולע. טראָץ דעם וואָס לויטן דייטשן געזעץ האָט ער מיט קיין פלעמישע קינ־דער צוזאַמען נישט געטאַרט גיין. אָבער די נאָנען האָבן אויף דעם געזעץ קיין אַכט נישט געלייגט, און צווייטנס איז עס נאָך געווען אַ שפּיל־שולע. אָבער אַ סך מאָל ווען מיין יינגל איז אַהיימגעקומען פון דער שולע, איז די פרוי קיינמאָל נישט געווען אינדערהיים. איך פלעג דאַן מיינע קינדער אַריינרופן און זיי געבן עסן. מיינע קינדער וואָס האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט עסן, זענען איצט געווען אויסגעהונגערט אויף אַ שטיקל ברויט, ווייל די פרוי האָט זיי כמעט קיין פּוטער אויפן ברויט נישט אָנ־געשמירט. דאָס איז געווען, ווען מיר זענען נאָך דאָ געווען, וואָס וואָלט דאַן געווען, ווען מיר וואָלטן אַוועק?

איינמאָל איז די פלעמישע פרוי געהאַט ערגעץ אַוועקגעגאַנגען, איז מיין קלענער יינגעלע געקומען צו אונזער הויז און זיך אַוועקגעזעצט אויף די שטיגלעך פאַר דער טיר, און איז נעבעך אַנטשלאָפן געוואָרן. ער איז נאָך אַ סך מאָל געווען געוווינט צו שלאָפן נאָכמיטאָג. מיר האָבן נישט געוווסט, אַז ער זיצט אַזוי אין דרויסן און שלאָפט, ביז מענטשן זענען אונז געקומען זאָגן, ווייל עס איז שוין באַלד געווען נאַכט. מיר האָבן נעבעך דאָס קינד אויפגעוועקט, און צו אים געזאָגט: בערעלע, דו וווינסט דאָך דאָ נישט מער — גיי אַהין צו פּיך, און מיר האָבן אים צו פּיך צוריק אַהינגעפירט, און ער האָט נעבעך גאָרנישט געזאָגט. גלויבט מיר, מיינע לעזער, איך האָב ביים שרייבן די געשיכטע פון מיין בערע־לען, ווי ער איז געקומען שלאָפן אויף אונזערע שטיגלעך, און איך האָב אים געמוזט זאָגן, אַז ער וווינט נישט דאָ מער, אַזוי פיל הייסע טרערן פאַרגאָסן. איין גאָט איז אַן עדות אויף מיין פאָטערלעכן ווייטיק,

און איך האָב ביי מיר געפרעגט — גאָט מיינער, ווי איז דאָס מעגלעך צו שטראָפן אַזוי אומשולדיקע קינדער? איך האָב זיך דעמאָלט נישט געקאָנט שטילן פאַר וויינען.

איינמאָל, איך שטיי אַזוי מיטאָגצייט אינדרויסן אין דער גאַס, הער איך אַ געוויין. עס האָט זיך מיר געדוכטן, אַז איך הער מיין גרעסער יינגל, מיין דודל, וויינען. איך גיי זען, עס איז טאַקע ער. ער איז געשטאַנען אויף דער גאַס און שטאַרק געוויינט און זיך געדרייט פאַר בויך־ווייטיק. איך בין צו אים צוגעגאַנגען און געפרעגט — דודל, פאַרוואָס וויינסטו אַזוי? — לואי, האָט ער מיר געזאָגט, האָט מיך געשלאָגן, אַזוי האָט דער פלעמער זיך גערופן. איך בין אַריינגעגאַנגען פרעגן, וואָס עס איז געשען? האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז זיי האָבן אים אַרויסגעשטעלט אויף דער גאַס, ווייל ער האָט נישט געוואָלט עסן. זיי האָבן נישט געזאָגט, אַז זיי האָבן אים געשלאָגן און אַז אויך זייער יינגל האָט אים געשלאָגן. אַפילו ווען איך האָב שוין מיינע קינדער פון דעם פלעמער געהאַט אַהיימגענומען און אַז די צוויי יינגלעך פון דער זעלבער פאַמיליע האָבן ערגעץ באַגעגנט מיינע קינדער, האָבן זיי זיי געשלאָגן, נאָר דערפאַר ווייל דאָס זענען געווען יידישע קינדער.

אַזוי האָב איך אויך געהאַט מיט די קינדער פון אַ פלעמישן שכן לעבן מיר, וואָס זיינע קינדער, אַ יינגל פון אַ יאָר דרייצן, און אַ מיידל פון אַ יאָר צען, פלעגן שטענדיק שלאָגן מיינע קינדער. וויפיל איך און מיין פרוי האָבן זיך נישט באַמיט מיט זיי גוט צו לעבן, האָט דאָס אַלץ נישט געהאָלפן. מיין פרוי פלעגט דער פאַמיליע טאָרפס, אַזוי האָבן זיי זיך גערופן, אַ סך מאָל אָוועקגעגעבן פאַרשידענע זאַכן, שטרימפּלעך און קליידער פון מיינע קינדער. דער טאָרפס האָט געהאַט פיר קינדער, ער איז געווען אַן אָרעמער אַרבעטער, וואָס האָט געאַרבעט פאַרן דייטש אויף אַ פלי־פּלאַץ. ער איז, דוכט זיך, געווען אַ מעבל מאַכער און האָט פאַר דער מלחמה נאָך געאַרבעט אויפן פלי־פּלאַץ פון אַנטווערפּן. אַזוי איז ער אויך ביים דייטש ווייטער געבליבן אַרבעטן. ער איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פונעם דייטש, און איך האָב פאַר אים זייער מורא געהאַט. איך האָב זיך באַמיט מיט אַלע מיטלען מיט אים גוט צו לעבן. אַ סך מאָל האָט מיין פרוי זיי אַריינגעטראָגן עסן. אָבער אונזער גוטקייט האָט גאָרנישט געהאָלפן. אַז דעם טאָרפס קינדער האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט, מיר זאָלן נישט זען, האָבן זיי מיינע קינדער געשלאָגן.

דעם טאָרפס יינגל זשאַק פלעגט שפּילן אויף דער גאַס מיט אַ באַל, פלעגן אַנדערע קינדער מעגן מיטשפּילן, נאָר מיינע קינדער נישט. אַ סך מאָל פלעגט ער זיך ספּעציעל מאַכן לויפן נאָכן באַל, און אַז מיין דודל

איז געשטאַנען אויף דער גאַס, פלעגט ער זיך אויף אים אַרויפוואַרפן, — אַ ייִנגל פון דרייצן יאָר אויף אַ קינד פון 6 יאָר. עס האָט געהייסן, אַז מיין ייִנגל איז אים געשטאַנען אין וועג. מיין ייִנגל איז נאַטירלעך געפאַלן און אַ סך מאָל זיך גוט וויי־געטאָן, אָדער זיך צעקאַליטשעט די פיס אָדער די הענט ביז בלוט. מיר האָבן נאַטירלעך גאָרנישט געטאָרט רעדן. אַ סך מאָל, ווען איך אָדער מיין פרוי פלעגן זאָגן — זשאָס, פאַר־וואָס טוסטו דאָס, פאַרוואָס שלאָגסטו אונזערע קינדער? אָדער די זעלבע פראַגע שטעלן זיין שוועסטערל זשערמען. פלעגן זיי זיך אויסלאַכן. אַ סך מאָל, איז מיין פרוי אויפגערעגט געוואָרן, עס טוט דאָך וויי אַ מוטער־לעך האַרץ, פלעגט זי זיך מיט די צוויי קינדער קריגן. פלעג איך נאָך מוזן גיין דערנאָך גוט מאַכן און מיט דעם טאָרפס גוטער פריינט שפּילן, אים מכבד זיין מיט ציגאַרן אָדער ציגאַרעטן, אַזוי ווי עס וואָלט קיין שום מחלוקת נישט פאָרגעקומען.

איך האָב באַמערקט, אַז די קינדער האָבן פון אונז דאָס געגנאַר נאָר דערפאַר, ווייל זייערע עלטערן האָבן אויך פון אונז דאָס געגנאַר. איינמאָל איז דער טאָרפס נישט געווען אינדערהיים. און זיינע קינדער האָבן געשלאָגן מיינע קינדער, האָב איך זיך מיט זיי געקריגט. ווען דער טאָרפס איז אַהיימגעקומען, האָט ער מיך אַרומגעזוכט. איך בין פונקט דעמאָלט געזעסן ביי אַ פלעמישן שכן, ווען נישט וואָלט ער זיך אוודאי מיט מיר געווען געשלאָגן, אַזוי דערציינדן איז ער מיך געקומען אָפּזוכן. די אַנדערע פלעמער האָבן אים ערשט אַביסל באַרואיקט. אַ צווייט מאָל האָט זיין ייִנגל ווידער אומגעוואָרפן איינעם פון מיינע ייִנגלעך און אים צעבלוטיקט. איך בין דאַן מיט מיין וויינענדיק און צעבלוטיקט קינד אַריינגעגאַנגען צו דעם טאָרפס און אים געוויזן, וואָס זיין זשאָס האָט געטאָן, און דאָס, האָב איך צו אים געזאָגט, איז נישט דאָס ערשטע מאָל — אַזאַ גרויס ייִנגל, האָב איך צו אים געזאָגט, זאָל שלאָגן אַזעלכע קליינע קינדער. אָבער אַזוי ווי די וואַנט רעדט נישט, אַזוי האָט ער זיך גאָר־נישט אָנגערופן, און זיין זשאָס האָט מיר נאָך אין זיין קעגנוואַרט גע־לאַכט אין פּנים אַריין.

איינמאָל, געדענק איך, האָט מיין פרוי זיך געקריגט מיט טאָרפסן אויך צוליב די קינדער. זיינע קינדער זענען געווען אַזוי געמיין, אַז טאָמער האָט מיין פרוי זיי עפּעס געזאָגט, פלעגן זיי איר יעדעס וואָרט נאָכשפּעטן. מיין פרוי איז דעמאָלט געוואָרן אַזוי אויפגערעגט, אַז זי האָט געוויינט. אָבער טראָץ דעם, בין איך דערנאָך געגאַנגען צו טאָרפסן און האָב אים געגעבן אַ קראַוואַט — כדי אים איבערצובעטן.

אַזוי געדענק איך, איז אויך איינמאָל געשען מיט אַ צווייטער פלע־

מישער שכנטע, וואָס האָט זיך געקריגט מיט מיין פרוי. איך האָב געוווסט, אַז די פלעמערין איז איצט פעאיק צוליב דער מחלוקת צו גיין מיך מסרן. בין איך אַריינגעגאַנגען צו דער פלעמערין און אָנגערעדט אויף מיין פרוי, אַז זי איז נישט קיין גאַנץ נאָרמאַלע, און אַז זי מוז נישט לייגן קיין אַכט אויף אירע ווערטער. אויך דער פלעמערין האָב איך דעמאָלט פאַרקויפט פאַר אַ פראַנק פופציק אַ קראַוואַט, וואָס איז ווערט געווען צוואַנציק פראַנק. אַזוי האָב איך זיך איבעראַל באַמיט מיט יעדן צו שטיין אין גוטע באַציאונגען, און דאָס וואָס מיין פרוי פלעגט אַ סך מאָל שלעכט מאַכן, פלעג איך מוזן גוט מאַכן. טראָץ דעם וואָס איך האָב געוווסט, אַז מיין פרוי איז הונדערט פּראָצענט גערעכט. אַזוי למשל, איז די מחלוקת מיט דער צווייטער פלעמישער פרוי, וואָס האָט זיך גערופן זשאַנעט לאַנגמאַנס, אַרויסגעקומען צוליב דעם, וואָס זי האָט געהאַט אַ טאָכטער פון אַ יאָר פערצן. און דעמאָלט, ווען מען האָט אָנגעהויבן מוזן טראָגן דעם "שטערן", פלעגט זיך דאָס מיידל אָוועקשטעלן מיט נאָך אַנדערע חברטעס פאַר אונזער הויז, און אָפּוואַרטן, ווען עס פלעגט קומען דער בעקער, אָדער דער מילך־פויער, און אַז מיין פרוי איז דערשינען מיטן "שטערן", פלעגט זי מיט די אַנדערע מיידלעך לאַכן איר אין פנים אַריין.

די זעלבע זשאַנעט לאַנגמאַנס פלעגט צוערשט מיט איר טאָכטער ביי אונז זיצן גאַנצע טעג און נעכט. ווען מען האָט אָנגעהויבן ראַציאָנירן די קוילן, האָבן מיר געהאַט קוילן, און זי האָט קיין קוילן נישט געהאַט. איר מאַן האָט געאַרבעט אין דייטשלאַנד. דאַן פלעגט זי מיט איר טאָכטער ביי אונז זיצן ווינטער גאַנצע טעג ביז שפּעט אין דער נאַכט. מיין פרוי פלעגט זיי שטענדיק מכבד זיין מיט עסן און טרינקען. איינמאָל, איז די זשאַנעט קראַנק געוואָרן אויף אַ האַלדז־קראַנקהייט, האָט מיין פרוי דאָך נישט געקוקט אויף די געפאַר פאַר אירע אייגענע קינדער און פלעגט איר אַריינגיין העלפן.

איך האָב זיך אַזוי באַמיט צו לעבן בשלום מיט אַלע שכנים. אַז עמעצער, אַ קינד, אָדער אַ גרויסער מענטש, פלעגט קומען מסרן, אַז מיינע קינדער האָבן עפּעס געטאָן. טראָץ דעם וואָס זיי זענען גאָרנישט שולדיק געווען, פלעג איך מיינע קינדער שלאָגן. — און געמסרט האָבן אַלע אויף מיינע קינדער, נאָר דערפאַר ווייל זיי זענען געווען יידישע. ביי יעדן זענען זיי געווען אַ דאָרן אין אויג, ווייל זיי זענען געווען שיין. גערעדט האָבן זיי אפילו נישט קיין אַנדערע שפּראַך נאָר פלעמיש, און דאָך האָבן די פלעמער מיינע קינדער נישט ליב געהאַט, נאָר דערפאַר, ווייל מיר זענען געווען יידן. אַז איך פלעג מיינע קינדער אַ סך מאָל

שלאָגן צוליב עמעצנס אַ מסירה, נאָר איך זאָל יענעם צופרידן שטעלן, האָט מיר מיין פּאָטערלעך האַרץ אַזוי ווי געטאָן, אַז גאָט האָט אָוודאי דאָס שלאָגן מיינע קינדער פאַר גאָרנישט, מיר לאַנג שוין מוחל געווען. שפּעטער געדענק איך, פלעג איך זיין אַזוי אויפגערעגט צוליב דער כסדרדיקער נערוון־שפּאַנונג, אַז איך פלעג פאַר דער מינדעסטער קליי־ניקייט שלאָגן מיינע קינדער — וואָס פריער, אַז איך פלעג זען, אַז מיין פרוי גיט אַ קינד אַ קלאַפּ, פלעג איך זיך אויף איר שרעקלעך בייזערן.

נאָך דעם, ווי דער פלעמער, וואָס מיינע קינדער זענען ביי אים געווען, האָט געהאַט געשלאָגן מיין דודל און אים אַרויסגעשטעלט אויף דער גאַס, האָב איך געזאָגט צו מיין פרוי, אַז איך גיי די קינדער צוריק אַהיימנעמען. — אויב — האָב איך געזאָגט צו מיין פרוי — אַז מען וועט אונז קומען נעמען, וועט דער פלעמער, צוליב מורא אַזוי צי אַזוי איבערגעבן אונזערע קינדער צו די דייטשן. דאַרף איך נישט עס זאָל מיך נאָך קאָסטן געלט, זיי זאָלן הונגערן און זאָלן נאָך קריגן געשלאָגן. יעדנפאַלס — האָב איך געזאָגט — זיצן זיי די לעצטע טעג מער ביי אונז, ווי ביי דער פּיק. — און מיר זענען נאָך אַ חודש צייט ווי אונזערע קינדער זענען געהאַט אַוועק, געגאַנגען זיי צוריק אַהיימנעמען. שפּעטער האָבן מיר אויך אַהיימגענומען דאָס מעבל און די סחורה. דאָס געלט האָב איך באַלד געהאַט צוריקגענומען. מיר האָבן אָבער דער פאַמיליע פאַר דעם חודש, וואָס אונזערע קינדער זענען ביי זיי געווען אַזוי פאַר־גיטיקט, אַז זיי האָבן קעגן אונז גאָרנישט געהאַט אויסצוזעצן.

עס האָבן זיך שוין איצט דערטראָגן קלאַנגען, אַז דער דייטש הרגעט אויס אַלע יידן, וועלכע ער שיקט אַוועק. איך האָב געזוכט מיט אַלע מיטלען צו דערגיין, צי עס איז נישטאָ פאַר מיר קיין רעטונג. איך האָב געוווסט, אַז אין ליער וווינט אַ באַקאַנטער פלעמישער שרייבער — פעליקס טימערמאַנס, וואָס איז געשטאַנען מיט די דייטשן אין גוטע באַציאונגען. איך האָב געזוכט מיט אים צו קומען אין באַרירונג. איך בין דאַן אַוועק צו אַ יונגן אַדוואָקאַט אין ליער, אַ געוויסער סעליאַטס־שלאגער און אים געפרעגט, צי דורך זיין פאַרמיטלונג וואָלט ער מיך נישט געקאָנט צוזאַמענברענגען מיט דעם פעליקס טימערמאַנס? דער אַדוואָקאַט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין זייער אַ פיינער מענטש, האָט מיר געזאָגט, אַז ער באַדויערט, נישט צו קענען דערפילן מיין פאַר־לאַנג. — נאָר ער ראָט מיר, איך זאָל אַליין אַריבערגיין צו פעליקס טימערמאַנס, ווייל ער איז נישט קיין שלעכטער מענטש, און אַז ער וועט מיך זיכער אויפנעמען. איך האָב דאַן דעם אַדוואָקאַט געענטפערט,

אַז טאָמער זאָל מיך טימערמאַנס נישט ווען אויפנעמען, וועט דאָס זיין פּאַר מיר אַ שטאַרקע באַליידיקונג. דאַן, האָט דער אַדוואָקאַט צו מיר געזאָגט, וועל איך דיר געבן אַן אַדרעס פון טימערמאַנס משפחה, ווו ער קומט אַהין, און אַז דו וועסט די פאַמיליע בעטן, וועלן זיי דיך זיכער מיט טימערמאַנס צוזאַמענברענגען.

איך בין דאַן באַלד אינדערפרי פון אַדוואָקאַט גלייך אַוועק צו דער פאַמיליע פאַאַפּס. איך האָב אָנגעקלינגען אין אַ גרויס הויז. איך האָב אַביסל געמוזט וואַרטן, דאַן האָט מיך אַ יונגע דאַמע אויפגענומען, וואָס איז נאָך געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ פּיזשאַמע. איך האָב נאַטירלעך גע־טראָגן דעם "שטערן". קעגנאיבער מיר ווו זי האָט מיך איינגעלאַדן צו זיצן, האָב איך געזען שטיין אַ פאָטאָ פון אַ יונגן אָפיציר מיט ברילן אין היטלעריסטישע קליידער. ווי איך האָב שפּעטער געהערט, איז דאָס געווען אַ ברודער פון דער יונגער דאַמע, וואָס האָט מיך אויפגענומען. איך האָב דער יונגער דאַמע דערקלערט דעם ציל פון מיין קומען צו איר. די יונגע דאַמע האָט מיר ווידער דערקלערט, אַז טימערמאַנס קומט זעלטן צו זיי אַהער און אַז אויב איך וויל מיט טימערמאַנס רעדן, זאָל איך פּערזענלעך צו אים אַהינגיין און אַז ער איז נישט קיין שלעכטער מענטש.

איך האָב נאַטירלעך נישט געהאַט קיין אַנדערע עצה און בין אַוועק צו טימערמאַנס. עס האָט שוין דעמאָלט געקלאַנט זיין אַזייגער עלף. איך האָב ווידער אָנגעקלינגען אין אַ הויז. דאָ האָט מיך אויפגענומען אַ יינג מיידל פון אַ יאָר 17 מיט בלאָנדע האָר. דאָס איז געווען איינע פון טימערמאַנס טעכטער. דאָס מיידל האָט מיך אַריינגעבעטן אין צימער, אוודאי פון איר פאָטער, ווייל איך האָב אויף אַ שרייב־טיש געזען ליגן אַ סך ביכער.

דאָס מיידל האָט אין מיין "שטערן" געזען, אַז איך בין אַ ייד. איך האָב זי געפרעגט, צי איך קאָן רעדן מיט דעם הער טימערמאַנס. האָט זי מיר דערקלערט, אַז דער פאָטער איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען. איך האָב איר דערקלערט, אַז איך בין אַ יידישער שרייבער, וואָס האָט אויך געשריבן וועגן פלעמישן לעבן, און איך וואָלט געוואָלט רעדן מיט איר פאָטער. איך האָב איר דערציילט, אַז דער דייטש שיקט אַלע יידן אַוועק און אַז אויב מיינע מאַנוסקריפּטן זאָלן פאַרלוירן גיין, וואָלט דאָס געווען אַ פאַרלוסט פאַרן פלעמישן פאָלק. דאָס מיידל האָט מיך אויס־געהערט און צו מיר געזאָגט, אַז עס וואָלט געווען אַמבעסטן, איך זאָל פאַרנאַכט צוריקקומען, אויב איך וויל רעדן מיט איר פאָטער. זי האָט

מיר געזאָגט אומגעפער די שעה, ווען איך וועל קענען טרעפן איר פאָטער אינדערהיים.

פאַרנאַכט האָב איך זיך שיין אָנגעטאָן. גענומען אַ טייל יידישע צייטונגען, ווו עס זענען געווען געדרוקט מיינע דערציילונגען און אויך מיינע מאַנוסקריפטן און בין אַוועק צו טימערמאַנס. איך האָב ווידער גע־קלונגען. איצט האָט מיר שוין אויפגעמאַכט אַן אַנדער מיידל. איך האָב געפרעגט אויף דעם הער טימערמאַנס. — דער פּאַפּאַ, האָט דאָס מיידל מיר דערקלערט, איז נישט אינדערהיים, ער איז אין בריסל. — ווען קומט ער? — האָב איך ווידער געפרעגט דאָס מיידל. זי איז אַריינגע־גאַנגען אין עס־צימער זיך פרעגן, האָב איך געהערט טימערמאַנס שטימע. דאָס מיידל איז צוריקגעקומען מיט אַן ענטפער, אַז זי ווייס נישט ווען ער קומט. — דער הער טימערמאַנס, האָב איך געזאָגט, וויל מיך אוודאי נישט אויפנעמען. האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז עס איז אַזוי. אַלץ ווייל איך בין געווען אַ ייד.

טימערמאַנס האָט אוודאי פאַרשטאַנען נאָך וואָס איך קום, אַז איך זוך ביי אים רעטונג און ער קען מיר אפשר נישט העלפן? נאָר דאָס, וואָס מיר האָט וויי געטאָן, איז, וואָס דער הער טימערמאַנס האָט מיך נישט געוואָלט אויפנעמען. איך האָב די גאַנצע געשעעניש מיט דעם הער טימערמאַנס מיין פרוי קיינמאָל נישט דערציילט.

# זעקסטער קאַפּיטל

דאַן בין איך ווידער אַוועק צו דעם אַדוואָקאַט סעליאַטסשלאַגער און האָב אים געפרעגט, צי איך וואָלט נישט געקאָנט ביי אים באַהאַלטן אַ וואַליזע מאַנוסקריפּטן? דער אַדוואָקאַט האָט מיר דערקלערט, אַז ער פּערזענלעך שטייט אויך ביים דייטש אונטער אַ חשד, נאָר ער קאָן מיר געבן אַן אַדרעס, ווו איך וואָלט געקאָנט באַהאַלטן מיינע מאַנוס־קריפּטן. דער אַדוואָקאַט האָט מיר אויך דעמאָלט דערקלערט, אַז אַזוי ווי איך בין שטאַטנלאָז, וואָלט איך זיך געקאָנט נאַטוראַליזירן פאַר אַ באָליוויאַנישן בירגער, אַ דרום־אַמעריקאַנער שטאַט, וואָס איז נאָך דע־מאָלט נישט געווען אין קריג מיטן דייטש. אָבער דאָס האָט געדאַרפט קאָסטן אַזוי פיל געלט, אַז איך וואָלט זיך געדאַרפט לאָזן אָן אַ פראַנק.

מיין וואַליזע מיט די מאַנוסקריפּטן האָב איך באַהאַלטן ביי אַ באַ־קאַנטן פלעמער פון מיין גאַס, אַ געוויסער האַנס פאַלקס.

די פרוי בראַבאַנטס, די מוטער פון די סאַנדערס, האָט מיר געראַטן, איך זאָל צוגיין צום דעקאַן פון ליער, אַז ער וועט מיר אפשר קענען העלפן צו באַהאַלטן ערגעץ מיינע קינדער.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט מיך אַ טאָכטער פון דער פרוי בראַבאַנטס אַהינגעפירט צום דעקאַן. מיר האָבן אָנגעקלונגען אין אַ ווייס הויז, נישט ווייט פון דער גרויסער גומאַריס־קירכע אין ליער. אַ פרוי האָט אונז אויפגעעפנט די טיר. ווען מיר האָבן זיך געפרעגט אויפן דעקאַן, האָט זי געזאָגט, אַז זי גייט אים באַלד רופן. און ווירק־לעך, איז דער דעקאַן אַליין באַלד דערשינען. אַ מענטש פון מיטעלן וווקס, שוין אוודאי אין די פופציקער, מיט לאַנגע האָר. ער איז געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצע, גלחישע קליידער און אין בלויזן קאָפּ. ער האָט אונז בײדע איינגעלאַדן אין אַ גרויס, שיין צימער, אָבער איך האָב אים דערקלערט, אַז איך וואָלט געוואָלט מיט אים אַליין רעדן, האָט ער דאַן די טאָכטער פון די בראַבאַנטס אַוועקגעשיקט.

איך האָב דעם דעקאַן דערקלערט דעם ציל פון מיין קומען, צי ער וואָלט מיר נישט געקענט העלפן אַריינצוגעבן מיינע קינדער ערגעץ אין

אַ קלויסטער? ער האָט מיך גאַנץ גוט אויסגעהערט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז געווי אינפאָרמירט, וואָס דער דייטש טוט מיט די יידן, נאָר העלפן קען ער מיר נישט. איך בין דאַן ווידער אַוועק אַהיים מיט גאָרנישט. איצט האָבן מיר זיך שוין פון אַלעם מיאש געווען און געוואַרט יעדן טאָג אויף אונזער גורל.

איך מיט מיין פרוי פלעגן אַ סך מאָל ליגן צו האַלבע נעכט און נישט שלאָפן. אָט, אָט, האָט זיך אונז געדוכט ביי יעדן קלאַפּ, ביי יעדן שאָרך, אַז אַן אויטאָ שטעלט זיך אָפּ פאַר אונזער טיר. אַ סך מאָל פלעגן מיר אויפקומען אין מיטן דער נאַכט פון שרעקלעכע חלומות און קאָשמאַרן, אַז די דייטשן האָבן אונז געכאַפּט. מיר זענען אַנטלאָפן. מען האָט אויף אונז געשאָסן. אַ סך מאָל האָבן מיר געזען בילדער אין חלום, ווי מען שיסט יידן, פרויען און קליינע קינדער. מיר האָבן געהערט אין חלום די געוויינען און געשרייען פון די געפּייניקטע יידן. דעמאָלט, פלעג איך אָדער מיין פרוי אויפקומען אין אַנגסטן, אינגאַנצן באַגאָסן מיט שווייס און שווער זיפצן. אַ סך מאָל פלעג איך אָדער מיין פרוי שרייען אין שלאָף, פלעגן מיר זיך אויפוועקן. — וואָס איז? — יאָ, איך האָב ווידער געהאַט אַזאַ שרעקלעכן חלום. און ווי גליקלעך זענען מיר געווען, ווען מיר האָבן געזען, אַז מיר געפינען זיך נאָך אין אונזער בעט ביי אונזערע קינדער.

וואָרד ווערמיילן זאָגט ערגעץ אין זיינס אַ ווערק, אַז אַ שלעכטער חלום איז פערד־אַרבעט. אָבער אונזערע קאָשמאַרן ביינאַכט האָבן אונז אַ האַלב לעבן אַוועקגענומען. מיר פלעגן אויפשטיין אינדערפרי אַזוי מיד, אַזוי ווי מיר וואָלטן געטאָן די שווערסטע אַרבעט.

מיר האָבן געהאַט אַ שטיקל הויף, וואָס מען האָט אין אים געזעצט קאַרטאָפל און אַנדערע גרינסן. מיין פרוי פלעגט זיך מיט מיר קריגן, פאַרוואָס איך באַאַרבעט נישט דעם הויף אַזוי שיין ווי די אַנדערע פלעמישע שכנים. מיין פרוי האָט מיך נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז איך האָב איר דערקלערט, אַז איך האָב נישט קיין מוט צו קיין אַרבעט. אַ מענטש, וואָס וואַרט יעדן טאָג אויף זיין טויט, האָט דאָך זיכער נישט קיין מוט נאָך זיין הויף שיין אויפצופוצן. און וויפיל איך האָב איר דאָס דערקלערט, האָט זי מיך נישט געוואָלט פאַרשטיין, נאָר פלעגט זיך מיט מיר קריגן, אַז איך בין פויל. — קוק, פלעגט זי צו מיר טענהן — ווי די אַנדערע הייף זענען שיין פאַראַקערט, שיין פאַרזייט, און אַזוי ווייטער. מיר האָט מיין האַרץ ווי געטאָן, אַז זי האָט מיך נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז מיך אינטערעסירט גאָרנישט אין לעבן, נאָר זי מיט די קינדער.

איך האָב נאָך געטראַכט און געקלערט צו קענען אָוועקגעבן ערגעץ די קינדער. אָבער וויפיל מיר האָבן גערעדט און געטראַכט, איז אַלץ געבליבן ביים זעלבן. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי געשען, ווייס איין גאָט. מיר האָבן שטענדיק רעזאָנירט אַזוי: דער גרעסערער האָט אַ צו גרויס מויל און ער וועט באַלד דערציילן, ווען ער וועט ערגעץ זיין, אַז ער איז אַ ייד, קאָן מען אים נאָך אפשר אַמאָל שנעלער קומען נעמען, ווי ער וועט בלייבן אין דער היים. דעם קלענערן, בערעלען, ערגעץ אָוועקגעבן, האָט מען אויך דאָס זעלבע רעזאָנירט, טאָמער ווערט מען געוויער, אַז דאָס איז אַ יידיש קינד, קאָן ער נאָך אַמאָל שנעלער אַריינפאַלן אין די דייטשע הענט, ווי אינדערהיים. און עס איז דאָך שטענדיק אַזוי באַנג געווען אָן די קינדער. אַזוי האָבן מיר זיך פאַרלאָזט אויף גאָט, און מיר האָבן געגלויבט, אַז מיר וועלן אפשר פאַרגעסן ווערן, און מיר וועלן אפשר פון די דייטשע הענט ניצול ווערן. מיר זאָלן זיך אַלע גיין צוזאַמען באַהאַלטן, האָט מען אויך מורא געהאַט, אַז מיר קאָנען נאָך אַמאָל שנעלער פאַראַטן ווערן, אַזוי ווי עס איז טאַקע געווען מיט אַ סך יידן, ווייל ווען עמעצער באַהאַלט זיך אויס, און מען קומט אויף אַ פרעמדן פלאַץ, איז שטענדיק מער אויפפאַלנד. אַזוי זענען מיר געבליבן ווינען, ווו מיר האָבן געוווינט און זיך פאַרלאָזט אויף גאָטס חסד.

אין אַזאַ לאַגע איז אַוועק איין חודש נאָכן אַנדערן. די יידן פון בריסל, אַנטווערפּן, שאַרלערואַ, ליעזש, האָט מען שוין לאַנג געהאַט אַוועקגעשיקט. נאָר פון צייט צו צייט האָט מען געהערט, אַז דאָ און דאָרט האָט מען געפונען באַהאַלטענע יידן. אין חודש יולי 1942 האָט מען אָנגעהויבן אַרויסצושיקן די יידן פון בעלגיע. איצט איז שוין געווען ווינטער. איך געדענק נישט אין וועלכן חודש דאָס איז געשען, ווען מען האָט אָנגעהויבן אַרויסצושיקן די יידן, האָב איך נאָך געהאַט אויסער די פינף טויזנט פראַנק, וואָס איך האָב געהאַט באַצאָלט פאַר די קינדער, ווען איך האָב זיי געהאַט אַוועקגעגעבן צום פלעמער, נאָך דרייסיק טויזנט פראַנק. געוווסט האָב איך, אַז יעדן פראַנק, וואָס דער דייטש געפינט ביי אַ ייד ווען ער כאַפּט אים, נעמט ער אים צו. דאַן האָב איך געזאָגט צו מיין פרוי — נעם די דרייסיק טויזנט פראַנק און גיב זיי אַריין אויף דער פּאָסט אויף דיין נאָמען. — טאָמער — האָב איך געזאָגט — וועל איך אָוועקגעשיקט ווערן אויף אַרבעט, וועסטו האָבן געלט צו לעבן מיט די קינדער.

איצט ווען די פינף טויזנט פראַנק זענען מיר שוין געהאַט אָוועקגעגאַנגען, האָב איך געזאָגט צו מיין פרוי — גיי אויף דער פּאָסט בעטן

פינף טויזנט פראַנק. אָבער ווען מיין פרוי איז געקומען אויף דער פּאָסט נאָך געלט, האָט מען איר דערקלערט, אַז אַ ייד, אויב ער וויל אַרויס־נעמען געלט פון דער פּאָסט, מוז מען צוערשט אָנפרעגן ביי דער דייטשער מאַכט. מיין פרוי האָט באַוויזן אַן אומפּאַרזיכטיקייט, און האָט געבעטן די פינף טויזנט פראַנק, טראָץ דעם וואָס זי האָט דייטלעך געהערט, אַז מען מוז אָנפרעגן ביי דער דייטשער מאַכט. ווען מיין פרוי איז אַהיימגעקומען און איך האָב געהערט וואָס זי האָט געטאָן, האָב איך אָנגעהויבן שטאַרק צו שרייען. — וואָס האָסטו געטאָן? — האָב איך צו איר געשריגן. — דו האָסט דיך, מיך און די קינדער אומגליקלעך געמאַכט. — איצט וועט מען זיכער פון אונז געוואויער ווערן. — מיר האָבן דאָך נאָך סחורה צו פאַרקויפן אויסער דעם געלט אויף דער פּאָסט, האָב איך צו איר געזאָגט. איך האָב צו איר געשריגן, אַז זי זאָל צוריק־גיין אויף דער פּאָסט צוריקציען די אָנפראַגע. האָט זי מיר געענטפערט, אַז זי גייט נישט, בכן איך האָב נישט געדאַרפט אַריינלייגן קיין געלט אויף דער פּאָסט. די טעג זענען געווען קליין. אין דרויסן איז שוין באַלד געווען פינצטער. עס איז נאָך אינגאַנצן געווען אַ האַלבע שעה צייט צום שליסן פון דער פּאָסט.

איך האָב שנעל געכאַפּט מיין וועלאָ און בין געפאָרן צו דער פּאָסט אין דער פינצטער, ווייל איך האָב פּונקט קיין ליכט אויף אים נישט געהאַט. אויף דער פּאָסט האָב איך געבעטן דעם באַאַמטן, ווו מיין פרוי האָט געמאַכט די אָנפראַגע וועגן געלט, צי עס איז נישט מעגלעך צוריק־צוציען די אָנפראַגע. דער באַאַמטער האָט מיר דערקלערט, אַז די אָנ־פראַגע מיטן פּאָסט־ביכל זענען מיט אַ פּאָר מינוט צוריק פּונקט אַוועק. איך האָב דעם באַאַמטן געפרעגט, צי עס איז נישט מעגלעך די אָנפראַגע צוריקצוציען פון בריסל? אַז אונז דראָט דורך די אָנפראַגע אַ גרויס גע־פאַר. — יאָ, האָט דער באַאַמטער מיר געענטפערט, די אָנפראַגע קאָן נאָך פון בריסל צוריקגעצויגן ווערן, ווייל דאָס פּאָסט־ביכל מוז צוערשט איידער די אָנפראַגע גייט אַוועק צו די דייטשן, אַריינקומען אין דער הויפּט־פּאָסט פון דער שפּאַר־קאַסע אין בריסל. — נאָר דו מוזט, האָט דער באַאַמטער צו מיר געזאָגט, שרייבן אַן עקספּרעס־בריוו, אָדער אַ קאַרטל, צום דירעקטאָר פון דער שפּאַר־קאַסע קיין בריסל, — ער אַליין קאָן די אָנפראַגע פאַרניכטן.

איך האָב דאַן געבעטן דעם באַאַמטן אָנצושרייבן פאַר מיר אַ קאַרטל צום דירעקטאָר, ווייל איך קען נישט גוט די פלעמישע שפּראַך אין שריפט. דער באַאַמטער איז — זעט אויס, געווען אַן אַנטיסעמיט און האָט מיר מיין בקשה אָפּגעזאָגט. איך האָב זיך אַרומגעדרייט פאַרצווייפלט

מיט אַ פּאָסט־קאַרטל אין דער האַנט, און האָב נישט געוווּסט וואָס פאַר אַן עצה איך זאָל מיר געבן. אויף דער פּאָסט איז אַריינגעקומען עפּעס אַ שיין־געקליידעטער פּלעמער. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר שרייבן אַ פּאָר ווערטער, אָבער אויך ער האָט מיר אָפּגעזאָגט. און דאָ איז מען שוין געגאַנגען באַלד שליסן די פּאָסט. אין דער לעצטער מינוט האָט זיך אויף מיר מרחם געווען אַ פרוי, וואָס האָט געאַרבעט אויף דער פּאָסט. זי האָט באַמערקט מיין פאַרצווייפלונג, האָט זי מיך צוגערופן צום פענצטערל, ווו זי איז געזעסן און האָט מיר אָנגעשריבן דאָס קאַרטל. דאַן בין איך מיט דעם קאַרטל אַוועקגעלאָפן אויף דער סטאַציע, און עס אויפגעגעבן עקספּרעס.

ווען איך בין געקומען אַהיים פון דער סטאַציע, בין איך ווייטער געווען זייער אומרואיק, טאָמער טוט דער דירעקטאָר די אָנפראַגע נישט אַנולירן, און טאָמער וועט דאָס עקספּרעס־קאַרטל צו שפּעט אָנקומען. דאַן האָט מיין פרוי באַשלאָסן, אַז זי וועט אַליין אַריבערפאָרן קיין בריסל, אַזוי, אַז נייִן אַזייגער אינדערפרי, באַלד ווי מען וועט אויפמאַכן די פּאָסט, וועט זי שוין זיין, און דאַן וועט די אָנפראַגע נאָך זיכער נישט האָבן אַוועקגעגאַנגען.

דאָס איז דעמאָלט געווען אין אַ פרייטיק, האַלב זעקס אַזייגער אינ־דערפרי. אין דרויסן איז נאָך געווען גוט פינצטער, איז מיין פרוי מיטן ערשטן צוג אַוועקגעפאָרן קיין בריסל. זי איז נאַטירלעך געווען אין אַ גרויסער געפאַר, טאָמער ווערט זי לעגיטימירט, ווייל מען פלעגט דעמאָלט אין די צוגן לעגיטימירן און נאָך אַלץ געזוכט יידן. פון ליער איז מיין פרוי געפאָרן קיין בריסל מיט אַן אַרבעטער־צוג, וועלכער — ווי איך האָב געוווּסט — ווערט קיינמאָל נישט קאָנטראָלירט און ער איז נישט אַריינגעקומען אויף דער סטאַציע פון בריסל, נאָר אין שכאַרבעעק, אַ פאָרשטאָט פון בריסל. צוריקוועגס — האָב איך איר אָנגעזאָגט — זאָל זי נישט פאָרן מיטן עלעקטרישן צוג פון בריסל קיין מעבעלן, נאָר מיטן טראַם ביז ווילפאָרד. פון ווילפאָרד — האָט איך איר דערקלערט — גייט אַן אויטאָבוס ביז מעכעלען און פון מעכעלען גייט אַן אויטאָבוס ביז ליער.

אינדערפרי האָב איך די קינדער אָנגעטאָן. דאָס גרעסערע יינגל האָב איך געשיקט אין דער שולע. דאַן בין איך געגאַנגען צום קצב נאָך פלייש, ווייל נאָר איינמאָל אין דער וואָך, יעדן פרייטיק, האָט מען באַ־קומען פלייש. איך געדענק, אַז איך האָב געקויפט זופּן־פלייש. איך האָב צוגעשטעלט באַבעלעך, אַזוי ווי מיר זענען געווען געוווינט צו קאָכן אויף יעדן שבת. נאָכמיטאָג, האָב איך גערעכנט, וועט מיין פרוי זיין אינדערהיים.

ווען מיין ייִנגל איז פיר אַזייגער געקומען פון שולע, האָט ער זיך געפרעגט, צי די מאַמע איז שוין געקומען. — ניין, האָב איך אים געזאָגט. — מען האָט די מאַמע אוודאי געכאַפּט אין בריסל — האָט ער געזאָגט. ער איז דעמאָלט אינגאַנצן אַלט געווען אין זעקסטן יאָר. איך האָב די קינדער געגעבן צו עסן און אַליין בין איך שוין אַרומגע־גאַנגען אומגעדולדיק און נישט געוווסט, וואָס איך זאָל קלערן, ווייל לויט מיין רעכענונג האָט זי שוין לאַנג געדאַרפט זיין אינדערהיים. און דאָ רוקן זיך די שעהן. פינף, זעקס. זיבן. עס איז שוין גוט פינצטער. אפשר, האָב איך גערעכנט, וועט זי צוריקקומען מיט דעם זעלבן אַר־בעטער־צוג, וואָס פלעגט אַריינקומען קיין ליער פון שכאַערבעעק צען מינוט נאָך זיבן פאַרנאַכט.

איך האָב מיינע קינדער אַריינגעגעבן צו אַ שכן און האָב גענומען מיין וועלאָ און בין צוגעפאָרן אָפּוואַרטן מיין פרוי ביי דער סטאַציע, ווייל איך האָב גערעכנט, אַז זי וועט איצט זיכער אָנקומען. אָבער ווי גרויס איז געווען מיין פאַרצווייפלונג, ווען איך האָב געזען אַלע מענטשן פון צוג אויסשטייגן און מיין פרוי איז צווישן זיי נישט געווען. איך בין נאַטירלעך אַהיימגעלאָפן מיט אַ פאַרביטערט האַרץ און אָנגעהויבן שטאַרק וויינען.

ווען מיינע קינדער האָבן געזען, אַז איך וויין אַזוי, האָבן זיי אויך אָנגעהויבן צו וויינען. — ווו איז אונזער מאַמע? — מען האָט געכאַפּט אונזער מאַמע, האָט דאָס גרעסערע ייִנגל געוויינט. — די דייטשן וועלן זי הרגענען. אין דריטן הויז פון מיר האָט געוווינט אַ פלעמישע פאַמיליע פון גענט. דער הער וואַן קאַטערען. ער האָט דערהערט דאָס געוויין פון מיר און מיינע קינדער און איז צו מיר אַריינגעקומען מיך טרייסטן. דער הער וואַן קאַטערען איז געווען פאַרן קריג אַ מיליטער־מאַן פון פאַך, ער איז געווען אַ גרויסער שונא פון דייטש. ער האָט מיינע קינדער אַביסל שטיל געמאַכט. איך האָב די קינדער געגעבן צו עסן באַבעלעך מיט יויך און האָב זיי אָנגעהויבן אויסצוטאָן צום לייגן שלאָפן. ווי איך שטיי אַזוי מיט דעם הער וואַן קאַטערען די קינדער אויס־צוטאָן, קומט מיין פרוי צו גיין. איך האָב שרעקלעך אָנגעהויבן צו וויי־נען און צו שרייען, וואָס זי איז עפּעס אַזוי שפּעט צוריקגעקומען. האָט זי מיר דערציילט אַ גאַנצע מעשה, אַז זי האָט פאַרשפּעטיקט דעם אויטאָ־בוס פון מעכעלען קיין ליער פון פיר אַזייגער און זי האָט געמוזט וואַרטן אויפן אויטאָבוס פון זיבן אַזייגער. זי האָט מיר אויך דערנאָך דערציילט, אַז זי איז אין בריסל געגאַנגען געוויער ווערן וועגן פאַרשידענע באַ־קאַנטע, צי זיי זענען נאָך דאָרט, אָדער מען האָט זיי שוין אויך אָוועקגע־

שיקט. און דאָס גלויב איך, איז געווען די סיבה פון איר דעמאָלטיקן אַזוי שפּעט אַהיימקומען.

מיין פרוי האָט מיר דערציילט, אַז אויף דער פּאָסט האָבן די בעל־גישע באַאַמטע זי זייער גוט אויפגענומען, אָבער דאָס ביכל איז נאָך אין דער פּאָסט נישט געהאַט אַריינגעקומען, אַזוי, אַז זי האָט עס נישט געקאָנט באַלד מיטברענגען, נאָר די באַאַמטע האָבן איר פאַרזיכערט, אַז אַזוי שנעל ווי דאָס ביכל וועט אַריינקומען, וועלן זיי די אָנפראַגע פאַר־ניכטן און דאָס ביכל וועלן זיי צוריק אָפּשיקן קיין ליער, שפּעטסטנס, האָבן זיי געזאָגט, וועט דאָס ביכל זיין צוריק אין ליער אַזוי קעגן מאָנ־טיק, אָדער דינסטיק.

עס איז אָבער געקומען דינסטיק און איך האָב דאָס פּאָסט־ביכל נישט געזען, בין איך ווידער געוואָרן זייער אומרואיק און האָב נאָכאַמאָל אָנגעהויבן צו וויינען, אַז מיין פרוי האָט אונז אַלע געטריבן אין אומ־גליק אַריין. איך האָב, האָב איך צו איר ווייטער געזאָגט, נאָך געהאַט געגנוג סחורה און זאַכן צו פאַרקויפן, איך זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו דעם געלט פון דער פּאָסט. — אויב דו ביזט אַזוי אומרואיק — האָט מיין פרוי צו מיר ווייטער געזאָגט — פאָר איך ווידער אַריבער קיין בריסל.

דינסטיק אָדער מיטוואָך איז עס געווען, איז זי ווידער געפאָרן קיין בריסל. באַלד נאָכמיטאָג איז זי שוין געווען אינדערהיים און האָט מיטגעברענגט דאָס פּאָסט־ביכל. איך בין געווען גליקלעך, ווען איך האָב זי דערזען מיטן פּאָסט־ביכל. — דו זעסט, האָט זי צו מיר גע־זאָגט, איך האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז דו דאַרפסט זיין רואיק, ווייל די פּאָסט־באַאַמטע האָבן מיר געהאַט פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן די אָנ־פראַגע פאַרניכטן. נאָר דאָס פּאָסט־ביכל איז ערשט אַריינגעקומען מאָנ־טיק אין דער פּאָסט פון בריסל, האָט עס במילא אין ליער נישט געקאָנט אַזוי שנעל צוריק זיין.

איך האָב איצט אָנגעהויבן צו פאַרקויפן פאַרשידענע קעגנשטאַנדן. ביי דער פרוי בראַבאַנטס האָב איך געהאַט ליגן אַ וואַליזע מיט סחורה, האָב איך אַ טייל סחורה וואָס איז באַשטאַנען פון וואָלענע זאַקן אַרויס־גענומען און פאַרקויפט. די זאַקן איז געווען צייט צו פאַרקויפן, ווייל זיי האָבן אָנגעהויבן מאָליק צו ווערן.

ביי דער פרוי בראַבאַנטס האָב איך אויך געהאַט ליגן אַ גאָלדענעם "פונט", האָב איך אים אויך אָפּגענומען און פאַרקויפט צו הערצפעלדס אײדעם. דאַן האָב איך הערצפעלדס אײדעם, וואָס איז געווען אַ האָלענ־דישער ייִד, גלייכצייטיק פאַרקויפט מיין גאָלדענעם זייגער פאַר 7.500

פראַנק. דער זייגער האָט מיך געהאַט געקאָסט אַכט טויזנט פראַנק, האָב איך נאָך צו אים צוגעלייגט 500 פראַנק, טראַץ דעם, וואָס גאָלד איז דעמאָלט נאָך העכער געשטאַנען, ווי ווען איך האָב געקויפט דעם זייגער. אָבער אַזוי איז עס, האַנדלשאַפט איז קיין ברודערשאַפט. דער האָלענדער האָט געזוכט צו פאַרדינען. שענער פון אַלעם איז, וואָס אַ צייט שפּעטער, איז דער האָלענדער מיר געקומען רעקלאַמירן, אַז ער קאָן מיין זייגער נישט פאַרקויפן מיט קיין ריווח און אַז עס שטייט אים נאָך צוצולייגן געלט, האָב איך אים נאָך צוריקגעגעבן 500 פראַנק.

# זיבעטער קאַפּיטל

אַזוי איז אַוועק אַ שטיק זומער און אַ ווינטער און מיר האָבן כסדר רואיק געלעבט אין אונזער וווינונג. מיר האָבן זיך אין ליער פריי באַוויגן. מיר זענען אַליין געגאַנגען נעמען אונזערע ראַציע־מאַרקעס. מיין פרוי פלעגט גיין מיט די קינדער אַ סך מאָל קיין ליער שפּאַצירן, אָדער אין סינעמאַ. אַ נס איז געשען: מיר זענען פאַרגעסן געוואָרן. זומער פלעג איך אַ סך מאָל נעמען מיין גרעסער אָדער קלענער יינגעלע, אויפזעצן אויפן וועלאָ און מיט זיי פאָרן אין די דערפער אַריין נאָך אַ שטיקל פּוטער, אָדער איך פלעג פאָרן זוכן גראָז — עסן פאַר די קרוליקעס, וואָס מיר האָבן איצט געהאָדעוועט. ווי גליקלעך בין איך דעמאָלט געווען, ווען איך האָב איינעם פון מיינע יינגלעך מיטגענומען אויף מיין וועלאָ. יעדע מינוט האָב איך געהערט דאָס וואָרט "פּאַפּאַ", וואָס איז דאָס פאַר אַ וואַסער? פּאַפּאַ, וואָס איז דאָס פאַר אַ פעלד? וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלדל? איך האָב זיי אַלץ געגעבן צו פאַרשטיין. ווי האָבן זיי זיך געפרייט, ווען זיי האָבן געזען ביי אַ פּויער קליינע הינדלעך, הינטלעך, קאָזעלעך. מיט אַלעם האָבן זיי זיך אַזוי געפרייט. אין זיי איז געוואָרן איינגעפּלאַנצט די ליבע צו דער נאַטור אַזוי ווי אין מיר. אַפילו מיין קלענער יינגעלע פון דריי יאָר, האָב איך באַמערקט, ווי ער איז אויפמערקזאַם אויף דער נאַטור. ער האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף דער אונטערגייענדיקער זון. אויף אַ רויטן הימל. און דעמאָלט פלעגט ער מיר שטעלן פאַרשידענע פראַגן. — פּאַפּאַ, ווער מאַכט דאָס אַלץ אַזוי? — און נאָך אַנדערע פראַגן. מיין האַרץ איז געוואַקסן פון גליק. איך פלעג דאַן מיינע קינדער קושן. איך פלעג זיי אַלץ קויפן. גאָרנישט איז מיר פאַר זיי געווען צו טייער. איך האָב זיי געקויפט אייער, שפּעק, טראָץ דעם, וואָס דאָס איז דעמאָלט געווען זייער טייער.

איך אָדער מיין פרוי פלעגן גיין אַ סך מאָל מיט נאָך אַ שכן אין וואַלד אַריין קלייבן האָלץ. פלעגן אונזערע קינדער מיטלויפן און זיך שפּילן. אָפּגעברענט פון דער זון זענען זיי אַהיימגעקומען צו שפּרינגען מיט שטעקעלעך אין די הענטלעך. אַ סך מאָל האָב איך זיך פאַרטראַכט.

מיינע קינדער געניסן נאָך פון דער פרייער נאַטור, ווייסן נישט פון קיין הונגער, אין דער צייט, ווען אַנדערע יידישע קינדער זענען אויסגע־גאַנגען פאַר הונגער און זענען שוין לאַנג טויט. דאָס האָב איך גאַנץ גוט געוווסט, אַז עס איז אַזוי, וויל איך פלעג ביי אַ שכן יעדע פאַר שעה זיצן ביים ראַדיאָ און הערן די ענגלישע באַריכטן. דאָ, האָט דער דייטש אויסגעהרגעט אַזוי פיל און אַזוי פיל יידן. דאָ אַזוי פיל. און אין פוילן האָט מען געמאַכט אַ שעכט־הויז, ווו מען פאַרזאַמלט אַלע יידן און מען הרגעט זיי אויס. די באַריכטן פלעג איך אַ סך מאָל הערן אין דער דייטשער שפּראַך, וועלכע דער פלעמער, וואָס פלעגט הערן ווי איך דעם ראַדיאָ, האָט זיי נישט פאַרשטאַנען. דעמאָלט פלעג איך ווערן אַזוי טרויעריק און האָב מיר נישט געוווסט קיין עצה צו געבן. איך פלעג דאַן אַ סך מאָל ווידער טראַכטן זיך צו גיין באַהאַלטן.

איינמאָל בין איך געשטאַנען ביים ראַדיאָ און געהערט אַ רעדע פון טאָמאַס מאַן, ווי ער ווענדט זיך צו די היטלעריסטישע שטאַטס־מענער, אויב זיי מיינען עס ערנסט, אַז די יידן זענען שולדיק אינעם קריג און, אַז ווען נישט די יידן וואָלט די מלחמה נישט געווען אויסגעבראָכן? דאַן האָט טאָמאַס מאַן דערציילט פאַרן דייטשן פאָלק, ווי אַזוי מען הרגעט אויס די יידן. אַז אין פוילן ביי קאָנין, האָט מען מיט איינמאָל צוזאַמענגעטריבן עלף טויזנט יידן, מענער, פרויען און קינדער און אין איין פערטל שעה צייט, האָט מען די עלף טויזנט מענטשן אויסגע־מאָרדעט, טראָץ די אַלע געוויינען און געשרייען פון די אומגליקלעכע מענטשן. און טאָמאַס מאַן פרעגט דאָס דייטשע פאָלק, צי עס ווייס פון אָט־די גרויל־טאָטן? דעמאָלט האָב איך זיך גוט צעוויינט, און דער טרויער איז אַ פּאָר טעג נישט אַראָפּ פון מיין פּנים. איך האָב מיר אַ סך מאָל געשטעלט די פראַגע, צי איז די מלחמה נישט קיין קאָמפּלירטער שפּיל? — כדי צו פאַרניכטן דעם קאָמוניזם אין אייראָפּע, האָט מען געמאַכט אַ פּלאַן — מוז מען צוערשט דאָרט פאַרניכטן דאָס גאַנצע יידנטום. מיט די אַנדערע פעלקער וועט מען זיך שוין אַן עצה געבן, זיי זענען נישט אַזוי אַנטוויקלט ווי די יידן און זיי וועט מען קאָנען שנעל מאַכן פאַר אויס קאָמוניסטן.

איך האָב ביי מיר אַנגעהויבן אָפּן צו באַשולדיקן ענגלאַנד אין טייוולאָנישן שפּיל פון מאָרדן די יידן. איך האָב ביי קיין שום אופן מיר נישט געקאָנט צוגלויבן, דאָס אַזאַ וועלט ווי אַמעריקע, ענגלאַנד און די אַנדערע לענדער פון אייראָפּע, זאָלן נישט קענען, ווען זיי ווילן, רעאַגירן קעגן אויסמאָרדן אַ גאַנץ פאָלק אויף אַזאַ אופן, וואָס איז נאָך אין דער געשיכטע נישט פאָרגעקומען. עס איז באַקאַנט, אַז אפילו ביי

דיווילדעסטע שטאַמען אין אַפריקע, אָדער אין אַזיע, ביי זייערע גרעס־טע רציחות — ווי די שטאַמען למשל אין האָלענדיש ניי־גווינעאַ, וואָס זענען געווען באַקאַנט פאַר קעפ־שניידער. זיי פלעגן זיך אַוועקלאָזן אין די וייטע געגנטן אָנפאַלן אַנדערע שטאַמען און זיי אָפּהאַקן די קעפּ. די מענטשן־קעפּ פלעגן זיי דערנאָך האַלטן ביי זיך פאַר אַ באַצירונג, אָבער קליינע קינדער פלעגן די ווילדע שטאַמען דאָך נישט הרגענען. אָבער אין 20־סטן יאָרהונדערט הרגעט דער דייטש קליינע קינדער, אַפילו זויגלינגען. שריי איך אָפּ פון מיין טיפסטן האַרץ, אַז גאַנץ אייראָפּע און גאַנץ אַמעריקע און ענגלאַנד, זענען שולדיק אין דער גרויסער שחיטה פון יידישן פאָלק.

איך האָב אַפילו שפּעטער אָנגענומען די השערה, אַז דאָס אַראָפּ־וואַרפן מוסאָליני פון זיין מאַכט אין יאָר 1943, איז אויך געווען אַ מאַנעוור פון ענגלאַנד מיטן דייטש. אַזוי ווי מוסאָליני האָט נישט גע־וואָלט אין זיין לאַנד אַדורכפירן די ראַסן־געזעצן קעגן יידן מיט דער גאַנצער שטרענגקייט. און נישט נאָר האָט מוסאָליני אין זיין לאַנד נישט איינגעפירט די געזעצן קעגן יידן, נאָר אפילו אין די באַזעצטע לענדער אויך נישט. ווי למשל אין גריכנלאַנד און אין דרום־פראַנק־רייך, דער טייל וואָס איז געווען באַזעצט פון איטאַליע. האָט מען מוסאָ־ליני אַראָפּגעוואָרפן און מען האָט אויך געקאָנט אויסראָטן און פאַר־ניכטן דאָס איטאַליענישע יידנטום, דאָס גריכישע יידנטום און דאָס יידנ־טום פון דרום־פראַנקרייך. אַלץ איז צוגעגאַנגען סיסטעמאַטיש. יעדעס לאַנד לויט זיין ריי. ווי למשל די יידן פון דענעמאַרק און נאָרוועגיע. איך האָב געגלויבט, אַז ענגלאַנד וועט אַזוי לאַנג פירן מלחמה מיטן דייטש, ביז עס וועט קיין איין ייד אין אייראָפּע נישט מער לעבן.

און דאָס האָט אויך אַ קינד געקענט זען, אַז דאָ קומט פאַר אַ טייוו־לאָנישע מלחמה, וואָס איז נאָר געצילט קעגן יידישן פאָלק, ווייל איינ־ציקווייז, ווו עס האָט זיך נאָך ערגעץ אויסבאַהאַלטן אַ ייד, האָט מען אים מיט דער צייט דאָך אָפּגעזוכט און געפונען. — וואָרט, האָט אוודאי דער דייטש געזאָגט צו ענגלאַנד — נישט איילן זיך מיט דעם ענדיקן די מלחמה — מען געפינט נאָך כסדר באַהאַלטענע יידן. — איך וועל אַזוי זען צו טאָן, אַז איך זאָל דעם לעצטן געפינען. און דער דייטש האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט אָרגאַניזירט אַזאַ שטאַרקן שפּיאָנאַזש־דינסט און אַזעלכע שטאַרקע שטראָפן פאַר די, וואָס פלעגן אויסבאַ־האַלטן אַ ייד, אַז כמעט קיינער האָט מער נישט געוואָלט, פאַר קיין שום געלט, אויסבאַהאַלטן אַ ייד. אַזוי פלעגט דער דייטש, אַז ער האָט

ערגעץ געפונען אַ ייד, מיטנעמען די קריסטלעכע פאַמיליע און מען האָט זיי קיינמאָל נישט מער צוריקגעזען.

מיינע קינדער פלעגן אינסטינקטיוו אַזוי מורא האָבן, אַז ווען זיי האָבן געזען אַ דייטש, פלעגן זיי ציטערן און וויינען. אַ סך מאָל, אַז איך בין געגאַנגען מיט מיין קלענער ייִנגעלע אין געשעפט אַריין עפּעס קויפן, פלעגט ער זיך אָפּט אומקוקן. — בערעלע, האָב איך אים געפרעגט, וואָס קוקסטו זיך עפּעס אַזוי אום? — פּאַפּאַ, האָט ער צו מיר געזאָגט, איך קוק זיך אום, צי עס קומען נישט אָן קיין דייטשן.

אַז די מלחמה איז עפּעס אַ טייוולאַנישע מלחמה, האָבן אויך די קריסטן אָנגעהויבן צו מערקן. ווי למשל די פּלעמער און די פּראָנצויזן. זיי האָבן אַלע אָנגעהויבן צו ווערן פּעסימיסטיש געשטימט און געשריגן, אַז דער דייטש פּירט די מלחמה לויטן ווילן פון די ענגלענדער און אַז די גאַנצע מלחמה איז נישט מער ווי אַ קאָמעדיע־שפּיל. דער האַס פון פּלעמישן פאָלק איז דעריבער כסדר אַזוי געוואַקסן קעגן ענגלענדער, ווי קעגן דייטש.

אַזוי איז שוין אַוועק אַ יאָר, ווי מען האָט די יידן אָנגעהויבן צו דעפּאָרטירן און מיר זענען נאָך אַלץ געזעסן אין אונזער וווינונג. איינ־מאָל, געווען איז עס אין אָנפאַנג זומער, האָט צו מיר מיין פרוי געזאָגט — איך האָב געהערט, אַז אַ שוואַנגערע פרוי נעמען די דייטשן נישט מיט, אויב זיי קומען נעמען. — גוט, האָב איך געזאָגט צו מיין פרוי, איך וועל זען אַז דו זאָלסט שוואַנגערן. עס איז אַוועק אַ פּאָר וואָכן, האָט מיין פרוי מיר דערציילט, אַז זי שוואַנגערט. איצט האָט זי זיך ווידער אָנגעהויבן צו באַזינען, נאָך וואָס האָט עס איר געטויגט אין אַזאַ צייט, ווי מיר לעבן, נאָך אַ קליין קינד. עס איז פאַרבונדן מיט אַזוי פיל קאָסטן. מיין פרוי האָט דאַן איינגענומען עפּעס אַזעלכע פּילן, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון אַן אַפּטייק און פון דער שוואַנגער־שאַפט איז גאָרנישט געוואָרן.

איך האָב איצט ווידער געדאַרפט געלט. איך האָב געטראַכט צו פאַרקויפן סחורה. אָבער וואָס וועט זיין, אַז איך וועל די סחורה שוין האָבן פאַרקויפט? ווו וועל איך דאַן נעמען געלט? די סחורה איז אויך כסדר געשטיגן. אַזוי, אַז עס איז מיר געווען אַ שאָד זי צו פאַרקויפן.

איך האָב זיך דאַן געוואָנדן צו הערצפעלדס איידעם — דעם האָלענ־דער — מיט אַ פּראָפּאָזיציע. — ער האָט מיר אַמאָל געהאַט צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיר באָרגן געלט. איך האָב צו אים געזאָגט, אַז איך וועל אים געבן פינף פּראָצענט יערלעך פונעם געלט, וואָס ער וועט מיר באָרגן, איך וועל ביי אים איינלייגן אַלס משכן מיין פּאָסט־ביכל מיט די

דרייסיק טויזנט פראַנק. אויף יעדע סומע וועל איך אים געבן אַ וועקסל. אָבער ווען עס איז געקומען צום באַרגן, האָט ער אָנגעהויבן צו דרייען מיטן קאָפּ. איך מוז באַמערקן, אַז דער האָלענדער איז געווען אַ רייכער מענטש און האָט נאָך אויך איצט געמאַכט גוטע געשעפטן, ווייל ער האָט געהאַנדלט מיט בריליאַנטן און גאָלד.

דער האָלענדער האָט צוערשט געצעגערט מיר צו באָרגן געלט. אָבער עס זעט אויס, אַז ער האָט זיך אינפאָרמירט, אַז ביים דעמאָלטיקן מצב פון די יידן איז, אויב איך וועל אים געבן אַ מלוכה־געשטעמפּלטן פּאַפּיר מיט דער סומע געלט, וועלכע ער באָרגט מיר און דעם נומער פון פּאָסט־ביכל און אַז איך און מיין פרוי גיבן אים רעכט די סומע אָפּצונעמען אויף אונזער פּאָסט־ביכל, וועט ער זיין הלוואה צוריק באַקומען נאָך דער מלחמה, האָט ער מיר ערשט געבאָרגט געלט אויף פינף פּראָצענט. אַזוי האָט ער מיר געהאַט געבאָרגט אויף מיין פּאָסט־ביכל, ביז די דייטשן זענען אונז געקומען נעמען, 15.000 פראַנק.

פונקט צום יאָר, ווי מען האָט געהאַט אָנגעהויבן צו דעפּאָרטירן די יידן, האָט מיין פרוי מיר ווידער דערציילט, אַז זי שוואַנגערט און אַז איצט וועט זי עס שוין נישט קאָלע מאַכן און אַז זי וואָלט אַזוי געוואָלט האָבן אַ מיידל. איך האָב באַמערקט, ווי זי איזווירקלעך צופרידן, וואָס זי שוואַנגערט.

אין צווישנצייט זענען מיינע צוויי יינגלעך קראַנק געוואָרן אויף מאָזלען. מיין גרעסער יינגל, איז איצט אַלט געוואָרן זעקס יאָר און ער האָט שוין איצט געדאַרפט גיין אין דער שולע אַריין, נישט מער אין דער שפּיל־שולע. מיר האָבן אים איינגעשריבן אין דער שולע. אָבער נאָך אַ פּאָר טעג ווי ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער שולע, האָט מיך דער דירעקטאָר פון דער שולע געלאָזט רופן און מיר דערקלערט, אַז אַזוי ווי מיין יינגל איז אַ יידיש קינד, קאָן ער מיט קיין פלעמישע קינדער צוזאַמען נישט לערנען.

מיין יינגל איז געווען שטאַרק נידערגעשלאָגן, וואָס ער האָט אין דער שולע אַריין נישט מער געטאָרט גיין און ער פלעגט דערפאַר אַ סך מאָל אויך וויינען, פאַר וואָס מיר לאָזן אים נישט גיין אין שולע. דאָס קינד האָט עס נעבעך נישט פאַרשטאַנען און מיר האָבן אים אויך נישט געוואָלט זאָגן, פאַרוואָס ער טאָר נישט גיין אין דער שולע אַריין. מיר האָבן דעם קינד קיין קרענקונג נישט געוואָלט אָנטאָן.

איך האָב אַ סך מאָל געפּרובירט מיטן יינגעלע צו לערנען, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין געדולד און אויב ער האָט נישט אַזוי

גוט באַגריפֿן, האָב איך אים געשלאָגן, דאַן האָב איך ליבער מיט אים איבערהויפּט נישט גערעדט.

שפּעטער האָבן מיר באַקומען אַן אויפֿפאָדערונג פֿון אויפֿזעער אי־בער די שולעס — פּאַרוואָס מיין יינגל גייט נישט אין דער שולע אַריין. — האָב איך אים געענטפֿערט, אַז מיין יינגל באַקומט הויז־בילדונג און דער דירעקטאָר פֿון דער שולע האָט אים אויפֿגעקלערט די סיבה דער־פֿון, האָט ער דעם ענין צורו געלאָזט.

איך פֿלעג אַ סך צייט פֿאַרברענגען מיט לייענען ביכער. מיין פֿרוי פֿלעגט פֿון צייט צו צייט אויך לייענען ביכער. נישט ווייט פֿון מיר איז געווען אַ ביבליאָטעק, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער אויפֿזיכט פֿון גלחים. אַזוי, אַז אַ סך ביכער פֿון דער ביבליאָטעק — וואָס האָט זיך גערופֿן אין קראַנסקע — האָבן געטראָגן אַ קאַטוילישן כאַראַקטער, ווי למשל, אַזעלכע ביכער וואָס זענען געווען געשריבן דורך פֿאַרשידענע ״פּאַטערס״ און גלחים. עס האָבן זיך אָבער צווישן זייערע ביכער אויך געפֿונען אַזעלכע, וואָס זענען געווען זייער אינטערעסאַנט און באַלערנד. ווי למשל, דאָס בוך וואָס איך האָב פֿאַרגעסן דעם נאָמען פֿון דעם ״פּאָ־טער״ וואָס האָט עס געשריבן. ער איז, דאַכט זיך, געווען פֿון וואַאַסלאַנד אין פֿלאַנדערן, פֿון שטעטל סענט־זשילעס. א. נ. ״מיינע פֿינף און דריי־סיק יאָר פֿון זיין פּאַטער אין מאַנגאָליע״. אָדער די רייזע־באַשרייבונגען א. נ. ״גלייך דורך אַזיע פֿון קאָנסטאַנץ דע־דעקען״. אָדער די רייזע־באַ־שרייבונג דורך טאַרטאַריע פֿון מ. חוק. איך וועל אויך קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן דאָס בוך וועגן עפּעס אַ פֿראַנצויזישן יונגן אַנאַרכיסט, אַרויס־געגעבן דורך פּראָפֿעסאָר סאַלסמאַן, מיט אַ פֿאָררעדע פֿון קאַרדינאַל מערסיע. דאָס בוך טראָגט דעם נאָמען ׳אַלבער״ און איז געשריבן אין פֿאָרם פֿון אַ טאָג־בוך. עס דערציילט זיך אין דעם בוך, ווי אַ יונגער אַנאַרכיסט פֿון 18 יאָר גיט זיך אָפּ מיט אַ באַנדע אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן אויסגעפֿירט פֿאַרשידענע רויב־אָנפֿאַלן און מאָרדן. אַ סך פֿון די אַנאַרכיסטן ווערן געכאַפּט און פֿאַראורטיילט, צווישן זיי אויך אַלבער. טראָץ דעם, וואָס ער האָט זיך אין די אָנפֿאַלן נישט באַטייליקט און האָט פֿון זיי נישט געוווּסט.

אַלבער, דערציילט זיך אין דעם בוך, ווערט אַ בעל־תשובה. ער ווערט צוריק אַ גוטער קריסט, ווייל ער קומט צו דער איבערצייגונג, אַז די מענטשן מוז מען אויסבעסערן, נישט דורכן געזעץ, נאָר דורך זיטלעכע לערע. אַלבער דענקט צו ווערן אַ מיסיאָנער, ווען ער וועט אַרויסקומען פֿון געפֿענגעניש. דער דירעקטאָר און דער גלח פֿון געפֿענ־געניש, אַלע האָבן ליב צו שמועסן מיט אַלבערן צוליב זיין שאַרפֿזין.

אַלבער שרייבט אין געפענגעניש זיין טאָג־בוך פון טאָג אָן, ווען ער איז נאָך אומגלויביק, ביז ער ווערט אַ בעל־תשובה. זיין שאַרפזין און זיינע דעראינערונגען האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די געפענגעניש־אויפזעער און זיי האָבן איינמאָל זיין טאָג־בוך צוגעגנבעט, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, ער זאָל עס נישט פאַרניכטן.

עס איז פונקט געווען אין דער מלחמה פון 1914, ווען אַלבער שרייבט זיין טאָג־בוך אין דער בריסקער תפיסה. ער בענקט אַזוי נאָך דער פרייהייט, צו זען כאָטש נאָך איינמאָל זיין מוטער, אַז זיין הארץ האַלט פון בענקשאַפט נישט אויס און ער שטאַרבט אין דער תפיסה. דאָס איז איינס פון די שענסטע און רירנדסטע ביכער, וואָס איך האָב אין מיין לעבן געלייענט.

די ביבליאָטעק פונעם קראַנסקע האָט געהאַט די מעלה, וואָס מען האָט זיך דאָרט געפילט אַזוי ווי אינדערהיים. עס זענען נישט געווען צוערשט קיין שום רעגולאַמינען, ווי לאַנג מען דאַרף האַלטן אַ בוך. ווי לאַנג איינער האָט געוואָלט האַלטן אַ בוך, האָט ער געמעגט. אַז מען איז געקומען נעמען ביכער, האָט מען נישט געדאַרפט וויזן קיין פּאַס, אַזוי ווי אין דער שטאָט־ביבליאָטעק. מען האָט נאָר געדאַרפט בלויז אויפגעבן דעם אַדרעס. באַצאָלן פאַר די ביכער האָט מען אויך נישט געדאַרפט, אַזוי ווי אין דער שטאָט־ביבליאָטעק. די ביבליאָטעקאַרן זע־נען דאָרט געווען: אַ יונגערמאַן מיינס אַ שכן, וואָס די גאַנצע וואָך איז ער אַרומגעגאַנגען איינקאַסירן פאַרן גאַז. דער צווייטער איז געווען אַ שניידער, אַ זון פון אַ פויער, וועלכער האָט געוווינט נישט ווייט פון מיר. ביידע יונגעלייט זענען געווען זייער שטילע און אנשטענדיקע. די גאַנצע וואָך האָבן זיי געאַרבעט און זונטיק זענען זיי געזעסן אין דער ביבליאָטעק.

איך פלעג לייענען איצט אַ סך פלעמישע שרייבער. איך האָב נישט געוווסט, אַז עס עקזיסטירט אויך אַ רייכע פלעמישע ליטעראַטור. איך האָב זיך באַקענט מיט אַזעלכע שרייבער, ווי: הענדריק קאָנסיאַנס, אמער ווטע, וואַרד ווערמיילן, וויקטאָר דע־מייער, זשעראַר וואָלשאַפּ, גוסטאַוו זעגערס און נאָך אַ סך אַנדערע. עס זענען מיר אָבער אויך אַ סך מאָל אַריינגעפאַלן אין דער האַנט אַריין ביכער, ביי וועלכע איך פלעג ווערן זייער טרויעריק, אַזוי למשל, דאָס בוך "שקלאַפן פון דער מלחמה 1914" פון עפּעס אַ פלעמישן שרייבער פון מערב־פלאַנדערן, פון דער שטאָט רוסעלאַר, מיטן נאָמען לעאָן ווערשנורען. ער באַשרייבט דיליידן, וואָס די דעפּאָרטירטע אַרבעטער פון בעלגיע האָבן זיך אָנגעליטן אין פראַנק־רייך אין די לאַגערן. ווי מענטשן וואָס האָבן געוויגן, ווען זיי זענען

געקומען אין די לאַגערן צו אַכציק קילאָ, האָבן נאָך אַ פּאָר חדשים נישט מער געוויגן ווי פערציק קילאָ. די דעפּאָרטירטע פלעגן אויסשטאַרבן ווי די פליגן. ער דערציילט, ווי פּאַר אָנצינדן אין לאַגער ביינאַכט אַ שוועבעלע, האָט אַ דייטשער זעלנער דורכגעשטאָכן מיט אַ באַיאָנעט אַ יונגענמאַן, אַ דאָקטאָרס אַ זון, וואָס האָט זיך אינגאַנצן ערשט געהאַט געפונען אַ טאָג אין לאַגער.

דער יונגערמאַן איז געווען אינגאַנצן אומשולדיק. ער האָט זיך געבעטן ביי דעם דייטשן זעלנער אין פראַנצויזיש, אַז ער איז אומשולדיק. אָבער דער דייטש האָט געגעבן אַ שפּרונג אַ פּאָר טריט צוריק און דאַן האָט ער מיט זיין באַיאָנעט אַדורכגעשטאָכן דעם יונגענמאַנס האַרץ. דער יונגערמאַן האָט אַרויסגעלאָזט אַ גרויס געשריי און איז געבליבן ליגן טויט. דער דייטש — דערציילט ווערשנורען — האָט אָפּגעווישט דעם באַיאָנעט מיט זיין טאַשן־טיכל, אַזוי ווי עס וואָלט גאָר־נישט פּאָרגעקומען. ביי אַזאַ בוך לייענען, פלעג איך ווערן זייער אויפגערעגט און אָנגעהויבן טראַכטן וועגן די יידן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין די דייטשע הענט אַריין.

אָדער אַמאָל ווידער האָב איך געליינט אַ צווייט בוך, געשריבן פון אַ האָלענדישן זשורנאַליסט מיטן נאָמען מאַקפעלד. דאָס פּאַרכאַפּן פון בעלגיע דורך די דייטשן אין דער מלחמה פון 1914. ער, אַלס זשורנאַליסט פון אַ נייטראַל לאַנד, דערציילט זיך אָן די גרוילטאַטן פון די דייטשן איבער דער בעלגישער באַפעלקערונג. אַזעלכע ביכער האָבן מיינע נערוון צעשרויפט ביז אויף דער לעצטער מדרגה. איך פלעג דעמאָלט ציטערן אינגאַנצן פון שרעק און נאָכדענקען וועגן די יידן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין די דייטשע הענט. איך פלעג דעמאָלט מיט רחמנות קוקן אויף מיינע קינדער.

זומער 1943 האָט איטאַליע קאַפּיטולירט. אַלע מענטשן האָבן געמיינט, אַז די מלחמה וועט מער לאַנג נישט דויערן. מיין פרוי איז געווען צופרידן, וואָס זי שוואַנגערט. זי האָט גערעכנט, אַז ביז זי וועט דאַרפן גיין האָבן דאָס קינד, וועט שוין די מלחמה זיין געענדיקט, ווייל יעדן טאָג האָט דער ענגלענדער געזאָגט אין ראַדיאָ, אָט גייט ער, ער קומט, ער פּאָרט, ער רייט, ער גייט איירּאָפּע באַפרייען. אַזוי האָט ער געהאַלטן אין רייטן און קומען, ביז עס האָט זיך דערנענטערט די צייט, וואָס מיין פרוי האָט געדאַרפט גיין אין מוטער־הויז אַריין.

שבת, דעם 27־טן מערץ 1944, איז מיין פרוי אינדערפרי אַוועק אין מוטער־הויז אַריין, און נאָכמיטאָג האָט מען מיר פון דאָרט טעלעפאָנירט, אַז מיין פרוי האָט געבוירן אַ טאָכטער.

איך האָב זיך שיין אָנגעטאָן און אַוועק אין מוטער־הויז אַריין. אַ שיין מיידעלע פון 4 קילאָ, מיט בלויע אייגעלעך. מיין פרוי איז גע־ ווען אַזוי גליקלעך. מיר האָבן באַשלאָסן אַ נאָמען צו געבן אונזער טאָכטער מיט אונזערע מוטערס נעמען, ווייל מיין פרויס מוטער איז שוין לאַנג געווען טויט און מיין מוטער האָב איך גערעכנט איז שוין זיכער טויט. מיין מיידעלע האָט געטראָגן דעם נאָמען מירל־בילה. אין פראַצוויזיש האָט זיך געלייענט מיריעללע בעלאַ.

זונטיק, דעם 28־טן מערץ, האָב איך מיינע צוויי ייִנגעלעך שיין אָנגעטאָן און אַוועק מיט זיי באַזוכן זייער שוועסטערל און די מוטער. מיינע ייִנגלעך האָבן זיך געפרייט, אַז זיי האָבן אַ שוועסטערל און מער פון אַלע איז מיין פרוי געווען גליקלעך. זי האָט דאָס פּיצעלע קינד אַזוי געקושט אין די הענטלעך און עס געטוליעט צו איר ברוסט. — מיין מאַמעלע, פלעגט זי עס שפּעטער רופן, ווייל עס האָט דאָך געטראָגן דעם נאָמען פון איר מוטער.

אַזוי פלעג איך גיין יעדן טאָג באַזוכן מיין פרוי אין מוטער־הויז די צען טעג, וואָס זי איז דאָרט געלעגן. נאָך די צען טעג זיין אין מוטער־הויז איז מיין מיין פרוי אַהיימגעקומען מיטן קינד.

דאָס קינד איז געהאַט אָפּגעפאַלן. עס האָט געהאַט פאַרלוירן 300 גראַם פון זיין געוויכט און אין דער היים האָט עס אויך נישט פאַר־ טראָגן די ראַציע־מילך און האָט זי כסדר אויסגעבראָכן. מיין פרוי האָט אין מוטער־הויז געהאַט געגעבן דריי טעג די ברוסט, אָבער דאָס קינד האָט איר געהאַט די ברוסטן אַזוי אויסגעזויגן און זי האָט דאַן געהאַט אַזעלכע שרעקלעכע יסורים, אַז זי האָט דעם קינד מיט דעם בעסטן ווילן נישט געקענט מער געבן די ברוסט. דאַן האָט מען דאָס קינד גע־ מוזט דערנערן מיט אַ פלעשל. דעם טאָג, וואָס מיין פרוי איז אַהיימגע־ קומען פון מוטער־הויז און זי האָט געזען, אַז דאָס קינד פאַרטראָגט נישט קיין ראַציע־מילך, איז זי באַלד געלאָפן צו אַ פויער זיך ביי אים בעטן און ווייִנען, ער זאָל איר געבן פאַרן קינד יעדן טאָג כאָטש אַ האַלבן ליטער מילך. צום סוף האָט דער פויער איר געגעבן יעדן טאָג אַ ליטער מילך. צוויי דאָקטוירים האָט מיין פרוי גערופן אין דעם טאָג, וואָס זי איז אַהיימגעקומען פון מוטער־הויז, אַזוי איז זי געווען איבערגעשראָקן פאַר איר קינד. זי וואָלט איר לעבן פאַר דעם קינד אַוועקגעגעבן. אַזוי ווי דאָס קינד האָט באַקומען מילך פון פויער, האָט עס באַלד אויפגעהערט צו ברעכן און עס האָט זיך אָנגעהויבן שיין צו אַנטוויקלען. דאָס קינד האָט געלויכטן ווי די זון. אַזאַ שיין קינד —

האָבן אַלע מענטשן געזאָגט. אוןווירקלעך איז אַזאַ קינד געווען זעלטן צו זען. מיין פרוי פלעגט זאָגן, אַז די שכינה רוט אויף דעם קינד.

ווען דאָס קינד איז אינגאַנצן ערשט אַלט געווען אַ פּאָר טעג, האָט די פלעגערין פון מוטער־הויז געזאָגט צו מיין פרוי — מאַדאַם, דאָס איז דאָך אַ שיין קינד וואָס דו האָסט, זעלטן ווערן אַזעלכע קינדער געבוירן. אַ סך שכנים זענען מיר געוואָרן שונאים צוליב דעם קינד. איינע אַ שכנטע, וואָס איז פריער געווען אונזער בעסטער פריינט, איז זינט מיין פרוי האָט געבוירן דאָס קינד, איר געוואָרן אַ שונא. מיין פרוי פלעגט מיט דעם קינד טאַנצן און שפּרינגען און עס אַרומטראָגן גאַנצע טעג אויף די הענט און קושן.

און אַ גוט קינד איז דאָס שוין איינמאָל געווען, עס האָט כמעט קיינמאָל נישט געוויינט. ביינאַכט, ווען מען האָט עס געגעבן 9 אַזייגער דאָס לעצטע מאָל צו עסן און געלייגט עס אין בעט אַריין, איז עס געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. איך דערצייל דאָ אַזעלכע דעטיילן פון מיין קינד, ווייל איך אויך דערציילן, אַז ביי 14 טאָג, האָט עס שוין געקענט שיין לאַכן. מענטשן האָבן עס נישט געוואָלט גלויבן, ביז זיי האָבן זיך אַליין איבערצייגט.

מיין קינד איז שוין, געלויבט צו גאָט, אַלט געוואָרן צוויי חדשים. עס האָט געבליט ווי אַ רויז. און איך מיט מיין פרוי זענען געווען אַזוי גליקלעך. ביז עס איז געקומען דער 6־טער יוני, און דער ענגלענדער מיטן אַמעריקאַנער האָבן געלאַנדעט אין פראַנקרייך. דאָ האָב איך עפּעס פאַרגעפילט, אַז אַן אומגליק רוקט זיך אָן אויף אונז. יעדעס מאָל, וואָס איך בין פון הויז אַוועקגעגאַנגען און בין צוריקגעקומען, האָט זיך מיר אַלץ פאַרגעשטעלט, אַז איך זע אַן אויטאָ שטיין פאַר אונזער הויז און אַז די דייטשן זענען אונז געקומען נעמען. איך בין געווען גליקלעך, ווען איך בין צוגעקומען צו מיין טיר און געזען, אַז עס איז נישט קיין ווירקלעכקייט.

אָבער איינמאָל, פרייטיק אינדערפרי, דעם 9־טן יוני, בין איך געגאַנגען נאָך ברויט צום בעקער, ווייל מען האָט מיט שוועריקייט באַקומען ברויט. איך האָב אויך אַוועקגעטראָגן צום בעקער צום באַקן אַ ברויט, וואָס מיין פרוי האָט געמאַכט. אַהיימגייענדיק צוריק פון בעקער, עס האָט דעמאָלט געקלאַנגט זיין אַזייגער 10 אינדערפרי, זע איך, ווי עס קומט צו מיר צולויפן מיינס אַ שכנטע און שרייט צו מיר פונדערווייטנס — אַנטלויף — די דייטשן זענען נאָך איך געקומען. איך בין אַריינגעלאָפן אין דער ערשטער טיר, וואָס איך האָב געטראָפן אָפן. איך האָב מיר אָנגעהויבן צו ברעכן די הענט און שטאַרק צו וויינען.

די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אין דער גאַס, האָבן נישט באַמערקט, ווי איך בין אַריינגעלאָפן, ווייל ווען יאָ, וואָלטן זיי מיך אפשר נאָך געוועז פאַראַטן. דער געשטאַפּאָ־אַגענט וואָס איז נאָך אונז געקומען, האָט מיך שטאַרק אַרומגעזוכט און ער האָט איינגערעדט די פלעמער, אַז ווען איך וואָלט געקומען, וואָלטן זיי מיין פרוי מיט די קינדער גע־לאָזט אינדערהיים. מיין פרוי אַזוי גוט ווי איך, האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז נאָר אַ טריק און מיין פרוי האָט נאָך געהאַט דעם פאַרשטאַנד צו שיקן אַ שכנטע מיר זאָגן, איך זאָל אַנטלויפן. איך האָב אַפילו מיין פרוי מיט די קינדער נישט מער געזען אַוועקפאָרן. די שכנים האָבן דער־ציילט, אַז מיינע קינדער מיט מיין פרוי האָבן שטאַרק געוויינט.

ווען איך בין געגאַנגען צום בעקער, בין איך געווען אָנגעטאָן אין אַ פּאָר צעריסענע הויזן און אַ פּאָר צעריסענע שיך. און האָב ביי מיר קיין געלט נישט געהאַט. מיין גאַנץ געלט, איבער 7.000 פראַנק, איז געבליבן אינדערהיים אין מיינס אַן אַנצוג. אָבער איך בין געווען אַזוי דערשראָקן, אַז איך וואָלט פאַר קיין שום געלט איצט נישט אַהיימגע־גאַנגען. די שכנים האָבן דערציילט, אַז די פּאָליציי פּאַטרולירט כסדר אין מיין גאַס, וואָס איך גלויב, אַז דאָס איז נישט געווען אמת.

דער פלעמער, צו וועלכן איך בין געהאַט אַריינגעלאָפן, האָט מיך באַלד אַרויסגעטריבן. — גיי אַרויס, האָט ער צו מיר געזאָגט, זיצן אין פעלד און עס האָט דעמאָלט פונקט גערעגנט. דאַן בין איך אַריינגעלאָפן צו אַ צווייטן פלעמער, ווו איך פלעג אָפט קומען. דאָ האָב איך געשיקט רופן מיינס אַ שכנטע, ביי וועלכער עס האָט געהאַנגען מיינס אַן אַנצוג, זי זאָל אים מיטברענגען. די שכנטע האָט מיר געברענגט דעם אַנצוג און איך האָב זיך באַלד איבערגעטאָן, נאָר קיין שיך האָב איך נישט געהאַט, זיי זענען געלעגן ביי מיר אינדערהיים און קיינער האָט זיך נישט געוואָלט וואַגן אַריינצוגיין אין מיין שטוב. דער פלעמער, ביי וועלכן איך האָב זיך איצט איבערגעטאָן, האָט מיך אויך אַרויסגעטריבן. ער האָט מיר געגעבן 100 פראַנק, נאָר איך זאָל אַרויסגיין פון זיין שטוב. מיין שכנטע האָט מיר אויך געגעבן 100 פראַנק, אין דער צייט ווען ביי איר זענען געלעגן ווערט־זאַכן און סחורה פאַר טויזנטער פראַנקן און זי האָט געוווּסט, אַז איך מוז גיין לויפן אין דער וועלט אַריין אָן געלט. איך בין אַרויסגעלאָפן אין פעלד אַריין און אַוועק. איך האָב גע־וואָלט גיין קיין קלוסטערהיידע אין אַ דאָרף אַריין לעבן ליער צו אונ־זערס אַ באַקאַנטן פּויער.

אויפן וועג בין איך אַריין צו אונזערס אַ באַקאַנטן קוילן־הענדלער. איך בין ביי אים אויסגעבראָכן אין אַ שטאַרק געוויין און ספּאַזמען. —

מיינע קינדער, האָב איך געשריגן, מיינע קליינע פייגעלעך, מען וועט זיי הרגענען. די מענטשן דאָרט האָבן מיט מיר מיטגעוויינט. זיי זענען גראָד געגאַנגען עסן מיטאָג. אָבער זיי האָבן זיך צום עסן נישט צוגערירט. זיי זענען צו מיר צוגעשטאַנען איך זאָל עפּעס עסן. דער קוילן־הענדלער האָט מיר אַריינגעוואָרפן זיין פליש אין מיין טעלער און אַליין נישט געגעסן. די מענטשן זאָל גאָט באַצאָלן פאַר זייער חסד. איך וויל איצט צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים נישט פאַרעפנטלעכן דעם נאָמען פון זיי, אָבער ווען גאָט וועט מיך מציל זיין פון די דייטשע הענט, וועל איך זייער נאָמען הויך אויפשרייבן. דער קוילן־הענדלער האָט מיר געגעבן נאָך אַ גוטן מאַנטל, וואָס אין דער צייט פון דער מלחמה, האָט מען פאַר אים געמוזט באַצאָלן גענוג געלט. ער האָט מיר אויך געגעבן צוויי בלעטלעך ברויט־מאַרקעס, וואָס זענען ווערט געווען 500 פראַנק. דאַן אַ פּאָר גוטע שיך פון זיין זון און 200 פראַנק. זיין פרוי האָט מיין פּנים אָפּגעוואַשן פון די טרערן. דערנאָך האָט מיך דער קוילן־הענדלער אַוועקגעפירט דורך אַ הינטער־וועג איבער אַ פעלד אין דעם דאָרף אַריין, וואַהין איך האָב איצט געדאַרפט גיין.

די בריקן זענען שוין דעמאָלט אומעטום געווען באַזעצט מיט דייטשע וואַכן און מען האָט געדאַרפט וויזן דעם פּאַס. אַ דאַנק דעם קוילן־הענדלער האָב איך געקאָנט אַרויס פון ליער. מיר זענען געגאַנגען איבער אַ פעלד פון הויכע גראָזן און עס האָט גערעגנט. איך בין געווען ביז אין דער העלפט פון מיינע קליידער אינגאַנצן דורכגעווייקט און מיינע שיך זענען געווען אײן שטיק וואַסער.

נאָכמיטאָג בין איך אָנגעקומען קיין קלוסטערהיידע צו אונזער באַקאַנטן פויער. איך האָב זיך ביי דעם פויער ענגעלס שטאַרק צעוויינט און דערציילט מיין אומגליק. איך האָב געבעטן, ער זאָל מיך ביי אים לאָזן זיין. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט מיר העלפן.

# אַכטער קאַפּיטל

דער פּויער ענגעלס איז נאָך געווען אַ בחור און האָט ביי זיך געהאַט זיין שוועסטער, וואָס פלעגט מעלקן די קי און טאָן פאַרשידענע אַרבעטן. זיין שוועסטער האָט געהאַט דריי זין, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און נישט געוואָלט גיין אַרבעטן קיין דייטשלאַנד. געוויינט האָט די שוועס־טער אַנדערשווו און דערפאַר זענען אירע זין טאַקע אַהערגעקומען זיך אויסבאַהאַלטן צו איר ברודער, דאָ וועט מען זיי אַזוי שנעל נישט גע־פינען. שפּעטער אין דער נאַכט, ווען אַלע זענען זיך שוין געגאַנגען לייגן שלאָפן, איז דער פּויער ענגעלס מיר געקומען זאָגן, אַז איך מוז אַוועקגיין, אַז נישט, זאָגט זיין שוועסטער, וועט זי אַוועקגיין און זי וויל איצט אויך נישט אַריינגיין שלאָפן. זי זאָגט, האָט ענגעלס ווייטער דערקלערט, אַז טאָמער מען וועט קומען זוכן אירע זין, קען מען נאָך מיך דאָ אויך געפינען. — הער ענגעלס! — האָב איך זיך געבעטן — ווי טרייבסטו מיך איצט, עס רעגנט אין דרויסן און איך בין אינגאַנצן נאַס. — לאָז מיך כאָטש, האָב איך זיך געבעטן, איבערנעכטיקן די איינע נאַכט, מאָרגן וועל איך אַוועקגיין. נאָך אַ לאַנג אונטערהאַנדלען, איז די שוועסטער באַשטאַנען, איך זאָל די נאַכט איבערנעכטיקן, נישט אין סטאַדאָלע, אַזוי ווי איך האָב געבעטן, נאָר אויף אַ בינטל שטרוי אין אַ קליין שטעלעכל.

צומאָרגנס האָט מען מיך אויפגעוועקט פינף אַזייגער אינדערפרי. מען האָט מיר צוגעוואָרפן אַ פּאָר שטיקלעך ברויט מיט אַביסל שוואַרצע קאַווע און איך האָב געקאָנט גיין. דאָס איז געווען מיין באַקאַנטער פּויער, אויף וועלכן איך האָב געלייגט אַזוי פיל האָפענונג. איך בין זיך געגאַנגען בעטן דאָרט דערנעבן ביי פאַרשידענע פּויערים, וועלכע איך האָב געקענט, אַז זיי זאָלן מיך לאָזן שלאָפן אַ נאַכט אין זייערע סטאַדאָלעס, אָבער קיין איינער האָט מיר נישט געוואָלט דערלויבן, איך זאָל מעגן אַ פּאָר נעכט זיך אויפהאַלטן אין זיין סטאַדאָלע. עס זעט אויס, אַז די ענגעלס האָבן אומעטום געמאַכט קעגן מיר אַ קאַמפּלאָט. אַ פּאָר טעג שפּעטער, האָב איך די שוועסטער פון דעם ענגעלס געבעטן אַביסל וואַרעם עסן, האָט זי מיר געענטפערט, אַז זי קאָן עס נישט טאָן... און מיין פּרוי האָט שטענדיק אַזוי געגלויבט אין די מענטשן.

אַז איך פלעג אַריינקומען דאָרט צו אַ צווייטן באַקאַנטן פּויער, אַ געוויסער סעלס, איז פּונקט געווען אַזוי ווי ער וואָלט דערזען דעם

מלאך־המות. איינמאָל האָב איך געמעגט ביי אים נעכטיקן און דריי מאָל האָב איך געמעגט ביי אים עסן מיטאָג. געקומען בין איך צו סעלס דערפאַר, ווייל זיין שנור פלעגט פאַר מיר דערליידיקן אַ סך מאָל אַ שליחות. אַזוי האָט זי מיר איינמאָל מיטגעבערענגט 600 פראַנק, 500 פראַנק פון דעם האָלענדער, הערצפעלדס אײדעם און 100 פראַנק האָט מיר געשיקט אונזער בעל־הביתטע, ווו מיר האָבן געוווינט. דאָס פערטע מאָל, ווען איך בין געקומען צום פויער סעלס, ווייל איך האָב געדאַרפט וואַרטן אויף זיין שנור, האָבן זיי מיך צום עסן נישט מער צוגעבעטן און די פרוי סעלס האָט געזאָגט — איך מיין, אַז עס וואָלט פאַר דיר געוועזן בעסער, דו זאָלסט זיך גיין צושטעלן צום דייטש, איידער דו זאָלסט זיך אַזוי אַרומוואַלגערן. איך האָב די פרוי סעלס גאָרנישט גע־ענטפערט, נאָר האָב געזאָגט צו איר שנור, אַז איך קום אין דעם הויז נישט מער אַריין און אַז איך וויל גאַנץ קלוסטערהיידע נישט קענען.

דערווייל האָב איך זיך אַרומגעוואַלגערט. שבת נאָכמיטאָג בין איך אַוועק קיין קלוסטערהיידע צו דער פאַמיליע באָגעמאַנס, אויך פויערים. דאָרט ביי דער פאַמיליע פלעג איך אַ סך קומען. זייערס אַ זון האָט זיך באַשעפטיקט מיט פאַריכטן וועלאָס און יעדעס מאָל ווען מיין וועלאָ איז צעבראָכן געוואָרן, בין איך צו אים געקומען אויף צו פאַריכטן. ער איז געווען אַ קאַליקע — אַ פאַראַליזירטער — וואָס האָט נישט געקאָנט גיין, נאָר איז שטענדיק געזעסן אין אַ וועגעלע און אַזוי האָט ער געאַרבעט. ער האָט געהאַט זייער אַ גוטן קאָפּ, ווייל דאָס וואָס אַנ־דערע וועלאָ־מאַכערס, פאַכלייט, האָבן נישט געקאָנט מאַכן, האָט ער געמאַכט אָן אַמאָל צו האָבן געלערנט דאָס פאַך. זשול, אַזוי האָט ער גע־הייסן דער קאַליקע, האָט אויך געהאַט אַרומלויפן הינער און איך פלעג אַרויסקומען צו אים אַ סך מאָל מיט מיינע קינדער ביי אים קויפן אייער. דער זשול איז געווען דער גאַנצער דעה־זאָגער ביי דער פאַמיליע באָגעמאַנס. ער האָט געזאָגט, אַז איך קאָן ביי זיי שלאָפן אין דעם שוק־קעלער, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין פעלד. זיי האָבן דאָרט אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר בינטלעך שטרוי און אַ פּאָר זעק און אַזוי בין איך געשלאָפן.

שבת, דעם צווייטן טאָג, ווי איך בין געווען אין קלוסטערהיידע ביי די באָגעמאַנס, איז געקומען אַ שכן פון ליער מיך אָפּזוכן, כדי מיר צו זאָגן, אַז איינער וויל צו מיר אַריינגיין אין שטוב אַרויסנעמען מיין געלט, נאָר איך מוז אים דערפאַר פאַרגיטיקן. איך האָב דערויף באַלד באַשטאַנען. שבת נאָכמיטאָג האָט יענער, וואָס איז צו מיר אַריינגע־גאַנגען אין הויז, מיר געקומען פערזענלעך איבערגעבן די 7.500 פראַנק. די זעלבע פּערזאָן האָט מיר אויך צוגעזאָגט אַרויסצונעמען מיינע צוויי

אַנצוגן און מיין מאַנטל, וואָס האָבן נאָך געהאַנגען אין דער קליידער־שאַנק. ער האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל סחורה פון דרייסיק שטיק אונ־טערלאַק און 17 פּאָר וואָלענע מענער־זאָקן. דער פלעמער האָט זיך גענומען פאַר זיין טרחה אַנדערהאַלבן ליטער אייל פאַר 400 פראַנק. אַ קילאָ פּוטער פאַר 300 פראַנק. 20 קילאָ קאָרן פאַר 700 פראַנק. צוויי פּאָר וואָלענע זאָקן, וואָס איך האָב אים נישט געהייסן נעמען. 7 פּאָר לאַנגע מענער־אונטערלאַק־הויזן, האָט ער אָפּגעלייקנט, עס האָט גע־הייסן, אַז דאָס האָט ער נישט אַרויסגענומען. די סחורה וואָס ער האָט אָפּגעלייקנט, איז ווערט געווען אומגעפער צוויי טויזנט פראַנק. דאַן האָט ער אויך גענומען 10 ראַציע פּוטער־מאַרקעס. אייניקע קילאָ צוקער, 20 מילך־מאַרקעס און 30 פלייש־מאַרקעס. ווען מען זאָל רעכענען אַלץ, האָט ער גענומען בלויז אין שטוב פאַר אַ סומע פון בערך 4.000 פראַנק. יעדער האָט געקוקט צו פּראָפיטירן פון מיין אומגליק. באַלד האָבן די שכנים זיך געוואָלט צעטיילן מיט מיינע קוילן, וואָס זענען געלעגן אין קאַמער. די קוילן האָט מיין פרוי באַקומען ביים געבורט פונעם קינד. זי האָט זיך נעבעך פאַרן קינד נישט פאַרגינען צו ברענען, נאָר האָט זיי געוואָלט באַהאַלטן אויפן ווינטער. די צווייטע וואָך זענען די דייטשן געקומען און האָבן אַרויסגענומען אונזער מעבל און אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אין שטוב, אַפילו זעקס קליינע קרוליקלעך האָבן זיי אויך מיטגענומען און מיינע שכנים האָבן צווישן זיך צעטיילט דאָס האָלץ מיט די קוילן.

דעם זעלבן פרייטיק, וואָס מען האָט מיין פרוי אַוועקגעשיקט קיין מעכעלען אין דער קאַזערנע דאָסיין, איז געקומען אַ בריוו, דאַטירט פונעם 9־טן יוני, אויף דעם אַדרעס פון מיינס אַ שכן, ווו זי בעט מען זאָל איר שיקן ברויט מיט מאַרמעלאַדע, אַביסל זייף־פּודער און אַ שטיקל פּוטער. — אָנשטאָט, וואָס דער שכן, אַ פלעמער, האָט געזאָלט נעמען מאַכן אַ פּעקל און עס אַוועקשיקן צו מיין פרוי (ביי דעם פלעמער איז גע־לעגן סחורה פאַר טויזנטער פראַנקן), האָט ער, וואָס איז אונז כלומרשט געווען אַ גוטער פריינט, צוערשט אָפּגעהאַלטן דעם בריוו אַ פּאָר טעג, בכן, אַז זיי האָבן אים נישט געזען ליגן אין פּאָסט־קעסטל. און דאַן, נאָכן אָפּהאַלטן אַ פּאָר טעג דעם בריוו, זענען זיי מיך ערשט געקומען זוכן, איך זאָל זיי געבן געלט, אַז נישט זאָל איך מאַכן דאָס פּעקל. — איך, וואָס האָב זיך נישט געקענט באַוועגן. איך האָב אַזוי געוויינט, ווי מענטשן קאָנען זיין אַזוי פאַלש און שלעכט. איך האָב דאַן דעם פלעמער געגעבן 700 פראַנק און ראַציע־מאַרקעס אויף פינף ברויט

און אים געבעטן ער זאָל נעמען אַ מענטש און באַצאָלן פאַר די הוצאות און באַזאָרגן צו מיין פרוי דאָס פּעקל אַזוי שנעל ווי מעגלעך.

אַן אַרבעטער פון מיין גאַס, וואָס איז יעדן טאָג געפאָרן קיין מעכע־לען צו דער אַרבעט, האָט דאָס פּעקל מיטגענומען. אָבער אין דער קאַזאַרמע אין מעכעלען, ווו מיין פרוי האָט זיך געפונען — האָט דער אַרבעטער דערציילט — ווען דער דייטש האָט געזען אין רעגיסטער, אַז מיין פרוי איז אַ פּוילישע, האָט ער דאָס פּעקל נישט געוואָלט אָנ־נעמען. מיין פרוי האָט געהאַט געשריבן אין איר בריוו, אַז דריי מאָל אין דער וואָך קאָן מען שיקן פּעקלעך. אָבער עס האָט געקאָנט העכסט־וואַרשיינלעך זיין, אַז די פּריווילעגיע פון צו מעגן באַקומען פּעקלעך, האָבן געהאַט נאָר בעלגישע יידן, אָבער נישט קיין פרעמדע יידן. בעל־גישע יידן זענען געבליבן אינטערנירט אין דער קאַזערנע פון מעכעלען, און פרעמדע יידן האָט מען ווייטער אָפּטראַנספּאָרטירט.

מיין פלעמישער שכן האָט מיר צוריקגעברענגט מיין געלט, וואָס איך האָב אים געהאַט געגעבן. ביי מיר איז געווען גאַנץ פּשוט, מען האָט דאָס פּעקל נישט געוואָלט אָננעמען, דאַרף מיין פרוי מיט די קינ־דער — איך ווייס אפילו נישט צי זי האָט נאָך געהאַט ביי זיך די קינדער — זיצן און הונגערן. איך האָב זיך דאַן אָנגעהויבן בעטן ביי דעם פלעמער — פּרוביר צו שיקן אַ פּעקל דורכן יידן־ראַט פון בריסל. אין בריסל האָט נאָך עקזיסטירט אַ יידן־ראַט, פון די יידן פון די גע־מישטע חתונות, וואָס זיי האָט דער דייטש איבערגעלאָזט און זיי האָבן געמעגט שיקן פאַר די אַנדערע אינטערנירטע יידן פּעקלעך מיט עסן. איך האָב מיין שכן געזאָגט — נעם אַ מענטש און באַצאָל אים פאַר די הוצאות קיין בריסל — אפשר וועט זי קענען דורכן יידן־ראַט באַקומען אַ פּעקל. מיין שכן האָט אַזוי געטאָן ווי איך האָב אים געהייסן. אין יידן־ראַט האָט מען דאָס פּעקל אָנגענומען, נאָר צי מיין פרוי האָט עס באַ־קומען, האָב איך נישט געוווּסט, ווייל דאָס ווערט מען זעלטן געוווּיער.

דערווייל האָט מיך די פאַמיליע באַגעמאַנס אויך אַרויסגעטריבן. אַזאַ שרעק האָט איין פלעמער אָנגעמאַכט דעם צווייטן. איך פלעג זיך אַרומדרייען בעטן ביי באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע מענטשן — האָט רחמנות אויף מיר און לאָזט מיך אַביסל צייט זיין ביי אייך. — עס קאָן זיין — פלעג איך צו זיי זאָגן — אַז די מלחמה וועט נישט לאַנג דויערן, בין איך געראַטעוועט, ווייל אויב דער דייטש זאָל מיך כאַפּן, אַ מאַן אַ ייד און דערצו נאָך, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן, מאַכט ער מיך זיכער מיט אַ קאָפּ קלענער. אָבער די אויערן פון אַלע מענטשן, ווו איך בין געגאַנגען, זענען פאַר מיר געווען פאַרשטאָפּט.

איינמאָל, איך גיי אַזוי אויפֿן וועג פֿון קעסל־סטאַציע קיין קלוסטער־היידע, שטעלט מיך אָפּ אַ פּויער. — נו, זאָגט ער צו מיר — דרייסט דיך נאָך אַלץ אַרום. — איך האָב געהערט, זאָגט ער צו מיר, פֿון דיין אומגליק. איך האָב אָנגעהויבן וויינען פֿאַר דעם פּויער, אַז איך האָב נישט אין ערגעץ ווו אַריינצוגיין און צי איך וואָלט נישט געקאָנט ביי אים שלאָפֿן אין סטאָדאָלע? — איך האָב געלט, האָב איך אים געזאָגט, צו באַצאָלן פֿאַר מיין עסן. — הער, האָט דער פּויער צו מיר געזאָגט, דו קענסט קומען שלאָפֿן אין מיין סטאָדאָלע. — מיין סטאָדאָלע שטייט אַ גאַנצע נאַכט אָפֿן, נאָר דו מוזט וויסן איין זאַך, אַז איך האָב אויך אַ זון, וואָס באַהאַלט זיך אויס פֿאַר די דייטשן און ביי מיר קומען שטענדיק אַריין אַ סך פֿאַרשידענע מענטשן. איך האָב זיך שפּעטער איבערצייגט, אַז עס איז געווען אמת, אַזוי ווי ער האָט געזאָגט. נאָר, האָט דער פּויער, וואָס האָט זיך גערופֿן מיטן נאָמען ווערומפּיי, צו מיר געזאָגט, גיי אַהין צו מיר, איך וועל זען, אפשר וועל איך פֿאַר דיר ערגעץ קענען געפֿינען אַן אָרט ווו דו זאָלסט קענען פֿאַרבלייבן.

און דאָ איז יעדן טאָג, יעדע שעה, אַלץ געוואָרן געפֿערלעכער זיך אַרומצודרייען. איך האָב יעדע מינוט געקענט אַריינפֿאַלן דער געשטאַפּאָ אין די הענט אַריין, ווייל נאָך דער ענגלישער לאַנדונג, האָט דער דייטש שטאַרק אָנגעהויבן צו זוכן די אויסבאַהאַלטענע, וואָס האָבן אַמאָל געאַרבעט אין דייטשלאַנד און איבערהויפּט די יונגעלייט, וואָס זענען נאָך געווען מיליטער־פּעאיק.

עס איז דעמאָלט געווען שבת, ווען איך בין אַהינגעגאַנגען צו דעם פּויער ווערומפּיי. די מענטשן האָבן מיך זייער גוט אויפֿגענומען, מיר געגעבן עסן יעדעס מאָל, ווען זיי זענען געגאַנגען עסן. נאָכמיטאָג האָט מען מיך געהייסן לייגן שלאָפֿן, איך זאָל זיך אַביסל אויסרוען. עס האָט דעמאָלט גערעגנט און איך בין אַביסל געשמאַק געשלאָפֿן, ווייל בייַנאַכט פֿלעג איך ליגן און מער טראַכטן ווי שלאָפֿן אין מיין שוץ־קעלער. פֿאַרנאַכט האָט דער פּויער ווערומפּיי געלאָזט צו אים קומען עפּעס אַ יונגענמאַן מיט זיין מוטער. דער יונגערמאַן האָט געוווינט אין וועלדל, נישט ווייט פֿון קלוסטערהיידע און ביי אים האָב איך געזאָלט, הייסט עס וווינען. איך האָב דעם יונגענמאַן צוגעזאָגט טויזנט פֿראַנק אַ חודש פֿאַרן עסן און שלאָפֿן. און יעדן חודש אַ קאַרטע מיט ברויט־מאַרקעס. דאַן האָב איך אים צוגעזאָגט צו געבן אַ וועקסל אויף 5.000 פֿראַנק צו באַצאָלן נאָך דער מלחמה. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דעם יונגענמאַנס הייזל איז פֿאַר מיר קיין אָרט נישט געווען, ווייל ער האָט געוווינט אין איין שטיבל מיט אַ פֿרוי און צוויי קינדער. ער האָט מיך

געוואָלט אַריינגעמען, נאָר מיטן תנאי, אַז זיין שווער, וואָס האָט געווינט נישט ווייט פון אים, זאָל מיך ביי אים לאָזן שלאָפן. מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז זונטיק נאָכמיטאָג זאָל איך אַהערקומען צו דעם פויער ווערומפּיי און דאַן וועט דער יונגערמאַן מיט מיר אַרויסגיין צו זיין שווער, ווייל שבת פאַרנאַכט בין איך פון דעם פויער ווערומפּיי אַוועקגעגאַנגען מיט אַן אויסרייד און בין געגאַנגען שלאָפן אין מיין שוך־קעלער ביי די באַגעמאַנס.

זונטיק פאַרמיטאָג בין איך אָבער צו דעם פויער ווערומפּיי נישט געגאַנגען. איך האָב דורכאויס געוואָלט רעדן מיט דעם האָלענדער, הערצ־פּעלדס אײדעם. איך האָב אים געוואָלט איבערגעבן אייניקע פאַרטרוי־אונגען און האָב אים געוואָלט פרעגן, צי ער וואָלט זיך נישט געוואָלט פאַרנעמען מיטן שיקן פּעקלעך צו מיין פרוי, ווייל ווען זי זאָל דאַרפן וואַרטן ביז זי וועט באַקומען געשיקט אַ פּעקל דורך אַ פּלעמער, קען זי פריער אויסגיין פאַר הונגער.

דער האָלענדער האָט אָבער נישט געוואָלט קומען. אַ גאַנצן נאָכ־מיטאָג האָב איך אויף אים געוואַרט און ער איז נישט געקומען. מיין שליח, די סעלס שנור, וואָס איך האָב געהאַט געשיקט צו דעם האָלענ־דער, איז מיר אויך נישט געקומען זאָגן, אַז ער קומט נישט.

ווען איך האָב געזען, אַז עס איז שוין באַלד נאַכט און ער קומט נישט, בין איך אַהינגעגאַנגען צו דעם פויער ווערומפּיי. דאָרט האָבן זיי מיך געפרעגט, פאַרוואָס איך בין נישט געקומען פאַרמיטאָג, אַזוי ווי מען האָט געהאַט אָפּגערעדט. איך האָב זיי געזאָגט עפּעס אַן אויסרייד, אָבער גיין איצט אַהין אויף דעם אָרט, וווּ איך האָב געדאַרפט, ד. ה. צו דעם יונגענמאַנס שווער, האָט מען נישט געקאָנט, ווייל זיין שווער איז געווען אַ מוזיקאַנט און פלעגט זונטיק פאַרנאַכט אַוועקגיין שפּילן אין די קאַפעס און דאָרט בלייבן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

איך בין געווען אַביסל פאַרצווייפלט צוליב דעם פּאַרפּאַל. דאַן האָט צו מיר געזאָגט דער פויער ווערומפּיי — בלייב דאָ נעכטיקן און מאָרגן אינדערפרי, וועל איך מיט דיר אַהינגיין צו דעם מענטש. איך בין גע־בליבן נעכטיקן ביי די ווערומפּייס. זיי האָבן מיר געגעבן צו עסן ביי־נאַכט און אינדערפרי, ווי אויך אַ גוט בעט צו שלאָפן.

צומאָרגנס זעקס אַזייגער איז דער פויער ווערומפּיי מיט מיר אַוועק צו דעם יונגענמאַנס שווער. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין וועלדל צו דעם הייזל, זענען די מענטשן נאָך געשלאָפן. און מיר האָבן פאַר דער טיר געמוזט וואַרטן מער ווי אַ שעה צייט, ביז זיי זענען אויפגעשטאַנען. דאַן האָט דער מוזיקאַנט זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז ערשט פאַרטאָגס

אַהיימגעקומען. ער האָט געוווינט אַליין אין אַ הייזל. צוויי שטיבלעך פון אונטן און צוויי שטיבלעך, נאַקעטע אָן מעבל, פון אויבן. לעבן זיין הייזל איז געשטאַנען אַ שטאַל מיט קאָזעס און אין דעם שטאַל האָט ער אויך זיך באַשעפטיקט מיט פאַריכטן וועלאָס. ער איז געווען אַ מיליטער־מאַן פון פאַך און נאַטירלעך אַן אַנטי־דייטש. געהאַט האָט ער אינ־דערהיים אויסער די חתונה־געהאַטע טאָכטער, נאָך פיר קינדער. צוויי מיידלעך און צוויי יינגלעך. איך האָב דעם מוזיקאַנט געזאָגט מיינע קאָנ־דיציעס. אַזוי ווי איך האָב געזאָגט זיין איידעם. און ער האָט מיך געהייסן קומען אַרום דאָנערשטיק, ווייל ער דאַרף מיר צוערשט מאַכן אַן אָרט אויפן בוידעם. איך בין געווען צופרידן, וואָס ער הייסט מיך נאָך אַ פּאָר טעג וואַרטן, ביז איך זאָל צו אים קומען, ווייל איך האָב געטראַכט, אַז אינצווישנצייט וועל איך קענען אפשר פועלן, אַז דער האָלענדער זאָל צו מיר קומען און דערליידיקן איידער איך גיי אַוועק אויף אַן אָרט, דאָס שיקן צו מיין פרוי די פּעקלעך.

מאָנטיק נאָכמיטאָג איז מיין שכן געקומען מיר זאָגן, אַז ער האָט געשיקט ספּעציעל אַ מענטש קיין בריסל מיטן פּעקל און אין יידן־ראָט האָט מען דאָס פּעקל אָנגענומען. אָבער דער שכן איז נישט אַזוי געקו־מען, כדי מיר מיטצוטיילן די גוטע נייעס, נאָר איך האָב אים געהאַט פּאַרטרויט, אַז אין מיין הויז שטייט נאָך אויפן בוידעם אַ וואַליזע מיט סחורה און די וואַליזע האָט ער געוואָלט, זאָל איך אים דערלויבן, ער זאָל זי מעגן נעמען צו זיך. איצט האָב איך געזען, אַז ער וואָלט אויך געוואָלט, אַז איך זאָל אַוועקגיין. און אַז יעדער פלעמישער שכן, ביי וועלכן איך האָב נאָר געהאַט עפּעס ליגן, וואָלט געווען צופרידן מען זאָל מיך אויך כאַפּן. ווען איך האָב געזאָגט דעם פלעמישן שכן, אַז ער זאָל מיך נישט מער קומען זוכן, ווייל איך גיי פון דאַנען אַוועק, האָט ער זיך געפרעגט און דווקא געוואָלט וויסן ביי דער פאַמיליע באָגע־מאַנס, צי זיי ווייסן נישט וואוהין איך גיי. דאָס זענען געווען מיינע גוטע פריינט — פאַנס פאַלקס מיט זיין פרוי.

די פאַמיליע באָגעמאַנס האָט מיר געגעבן אַן אולטימאַטום, אַז איך טאָר צו זיי נישט מער קומען און אין זייער שוך־קעלער נישט שלאָפן. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך גיי פון זיי מיטוואָך אינדערפרי אַוועק, נאָר איך האָב צוערשט געפרעגט זשולן דעם קאַליקע, צי ער וואָלט נישט גע־וואָלט גיין רופן דעם האָלענדער. — גוט, האָט זשול געזאָגט, איך גיי אים רופן. ער האָט איינגעשפּאַנט זיין הונט אין זיין וועגעלע און איז אַוועק רופן דעם האָלענדער. יענער איז אָבער נישט געקומען. ער האָט זיך איצט אַליין ווי ווייט מעגלעך, אין דער גאַס נישט געוויזן.

זשול האָט מיר אָבער געבראַנגט פון די הערצפעלדס אַ באַרואיקנ־דיקן ענטפער, אַז זיי וועלן זיך אינטערעסירן מיט דעם שיקן פעקלעך צו מיין פרוי.

מיטוואָך אינדערפרי האַלב זעקס אַזייגער, בין איך אַוועק מיט מיינע עטלעכע העמדער און אַ פּאָר טאַשן־טיכלעך צו דעם מוזיקאַנט. איך האָב איצט אויך געמוזט לאַנג וואַרטן, ביז זיי זענען אויפגעשטאַנען. די פרוי פון מוזיקאַנט איז צוערשט פון הייזל אַרויסגעקומען און ווען זי האָט מיך דערזען, בין איך צו זיי אין הייזל אַריינגעגאַנגען. איך האָב אין איר פּנים באַלד דערקענט, אַז עס איז עפּעס נישט אין אָרדענונג. איך האָב זי געפרעגט, צי איר מאַן האָט שוין פאַר מיר גרייט געמאַכט אַ געלעגער? האָט זי מיר געענטפערט, אַז ער האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט און גלייך האָט זי צוגעגעבן, אַז איך וועל ביי זיי נישט קענען זיין. באַלד איז אויך דער מוזיקאַנט אויפגעשטאַנען.

— ווי אַזוי זענען די קאָנדיציעס? — האָט ער מיך געגעבן אַ פרעג.

— איך האָב אים געזאָגט, אַז ער ווייסט מיינע קאָנדיציעס. — איך האָב געמיינט, האָט ער צו מיר געזאָגט, אַז דו וועסט געבן אַ צען טויזנט פראַנק אויף דער האַנט, אַנדערש לוינט זיך נישט דער שפּיל. איך האָב זיך אָנגעהויבן ביי אים צו בעטן, ער זאָל מיך כאָטש לאָזן זיין ביי אים איין חודש. — איך וועל אים געבן צוועלף הונדערט פראַנק פאַרן עסן, אַנשטאָט טויזנט. אָבער ער האָט נישט געוואָלט הערן. ער האָט גע־וואָלט דערגיין, צי איך האָב געלט אָדער נישט. — איך האָב נישט קיין געלט — גלויב מיר — האָב איך צו אים געזאָגט. איך האָב ביי מיר אינגאַנצן אַ פּאָר טויזנט פראַנק. — ווייסטו וואָס, האָט ער צו מיר גע־זאָגט, וואַרט אַביסל דאָ צו, מיין פרוי וועט אַרויספאָרן צו איר מוטער אין דאָרף אַריין. זי וווינט אַליין — זי איז אַן אלמנה. אפשר וועט זי דיך אַריינגעמען. די פרוי איז אַוועקגעפאָרן מיטן וועלאָ צו איר מוטער און איך האָב דערווייל געוואַרט אויף אַ בוידעם־שטיבל. דער מוזיקאַנט האָט מיר געגעבן אַ בוך צום לייענען. די געשיכטע פון דער מלחמה 1914. נאָכמיטאָג איז די פרוי פון מוזיקאַנט צוריקגעקומען און מיר דערקלערט, אַז איר מוטער קען מיך אויך נישט אַריינגעמען, ווייל איר ברודער פון אַנטווערפּן וויל אַרויסקומען צו דער מוטער צוליב די באָמ־באַרדירונגען. אַ מיידל פון מוזיקאַנט האָט מיר אַרויפגעברענגט אַביסל קאַלטע קאַרטאָפל, וועלכע איך האָב אויפגעגעסן. דאַן האָב איך גענומען מיין פּעקל און בין אַוועק.

איך בין איצט ווידער געגאַנגען צוריק קיין קלוסטערהיידע, ווייל וואָהין האָב איך געזאָלט גיין? צו די באַגעמאַנס, האָב איך געוווּסט,

טאָר איך נישט מער אַריינקומען. דאַן האָב איך גענומען דעם וועג צו דעם פויער ווערומפיי. ער — האָב איך געוווּסט — וועט מיך נישט אַרויסטרייבן.

גייענדיק אַזוי צום פויער ווערומפיי, האָב איך באַגעגנט אַ חתונה־געהאַטע טאָכטער פון דער פאַמיליע באָגעמאַנס מיט איר מאַן, וועלכע איך האָב געקענט. — נו, האָבן זיי מיך אָפּגעשטעלט מיט אַ פראַגע, וווּאַהין גייסטו? — מיר האָבן געהערט, אַז מען האָט דיין פרוי מיט די קינדער אַוועקגעשיקט קיין מאַלין. — יאָ, האָב איך זיי געזאָגט, עס איז אמת. און באַלד האָב איך געשטעלט די פראַגע — אפשר ווילט איר מיך אַריינעמען צו אייך? ביי אייך — האָב איך ווייטער געזאָגט — וואָלט פאַר מיר געווען אַ גוטער פּלאַץ. איר וווינט אַליין אין אַ הויז. איר האָט נאָר איין קינד וואָס איז שוין גרויס און אויב עס קאָן האַלטן אַ סוד, וואָלט איך זיך ביי אייך געקענט גאַנץ גוט אויסבאַהאַלטן. דאָס פּאָרפאָלק האָט אָנגעהויבן קלערן אַהין און אַהער. ער פרעגט זיין ווייב, וואָס דענקסטו? זי זאָגט ווידער — וואָס דענקסטו? אַזוי אַהין און צוריק. און זיי האָבן זיך נישט געקאָנט אָנטשליסן. איך בין אוודאי מיט זיי אַזוי געבליבן שטיין מער ווי האַלבע שעה אויפן וועג. איך האָב זיי באַלד צוגעזאָגט צוועלף הונדערט פראַנק אַ חודש אָנשטאָט טויזנט פאַר ווינען. דאַן האָב איך זיי צוגעזאָגט אַ וועקסל פון פינף טויזנט פראַנק. אים אַ פּאָר נייע וואָלענע זאָקן. דאָס וועט ער באַלד באַקומען און מיינס אַ מאַנטל, וואָס איך האָב באַקומען פון קוילנהענדלער, באַקומט ער אויך. און איך האָב די מענטשן אַביסל געקענט און האָב געוווּסט, אַז פאַר געלט וועלן זיי מיך אפשר צו זיך אַריינעמען. איך האָב נישט געהאַט קיין טעות, ווייל נאָך אַ לאַנגן נאָכדענקען, האָט דער מאַן צו מיר געזאָגט — גיי אַהין צו מיר, מיין טאָכטער איז אינדערהיים. מיר קומען באַלד אַהיים, מיר גייען נאָר אויף דעם פעלד זען, צי עס שטייט אַ סך היי, ווייל מיר זוכן צו קויפן אַ פעלד מיט היי. — נאָר, האָט דער מאַן צוגעגעבן, אַז דו גייסט צו מיר, גיי דורכן פעלד צווישן קאָרן, די מענטשן זאָלן דיך נישט זען. ווען מיר וועלן אַהיימקומען, וועסטו באַלד מיט אונז קענען מיטעסן.

# ניינטער קאַפּיטל

איך בין איצט אַהינגעגאַנגען צו דער פאַמיליע באַסשכאַערטס. נאָך מיין אָנקומען, זענען אויך אָנגעקומען דער מאַן מיט זיין פרוי. מיר האָבן זיך באַלד אַוועקגעזעצט עסן אַ זופּ מיט ברויט. נאָכן עסן זענען מיר אַביסל געזעסן. דאַן האָט ער געפרעגט זיין ווייב — נו, וואָס דענקסטו? — אויב דער מענטש בלייבט דאָ, מוז מען דאָך גיין זאָרגן צו מאַכן פאַר אים אַ געלעגער. דער באַסשכאַערטס האָט נישט געהאַט קיין מעבל, נאָר פאַר זיך און זיין ווייב אַן אַלט בעט, זיין טאָכטער איז געשלאָפן אויף דער ערד אויף אַ מאַטראַץ. און נאָך אַ מאַטראַץ אָדער אַ בעט האָט ער נישט באַזיצט. דאַן האָט מיר געמאַכט אַ געלעגער אויף דער ערד פון שטרוי איבערגעצויגן מיט אַ ליילעך און אַ קאָלדרע צוצודעקן, נאָר אַ קישעלע אונטערן קאָפּ אונטערצולייגן האָב איך באַקומען אַ וויכס. איך האָב באַלד אַרויסגענומען און זיי באַצאָלט פאַר אַ חודש די צוגעזאָגטע צוועלף הונדערט פראַנק. אַ בלעטל ברויט־מאַר־קעס. און אים געגעבן אַ פּאָר וואָלענע זאָקן, וואָס זענען אויך ווערט געווען הונדערט זעכציק פראַנק.

נאָך אַ פּאָר טעג זיין ביי דער פאַמיליע באַסשכאַערטס, האָב איך געזען, אַז איך בין מיאוס אַריינגעפאַלן, אַז זיי האָבן מיך אַריינגענומען נאָר טאָקע צוליב פּראָפיט. אַז די פרוי האָט געשמירט ברויט מיט פּוטער, האָט זי מער פּוטער פון ברויט אַראָפּגעקראַצט ווי אָנגעשמירט. די שטיקלעך ברויט, האָב איך באַמערקט, ווערן געציילט, וויפיל איך עס אויף. און דאָס גיין עסן ווערט שטענדיק געצויגן אַזוי, אַז מען זאָל איין מאָלצייט קענען איבערהיפּערן. אַז נישט האָבן זיי געקאָנט כאַפּן עפּעס צו עסן איך זאָל נישט זען, אַזוי, אַז זיי האָבן מיטן עסן געקאָנט וואַרטן און איך האָב געמוזט הונגערן. איך האָב אָבער קיין עצה נישט געהאַט. איינמאָל, ווען איך בין געווען גוט הונגעריק, האָב איך געטראַכט, וואָס עס וועט זיין וועט זיין. — מאַדאַם! — האָב איך צו איר געזאָגט — איך בין הונגעריק. אַ צווייט מאָל איז זי געהאַט אַוועקגעגאַנגען. עס איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג און קיין מיטאָג איז מען נאָך אַלץ נישט

געגאַנגען עסן, האָב איך צו אים געזאָגט — הער באָסשכאַערטס! איך בין הונגעריק. — קיין ברויט האָב איך נישט, האָט ער מיר געענטפערט, טראָץ דעם וואָס אין שענקל איז געלעגן אַ ברויט. אָבער ער האָט מיר דעמאָלט געגעבן אַ טעלער זופּ. דאַן האָב איך זיי לאַנגזאַם אויסגעלערנט, אויב זיי האָבן מיר קיין עסן נישט געגעבן, האָב איך מיר אַליין גענומען עסן, אָדער מיר געהייסן געבן עסן.

יעדן זונטיק פלעגט דער באָסשכאַערטס מיט זיין ווייב און זיין טאָכ־טער אַוועקגיין שפּילן קאָרטן. און איך בין אַליין געבליבן אינדערהיים. זיי פלעגן שפּילן פאַר גרויס געלט. אַ זונטיק אײדער איך בין צו זיי געקומען, האָבן זיי מיר דערציילט, האָט ער, באָסשכאַערטס, פאַרלוירן ביי טויזנט פראַנק. דעם ערשטן זונטיק וואָס איך בין ביי זיי געווען, האָט ער געוווּנען פיר הונדערט פראַנק און די טאָכטער פינף הונדערט פראַנק. באָסשכאַערטס פלעגט מיר דערציילן, אַז אין די יונגע יאָרן — ער איז איצט אויך אינגאַנצן אַלט געווען 38 יאָר — פלעגט ער זיין אַ גרויסער אַוואַנ־טוריסט, אַ שיכור און אַ קאָרטן־שפּילער. זיין ווייב האָט באַשטעטיקט, אַז דאָס איז אמת וואָס ער זאָגט. ער פלעגט גיין ביינאַכט אין די סעדער אָפּרייסן פרוכטן און דאַן זיי פאַרקויפן, ער זאָל האָבן צו שיכורן און צו שפּילן קאָרטן. זיך שלאָגן, איז ביי אים געווען אַ קלייניקייט, אַפילו מיט מעסערס, האָט ער זיך אויך געשלאָגן. טראָץ דעם וואָס דער באָסש־כאַערטס איז געווען אַ קליינוווקסיקער, איז ער אָבער געווען זייער אַ שטאַרקער. דאָס האָבן עדות געזאָגט זיינע מוסקולירטע ברוסטן. — איך האָב — פלעגט ער צו מיר זאָגן — אין מיין לעבן שווער געאַרבעט. אָבער איך האָב שטענדיק אַ סך געלט פאַרדינט און קיינמאָל קיינעם אי־בער מיר נישט געלאָזט הערשן. דער באָסשכאַערטס האָט זיך אויך איצט אויסבאַהאַלטן פון צו גיין אַרבעטן קיין דייטשלאַנד. אַזוי, אַז איך בין נישט געווען אינגאַנצן פריי פון אַ געפאַר זייענדיק ביי אים, ווייל טאָ־מער וואָלט מען אים געקומען זוכן, וואָלט מען אויך מיך געכאַפּט.

איך האָב אַ סך מאָל געקלערט צוריק אַהיימצוגיין אין מיין גאַס און זיך אויפהאַלטן ערגעץ ביי אַ שכן, אָדער ביי איניקע שכנים. איך האָב אָבער מורא געהאַט, אַז צוליב דעם ביסל סחורה וואָס איך האָב געהאַט ליגן ביי עטלעכע שכנים, זאָלן זיי מיך נישט פאַראַטן. איך האָב אָנגעהויבן אַריינטראַכטן, צי מיין שכן ביי וועלכן איך האָב געהאַט ליגן אַביסל סחורה, האָט אַליין נישט אונטערגעפירט דעם קאָמפּלאָט ביי די סאַנדערס, אָדער ביי דער פאַמיליע בראַבאַנטס, אַז זיי זאָלן מיך פאַראַטן.

די פאַמיליע בראַבאַנטס מיט די סאַנדערס האָבן שוין לאַנג געזוכט אַ מחלוקת מיט מיין פרוי פאַר גאָרנישט. זיי האָבן זיך געזוכט צו אונז

אַ זאַטשעפּקע, אַז זיי זאָלן אונז קענען גיין פּאַראַטן און איך האָב איצט חושד געווען, אַז מיין שכן האָט דאָס צוזאַמענגעשפּינען, ווייל אויך מיין שכנטע, די פרוי פּאַלקס, האָט זיך לעצטנס געטשעפּעט צו מיר, צו מיין פרוי און צו מיינע קינדער. מיינע קינדער האָבן נישט מער געטויגט און אויב זי האָט געקאָנט, פלעגט זי אָנרייצן אַנדערע קינדער, זיי זאָלן שלאָגן מיינע קינדער. צו מיר פלעגט זי זיך אויך זוכן פאַרשידענע טענות, אַזוי אויך צו מיין פרוי. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיט דער פרוי איז געוואָרן. אונזער בעסטער גוטער פריינט, די פרוי פּאַלקס, האָט לעצטנס נאָר געזוכט אונז מיאוס צו מאַכן אין די אויגן פון אַנדערע שכנים. איך האָב מיך אָנגעהויבן פאַר דער פרוי שטאַרק צו שרעקן, ווייל איך פלעג אַ סך מאָל זאָגן צו מיין פרוי — פאָלג מיך, מייד אויס די פרוי פּאַלקס און גיי נישט צו איר. איך זע, אַז זי איז אינגאַנצן פאַרענדערט געוואָרן.

נאָכדעם ווי די דייטשן זענען געקומען אונז נעמען, האָב איך אָנגע־הויבן נאָכצוקלערן, צי די פרוי האָט נישט געשפּינען דעם קאָמפּלאָט קעגן אונז. דערפאַר האָב איך מיך אַזוי געשראָקן פאַר מיין גאַס. לאָגיש, איז עס נישט צו באַגרייפן. צוויי יאָר צייט בין איך געזעסן אין מיין ווױנונג און די דייטשן זענען נאָך אונז נישט געקומען, נאָר פּלוצלונג, ווען דער ענגלענדער האָט געלאַנדעט, זענען די דייטשן נאָך אונז געקומען. ביי מיר בין איך געווען איבערצייגט, אַז אויך די פּאַלקס טראָגן אַ שטיק שולד אין דעם פאַראַט קעגן אַ פרוי מיט קליינע קינדער. איך ווייס נישט, צי זיי האָבן עס געטאָן צוליב די פאָר טויזנט פראַנק סחורה וואָס איז ביי זיי געלעגן, אָדער זענען זיי פּלוצלינג אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיטן אַנטיסע־מיטישן גייסט און האַס, אַז מיר האָבן געזאָלט דערלעבן צו זען די ענדע פון דער מלחמה. פון הונדערטער טויזנטער יידן זיין די איינציקע, וועלכע וואָלטן אין פרייהייט די גאַנצע מלחמה אַדורכגעלעבט. דאָס, דערקלער איך מיר, איז געווען אַ וואַנזיניקער טאַט פון פרוי פּאַלקס און די פאַמיליע בראַבאַנטס מיט די סאַנדערס. איך פלעג אויך איצט אַ סך מאָל האָבן שרעקלעכע חלומות פון מיין פרוי און קינדער. אַ סך מאָל פלעג איך אויפקומען אין אַנגסטן און באַגאָסן מיט שווייס.

איך מוז זאָגן, אַז אין דער צייט פון דער גאַנצער מלחמה האָב איך די פעדער נישט גענומען אין די האַנט אַריין און איצט, ווען איך בין געקומען צו דער פאַמיליע באַסשכאַערטס, האָב איך מיר געהייסן ברענגען אַ פאָר העפטן, טינט מיט אַ פעדער, און מיך אָוועקגעזעצט שרייבן מיינע דערינערונגען פון דער מלחמה 1940. איך האָב נישט געגלויבט, אַז זייט פיר יאָר נישט שרייבן זאָל איך פּלוצלינג האָבן געדולד צו שרייבן מיט אַזעלכע נערוון־שפּאַנונגען. אין אָנפאַנג איז עס מיר נישט אַזוי

לייכט אָנגעקומען, אָבער דערנאָך בין איך געטריבן געוואָרן אַזוי ווי דורך עפּעס אַ מאַכט, וואָס האָט מיך נישט געלאָזט אָוועקלייגן די פּעדער פון דער האַנט. איך האָב געוואָלט מיט איינמאָל דערציילן אַלץ וואָס מיר האָבן אַדורכגעמאַכט, אַזוי ווי איך וואָלט מורא געהאַט, טאָמער קען איך דאָס מער אין לעבן נישט אָנשרייבן.

דעם 21־טן יוני בין איך אַריינגעקומען צו דער פאַמיליע באָס־שכאַערטס. די העפטן, גלויב איך, האָט מען מיר געברענגט דעם 22־טן יוני, אָדער דעם 23־טן יוני, און דעם 8־טן יולי האָב איך, מיט געוויסע הפסקות, געהאַט געענדיקט מיינע דערינערונגען. אויסער די געשעענישן וואָס איך האָב נישט געוווסט פאַר וועלכע איך שטיי נאָך. אַ סך מאָל, ווען איך בין אַזוי געזעסן און געטראַכט וועגן מיין לאַגע און געדענקט וועגן מיין פרוי און קינדער, האָב איך מיך צעוויינט.

ביי באָסשכאַערטס האָב איך עפּעס איינמאָל געפינען אַ קליינע בראָשור, אַרויסגעגעבן דורכן שרייבער א. האַנס, וועגן לעבן פון יאַן וואַן רייסוויק — אַ געוועזענער בירגערמייסטער פון אַנטווערפּן, ווי ער האָלט אין זיין צייט אַ רעדע צו די יוגנטלעכע, אַז זיי זאָלן נישט הרגענען די קליינע שוואַלבן און זאָלן נישט צונעמען די נעסטן פון זייערע מוטערס. איך האָב געמיינט, אַז מיין האַרץ ווערט דעמאָלט צעריסן און כ׳האָב מיך שטאַרק צעוויינט. האָט רחמנות — האָט רייסוויק געזאָגט — אויף די יונגע שוואַלבן. ער האָט געבעטן רחמנות צו האָבן אויף פייגעלעך. און מיט וואָס זענען קליינע קינדער זינדיקער ווי אומשולדיקע שוועלבעלעך? מיינע טרערן האָבן דעמאָלט באַגאָסן די בלעטלעך, אויף וועלכע איך האָב דאָס אויפגעשריבן. פאַרוואָס — האָט איך געוויינט — קומט אומשולדיקע יידישע קינדער צו הרגענען? צי האָט זיך נישט געלוינט, שוין צוליב דעם אָפּצושטעלן די מלחמה, אַז אומשולדיקע קינדער זאָלן נישט אונ־טערליגן אַזאַ שרעקלעכן גורל פון ליידן הונגער און דאַן, ווען זיי גייען אומשולדיק שלאָפן, מיטן גלויבן צו חלומען פון עפּעס אַ שיין שפּילצייג, אָדער פון אַ צוקערל, זיי דעמאָלט אין זייער זיסן שלאָף צו הרגענען.

איך וואַרף די שולד פאַר דעם חטא אויף אַלע מלוכה־מענער פון גאַנץ אייראָפּע, ווי אויך פון גאַנץ אַמעריקע, אַז זיי האָבן דעם שרעקלעכסטן טאַט וואָס איז פאָרגעקומען אין דער מענטשלעכער געשיכטע, דייטשלאַנדס מאָרדן פון אומשולדיקע יידישע קינדער, פרויען און זויגלינגען, נישט אויפגעהאַלטן. איך ווייס, אַז אויך דייטשע קינדער, ענגלישע קינדער זענען אין דער מלחמה געהרגעט געוואָרן פון באָמבעס, אָבער מען האָט דאָך נישט אָוועקגענומען קיין דייטשע אָדער ענגלישע קינדער פון זייערע מוטערס, כדי זיי צו הרגענען.

# דערינערונגען, וועלכע איך האָב פאַרגעסן אויפצושרייבן

זומער 1943 האָט די דייטשע מאַכט געהאַט אַרויסגעשיקט פאָרמו־לאַרן אויסצופילן פאַר אַלע מענער פון גאַנץ בעלגיע, ביז צום עלטער פון פופציק יאָר. יעדער האָט געמוזט אויפגעבן זיין באַשעפטיקונג, צי ער איז אַ פאַרהייראַטער, וויפיל קינדער ער האָט און צו וועלכער נאַציאָ־נאַליטעט ער און זיין פרוי געהערן. דעמאָלט בין איך אויך געווען פאַר־צווייפלט און נישט געוווסט, וואָס פאַראַ עצה איך זאָל מיר געבן. זאָגן, אַז איך בין אַ ייד, וועט מען מיך פרעגן, וואָס איך טו נאָך דאָ? אויפשרייבן, אַז איך בין אַ מאַרק־הענדלער — איך טאָר דאָך אָבער נישט אויספירן קיין שום באַשעפטיקונג. וועט עס הייסן, אַז איך זאָג ליגן און נאַר אָפּ די מאַכט. דעם פאָרמולאַר האָט מען אָבער געמוזט צוריקשיקן, אַז נישט זענען די דייטשע פעלד־זשאַנדאַרן געקומען נעמען.

מיין פרוי האָט מיר דעמאָלט אַזאַ עצה געגעבן: — פיל אויס דעם פאָרמולאַר. שרייב אויף די נאַציאָנאַליטעט אַזוי ווי עס שטייט אויף אונזערע פּעסער. דיין באַרוף שרייב אויף — מאַרק־הענדלער, וועט עס דאָך נישט הייסן, אַז דו זאָגסט אַ ליגן, ווייל אויך אויף דיין קאַרט ר'אידאַנטיטע שטייט אַלס דיין באַרוף מאַרק־הענדלער. עס קאָן זיין, האָט זי צוגעגעבן, אַזוי ווי מען נעמט נישט קיין פרייע באַרופן צו דער אַרבעט, וועט מען דיך אויפן אַרבעטס־אַמט נישט רופן, ווייל נאָכן אָפּשיקן דעם פאָרמולאַר פלעגט מען באַלד אין דריי טעג אַרום רופן אויפן אַרבעטס־אַמט און דאַן איז מען געווען הונדערט פּראָצענט אַ קאַנדידאַט צו מוזן אַוועקפאָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. איך האָב אַזוי געטאָן ווי מיין פרוי האָט מיר געזאָגט און מיין פאָרמולאַר צוריקגעשיקט. איך האָב גערעכנט, אַז טאָמער וועט מען מיך רופן אויפן אַרבעטס־אַמט, וועל איך מיך גיין באַהאַלטן. אָבער גרויס איז דעמאָלט געווען מיין פרייד, אַז עס זענען אַוועק אַ פּאָר וואָכן ווי איך האָב מיין פאָרמולאַר אָפּגעשיקט און מען האָט מיך קיינמאָל אויפן אַרבעטס־אַמט נישט גערופן.

אַ צווייט מאָל, זומער 1944, האָט דער דייטש מאָביליזירט די גאַנצע מענער־באַפעלקערונג פון ליער צו גיין גראָבן גריבער און אַריינזעצן קלעצער אין די גריבער. די קלעצער פלעגן דאַן אַרומגעצוימטן ווערן

מיט דראָט. דאָס איז געווען אַ פאַרהיטונגס־מיטל קעגן פּאַראַשוטיסטן. דעמאָלט האָב איך אויך גערעכנט, אַז מען וועט מיך זיכער רופן צו דער אַרבעט, ווייל אַלע מענער ביז 60 יאָר האָבן באַקומען די אויפפאָדערונג זיך צוצושטעלן צו דער אַרבעט, צווישן זיי אַפילו גלחים, דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן. בלויז די מענער, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט ביים דערנערונגס־דינסט, ווי בעקערס, קצבים און עסנוואַרג־געשעפטן, זענען באַפרייט געוואָרן פון דער אַרבעט. אויך דעמאָלט האָב איך נישט באַקומען קיין אויפפאָדערונג זיך צוצושטעלן צו דער אַרבעט. איך ווייס נישט, צי האָב איך עס געהאַט צו פאַרדאַנקען די באַאַמטע פון שטאָט־הויז, וואָס האָבן געוווּסט, אַז איך בין אַ ייד און טאָר מיט קיין אַנדערע אַרבעטער צוזאַמען נישט אַרבעטן. אָדער האָט מען מאַרק־הענדלער באַפרייט פון דער אַרבעט, ווייל מען האָט דאָך נישט געקענט אָפּשאַפן דעם מאַרק, וווּ זיי האָבן געהאַנדלט מיט עסנוואַרג, ווי גרינס און פרוכטן, אַזוי, אַז מען האָט אַלע מאַרק־קרעמער איצט באַפרייט פון דער אַרבעט. דאָס איז, מיין איך, געווען די ריכטיקע סיבה, פאַרוואָס מען האָט מיך נישט גערופן. אָבער ביי מיינע פלעמישע שכנים האָט עס דעמאָלט אַרויס־גערופן אַ סך בייז בלוט.

איך האָב מיך דערמאָנט די טעג, ווען מיינע ייִנגלעך פלעגן מיט מיר מיטלויפן רייסן גראָז אונטערן שטעטל פאַר די קרוליקעס וואָס איך האָב געהאָדעוועט אין דער צייט פון באַהעלטעניש. יעדע מינוט האָבן זיי מיר דערלאַנגט אַביסל אָפּגעריסן גראָז. — דאָ האָסטו, פּאַפּאַ! — נאָך, פּאַפּאַ? — אָט דאָס איז גוט גראָז, פּאַפּאַ! זייער פרייד איז געווען אַזוי גרויס זיך צו געפינען אויף דער פרייער ליכטיקער וועלט.

איך האָב מיך דערמאָנט אין דעם פלעמער, וואָס פלעגט מיר ברענגען בינטלעך סאָסנע־ביימלעך צו ברענען אין אויוון, אין דער צייט ווען איך בין געווען באַהאַלטן. געוווינט האָט ער אין פּולדער־באָש אין אַ וואַלד, אַ מהלך פון זיבן שעה צופוס פון ליער. דער פלעמער איז געווען אַ מטופל מיט קינדער. דאָס ווייב איז אים געשטאָרבן אין דער קימפּעט און האָט אים איבערגעלאָזט אַכט קינדער. געטראָגן האָט ער אַן אַלטן פּאַלטן, וואָס איז שוין געווען גרין פון אַלטקייט. אַ קאַשקעט אויפן קאָפּ און אויף די פיס אַ פּאָר שווערע שיך. געגאַנגען איז ער איינגעבויגן, טראָץ דעם וואָס ער איז ערשט געווען אַ מענטש אין די פערציקער. ער פלעגט אויפשטיין דריי אַזייגער אין דער נאַכט, כדי אָנצוקומען פאַרמיטאָג קיין ליער. די בינטלעך האָלץ האָט ער געברענגט אויף אַ קליינעם וואָגן, געשפּאַנט מיט אַן אייזל. ער פלעגט גיין פון פּולדער־באָש ביז ליער

צופוס, נעבן איזל, טריט ביי טריט. ווען ער פלעגט האָבן אָפּגעלאָדנט די בינטלעך האָלץ, פלעגט ער שטענדיק באַקומען ביי אונז עפּעס צו עסן. און דאַן פלעגט ער דערציילן זיין לעבן. ער איז געווען פשוט, האָט נישט געוווּסט פון אַזוי פיל פאַלשקייט און שלעכטס ווי די מענטשן אין שטאָט. ער פלעגט זיך פרייען, ווען ער האָט געזען ווי די קינדער שפּילן זיך און פרייען זיך מיט זיין איזל, ווי זיי גלעטן דעם איזל, דערלאַנגען אים אַ שטיקל גראָז. דער איזל — פלעגט ער זאָגן — איז שוין צוגעוווינט צו די קינדער און לאָזט זיך פון זיי אַלץ טאָן. יאָ, דער איזל האָט פאַרשטאַנען די פרייד פון די קינדער און די קינדער האָבן אין זייער פרייד נישט געוווּסט, אַז אויף זיי לויערט יעדע מינוט דער טויט, נישט פון קיין חיה, וואָס האָט נישט קיין פאַרשטאַנד, נאָר פון מענטשן. ווען דער פלעמער איז צוריק אַהיימגעפאָרן, פלעגט ער שטענדיק אָנלאָדענען אַ פול וועגעלע מיט קינדער און מיינע יינגלעך אויך צווישן זיי. דער פלעמער פלעגט די קינדער מיטנעמען ביז אונטערן שטעטל. אַ סך מאָל איז שוין באַלד די נאַכט געהאַט צוגעפאַלן ווען זיי פלעגן צוריק אַהיימקומען און דערציילן זייער פרייד, אַז זיי זענען געפאָרן מיטן בראַוון איזל.

זונטיק, דעם 9־טן יולי 1944.

באַסשכאַערטס איז נאָכמיטאָג ווידער אַוועקגעגאַנגען מיט זיין ווייב און די טאָכטער שפּילן קאָרטן.

ביי באַסשכאַערטס האָב איך געפונען עפּעס אַ ביכל א. נ. "זיד־ און נאָרד־נעדערלענדישע שרייבער". אין דעם ביכל האָבן זיך געפונען נאָ־ וועלן, דערציילונגען און געדיכטן פון האָלענדישע און פלעמישע שרייבער פון 16־טן ביזן 19־טן יאָרהונדערט. אַזעלכע דיכטער ווי וואָן דען וואָנדעל און וואָן בעערס. איך האָב מיך גענומען צו לייענען דאָס ביכל, אָבער איך האָב עס אַ סך מאָל, אינמיטן לייענען אַ געדיכט, געמוזט אַוועקלייגן, ווייל דאָ טרעף איך אַ געדיכט, ווי אַ מוטער אָדער אַ פאָטער באַווייַנט זיין געשטאָרבן אַ קינד, אַ טאָכטערל אָדער אַ יינגעלע. דאָ ווידער אַ געדיכט, ווי איינער באַזינגט זיין שיין קינד. אַלץ איז ביי זיין קינד שענער ווי אויף דער גאַנצער וועלט. אַזעלכע געדיכטן האָבן מיר מיין האַרץ פאַר־ קלעמט, ווייל איך האָב מיך באַלד דערמאָנט אין מיינע קינדער. אפילו די דערציילונג סיידיאָ פון מולטאַטולי, וואָס איך האָב שוין לאַנג געהאַט געלייענט, געפינט זיך אין דעם ביכל און אויך פאַרשידענע אַנעקדאָטן וועגן גרויסע מענער, ווי למשל דער אַנעקדאָט וואָס ווערט דערציילט וועגן סאָקראַטעס און זיין ווייב קסאַנטיפּאַ. ווי סאָקראַטעס האָט איינמאָל

איינגעלאַדן צו זיך איניקע פריינט, מיט זיי אַביסל צו שמועסן. אָבער סאָקראַטעס ווייב האָט זיך דעם טאָג אַזוי געבייזערט, אַז איר מאַן האָט געפונען פאַר ראַטזאַם בעסער מיט זיינע פריינט צו גיין אַביסל שפּאַצירן. אָבער ווען סאָקראַטעס מיט זיינע פריינט האָבן זיך געפונען ביים אַרויסגאַנג, וואַרפט זיין ווייב אים, דורכן פענצטער, אַ טאָפּ מיט אומריין וואַסער אויפן קאָפּ. סאָקראַטעס האָט געלאַכט און געזאָגט צו זיינע פריינט — איך האָב געוווסט, אַז נאָך אַזוי פיל דונערן וועט רעגענען.

איך האָב אין דעם ביכל אויך געפונען אַ דערציילונג פון דעם יידיש־האָלענדישן שרייבער הערמאַן הייערמאַנס. איך האָב מיך געוווּנדערט, ווי אַזוי עס קומט עפּעס אַ ביכל פון אַזאַ ליטעראַרישן ווערט צו דעם שיכור און קאָרטן־שפּילער באַסשכאַערטס.

באַסשכאַערטס האָט מיר די טעג דערציילט, אַז ווען ער איז געווען אַ קליין יינגל און געגאַנגען אין שולע אַריין, האָט ער אויף קיין שום אופן זיך נישט געקאָנט אויסלערנען דעם אַלפאַבעט. די לערערין, וועלכער ער האָט אַ סך מאָל געהאָלפן טראָגן איר וואַליזקע, פלעגט אים אָפּט נעמען צו זיך, אַרויפלייגן איר האַנט אויף זיין אָרעם, אַרומנעמען, און מיט אים לערנען. באַסשכאַערטס — פלעגט זי צו אים זאָגן — לערן דאָך אַביסל, עס איז דאָך נישט אַזוי שווער זיך אויסצולערנען דעם אַלפאַבעט. און זי האָט מיט אים געלערנט. — זאָג, וואָס איז דאָס ? — קוק גוט, אַן אַ, און דאָס איז אַ בע, און דאָס איז אַ ג. — אַלזאָ, געדענק גוט : דאָס איז אַ, ב, ג. — נאָך אַמאָל, וואָס איז דאָס ? אַן אַ, ב, ג. אָבער אין אַ מינוט אַרום, אַז זי האָט מיך געפרעגט וואָס דאָס איז, האָב איך מער נישט געוווּסט. איך האָב מיטן בעסטן ווילן מיך נישט געקאָנט אויסלערנען דעם אַלפאַבעט. איך פלעג קריגן געשלאָגן אינדערהיים פון טאַטן און דער מאַמען, ווייל זיי האָבן געשריגן, אַז איך וויל נישט לערנען. צו צוועלף יאָר, האָט באַסשכאַערטס דערציילט, האָט מען מיך אַרויסגענומען פון דער שולע, ווייל מיינע עלטערן האָבן געזען, אַז איך לערן אין דער שולע אַזוי ווי אַזוי גאָרנישט. מיינע עלטערן, האָט ער ווייטער דערציילט, האָבן מיך אַוועקגעגעבן אויף דער לער מיט עסן און שלאָפן צו אַ בעקער.

ער האָט געדאַרפט אַרומפירן ברויט צו מענטשן און אין די געשעפטן. ער האָט באַקומען אַ ביכעלע מיט אַדרעסן פון די קונים און ער האָט געדאַרפט אויפשרייבן ווער עס האָט באַצאָלט פאַרן ברויט און ווער נישט. ער האָט אָבער דאָך נישט געקענט קיין אות, האָט ער געמוזט אַלץ געדענקען אויף אויסנווייניק. דאַן האָט די טאָכטער פון דעם בעקער צו אים געזאָגט — באַסשכאַערטס, עס איז דאָך נישט מעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל זיך נישט קאָנען אויסלערנען אַביסל שרייבן און לייענען. דאַן פלעגט מיך — האָט

ער ווייטער דערציילט — די טאָכטער פון דעם בעקער נעמען יעדן אויפֿ־דערנאָכט נאָך דער אַרבעט אויף איר בעט און מיך אַרומנעמען, אַזוי ווי אַמאָל מיין לערערין אין דער שולע, און מיט מיר געלערנט דעם אַלפאַבעט ביז מיינע אויגן זענען מיר צוגעפאַלן און איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן. אָבער דעם בעקערס טאָכטער האָט מיך דאָך אויסגעלערנט אַביסל שרייבן און לייענען.

זונטיק, דעם 9־טן יולי.

איך לייען ווייטער דאָס ביכל וועגן די נידערלענדישע און פלעמישע שרייבער, וואָס איך האָב געפונען ביי באַסשכאַערטס. אַט האָב איך איצט אַדורכגעלייענט אַ סקיצע פון בוסקען הועט, ווי ער פלעגט אַלס שילער־ייִנגל גיין גערן זיך גליטשן אויפן אייז. דער לערער פון דער שולע האָט עס אים פאַרבאָטן און ער טרויערט אויף דעם. אָבער בוסקען הועט פאַרגעסט אויך נישט צו דערציילן, ווי טרויעריק עס איז צו זיין געבוירן אַ ייִדיש קינד, ווייל די ייִדישע קינדער האָבן זיך אויפן אייז געמעגט גליטשן נאָר אויף אַ באַזונדערן, פאַר זיי אָפּגעגרענעצטן פּלאַץ. טראָץ דעם וואָס בוסקען הועט איז געשטאָרבן אַן אומגלויביקער, דערציילט ער דאָך, אַז אַלס קליין ייִנגל האָט ער זיך געפילט גליקלעך, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אַ קריסט, ווייל עס האָט אים אויסגעזען צו זיין אַזוי טרויעריק דער גורל פון די ייִדן.

אַ נאָוועלע האָב איך ווייטער געלייענט פון שרייבער יאַקאָב יאַן קרעמער, א. ג. רועלאָף לינגען. קרעמער דערציילט וועגן אַן אָרימער פאַמיליע, וואָס האָט געוווינט מיט זייער צוועלף־יאָריק ייִנגל אין אַ קעלער־שטוב, וווּ עס האָט געהערשט פּייכטקייט. די מוטער פון דעם ייִנגל, אַ קראַנקע און אַ שוואַכע. דער פאָטער, פון עטלעכע פופציק יאָר, האָט זיך באַשעפטיקט מיט לינירן קאָנטאָר־ביכער. זייער ייִנגל רועלאָף פלעגן זיי, צוליב זייער גרויסער אָרעמקייט, אַרויסשיקן אין דער גאַס אַריין עפּעס פאַרדינען — טראָגן אַ פּעקל אָדער ווייזן עמעצן אַ וועג, און דערפאַר פלעגט מען אים עפּעס געבן.

איינמאָל, אין אַ קאַלטן ווינטער־אָוונט, קומט רועלאָף אַהיים. די מוטער איז שוין געגאַנגען זיך לייגן שלאָפן, ווייל דער מאַן איז צו איר צוגעשטאַנען, אַז זי איז צו שוואַך לאַנג אויף צו בלייבן. — אָבער יאָ, זאָגט די מוטער, אונזער קינד איז שוין לאַנג אַוועק און עס איז אינדרויסן אַזוי ביטער קאַלט. אין דעם, ווי זיי זיצן און רעדן אַזוי, מאַכט זיך אויף די טיר און רועלאָף קומט אַריין אין דער שטוב אינגאַנצן פאַרשטייפט

און פאַרפרוירן. די מוטער וואַרעמט אים אָפּ די אויערן מיט אירע וואַרעמע הענט. די אויערן זענען אים אַזוי פאַרפרוירן, אַז אפילו אונטער דער מוטערס וואַרעמע הענט טוען זיי אים נאָך ווי. רועלאַף דערציילט, אַז ער האָט היינט פאַרדינט צוואַנציק סענט און האָט אויפגעקליבן פערציק שטיקלעך אַוועקגעוואָרפענע ציגאַרן. צוואַנציק שטיקלעך ציגאַרן, דערציילט ער, האָט ער אַוועקגעגעבן אַ יינגל, יענער זאָל אים אויסלערנען עפּעס אַ קונץ.

— וואָס איז די קונץ? האָט דער פאָטער אים געפרעגט. — די קונץ איז, האָט רועלאַף געזאָגט, אַז איך דאַרף ביי מיר שטענדיק האָבן אַ קופּערנעם האַלבן סענט און אַז ווען עמעצער גיט מיר פאַרן וועג אַ זילבערנעם צען סאַנטים שטיק, דאַרף איך אים אַריינלייגן אין דער טאַש און יענעם ווייזן דעם קופּערנעם, אַז יענער האָט געהאַט אַ טעות. דאַן באַקום איך נאָכאַמאָל אַ זילבערנעם צען סאַנטים שטיק. — אָבער, האָט רועלאַף געזאָגט, איך וויל אַזעלכע שטיק נישט מאַכן. נישט אמת, מאַמע, דאָס הייסט גנבה? און איר האָט מיר שטענדיק אָנגעזאָגט, איך זאָל אפילו קיינמאָל קיין נדבה נישט בעטן. — איך האָב דאַן, האָט רועלאַף ווייטער געזאָגט, צוריקגעפאָדערט פון דעם יינגל מיינע צוואַנציק שטיקלעך ציגאַרן, אָבער ער האָט זיך פון מיר אויסגעלאַכט. — גוט, האָט די מוטער מיטן פאָטער געזאָגט, ביזט אַ גוט יינגל, גיי לייג דיך שלאָפן. אָבער ווען ער איז געגאַנגען זאָגן אַ גוטע נאַכט דער מוטער, האָט ער זיך פלוצלינג צעוויינט. — ניין מאַמע, ניין מאַמע, אַ גנב בין איך נישט. איך האָב ערגעץ געזען שטיין אַ פּאָר הילצערנע שיך, האָב איך געדענקט וועגן טאַטן, אַז ער לויפט אַ סך מאָל אַרום אויף די קאַלטע שטיינער, אַז ער ציטערט אַזש. אָבער, גוטע מאַמע, איך האָב די שיך נישט גענומען. און קרעמער דערציילט, אַז אין דעם זעלבן אָוונט האָט רועלאַפס פאָטער זיך געהאַט אָפּגעשמועסט מיט זיינס אַ חבר אַוועקצוגיין די נאַכט ערגעץ אויספירן אַ גנבה, אָבער ווען ער האָט געהערט די ערלעכקייט פון זיין קינד האָט ער באַשלאָסן בעסער צו ליידן ווייטער אָרעמקייט און קיין גנב נישט צו ווערן.

מאָנטיק דעם 10־טן יולי.

נעכטן איז געוואָרן אַ חודש ווי די דייטשן זענען נאָך אונז געקומען און האָבן אַוועקגעפירט מיין פרוי מיט די קינדער.

היינט אינדערפרי האָט באַסשכאַערטס מיט מיר איבערגערעדט און מיר ווייטער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איך בין אין געפאַר ווייטער ביי אים צו בלייבן, צוליב דער מחלוקת מיט זיין שכן. איך בין געוואָרן טרויעריק

און לאַנג געבליבן זיצן ביים טיש קלערן און נישט געוווסט וואָס פאַראַ עצה איך זאָל מיר געבן.

נעכטן האָב איך דורכגעלייענט נאָך אייניקע נאָוועלן אין מיין ביכל "זיד" און נאָרד-נידערלענדישע שרייבער". צווישן די נאָוועלן וואָס איך האָב געלייענט, וויל איך איבערגעבן איינע פון די שוועסטער שרייבערינס ראָזאַלי און ווירגיני לאָוועלינג, ווייל איך האַלט זי פאַר אינטערעסאַנט און רירנד. די נאָוועלע רופט זיך "מיסטער הייג". די שרייבערין ראָזאַלי דערציילט אין דער נאָוועלע, ווי מיסטער הייג, אַן אַלטער אויסגעדינטער סאָלדאַט אונטער נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן, לעבט מיט זיין ווייב אויף דער עלטער אַליין אין אַ הייזל. אין די יינגערע יאָרן, נאָך זיין חתונה, האָט זיך מיסטער הייג באַשעפטיקט מיט לערנען קינדער. אָבער שפּעטער, ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָט מען אַנגעהויבן איינצוריכטן מער מאָדערנע שולן און די קינדער האָבן אויפגעהערט צו קומען צו אים לערנען. דאַן האָט זיך מיסטער הייג דערנערט פון דעם, וואָס ער פלעגט פאַריכטן פאַר עמעצן אַ שירם, צורעכטמאַכן אַ צעבראָכן זייגערל און קלעבן טאָוולענע שאַכטלעך.

מיסטער הייג פלעגט אַ סך מאָל ליב האָבן צו דערציילן פון די יאָרן, ווען ער האָט געדינט אונטער נאַפּאָלעאָן און אַז נאַפּאָלעאָן איז געווען אַ גרויסער מאַן. דאַן האָט זיין ווייב אים איבערגעהאַקט די רייד. — אַ גרויסער מאַן — איך וויל פון דעם נישט וויסן. — אַ מענטש וואָס לאָזט אויסהרגענען אַזוי פיל מענטשן וועט אוודאי מוזן אָפּגעבן אַ חשבון פאַר גאָט. אָבער דאָך פלעגן די מענטשן פון דאָרף שטענדיק ליב האָבן צו הערן מיסטער הייג דערציילן זיינע געשיכטן. ער האָט אויך געהאַט צוויי בילדלעך וואָס האָבן פאַרגעשטעלט נאַפּאָלעאָנען אויפן שלאַכט-פעלד. מיסטער הייג האָט געהאַט אַ זון וואָס איז אַוועק אין דער וועלט אַריין, און ער האָט שטאַרק געבענקט אים נאָך אַמאָל צו זען. מיסטער הייג איז אָבער געוואָרן זייער אַלט און האָט כמעט גאָרנישט געקאָנט מער פאַרדינען. דאַן האָט דער בירגערמייסטער פון דאָרף אים געבעטן, ער זאָל גיין מיט זיין ווייב אין בית-זקנים. ער האָט אים פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן דאָרט ווערן גוט באַהאַנדלט און עס וועט זיי גאָרנישט פעלן. אָבער מיסטער הייג פאַרקויפט ליבער אַ מעבל-שטיק, ווען זיין פרוי ווערט קראַנק, אָבער אין בית-זקנים אַריין וויל ער זי נישט פירן ווייל דאַן, ווייס ער, וועט זי נאָך גיכער שטאַרבן.

ווען דער בירגערמייסטער פרעגט אים אַמאָל — מיסטער הייג, אום גאָטס ווילן, פאַרוואָס ווילט איר בעסער ליידן אָרעמקייט איידער צו גיין

אין בית־זקנים? דאַן האָט מיסטער הייג מיט אַ טרויעריקער שטימע געזאָגט צום בירגערמייסטער — פריינט! איך ווייס, אַז די מענטשן פון דאָרף האָבן אונז אַלע ליב, אָבער אַן אַלטער בוים וויל נישט איבערפלאַנצט ווערן. עס איז אונז דאָך אַזאַ שאָד אַוועקצוגיין פון אונזער הייזל. אָבער דאָס ווייב פון מיסטער הייג שטאַרבט און דער מאַן בלייבט אַליין. דאַן איז מיסטער הייג געצוווּנגען צו גיין אין בית־זקנים אַריין. דער בירגער־מייסטער אַליין פירט אים דאָרט אַוועק אונטערן אָרעם. אַלע מענטשן פון דאָרף ווינטשן מיסטער הייג נאָך אַ לאַנג לעבן. אָבער מיסטער הייג האָט שוין מער לאַנג נישט געלעבט. אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער אין בית־זקנים געשטאָרבן.

דינסטיק דעם 11־טן יולי.

היינט אינדערפרי האָב איך געגעסן אויף פרישטיק טרוקן ברויט מיט זאַלץ און אַביסל וואַסערדיקע קאַווע. באַסשכאַערטס האָט דערקלערט, אַז אַזוי ווי מען האָט נאָך דעם חודש פאַר די ראַציע־מאַרקעס קיין פוטער נישט געגעבן, וועט מען עסן ברויט מיט מאַרמעלאַדע, ווייל קויפן גע־שמוגלטע פוטער קאָסט צו טייער און אַזוי ווי איך האָב קיינמאָל קיין זיסקייטן אינדערפרי נישט ליב געהאַט, האָב איך ליבער געגעסן ברויט מיט זאַלץ. און פאַר אַזאַ עסן, אינדערפרי אַ שטיקל ברויט, אויף מיטאָג אַ ביסל קאַרטאָפל אָדער אַביסל וואַסערדיקע זופּ, מוז איך באַצאָלן צוועלף הונדערט פראַנק אַ חודש.

נעכטן האָט אַ גאַנצן טאָג געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט מיט אַ געפּיף און אַ געיאָמער. איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער פון מיין שטיבל אינדערהויך ווו איך זיץ, האָב איך געזען ווי דער ווינט בויגט דאָס קאָרן מיט די גרינע בוימער אין פעלד. היינט איז דער הימל ווידער פאַר־וואָלקנט און עס גיסט אַ רעגן צוזאַמען מיט אַ פייפן פון ווינט.

נעכטן האָב איך געלייענט אַ נאָוועלע פון יאָהאַנאַ וואַן ווודע א. נ. „ווו איז די מאַמע?". איך האָב דערביי שטאַרק געוויינט. יאָהאַנאַ דערציילט פון אַ מוטער, וואָס האָט שטאַרק ליב אירע קינדער. די מוטער ציטערט נאָר, אַז ווען די קינדער וועלן גרויס ווערן, וועט זי זיי נישט קענען מער אַזוי אַרומנעמען, האַלזן און קושן, ווי ווען זיי זענען קליין. יאָהאַנאַ דערציילט, אַז ווען אַלע קינדער ביי דער מוטער זענען שוין כמעט גרויס, האָט זי נאָך אַ קליין יינגל פון פינף יאָר און אַז ער קומט אַהיים פון שולע מאַכט ער דאָס הויז פול און לעבעדיק. אַזוי ווי דאָס יינגעלע קומט אַהיים פון שולע, לויפט ער גלייך אַריין אין אַלע שטובן, וואַרפט פון זיך אַראָפּ דאָס

מענטעלע און הויבט אָן אומעטום אַרומצושפּרינגען און פרעגן — ווו איז די מאַמע? דעמאָלט כאַפּט אים די מוטער, קושט און האַלזט אים און זי וואָלט געוואָלט, אַז איר יינגעלע זאָל שטענדיק בלייבן אַזוי קליין. דעמאָלט האָב איך מיך דערמאָנט אין מיינע יינגעלעך דודל און בערעלע. זיי פלעגן אויך אַזוי טאָן. אַזוי ווי זיי זענען אַהיימגעקומען פון דער שולע האָבן זיי אויך באַלד פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די מענטעלעך, אָנגעהויבן אַרומצושפּרינגען און די מוטער פלעגט זיי נעמען אויף די שויס, זיי דריקן צו איר ברוסט און זיי קושן און האַלזן. איך פיל ערשט איצט, אַז ס'איז נישטאָ קיין גרעסער גליק אין לעבן, ווי צו קענען זען אַרום זיך און ליב האָבן די קליינע שוועלבעלעך.

באַסשכאַערטס האָט מיר נעכטן דערציילט אַ דערינערונג פון זיינע קינדער־יאָרן. ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין יינגל, האָט אין ליער, נישט ווייט פון זיי, געוווינט אַ קוילנהענדלער מיט אַ צונאָמען „סים דער בלאָזער". סים דער בלאָזער — האָט באַסשכאַערטס ווייטער דערציילט — איז אַמאָל געווען אַ גלח. מיט איינמאָל האָט ער פּלוצלינג אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיינע גלחישע קליידער און איז געוואָרן אויס גלח. סים איז אַוועק, זיך געדונגען אַ הויז מיט אַ גרויס שטיק פעלד ווו עס האָבן געוואַקסן בוימעלעך מיט מאַלינעס און אויף דעם שטיק פעלד נעבן זיין הויז האָט ער פאַרלייגט אַ קוילן־האַנדל. אויף דעם פעלד האָט סים שטענדיק געהאַט שטיין אַ שטייג מיט קרוליקעס און אַ שעפּסל איז שטענדיק געשטאַנען אויפן גראָז און זיך געפּאַשעט. סים האָט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט, אָבער ער האָט שטאַרק ליב געהאַט קינדער. אַלע קינדער פלעגן גערן לויפן צו אים קויפן קוילן, ווייל ער פלעגט שטענדיק טיילן צוקערלעך. זומער, ווען עס זענען רייף געוואָרן די מאַלינעס, פלעגט ער יעדן קינד געבן אַ טיטל מיט מאַלינעס.

אָבער אַ פּאַסקודנע טבע האָט סים געהאַט, זאָגט באַסשכאַערטס. יעדעס קינד וואָס פלעגט צו אים קומען נאָך קוילן, אַ יינגל צי אַ מיידל, פלעגט ער דאָס גאַנצע פּנים איינריסן מיט קוילן־סאַזע און אַז די מענטשן האָבן געזען פאַרן אַ קינד מיט קוילן און מיט אַן איינגעריסט פּנים, האָבן זיי באַלד געוווסט, אַז דאָס קינד קומט פון דעם סים דעם בלאָזער. דעם צונאָמען „דער בלאָזער" האָט סים באַקומען פון די קינדער, ווייל ער פלעגט שטענדיק יעדן קינד עפּעס צוזאָגן. דער וועט באַקומען אַ קרוליק, דער וועט באַקומען דאָס שעפּסל. נאָר נאַטירלעך האָבן די קינדער אַלעמאָל געמוזט וואַרטן ביז די קרוליקעס אָדער דאָס שעפּסל וועלן גרויס ווערן. ביי סימען אָבער זענען שטענדיק די קרוליקעס און דאָס שעפּסל געבליבן קליין. די קינדער האָבן אים דאַן אַ נאָמען געגעבן, סים דער בלאָזער, דאָס

וויל זאָגן: סים דער ליגנער. אָבער דאָך האָבן מיר קינדער, האָט באַס־שכאַערטס צוגעגעבן, ליב געהאַט צו גיין צו סימען נאָך קוילן.

ביי באַסשכאַערטסן האָב איך אויך געפונען אַ ביכל א. נ. ״רייזע־באַשרייבונגען פון פאַטער ל. דאַעמס, מיסיאָנער אין בעלגיש קאָנגאָ״. — די ווייסע זאָגן, שרייבט פאַטער דאַעמס אין אַ קאַפּיטל פון זיין בוך, אַז די שוואַרצע באַזיצן נישט קיין פאַרשטאַנד. דאַעמס לאַכט זיך אויס פון די באַהויפּטונגען. דער נעגער — זאָגט דאַעמס — איז גוט, איינפאַך און אָפּפערוויליק. אָבער דער נעגער האָט געגלויבט ביי די ווייסע אויך צו געפינען גוטסקייט און אָפּפערווייליקייט און דאָס האָט ער ביי זיי קיינמאָל נישט געפונען. די ווייסע האָבן אים שטענדיק אָפּגענאַרט. דאָס האַרץ פונעם נעגער, זאָגט דאַעמס, קאָן פון ליבע קלאַפּן, אָבער דערפאַר וויל ער עמפּפינדן מער ווי די תענוגים פון עולם הזה פון אונזער ציוויליזירטער וועלט, ער וויל אמתע ליבע.

דינסטיק דעם 11־טן יולי.

היינט אינדערפרי האָב איך מיטגעגעבן דער טאָכטער פון באַס־שכאַערטס, ווען זי איז געפאָרן קיין ליער, זי זאָל מיר, פאַר די ראַציע־מאַרקעס וואָס איך האָב נאָך געהאַט, מיטברענגען טאַבאַק אָדער ציגאַרעטן. דאָס מיידל איז זייער לאַנג נישט צוריקגעקומען און איך און באַסשכאַערטס האָבן מורא געהאַט, צי מען האָט זי נישט אַמאָל איינגעהאַלטן ווען זי איז געגאַנגען נעמען דעם טאַבאַק אין געשעפט. מיר זענען ביים מיטאָג געווען זייער אומרואיק. מיר האָבן שוין לאַנג געהאַט געגעסן מיטאָג און זי איז נאָך אַלץ נישט געווען אינדערהיים. ווען זי איז שפּעטער אַהיימגעקומען, האָט זי פון באַסשכאַערטסן באַקומען געשלאָגן און זי האָט דערנאָך שטאַרק געוויינט. דאָס מיידל האָט מיר קיין טאַבאַק נישט געבראַנגט, ווייל די אינהאַבערין פון געשעפט האָט געזאָגט, אַז זי מוז מיטברענגען מיט די מאַרקעס אַ ברוינע קאַרטע, פאַר וועלכע מען באַקומט טאַבאַק, וואָס אַלע געשעפטן האָבן זייערע איינגעשריבענע קונים אַזאַ קאַרטע צוגעשטעלט. אָבער איך ווייס נישט ווי אַזוי עס קומט, צי דער בריסעלער, ווי מען האָט גערופן דעם אייגנטימער פון געשעפט ווו איך בין געווען איינגעשריבן, האָט אַזעלכע קאַרטן נישט צוגעטיילט, אָדער האָב נאָר איך אַליין ביי אים אַזאַ קאַרטע נישט געהאַט באַקומען. אָבער איצט האָבן זיי זיך געקאָנט אַרויסדרייען מיט אַן אויסרייד מיר דעם טאַבאַק נישט צו געבן. באַסשכאַערטס האָט זיך מיט מיר געקריגט, פאַרוואָס, אַז איך האָב געוווסט, אַז איך מוז האָבן אַ קאַרטע, האָב איך

געשיקט זיין טאָכטער נאָך טאַבאַק מיט די מאַרקעס אַליין. וויפיל איך האָב באַסשכאַערטסן געגעבן צו פאַרשטיין און אים אויפגעקלערט, אַז איך האָב אַזאַ קאַרטע קיינמאָל נישט געהאַט, האָב איך אים אָבער דאָך אין מיין אמת נישט געקאָנט איבערצייגן. ער איז געבליבן ביי זיין שטאַנד־פונקט, אויב אַלע געשעפטן האָבן אַזעלכע קאַרטן געגעבן, קאָן נישט זיין, אַז איך האָב אַזאַ קאַרטע נישט געזאָלט האָבן און ער איז געבליבן ביי זיך איבערצייגט, אַז איך זאָג אַ ליגן.

דינסטיק דעם 11־טן יולי.

איך הייב אָן מורא צו קריגן פאַר באַסשכאַערטסן. דער מענטש ווערט מיר נמאס. איך ווייס נישט, די לעצטע טעג איז ער עפּעס אינגאַנצן פאַרענדערט געוואָרן. ער גייט אַרום בייז און אויפגערעגט. ער מערקט, אַז איך פאַרשטיי דאָס ער וויל מיך אינגאַנצן אָפּנאַרן און אַז ער וואָלט געוואָלט צונעמען ביי מיר מיין געלט, נאָר איך זאָל נישט דאַרפן עסן. היינט, פיר אַזייגער נאָכמיטאָג, האָט די פרוי באַסשכאַערטס אַוועק־געשטעלט אויפן טיש ברויט מיט מאַרמעלאַדע און וואַסערדיקע קאַווע. איך און די פרוי מיט דער טאָכטער האָבן אָנגעהויבן עסן דאָס קלעפּעדיקע ברויט מיט דער מאַרמעלאַדע. באַסשכאַערטס האָט געלייענט אַ ביכל, ווו עס דערציילט זיך אַ מעשה פון אַ פאָטער אַ שיכור, וואָס בלייבט אַן אַלמן מיט צוויי קינדער, אַ יינגל און אַ מיידל און ווען דער פאָטער שיכורט זיך אָן, שלאָגט ער שטענדיק זיין מיידעלע, וואָס איז געווען אַ לאָמע און געהינקט אויף אַ פיסל.

איינמאָל, דער פאָטער קומט אַהיים פון דער אַרבעט. עס איז דעמאָלט געווען ווינטער און אינדרויסן איז געפאַלן אַ שניי. אַזוי ווי דער פאָטער מאַכט אויף די טיר, דערקענט זיין מיידעלע, וואָס איז שוין געלעגן אין בעט, אַז דער פאָטער איז ווידער שיכור. דאַן הייבט זיך דאָס מיידעלע אויף און אַנטלויפט פון בעט אַרויס אין דער גאַס און פאַלט ערגעץ אַוועק אין שניי. אַזוי ווערט זי אין שניי אַנטשלאָפן און ווען מען געפינט זי, שטאַרבט זי שפּעטער ביי אַ פויער אין שטוב.

באַסשכאַערטס האָט פונקט געענדיקט לייענען דאָס ביכל, ווי פּלוצלינג וואַרפט זיין טאָכטער אַראָפּ אַ טאַס, אין וועלכער זי האָט געטרינקען קאַווע און די טאַס ווערט צעבראָכן אויף דער ערד. באַסשכאַערטס איז געוואָרן אַזוי אויפגערעגט דאָס ער איז צוגעלאָפן צו דער טאָכטער און זי געוואָלט שלאָגן, אָבער זיין פרוי האָט אים אין דעם געשטערט. דאַן איז ער געוואָרן נאָך מער אויפגערעגט. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן זיין טאַס

מיט קאַװע אויף דער ערד און זי צעבראָכן. דאָס ביכל װעגן דעם שיכור, װאָס האָט אַזוי שלעכט באַהאַנדלט זײַנע קינדער, האָט ער געכאַפּט און אַרײַנגעװאָרפן אין אויװן, און אָנגעהויבן שרעקלעך צו שעלטן. איך האָב דאַן געזען, אַז באָסשכאַערטס איז אַ רויער מענטש, אַ מענטש װאָס גלויבט נישט אין גאָט, גייט נישט אין דער קירכע, נאָר האַלט פון קאָרטן שפּילן און שיכורן. איך האָב מיך איצט פאַר באָסשכאַערטסן אָנגעהויבן שטאַרק צו שרעקן. איך האָב געטראַכט, אַז דער מענטש אַליין איז פעאיק מיך צו גיין פאַראַטן, אויב ער װעט האָבן אַ סכסוך מיט זײַן פרוי, װעגן מײַן זײַן אָדער נישט זײַן בײַ אים.

מיטװאָך דעם 12־טן יולי.

איך האָב די נאַכט װידער געחלומט פון מײַן פרוי און קינדער און בין אויפגעקומען מיט אַ זייער שװער געמיט. איך פיל מיך זייער נידער־געשלאָגן און פאַרצװייפלט װען איך זע, אַז עס איז שוין באַלד אַװעק פינף װאָכן, װי מען האָט מײַן פרוי מיט די קינדער אַװעקגעפירט, און קיין ענדע פון דער מלחמה איז נאָך אַלץ נישט צו זען. איך װאַרף מיר פאָר, אַז איך בין נישט געװען גענוג פאַרזיכטיק מיט מײַנע קינדער, און אַז װען איך װאָלט מיר געװען געגעבן מי, װאָלט איך זיי דאָך געקאָנט אויסהיטן פון דעם שרעקלעכן גורל אַרײַנצופאַלן אין די דײַטשע הענט.

איך פיל, אַז איך פאַרליר דעם מוט װײַטער צו שרײַבן מײַנע דערינערונגען מיט דעם זעלבן ברען, װי איך האָב זיי ביז איצט געשריבן. נעכטן האָב איך מיר געהאַט פאַרגענומען װײַטער איבערצוגעבן אין מײַנע דערינערונגען די אײַנדרוקן פון אַ נאָװעלע װאָס איך האָב אָט דעם טאָג געלייענט. אָבער הײַנט האָב איך פאַרלוירן דעם חשק דערצו, טראָץ דעם װאָס די נאָװעלע האָט געמאַכט ציטערן מײַן האַרץ און מײַן נשמה פון אויפרעגונג, װײַל עס רעדט זיך דאָרט אויך װעגן קליינע קינדער. אָבער איין גאָט װייסט פאַרװאָס דאָס איז אַזוי, אַז איך גיב מײַנע אײַנדרוקן פון דער נאָװעלע נישט איבער. איך בין אויסערגעװײנלעך נידערגעשלאָגן און איין גאָט זאָל מיר זײַן אין מײַן הילף.

דינסטיק דעם 18־טן יולי.

איך בין װידער צוריק בײַ באָסשכאַערטסן.

מיטװאָך דעם 12־טן יולי.

פאַרנאַכט בין איך געזעסן און געלייענט אַ ביכל. קומט באָסשכאַערטס

אַריינצוגיין מיט זיין ווייב און קוקן מיך אָן. דאַן מאַכט ער צו מיר — איך בלייב די נאַכט נישט שלאָפן אינדערהיים. — איצט ווייסט מען שוין זיכער, האָט ער געזאָגט, אַז מיין שכן איז געווען אויף דער פעלד־זשאַנ־דאַרמעריע, ווייל מען האָט זיי געזען פון דאָרט אַרויסקומען. דעם שכנס טאַכטער האָט עס אַליין געזאָגט, אַז זי איז געווען אויף דער פעלד־זשאַנדאַרמעריע. נאַטירלעך האָב איך איצט ווידער געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן און גיין זוכן צו קענען ערגעץ פאַרבלייבן אַ פּאָר טאָג. באַסשכאַערטסן האָב איך געזאָגט, אַז איך גיי צום פויער ווערומפּיי אויף אַ פּאָר טאָג, אָבער געגאַנגען בין איך צו זיין ווייבס עלטערן — צום פויער באַגעמאַנס. איך האָב באַסשכאַערטסן נישט געטרויט. ביים פויער באַגעמאַנס האָבן זיי נישט געוווסט, אַז איך בין ביי זייער טאָכטער און איך האָב זיי דאָס דערציילט, אַנדערש וואָלט איך ביי זיי קיין פּאָר טאָג נישט געטאָרט בלייבן. ביי די באַגעמאַנס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנצע אונ־טערהאַנדלונג, צי מען זאָל מיך לאָזן בלייבן ביי זיי אַ פּאָר טאָג. נאָר אַזוי ווי זייער טאָכטער מיטן אײדעם זענען מיט זיי שוין יאָרן געווען ברוגז, האָבן זיי געזוכט מיט אַלע מיטלען עפּעס צו טאָן, וואָס זאָל זייער טאָכטער מיטן אײדעם געפעלן. די באַגעמאַנס האָבן געמיינט, אַז איך וועל זייער טאָכטער זאָגן, אַז איך בין געווען ביי אירע עלטערן. אָבער איך האָב עס ביז איצט נישט געזאָגט.

ביי די באַגעמאַנס בין איך געבליבן פיר טעג: פון מיטוואָך אָוונט ביז מאָנטיק פאַרטאָג. געשלאָפן בין איך אין שכויל־קעלער אין פעלד אויף אַ בינטל שטרוי, צוגעדעקט מיט אַ פּאָר זעק, נאָר עסן האָב איך געמעגט ביים טיש מיט זיי, ווייל איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל פאַר מיין עסן באַצאָלן.

זונטיק פאַרנאַכט האָב איך זיי אָנידערגעלייגט הונדערט און צוואַנציק פראַנק פאַר מיינע פיר טעג עסן. אָבער זיי האָבן מיר די צוואַנציק פראַנק צוריקגעגעבן און האָבן ביי מיר גענומען נאָר הונדערט פראַנק פאַר די פיר טעג עסן. דאָס עסן ביים פויער באַגעמאַנס איז געווען זייער גוט. איך האָב באַקומען פיר מאָל אין טאָג עסן. ברויט אָנגעשמירט מיט אַ סך פּוטער אָדער חזיר־שמאַלץ. דאָס ברויט איז געווען גוט, ווייל זיי האָבן עס אַליין געבאַקן אין זייער אויוון. אין די טעג, וואָס איך בין געווען ביי די באַגעמאַנס, האָב איך איינמאָל מיטגעהאָלפן באַקן דאָס ברויט. איך האָב געמוזט אַכטונג געבן אויף דער צייט, ווי לאַנג דאָס ברויט מוז שטיין אין אויוון. דערנאָך האָב איך דער פרוי באַגעמאַנס געהאָלפן אַרויסנעמען דאָס ברויט פון אויוון.

מאָנטיק דעם 17־טן יולי פאַרטאָגס האָט באַגעמאַנס מיך אויפגעוועקט

אין מיין שכויל־קעלער. עס איז געווען אַזייגער האַלב זעקס. איך האָב מיט אומגעדולד געגעסן אַ שטיקל ברויט מיט אַביסל קאַלטע שוואַרצע קאַווע, און בין אַוועק צו באַסשכאַערטסן, ווייל איך האָב געהאַט אָפּגערעדט מיט אים, מאַנטיק אינדערפרי צוריקצוקומען. זעקס אַזייגער בין איך שוין געווען ביי באַסשכאַערטסן און געקלאַפּט אין זיין טיר. אָבער צי זיי האָבן נישט געהערט, אָדער זיך געמאַכט נישט הערן, ווייס איך נישט. איך ווייס, אַז איך האָב געמוזט זיצן צוויי שעה באַהאַלטן אין אָפּטריט, ביז זיי זענען אויפגעשטאַנען. באַסשכאַערטס האָט מיך אויפגענומען מיט אַ פאַלש שמייכעלע. ער האָט געוווסט, אַז עס דערנענטערט זיך שוין ווידער דער טערמין, און איך וועל אים באַלד ווידער מוזן באַצאָלן צוועלף הונדערט פראַנק.

# צענטער קאַפּיטל

באַשכאַערטס האָט ווידער שבת אַ גאַנצע נאַכט און זונטיק אַ גאַנצן טאָג געשפּילט אין קאָרטן.

ווען איך בין איצט געווען ביים פויער באַגעמאַנס, האָב איך געלאָזט רופן מיין שכן פאַלקס. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער שיקט יעדע וואָך אַ פּעקל עסן צו מיין פרוי. ער האָט מיר געוויזן אַ בריוו, וואָס מיין פרוי האָט אים די וואָך געהאָט געשריבן, ווו זי בעט ברויט, פּוטער, אַ מאַמקע פאַרן קליינטשיקן קינד. אַזוי, אַז דאָס איז אַ באַווייז, האָט פאַלקס צו מיר געזאָגט, אַז זי געפינט זיך נאָך מיט אירע קינדער אין מעכעלען. פאַלקס האָט מיר אויך דערציילט, אַז די קאַרטאָפל און אַלע אַנדערע גרינסן, וואָס וואַקסן אין מיין גאָרטן, נעמען אַרויס די מענטשן, וואָס וווינען איצט אין מיין הייזל, זיי ווילן אָבער קיין געלט דערפאַר נישט באַצאָלן.

פאַלקס האָט מיר געזאָגט, אַז די זיבן הונדערט פראַנק, וואָס איך האָב אים געהאָט געגעבן, זענען אים שוין אַוועקגעגאַנגען און ער האָט גערעדט פון פאַרקויפן סחורה. איך האָב געזאָגט, אַז ער קאָן דאָס טאָן און האָב אים דאָן אויפגעגעבן פרייזן, וואָס ער מוז פאַר דער סחורה פאַרלאַנגען. ער איז דאָן צוריקגעקומען און זיך מיט מיר געדונגען, אַז איך פאַרלאַנג צו גרויסע פרייזן פאַר מיין סחורה. טראָץ דעם וואָס איך האָב געוווּסט, אַז די פרייזן וואָס איך האָב אים געזאָגט, זענען געווען ווייט נישט דער פרייז, וואָס איך האָב געקאָנט פאַר איר באַקומען. אָבער יעדער האָט געזוכט צו פּראָפיטירן פון מיין אומגליק. פאַלקס האָט געבעטן ביי מיר אַ באַווייז מיט מיין אונטערשריפט צו הערצפעלדן אויף טויזנט פראַנק, און איך האָב אים אַזאַ באַווייז געגעבן. עס האָט געהייסן, אַז ער מוז האָבן געלט אויף אָפּצושיקן פּעקלעך. פאַרוואָס ער האָט געוואָלט האָבן געלט, ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז ער קאָן פאַרקויפן סחורה, ווייס איך נישט. האָבן זיי גערעכנט, אַז טאָמער ווער איך אויך געכאַפּט, וועלן זיי קענען האָבן אַלץ? איך בין נישט גענוג קלוג אין דעם פאַל.

איך האָב געהאָט געפרעגט ביי פאַלקסן, צי איך וואָלט נישט געקאָנט זיין ביי איינעם פון מיינע שכנים אין מיין גאַס. האָט ער מיר געענטפערט,

אַז נישט. אַזוי, אַז איך בין געווען געצווינגען צוריקצוגיין צו באַס־שכאַערטסן. נאָך אַ זאַך האָט מיך געוווּנדערט אויף פּאַלקסן. לויט ווי איך האָב געהאַט געהערט, גיט ער קיין סך געלט אויף די פּעקלעך וואָס ער שיקט צו מיין פרוי, נישט אויס. דאָס האַלבע פונט פּוטער באַקומט ער יעדע וואָך פון הערצפעלדס טאָכטער. אויפן ברויט בעטלט ער מאַרקעס ביי די מענטשן אין מיין גאַס. אַזוי איז אויך מיט קאָנפיטור. און פאַרוואָס האָט דאָס פּאַלקס אַזוי מורא אויסצולייגן אַ פּאָר פראַנק אין דער צייט ווען ביי אים איז געלעגן פאַר קנאַפּע צוואַנציק טויזנט פראַנק סחורה? וואָס זאָג איך פאַר קנאַפּע צוואַנציק טויזנט פראַנק? לויט ווי איך האָב איצט באַרעכנט, איז ביי אים געלעגן איצט נאָך מער ווי פאַר צוואַנציק טויזנט פראַנק סחורה און איין פראַנק פון זיין געלט האָט ער מורא געהאַט אויסצולייגן. איך האָב נישט אַנדערש געקאָנט אָננעמען, נאָר די השערה, אַז זיי זוכן, אין פאַל אויב איך וועל ווערן געכאַפּט, אַלץ אַראָפּ־צושלינגען.

באַסשכאַערטס איז איצט געווען זייער פּעסימיסטיש געשטימט. ער האָט געשריגן, אַז די מלחמה וועט זיך נישט ענדיקן אַזוי שנעל און אַז אויפן לאַנדונגס־פראָנט האָט דער ענגלענדער די וואָך באַקומען געשלאָגן. דער ענגלענדער מיטן אַמעריקאַנער, האָט באַסשכאַערטס געזאָגט, פירן אַ געמיינע פאַרעטערישע מלחמה און אַז ווען דער דייטש וואָלט געקאָנט די מענטשן געבן גענוג עסן, וואָלטן זיי איצט געווען מער פאַרן דייטש, ווי פאַרן ענגלענדער, צוליב זייער כסדרדיקן אָפּנאַרן די מענטשן און זיי ברענגען אין פאַרצווייפלונג.

נעכטן בין איך כמעט אַ גאַנצן טאָג געלעגן אויף מיין שטרוי־געלעגער. איך לייד ווידער אויף מאָגן־ווייטיק. איך גלויב, אַז איך האָב מיינע געדערים פאַרקילט אין שכויל־קעלער. היינט בין איך אויך אַ גאַנצן פאַרמיטאָג געלעגן אויף מיין געלעגער.

נעכטן נאָכמיטאָג האָב איך איבערגעלעבט אַביסל שרעק. ווען מען האָט מיך אַזייגער פינף גערופן, איך זאָל קומען עפּעס עסן, איז עמעצער געקומען זאָגן, אַז די געשטאַפּאָ געפינט זיך אין דער גאַס. נאַטירלעך האָב איך מיין עסן געמוזט לאָזן שטיין. איך האָב מיך באַהאַלטן אין אַ גרוב, וואָס באַסשכאַערטס האָט געהאַט געמאַכט אין הויף. עס האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זענען נישט געווען קיין געשטאַפּאָ־אַגענטן, נאָר צאָל־באַאַמטע, וואָס קומען קאָנטראָלירן ביי די פּויערן, צי זיי האָבן נישט שטיין קיין טאַבאַק־פּלאַנצן אין זייערע הייף אָדער פעלדער.

באַסשכאַערטס ווערט מיר וואָס אַמאָל מער נמאס. איך בין צוריק ביי אים ערשט היינט דעם צווייטן טאָג. אָבער איך פיל ווי דער מענטש

וואָלט מיך געוואָלט איינשלינגען. ווען ער וואָלט געוווּסט אַן עצה, ווי אַזוי ער קאָן האָבן מיין געלט און פון מיר פטור ווערן. ווען איך האָב היינט נאָכמיטאָג געגעסן, האָב איך געפילט, אַז ביי יעדן שטיקל ברויט וואָס איך האָב גענומען צום עסן, האָט אים געגעבן אַ שטאָך אין האַרץ. דער מענטש — פיל איך — האַלט מיך נישט ביי אים צוליב דעם מינדסטן געפיל פון רחמנות, נאָר צוליב ריינעם אינטערעס. דאָס איז אַ מיאוסער און נידערטרעכטיקער טיפּ. ביים טיש עקלט מיך מיט אים צו זיצן. אינמיטן עסן זיצט ער און לאָזט אַרויס מיאוסע ריחות, אָנמאַכנדיק אַ שטיינקעריי אין שטוב. איך וואָלט אַזוי געוואָלט פון אים פטור ווערן, איך פיל, אַז דאָס איז אַ מענטש, וואָס פאַר געלט איז ער פעאיק אַלץ צו טאָן. ווען איך זאָל אפילו וועלן פון אים איצט אַוועקגיין אָן אַ באַרעכטיקטן אויסרייד, איז ער פעאיק באַלד צו גיין מיך פאַראַטן.

מיטוואָך דעם 19־טן יולי.

מיין מאָגן הערט נישט אויף מיר ווי צו טאָן. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך נישט געקאָנט שלאָפן צוליבן מאָגן־ווייטיק.

היינט האָב איך געשיקט באַסשכאַערטס ווייב נאָך ברויט־מאַרקעס צום קוילן־הענדלער וואַטערס, וואָס האָט מיר געהאָלפן אין דעם טאָג וואָס איך בין אַנטלאָפן פון ליער. דער חודש ווי איך בין ביי באַסשכאַערטסן לויפט שוין איבערמאָרגן אָפּ. דאָס הייסט דעם 21־טן יולי. איך האָב געהאַט אָפּגעמאַכט מיט באַסשכאַערטסן, אַז איך וועל אים געבן צוועלף הונדערט פראַנק מיט אַ בלעטל ברויט־מאַרקעס אַ חודש פאַר מיין זיין ביי אים. טראָץ דעם, וואָס איך האָב נישט געוווּסט ווו איך וועל נעמען ברויט־מאַרקעס. אָבער דעמאָלט, דעם טאָג ווען איך בין געקומען צו באַסשכאַערטסן, בין איך געווען אַזוי פאַרצווייפלט וואָס קיינער האָט מיך נישט געוואָלט אַרייננעמען, אַז איך האָב אים אַלץ צוגעזאָגט. איצט, ווען דער חודש איז אָפּגעלאָפן, האָב איך נישט געוווּסט ווו איך זאָל נעמען ברויט־מאַרקעס. באַצאָלן פאַר די ברויט־מאַרקעס וואָס איך האָב אים צוגעזאָגט, וואָלט איך געדאַרפט לויט דעם פרייז וואָס זיי האָבן איצט געקאָסט, צוזאַמען מיט מיין אויפנטהאַלט־געלט, איבער פערצן הונדערט פראַנק אַ חודש. דאָס איז געווען אַ סך געלט און לאַנג וואָלט איך מיט מיינע פאַר טויזנט פראַנק נישט אויסגעקומען.

באַסשכאַערטס ווייב איז צוריקגעקומען פון קוילן־הענדלער און מיר דערקלערט, אַז זיין ווייב האָט איר געזאָגט, אַז זי האָט נישט דערווייל קיין ברויט־מאַרקעס, נאָר זי האָט מיטגעגעבן פאַר מיר אַ גרויס ברויט

פון צוויי קילאָ, אַ האַלב פונט מאַרגאַרין־פוטער און אַ פּעקל קונסט־האָניק. לויט מיין רעכנונג האָט דאָס באַטראָפן אַ ווערט פון הונדערט פופציק פראַנק. דאָס האַלבע פונט מאַרגאַרין־פוטער האָב איך אַוועק־געגעבן באַסשכאַערטסן, ער האָט מיר נאַטירלעך פאַר דעם נישט באַצאָלט. דאָס ברויט מיטן קונסט־האָניק האָב איך געגעסן, אָבער דערפאַר האָב איך נישט געגעסן פון באַסשכאַערטס ברויט. טראָץ דעם וואָס איך האָב פאַר מיין אויפנטהאַלט אַזוי טייער באַצאָלט, האָב איך אים נאָך געמוזט צוגעבן אַ באַווייז אויף פינף טויזנט פראַנק צו באַצאָלן נאָך דער מלחמה פאַר דעם, וואָס ער לאָזט מיך ביי אים זיין.

בשעת איך בין לעצטנס געווען ביי דער פרוי באַגעמאַנס, האָב איך דאָרט געזען ליגן אַ קירכע־ביכל (געבעט־ביכל). איך האָב עס גענומען און אַביסל געבלעטערט. איך האָב געזען, אַז דאָס קירכע־ביכל איז פול מיט אויסצוגן פון די נביאים ישעיה, יחזקאל, עמוס און נאָך אַנדערע נביאים. איך האָב געזען, אַז ווען נישט די יידישע נביאים, וואָלט דאָס קירכע־ביכל געווען ליידיק. איך האָב געטראַכט, אויב די אַנדערע פעלקער מוזן אַנקומען צום יידישן גייסט, פאַרוואָס פאַרפאָלגן זיי אונז אַזוי? אָבער עס זעט אויס, אַז עס זענען פאַראַן פעלקער, וואָס נישט זייערע אייגענע גייסטער און אויך נישט פרעמדע גייסטער זענען בכוח זיי צוצופירן צום ליכט פון אמת.

געטע, שילער, קאַנט, שאָפּענהויער, זענען נישט געווען בכוח צו מאַכן דאָס דייטשע פאָלק פּראָגרעסיוו. אויב עס זענען געווען אַזעלכע דייטשן וואָס האָבן זיך מיט זייער גייסט דערהויבן ביז צום הימל, איז אָבער זייער פאָלק שטענדיק צוריק אַנטלאָפן צו דער ערד, צו דער פינצטערניש. ווייל דאָס פאָלק קאָן נישט פאַרטראָגן דאָס ליכט פון דער זון. אַנדערש איז געווען מיטן פראַנצויזישן פאָלק. אַנדערש איז געווען מיטן פרומען רוסישן פאָלק. און אַנדערש וועט אויך — גלויב איך — זיין מיטן נאָרד־אַמעריקאַנישן פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ גרויסן און אמתן גייסט, וואָס האָט אפשר פון די נביאים אָן נישט עקזיסטירט — ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן.

איך האָב איצט געהערט דאָס געשריי פון אַ קינד אויף דער גאַס, האָט עס מיר געמאַכט ציטערן מיין האַרץ. איך האָב מיך איצט דערמאָנט, אַז זונטיק, ווען איך בין געווען ביי די פרוי באַגעמאַנס, איז איר חתונה־געהאַטער זון צו איר געקומען אויף באַזוך מיט זיינע קליינע יינגלעך, וואָס דאָס קלענסטע איז נאָך קיין יאָר נישט אַלט געווען. ווען איך האָב געזען די קליינע יינגלעך זיך שפילן און אַרומלויפן, אָדער ווי די מוטער

קושט און האַלזט דאָס קלענסטע קינד, האָט מיר מיין האַרץ שטאַרק וויי געטאָן און איך האָב אַזוי געדענקט וועגן מיינע קינדער.

דאָנערשטיק דעם 20־טן יולי.

נעכטן האָב איך געלייענט אַ געדיכט פון רענע דע קלערק, ווי אַן אָרימאַן באַזינגט זיין גליק צו קענען ליב האָבן זיין טאָכטערל.

מיין קליין, קליין טעכטערל.
אַזוי ווי אַ דאסקע ביסטו דיק,
אַזוי ווי אַ קוואַרטעלקע פון קוויק.
אַזוי ווי אַ טשייניקל אַ סך מאָל אַזוי שוואַרץ!
מיין קליין, קליין טעכטערל, מיין האַרץ!

אָבער איצט געוואַשן דו דאָרט זיצסט,
עס איז נישטאָ קיין מלאך אַזוי ווייס,
עס איז נישטאָ קיין שעפּסל אַזוי זיס,
מיין קליין, קליין טעכטערל, מיין בלוט.

איך הייב דיך אויף די אַקסעלעך אינדערהויך,
איך זע אַ שטערנדל אין יעדן אויג,
און אויף מיין אָרעמקייט ווער איך בלינד,
מיין קליין, קליין טעכטערל, מיין קינד.

די ווערטער פון דעם געדיכט, וואָס איך נאָטיר אין פלעמיש, האָב איך נישט גענוי געקאָנט זייער איבערזעצונג. איך האָב געפרעגט ביי באַסשכאַערטסן ער זאָל מיר דערקלערן די באַדייטונג פון די ווערטער. וויפיל ער האָט מיר דערקלערט און געגעבן צו פאַרשטיין, האָב איך אַלץ נישט געקאָנט פאַרשטיין די עכטע באַדייטונג פון די ווערטער. איך האָב מיך איבערצייגט, אַז דאָס פלעמישע וואָרט וואָס איך ווייס נישט די באַדייטונג דערפון, ווייס באַסשכאַערטס אויך נישט און אפילו זיין טאָכטער, וואָס לערנט אין שולע — אויך נישט. זיי קאָנען נישט זייער אייגענע שפּראַך.

די טעג וואָס איך בין געווען ביים פויער באַגעמאַנס, האָט מיר די פויערטע באָגעמאַנס דערציילט אַ שטיק פון איר לעבן. די פרוי באָגעמאַנס איז געזעסן אויף אַ נידעריק בענקל און געשיילט קאַרטאָפל אויף מיטאָג

און איך בין געזעסן קעגנאיבער איר. איך געדענק נישט, ווי אַזוי עס איז געקומען צו דעם געשפּרעך, אַז זי זאָל מיר דערציילן די געשיכטע פון איר לעבן.

זי האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט אין איר לעבן שוין אַ סך מיטגעמאַכט. פערציק יאָר איז שוין באַלד, האָט זי געזאָגט, ווי זי האָט חתונה געהאַט. געהאַט האָט זי מיט דעם זעלבן מאַן זעכצן קינדער, פון וועלכע עלף לעבן נאָך. דאָס הייזל, האָט זי געזאָגט, אין וועלכן מיר ווינען, האָט נישט שטענדיק אונז געהערט. מיר האָבן אין דעם אַלטן הייזל, וואָס שטייט שוין אוודאי הונדערטער יאָרן, צוערשט געוווינט אַלס געוויינלעכע לאָקאַטאָרן. מיין מאַן איז נישט געווען קיין פויער נאָר איז יעדן טאָג געפאָרן אַרבעטן צום פאָרט קיין אַנטווערפּן. נאָך דער מלחמה פון 1914 האָט דער רייכער הער, וואָס דאָס הייזל מיטן פעלד האָבן צו אים געהערט, אָנגעהויבן אַ סך פון זיינע אייגנטימער צו פאַרקויפן. אָבער צוערשט, האָט דער רייכער הער געזאָגט, האָבן דאָס רעכט צו קויפן פון זיינע אייגנטימער — הייזלעך אָדער פעלד — די מענטשן, וואָס ווינען אין זיינע הייזלעך און וואָס זיצן אויף זיין פעלד. דעמאָלט איז אויך מיין מאַן גערופן געוואָרן צו דעם רייכן הער און מען האָט אים געפרעגט, צי ער וויל קויפן דאָס הייזל אין וועלכן ער ווינט און די צוויי העקטאַר לאַנד וועלכע ליגן ביים הייזל.

מיין מאַן האָט זיך געשראָקן. — ווו, האָט ער געזאָגט צו דעם רייכן מאַן, זאָל איך נעמען צען טויזנט פראַנק, אַזוי פיל האָט מען פאַר־לאַנגט פאַרן הייזל מיט די צוויי העקטאַר לאַנד וועלכע ליגן דערנעבן. דער רייכער הער האָט דאַן געזאָגט צו מיין מאַן, אַז ער דאַרף נישט האָבן קיין געלט, ער קען זיך דאָס הייזל מיטן פעלד איינציקווייז אויסצאָלן. דאַן האָט מיין מאַן געקויפט דאָס הייזל מיטן פעלד, פאַר וועלכן מען האָט אונז אין אַ פּאָר יאָר אַרום געוואָלט געבן אַ סך ריווח.

מיין מאַן איז נאָך אַ סך יאָרן געפאָרן אַרבעטן צום פאָרט און האָט אונזער פעלד אויך באַאַרבעט. מיר האָבן אונזער הייזל מיטן פעלד שנעל באַצאָלט און איינציקווייז האָט מיין מאַן אָנגעהויבן האָדעווען קי און חזירים, ביי וואָס מיר האָבן גוט פאַרדינט. אין די יינגל־יאָרן האָט מיין מאַן געדינט ביי אַ פויער און ער איז מיט דער פויערן־אַרבעט געווען גוט באַקאַנט. מיין מאַן — האָט פרוי באָגעמאַנס דערציילט — האָב איך קאָנען געלערנט דורך אַ צופאַל, ווייל איך בין — האָט זי צוגעגעבן — פון דער געגנט אַרום לווען און מיין מאַן איז פון דער געגנט אַרום ליער. ווען מיין מאַן איז עלטער געוואָרן האָט ער נישט געוואָלט מער דינען ביים פויער, ווייל ער האָט זייער ווייניק פאַרדינט און געמוזט זייער שווער אַרבעטן.

דאַן איז ער אַוועק אַרבעטן צו אַן אונטערנעמער וואָס לייגט וועגן. אַזוי, אַז ער איז אומעטום געקומען. און אַזוי האָב איך אים קענען־געלערנט.

מיינע עלטערן, האָט פרוי באַגעמאַנס ווייטער דערציילט, האָבן אויך געהאַט צוועלף קינדער. מיין פאָטער איז געווען אַ פויער, האָט געהאַט אַ שטיקל פעלד מיט אַ קו. אָבער מיין פאָטער איז זייער יונג געשטאָרבן און האָט איבערגעלאָזט מיין מאַמען אַליין מיט די קינדער, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אויך ברודער אַ טויב־שטומער. איינמאָל — האָט זי ווייטער דערציילט — איך בין נאָך דאַן געווען אַ קליין קינד, איז אויס־געבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע, און כמעט דאָס גאַנצע הויז ביי אונז איז געלעגן קראַנק אויף טיפוס. איך געדענק, האָט זי געזאָגט, אַז מיר זענען געלעגן זעקס קינדער קראַנק אין איין בעט און איין קינד, וואָס איז געשטאָרבן פון טיפוס, איז געלעגן צווישן אונז טויט אין בעט. קיטקע, האָט געהייסן דאָס מיידעלע וואָס איז געשטאָרבן. ווען מען האָט קיטקען אַוועקגעפירט אויפן בית עולם, האָט מיין פאָטער געזאָגט, אַז קיטקע איז געשטאָרבן, וועל איך שוין מער לאַנג נישט לעבן. און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז מיין פאָטער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. אָבער אונזער מוטער האָט נאָך לאַנג געלעבט. איך האָב שוין לאַנג געהאַט חתונה געהאַט, ווען מיין מוטער איז געשטאָרבן.

נאָך אונזער מוטערס טויט, האָט פרוי באַגעמאַנס ווייטער דערציילט, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַמפּערניש, ווער עס זאָל האַלטן אונזער טויב־שטומען ברודער. איך האָב דאַן אָפּגעמאַכט מיט מיינע ברידער, אַז זומער זאָל ער זיין ביי זיי, און ווינטער ביי מיר. נאָך דער מאַמעס טויט, האָב איך אָפּגעקויפט, האָט פרוי באַגעמאַנס געזאָגט, די קו וואָס איז געבליבן אינדערהיים ביי מיינע ברידער און שוועסטער, אָבער דער טויב־שטומער ברודער האָט געמיינט, אַז איך האָב די קו אַזוי מיטגענומען, און ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל צו אונז געקומען כדי ביי אונז צו בלייבן, האָט ער געשריגן און מיך געוואָלט שלאָגן, בכן, אַז איך האָב די קו פון זייער הויז אַוועקגענומען.

איך האָב מיך, האָט פרוי באַגעמאַנס ווייטער דערציילט, פון מיין טויב־שטומען ברודער אַ סך אָנגעליטן, ווייל מיינע ברידער און שוועסטער האָבן אים אפילו זומער ביי זיך אויך נישט געוואָלט האַלטן, און איך האָב אים אַ גאַנץ יאָר אויך נישט געקאָנט האַלטן. דער שטומער ברודער פלעגט נאָר שטענדיק שרייען און מיך וועלן שלאָגן, אַז ער וויל צוריק אַהיים צו דער מאַמען, טראָץ דעם, וואָס זי איז שוין לאַנג געווען טויט. דאַן האָבן מיר באַשלאָסן אונזער טויב־שטומען ברודער אַריינצוגעבן אין מאַרטסל, נישט ווייט פון אַנטווערפּן, אין אַ משוגעים־הויז.

ווען איך בין איינמאָל געגאַנגען באַזוכן מיין ברודער אין משוגעים־הויז, האָט פרוי באַגעמאַנס איצט דערציילט מיט טרערן אין די אויגן, האָט מיך דער דירעקטאָר פון משוגעים־הויז געפרעגט, מאַדאַם! — וואָס פעלט דיין ברודער? האָב איך דעם דירעקטאָר געזאָגט, אַז אים פעלט גאָרנישט, נאָר ער איז בלויז טויב און שטום. דאַן האָט מיר דער דירעקטאָר געפרעגט — פאַרוואָס האָט איר אים עפּעס אַריינגעזעצט צווישן משוגעים? איך האָב דאַן געוויינט און מיין ברודער צוריק אַהיימגענומען. אויפן וועג האָב איך אים געקויפט אַ פלאַש ביר. ער האָט מיר געדריקט די האַנט, אַזוי ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. דאַן האָב איך געזאָגט צו מיין שטומען ברודער — אויב דו בענקסט אַזוי אַהיים — גיי, דאָרט ליגט דער וועג וואָס וועט דיך אַהיימפירן און אים געוויזן דעם וועג פון לוווען. פון דעמאָלט אָן איז ער געבליבן אינדערהיים ביי מיינע ברידער און שוועסטער און זיי האָבן אים צו מיר קיינמאָל נישט צוריקגעברענגט. די פרוי באַגעמאַנס האָט אויך איצט פאַרגאָסן טרערן.

פרייטיק דעם 21־טן יולי.

היינט איז געוואָרן אַ חודש, ווי איך בין ביי באַסשכאַערטסן. מיין מאָגן הערט מיר נישט אויף ווייטאָן. איך פיל מיך כסדר מיד. איך וואָלט נאָר כסדר געוואָלט ליגן, רוען און שלאָפן. איך פיל אַ קעלט אין מיין לייב. באַסשכאַערטס, האָב איך מיך איבערצייגט, איז נישט בלויז אַ שיכור, אַ קאָרטן־שפּילער און אַ דעגענעראַט, נאָר אויך אַ גרויסער ליגנער. מיר האָלט ער אין איין דערציילן, אַז אַ קילאָ פּוטער קאָסט אין שמוגל פינף הונדערט פראַנק, אין דער צייט וואָס פּוטער, ווי איך בין געוווער געוואָרן, קאָסט נאָר דריי הונדערט פראַנק, און קיין פּוטער קויפט ער נישט. איך מוז ווייטער עסן ברויט מיט מאַרמעלאַדע מיט מיין ווייטיקדיקן מאָגן.

איך לייען איצט אַ סך מאָל איבער מיינע דערינערונגען, זע איך, אַז זיי זענען געשריבן אונטער אַ קאָלאָסאַלער נערוועזיטעט און אַז זיי באַזיצן נישט די מינדסטע קינסטלערישע פאָרם, אַזוי ווי מיינע אַנדערע ווערק. ווי "די געשיכטע פון מיין קינדהייט", אָדער "די נשמה פון אַ קינסטלער" און מיינע אַנדערע נאָוועלן און דערציילונגען. דאָרט איז פאַראַן קאָנצענטרירטקייט פון מיינע געדאַנקען. אָבער ווען אַ מענטש מוז שרייבן אונטער אַזעלכע אומשטענדן, וואָס יעדע מינוט לויערט אויף אים דער טויט, פייניקונגען און הונגער. אַ מענטש וואָס דענקט כסדר

וועגן זיין פרוי און קינדער, וואָס וייס נישט פון זייער גורל. ער ווייס נאָר, אַז זייער גורל איז שרעקלעך. איבעריקנס גלויב איך נישט, אַז אַ מענטש וואָס לעבט אונטער אַזעלכע אומשטענדן ווי איך, זאָל קאָנען שרייבן. איך האָב מיינע דערינערונגען געשריבן דורך עפּעס אַ טרייב־קראַפט, וואָס האָט מיך געצווינגען זיי צו נאָטירן. אויב מיינע דערינערונגען האָבן נישט קיין קינסטלערישן ווערט, האָבן זיי דאָך אפשר אַ געשיכטלעכן ווערט, ווייל זיי שפּיגלען אָפּ די שרעקלעכע פּעריאָדע, אין וועלכער מיר יידן פון אייראָפּע האָבן געלעבט.

זונטיק דעם 23־טן יולי.

כדי איך זאָל מיך בעסער דערמאָנען אין מיין לאַגע אַלס ייד, האָב איך באַשלאָסן נעכטן, שבת, נישט צו שרייבן. איך האָב אַ גאַנצן טאָג כמעט פאַרברענגט אין אַריינטראַכטן וועגן מיר און וועגן מיין פרוי און קינדער. איך האָב אויך געטראַכט וועגן דער מלחמה, וואָס מען זעט נישט קיין עק און איך זע נישט קיין סוף צו מיינע צרות.

באַסשכאַערטס איז נעכטן ביינאַכט ווידער אַוועקגעגאַנגען שפּילן קאָרטן, און איז אַהיימגעקומען ערשט היינט אינדערפרי מיט צוויי טויזנט אַכט הונדערט פראַנק געווינס.

די נאַכט האָב איך ווידער געהאַט שרעקלעכע חלומות. איך האָב געחלומט, אַז מיין פרוי איז אַהיימגעקומען מיטן קליינטשיקן קינד. איך האָב זיי דייטלעך געזען אין חלום, ווי זי האָט געהאַלטן דאָס קינד אויף אירע הענט און זיך דערמיט געשפּילט. דאָס קינד איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייס זיידן מענטעלע, וועלכעס מיין פרוי האָט פאַר אים געהאַט געמאַכט אײדער זי איז אַוועקגעגאַנגען אין מוטערהויז אַריין. נאָר מיין פרוי האָט מיר געזאָגט, אַז זי קאָן לאַנג נישט בלייבן אינדערהיים, ווייל זי מוז מיטן קינד צוריקגיין אין קאָנצענטראַציע־לאַגער.

דאַן האָב איך ווידער געחלומט, אַז מיין פאָטער איז געשטאָרבן. מיין פאָטער איז שוין 34 יאָר געווען טויט, פון יאָר 1910. איך האָב אין חלום צוזאַמען מיט מיין פרוי געזאָלט טראָגן מיין טויטן פאָטער פון איין שטוב אין דער אַנדערער, און מיין פרוי האָט שטאַרק געוויינט. איך האָב דערביי אויך געזען אין חלום מיינע קינדער. איך בין צוליב דעם חלום זייער באַאומרואיקט. צי האָט נישט עפּעס פּאַסירט מיט מיינע קינדער. אפילו מען זאָל אין חלומות נישט גלויבן, אָבער אַזעלכע חלומות וואַרפן אָן אַ שרעק אויפן מענטש, ווען ער לעבט אין אַזאַ צושטאַנד ווי איך. דאַן האָב איך אין דער זעלבער נאַכט געחלומט, אַז דער דייטש

האָט אַדורכגעפירט אַן אָפענסיווע אויפן רוסישן פראָנט און האָט צוריק־געווינען טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער. דאַן האָב איך געזאָלט אין חלום מיט עמעצן רעדן, אַז איצט זענען מיר יידן אין אייראָפע שוין זיכער פאַרלוירן, און עס איז פאַר אונז קיין שום האָפענונג נישט מער פאַראַן.

אויף מיין מאָגן איז מיר אַביסל בעסער. אָבער איך פיל מיך כסדר ווי איך וואָלט געהאַט שטענדיק פיבער. איבערהויפּט קאָן איך דאָס עסן ביי באַסשכאַערטסן נישט מער פאַרטראָגן. שוין אַ פאָר טאָג ווי איך קריג נישט קיין פוטער צום ברויט. איך עס טרוקן ברויט. אפילו מיין פּעקל קונסט־האָניק, וואָס באַסשכאַערטס פרוי האָט מיטגעברענגט פון קוילן־הענדלער וואַטערס, האָט באַסשכאַערטס מיט זיין טאָכטער אויפגעגעסן און איך מוז עסן טרוקן ברויט. נאָר אַזוי ווי מיין מאָגן טוט מיר וויי, מעג איך מיר מיין ברויט אויפפרישן אויפן אויוון.

נעכטן אויף מיטאָג האָט באַסשכאַערטס ווייב אָנגעקאָכט אַביסל וואַסערדיקע זופּ אַן שום פעט. די זופּ איז באַשטאַנען פון וואַסער מיט אַביסל צעריבענע קאַרטאָפל און אַביסל צעשניטענע מייערלעך. דאַן האָב איך געזען, ווי באַסשכאַערטס ווייב האָט צעשניטן אַ פולע פאַן מיט ציבעלעס, האָט אַרויפגעלייגט אויף דער פאַן אַ דריטל פון אַ פינגער מאַרגאַרין. ווען די ציבעלעס האָבן זיך געהאַט אַביסל אָנגערויכערט, ווייל אויף דעם פּיצעלע מאַרגאַרין האָבן זיי זיך נישט געקאָנט פּרעגלען, האָט באַסשכאַערטס ווייב אָנגעגאָסן די פאַן פול מיט וואַסער, אָנגעמישט מיט אַביסל קאַרטאָפל־מעל, און דאָס איז געווען די זוזע צו די קאַרטאָפל. ווען איך עס אויף אַזאַ שפּייז, פיל איך מיך זייער נישט גוט און איך שוויץ דאַן אַ סך. איך מיין, אַז דאָס איז פון שוואַכקייט. איך גלויב נישט, אַז אַ קריגס־געפאַנגענער באַקומט ערגער עסן ווי איך ביי באַסשכאַערטסן. ער באַקומט נאָר אפשר ווינציקער.

באַסשכאַערטס איז היינט נאָכמיטאָג ווידער אַוועקגעגאַנגען מיט זיין ווייב און טאָכטער שפּילן קאָרטן.

באַסשכאַערטס, האָב איך מיך איבערצייגט, אויב ער איז הונגעריק, איז ער אַזוי ווי אַ ווילדע חיה. ער קוקט דאַן ווילד מיט די אויגן, זיצט אָנגעכמורעט ביים טיש און קיינער טאָר צו אים קיין וואָרט נישט רעדן ביז ער באַקומט נישט קיין עסן. אַזוי ווי ער האָט נאָר אָנגעגעסן, באַקומט ער אַ בעסערע שטימונג און לייגט זיך אַ סך מאָל אַוועק אויפן טיש שלאָפן.

מאָנטיק דעם 24־טן יולי.

די נאַכט האָב איך ווידער געחלומט פון מיין פרוי און קינדער,

אַז איך האָב מיין פרוי באַגעגנט אויף אַ וועג, פונוואַנען זי איז צוריק אַהיימגעקומען.

היינט אינדערפרי האָב איך געזאָגט צו פרוי באַסשכאַערטס, אַז איך קאָן אַזוי קיין טרוקן ברויט נישט בלייבן עסן. באַסשכאַערטס איז דאַן נאָך געשלאָפן. דאַן איז זי צו אים אַרויפגעגאַנגען זיך מיט אים באַראַטן וועגן דעם, וואָס איך האָב איר געזאָגט. ווען ער איז דאַן אַראָפּגעקומען, האָט זי אים איבערחזרט, אַז איך קאָן קיין טרוקן ברויט מיט מיין ווייטיק־דיקן מאָגן נישט בלייבן עסן, האָט ער צוגעשטימט, אַז זי זאָל ערגעץ גיין קויפן אַ שטיקל פוטער. אין דער זעלבער צייט האָט מיך באַסשכאַערטס פרוי געפרעגט, וויפיל דענק איך, דאַרף איך פוטער אַ חודש. זיי האָבן אָנגעהויבן נאָכצורעכענען, צי עס לוינט זיך דאָס געשעפט מיך צו האַלטן. דער עיקר, באַסשכאַערטס ווייב איז אַוועק נאָך פוטער און איז צוריקגעקומען מיט גאָרנישט, בכן אַז עס איז קיין פוטער ביים שמוגלער נישט געווען. איך האָב ווייטער געמוזט עסן ברויט מיט מאַרמעלאַדע.

ביים טיש האָב איך באַסשכאַערטסן דערציילט וועגן דעם חלום, וואָס איך האָב געהאַט פון מיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער. איך האָב געוואָלט זען, וואָס פאַראַ איינדרוק דאָס וועט אויף אים מאַכן. אָבער מיין חלום האָט אויף אים קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט. ער איז איצט געזעסן אָנגעכמורעט און אַריינגעטראַכט וועגן דעם, וואָס איך וויל מער קיין טרוקן ברויט נישט עסן, און ער האָט אויף מיין דערציילן אים מיין חלום קיין וואָרט נישט געענטפערט. באַסשכאַערטס ווייב האָט מיר אָבער אויסגעלייגט דעם חלום, אַז דאָס באַדייט גוטע פּאַראַויסזעאונגען.

מיין מאָגן טוט מיר ווידער זייט נעכטן נאָכמיטאָג צוריק ווי, און איך פיל ווייטער אַ קעלט אין מיין לייב.

נעכטן האָב איך געלייענט אַ געדיכט פון דירק ראַפאַלסאָן.

ראַפאַלסאָן זאָגט אין זיינס אַ געדיכט, אַז אַ חיה שטאַרבט נאָר איינמאָל, אָבער דער מענטש, דורך זיין נשמה־געקוועל, שטאַרבט מער ווי איין טויט. און ראַפאַלסאָן פרעגט, צי וואָלט דעם מענטש נישט בעסער געווען אָן פאַרשטאַנד. דאַן זאָגט ער אַ פראַזע, וואָס אַ סך האָבן עס שוין אוודאי געזאָגט. ווען אַלע מענטשן וואָלטן געווען קלוג און וואָלטן עס געוואָלט, וואָלט די ערד פאַר זיי געווען אַ גן־עדן, אָבער איצט איז זי אַ גיהנום.

דינסטיק דעם 25־טן יולי.

היינט האָב איך געדאַרפט באַצאָלן באַסשכאַערטסן פאַר אַ חודש

אויסהאַלט־געלט, ווייל איך בין פיר טעג נישט געווען, איז אַנשטאָט דעם 21־טן יולי, וואָס איך בין צו אים געקומען, מיין חודש ערשט פעליק געוואָרן דעם 25־טן יולי.

נעכטן אַ גאַנצן טאָג האָט באַסשכאַערטס ווייב געזאָלט ערגעץ גיין קויפן אַ שטיקל פוטער. אָבער עס איז געוואָרן נאַכט און קיין פוטער האָט זי פון ערגעץ נישט געברענגט. דאַן האָב איך געפרעגט באַסשכאַערטס ווייב — מאַדאַם! — זאָג מיר אָפנהאַרציק, האָב איך צו איר געזאָגט, וואָס איז די סיבה וואָס דו האָסט מיר אַזוי צוגעזאָגט ערגעץ צו גיין קויפן אַ שטיקל פוטער און דו האָסט עס דאָך נישט געטאָן? — מיין מאַן, האָט זי געזאָגט, איז קעגן דעם און איך זאָל מיך מיט אים קריגן, וויל איך נישט. צי דאָס איז אמת, וואָס זי האָט מיר געזאָגט, ווייס איך נישט. איך מיין, אַז זי איז פונקט אַזאַ שטיק שלאַק ווי ער. איין זאַך ווייס איך, אַז אַזעלכע מענטשן איז אַן עבירה וואָס די ערד טראָגט זיי אויף זיך.

איך בין געלעגן אַ גאַנצע נאַכט און געטראַכט, וואָס מען טוט מיט באַסשכאַערטסן. אים פרעגן פאַרוואָס ער קויפט נישט קיין שטיקל פוטער אין דער צייט ווען ער ווייס, אַז איך בין קראַנק, האָב איך געטראַכט, קאָן אים נאָך מער אויפרעגן. — וואָס, האָב איך מיר געטראַכט, טויג מיר מיין פראַגע, און וואָס וועט מיין פראַגע העלפן. ער ווייס דאָך, אַז איך בין קראַנק, און אויב מיין קראַנק־זיין אַרט אים נישט, צו וואָס טויג מיר מיין בייזערן זיך אָדער זאָגן און בעטן. איך האָב מיר איבערלייגט, אַז איך מוז דאָ האַנדלען אויסגערעכנט און נישט זיין איבערגעאיילט אין מיין האַנדלען, ווייל באַסשכאַערטס — האָב איך געוווּסט — איז אַ ראַפינירטער פוקס, ער קען מיך צוליב איין וואָרט, וואָס אים וועט נישט געפעלן, אַרויסשטעלן אויף דער גאַס. איך האָב באַשלאָסן נישט צו באַצאָלן באַסשכאַערטסן פאַר אַ גאַנצן חודש אויסהאַלט־געלט, נאָר פאַר אַ האַלבן חודש און אין דער צווישנצייט מיך אַרומזוען ערגעץ צו געפינען אַן אַנדער אָרט ביי עמעצן.

ווען איך האָב אינדערפרי באַסשכאַערטסן אַנידערגעלייגט נאָר פאַר אַ האַלבן חודש אויסהאַלט־געלט, זעקס הונדערט פראַנק אַנשטאָט צוועלף הונדערט, האָט אים דאָס נישט געשמעקט. איך האָב באַסשכאַערטסן געזאָגט אַן אויסרייד, אַז איך באַצאָל אים נאָר פאַר אַ האַלבן חודש דערפאַר, ווייל טאָמער מוז איך אַמאָל אַנטלויפן, אַז עס קען פאַרקומען אַן איבערפאַל אויף דעם הויז דורך דער געשטאַפּאָ, וויל איך ביי מיר האָבן דאָס געלט און נישט דאַרפן אַנקומען ער זאָל מיר מוזן צוריקצאָלן געלט.

באַסשכאַערטס ווייב איז באַלד אַרומגעגאַנגען מיט אַ נאָז, און באַס־שכאַערטס האָט מיר קאַלטבלוטיק געזאָגט, אַז איך וואָלט בעסער געטאָן,

איך זאָל גיין צו אַן אַנדערן. — איך זאָל גיין צום פויער ווערומפּיי, האָט ער מיר געראָטן. — דאָרט, האָט ער געזאָגט, וועסטו יעדן טאָג באַקומען אַ שטיק פליש. איך האָב אים געענטפערט, אַז ביים פויער ווערומפּיי קומען צופיל פרעמדע מענטשן און איך אונטערליג דאָרט אַ גרויס געפאַר. — דאָס איז אַזוי, האָט ער באַשטעטיקט, אָבער, האָט ער צוגעגעבן, דו אונטערליגסט שוין ביי מיר אויך אַ געפאַר, ווייל ווי דו ווייסט, האָט ראַזמוס, די פויערטע פון פראַנץ ווערסווייוול, דיך צופעליק געזען דורכן פענצטער און אויך ווערסווייוול אַליין האָט דיך אויך געזען. איך האָב באַסשכאַערטסן אויף זיינע באַמערקונגען נישט געענטפערט. איך האָב אים נאָר געפרעגט צי עס איז גוט, אַז איך זאָל מיין אויסהאַלט-געלט באַצאָלן אין צוויי מאָל. האָט ער געענטפערט, אַז פאַר אים איז אַלץ גוט. ער האָט די זעקס הונדערט פראַנק צוגענומען און איך בין דערווייל ווייטער געבליבן ביי באַסשכאַערטסן.

מאָנטיק דעם 26־טן יולי.

די נאַכט האָב איך ווידער געחלומט פון מיין פרוי. איך האָב מיט איר געזאָלט האָבן אַ געשפרעך איבער עראָטיק און זי האָט מיר אין חלום דערקלערט, אַז יעדע פרוי האָט ליב איר הויז־דאָקטאָר.

באַסשכאַערטס איז היינט נישט גוט געשטימט. ער האָט געהערט פון עמעצן, אַז די געשטאַפּאָ האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די אַקציע אויף די אַנטלאָפענע וואָס ווילן נישט גיין קיין דייטשלאַנד אַרבעטן. באַסשכאַערטס האַלט אין איין רעזאָנירן, אַז די מלחמה איז דעם ווינטער נישט געענדיקט. פאַרוואָס ער איז אַזוי פעסימיסטיש געשטימט און פאַרוואָס ער לייגט מיר אַזאַ שטיין אויפן האַרץ, ווייס איך נישט. צי וויל ער מיר נאָך מער שרעק אָניאָגן איך זאָל ווערן נאָך מער נידערגעשלאָגן? אָדער זאָגט ער עס דערפאַר, ווייל ער גלויבט ווירקלעך נישט אין דער אויפריכטיקייט פון ענגלאַנד און אַמעריקע די מלחמה צו פאַרענדיקן.

ביי באַסשכאַערטסן אונטערן אויוון האָט זיך געמאַכט אַ נעסט פון מוראַשקעס. איך האָב ליב געהאַט צו זען, ווי די קליינע מוראַשקעס לויפן אַהין און צוריק אָן אויפהער. באַסשכאַערטס האָט גענומען אַ האַנט זאַלץ און אַרויפגעשיט אויף דער נעסט. די מוראַשקעס זענען אָבער אין דער נעסט ווייטער געבליבן. איך האָב באַסשכאַערטסן ספּעציעל געזאָגט אַ ליגן, אַז אַ נעסט פון מוראַשקעס ברענגט מיט גליק אין הויז. איך האָב געוואָלט, אַז ער זאָל די מוראַשקעס לאָזן לעבן. באַס־שכאַערטס האָט מיך איבערגעפרעגט צי מוראַשקעס ברענגען מיט גליק

און מיך אַביסל אָנגעקוקט. דאַן איז ער מיט איינמאָל אויפגעשטאַנען, אָנגעצינדן אַ שוועבעלע און די מוראַשקעס־נעסט אָנגעהויבן צו ברענען מיטן פייער, ביז ער האָט זיי אַלע פאַרברענט. הונדערטער מוראַשקעס זענען געלעגן האַלב פאַרברענט אין די גרעסטע יסורים צו שטאַרבן, און זיך נאָך לאַנג געפּייניקט ביז זיי זענען געשטאָרבן. — איך האָב זיי אַלע אָפּגעבראָטן, האָט באַסשכאַערטס געזאָגט מיט צופרידנקייט. ווען באַס־שכאַערטס איז אַוועק, בין איך צוגעגאַנגען קוקן צו דער נעסט, האָב איך געזען, אַז צוויי מוראַשקעס פון דער נעסט זענען נאָך געבליבן לעבן און זיי זענען ווידער געווען אַזוי באַשעפטיקט מיטן לויפן אַהין און צוריק, טראָץ דעם, וואָס אַלע זייערע ברידער און שוועסטער זענען געווען טויט. אַזוי, האָב איך געטראַכט, איז אויך מיט די מענטשן. ווען מען זאָל אַלע אויסהרגענען און צוויי זאָלן איבערבלייבן, וועלן זיי ווייטער זוכן זייער באַשטיין.

מיין מאָגן הערט מיר נישט אויף ווייַ צו טאָן און די קעלט גייט מיר נישט אַוועק פון מיין לייב. יעדן פרימאָרגן, אַזוי ווי איך שטיי נאָר אויף און האָב עפּעס געגעסן, גיי איך צוריק אויף מיין געלעגער און שלאָף ביז מיטאָג. אַזוי פיל איך מיך כסדר נישט גוט. אַ סך מאָל האָב איך מאָגן־קראַמפּן. אַ סך מאָל מאָגן־ברענונג. דאַן ווערט מיר קאַלט און איך וואָלט נאָר געוואָלט ליגן און שלאָפן.

באַסשכאַערטס האָט היינט אויסגעדראָשן זיין ביסל תבואה, וואָס ער האָט די וואָך געהאַט אָפּגעשניטן פאַר זיין הויז. די תבואה האָט ער געדראָשן ביי זיינס אַ שכן אַ פּויער. ווען באַסשכאַערטס האָט אַהיימ־געבראַכט זיין ביסל אויסגעדראָשענע תבואה וואָס איז באַשטאַנען פון הונדערט קילאָ, האָב איך מיך צעוויינט, ווייל איך האָב מיך איצט דערמאָנט ווי פאַראַיאָרן זומער, בין איך מיט מיין פרוי און מיינע קליינע יינגלעך געגאַנגען אויף די געשניטענע תבואה־פעלדער פון באַקאַנטע פּויערן קלויבן זאַנגען. דאַן האָב איך די זאַנגען געדראָשן און געררייניקט און עס איז ביי אונז געווען, ביי מיין פרוי און מיינע קינדער, אַזאַ פרייד, אַז מיר וועלן האָבן קאָרן אויף צו באַקן ברויט. ווען איך דערמאָן מיך, ווי מיינע יינגל'עך האָבן די זאַנגען געקליבן, גיסן זיך מיר מיינע טרערן. אויפצולעצט האָט זיי געטראָפן אַזאַ שרעקלעכער גורל, זיי זיצן נעבעך און הונגערן און דאָס קאָרן פון די זאַנגען וואָס זיי האָבן געקליבן, האָבן אַנדערע אויפגעגעסן. איך האָב איצט אַזוי שטאַרק געוויינט, אַז איך האָב מיך נישט געקענט שטילן.

דאָנערשטיק דעם 27־טן יולי.

די גאַנצע היינטיקע נאַכט האָט מיר ווידער דער מאָגן ווי געטאָן. נאַסשכאַערטס האָט נעכטן פאַרנאַכט אָפּגעריסן אין זיין הויף פיר עפּל און האָט מיר אויך געגעבן אַן עפּל. דער עפּל איז נישט געווען גענוג רייף און ער איז מיר געבליבן ליגן אַ גאַנצע נאַכט אויפן מאָגן. דעם רייפסטן עפּל פון די פיר האָט באַסשכאַערטס גענומען פאַר זיך.

נעכטן פאַרנאַכט האָט באַסשכאַערטס מיר דערקלערט, אַז דער ברודער פון פויער ווערסוויוול, וואָס מען איז חושד, אַז ער איז אַ געשטאַפּאָ־אַגענט, זאָל די נאַכט האָבן מיטגעווען מיט דער געשטאַפּאָ אויף אַ ראַזיאַ אין קעסל, און ער שרעקט זיך פאַר דעם פויער ווערסוויוול, דערפאַר וואָס ער האָט מיך ביי אים געזען.

די קעלט גייט מיר פון לייב נישט אַוועק. היינט אינדערפרי, אַזוי ווי איך בין אויפגעשטאַנען און עפּעס געגעסן, בין איך באַלד צוריק־געגאַנגען אויף מיין געלעגער און געלעגן ביז מיטאָג. איך ווייס נישט, וואָס מיר איז אייגנטלעך. צי איז די קעלט אין מיין לייב אַן אורזאַך פון מיין מאָגן־ווייטיק? אָדער איז מיין גאַנצע קראַנקהייט, מיין מאָגן־ווייטיק און די קעלט אין מיין לייב, און די גאַנצע מידקייט מיינע אַ נערוועזיטעט פון דעם שמוציקן עסן ביי באַסשכאַערטסן, וואָס איך קאָן עס ביי קיין אײן אופן נישט פאַרטראָגן. איך זוך איצט אַליין אַן אויסוועג צו קאָנען אַוועקגיין פון באַסשכאַערטסן.

היינט קעגן מיטאָג איז די פויערטע ווערסוויוול געקומען דערציילן, אַז די געשטאַפּאָ־לייט גייען אַרום אין קלוסטערהיידע און אַז זי פאַרדעכטיקט איצט ווירקלעך איר מאַנס ברודער, אַז ער געהערט צו דער געשטאַפּאָ.

היינט אויף מיטאָג האָב איך געגעסן אַ צוויי קאַרטאָפל מיט אַ טעלער האָבער־קליי געקאָכט אויף וואַסער מיט אַביסל מילך. דאַן האָב איך געבעטן באַסשכאַערטס ווייב, זי זאָל מיר געבן אַן אַספּירין צום שוויצן. איך האָב גערעכנט, אַז איך וועל שוויצן וועט מיר אפשר די קעלט אַוועקגיין. באַלד נאָכמיטאָג האָב איך גענומען דעם אַספּירין און בין אַוועק אויף מיין געלעגער. געשוויצט האָב איך כמעט נישט, נאָר איך האָב באַמערקט ביי מיר שפּייעכטס מיט בלוט. איך בין איצט משער, אַז איך האָב אפשר אַ געשוויר אויפן מאָגן.

ווען איך בין אויפגעשטאַנען אַזייגער פינף פאַרנאַכט צו טרינקען קאַווע, האָב איך זיך ווייטער נישט גוט געפילט. עס איז מיר געווען קאַלט און דער מאָגן האָט מיר געקראַמפּט. ביים טיש האָט מיך אויסער־געוויינלעך פאַרוונדערט אויף באַסשכאַערטסן אַ זאַך, וואָס איך וואָלט עס

נישט געגלויבט אויף אים. ווען ער האָט אויפגעשניטן אַ ברויט, האָב איך באַמערקט, ווי פאַרן אויפשניידן דאָס ברויט, האָט ער מיטן מעסער אויפן ברויט אָנגעצייכנט אַ צלם.

באַסשכאַערטס איז איצט אַוועקגעגאַנגען מיט זיין ווייב אין פעלד אַריין נאָך גראָז פאַר זיינע ציגן. די טאָכטער איז אַוועקגעגאַנגען נאָך אַ צייטונג און איך זיץ איצט אין הויז אַליין. איך זיץ און קוק אַרויס דורכן פענצטער אינדרויסן.

דער טאָג איז היינט אַ ווינטיקער און דער הימל פון צייט צו צייט אַ פאַרוואָלקנטער. דורכן פענצטער זע איך קעגנאיבער די באַן־ליניע ווו עס לויפן פאַרביי פון צייט צו צייט פאַרשידענע צוגן. פאַרן פענצטער שטייען קאַרשן־ און עפּל־ביימלעך און זיי שאָקלען זיך און בויגן זיך איצט צוליבן ווינט, וואָס פייפט און רוישט אינדרויסן.

פרייטיק דעם 28־טן יולי.

נעכטן פאַרנאַכט איז באַסשכאַערטס אַהיימגעקומען נישט גוט גע־שטימט. ער האָט געזען אַן אויפשריפט אויף דער צייטונג, אַז דער ענג־לענדער איז אויפן לאַנדונגס־פראָנט אין פראַנקרייך ווידער צוריקגעשטויסן געוואָרן. באַסשכאַערטס האָט אָנגעהויבן צו שעלטן און צו בייזערן זיך, אַז ער וואָלט געוואָלט, אַז גאַנץ ענגלאַנד זאָל אונטערגיין, און אַז ענגלאַנד האָט געדאַרפט אַזוי באָמבאַרדירט ווערן, אַז עס זאָל דערפון גאָרנישט בלייבן. — די ענגלענדער, האָט ער געשריגן, זענען געמיין און נידער־טרעכטיק, מיט זייערע ליגנס ברענגען זיי אַריין אַלע מענטשן אין אומגליק. — וואָס האָבן זיי איצט געטאָן, האָט באַסשכאַערטס ווייטער זיך געבייזערט, מיט דער איצטיקער לאַנדונג. זיי האָבן ביי הונדערטער, טויזנטער פראַנצויזן און בעלגיער אַרויסגערופן ענטוזיאַזם און די מענטשן האָבן אָפן אָנגעהויבן אַרויסצווייזן זייער צופרידנקייט מיט דער לאַנדונג. אָבער די לאַנדונג בלייבט שטעקן שטענדיק אויפן זעלביקן אָרט. דער דייטש קאָן איצט אויסאיבן זיין נקמה איבער מענטשן, אויף וועלכע ער האָט נאָר פאַרדאַכט, אַז זיי סימפּאַטיזירן מיט ענגלאַנד. — נו, איז ענגלאַנד נישט געמיין, האָט באַסשכאַערטס רעזאָנירט. וואָס אַרט ענגלאַנד, ווען זי ברענגט אַנדערע אין אומגליק אַריין? — לאַפאַרדן, האָט ער אויס־גערופן, קעגן זיי, — איך האָס זיי, האָט ער צו מיר געשריגן. — רעד נישט צו מיר, און וויל מיר נישט געבן צו פאַרשטיין וועגן ענגלענדער. — אַך! אַ קאָמפּלאָט איז דאָס קעגן אונז אַלע פון ענגלאַנד. ביז שפּעט אין אָוונט בין איך נאָך געזעסן מיט באַסשכאַערטסן און גערעדט וועגן גאַנג פונעם קריג.

באַסשכאַערטס ווייב איז הייַנט ווידער אַוועקגעגאַנגען קיין ליער צום קוילנהענדלער וואָטערס בעטן פאַר מיר נאָך ברויט־מאַרקעס. איך האָב באַסשכאַערטס ווייב אויך מיטגעגעבן אַ בריוו צו פאַלקס, ער זאָל מיך זונטיק קומען זען.

באַסשכאַערטס, האָב איך שוין געזאָגט, האָט אַ טאָכטער פון פערצן יאָר. דאָס איז אַ בלאַס מיידל מיט בלאָנדע האָר און צוויי גרויסע בלאָסע אויגן. זי איז נישט שיין, זי איז אויך נישט מיאוס. זי זעט אויס נישט צו זיין קיין נאַר. זי זעט אָבער אויך נישט אויס צו זיין קלוג. זי גערעדט אַריין אַ סך אין איר פאָטער און אין דער מוטער. זי איז ראַפּינירט. זי געפעלט מיר מיט דעם אַליין שוין נישט, וואָס זי איז נישט קיין ריינע. אויף שמוציקייט לייגט זי נישט קיין אַכט. איין זאַך הערט זי נישט אויף אַ גאַנצן טאָג, פון אינדערפרי ביז אויפדערנאַכט האַלט זי אין איין זינגען און פייפן. עס איז נישט פאַראַן קיין איין ליד, וואָס זי זאָל נישט קאָנען. אַ שטימעלע האָט זי נישט קיין שלעכטס און איך הער זי אַ סך מאָל גערן זינגען.

דער טאָג איז הייַנט ווייטער אַ ווינטיקער און אַ טריבער. און ווידער זע איך דורך מיין פענצטער, ווי די קאַרשן־ און עפּל־ביימלעך בויגן זיך אונטערן ווינט. די זון טונקט זיך אינדרויסן. זי גייט אויף און גייט אונטער. אַ סך מאָל וואַרפט זי אַריין אַ שיין אין מיין פענצטער. דאַן פאַרשווינדט זי ווידער צוריק און אין מיין שטיבל איז צוריק מרה־שחורהדיק.

באַסשכאַערטס ווייב איז צוריקגעקומען פון ליער און האָט קיין ברויט־מאַרקעס פאַר מיר פון קוילנהענדלער נישט מיטגעברענגט, ווייל זיין ווייב איז נישט געווען אינדערהיים. באַסשכאַערטס ווייב האָט אָבער מיטגעברענגט פאַר מיר אַ שלעכטע בשורה פון ליער, בכן, אַז די געשטאַפּאָ האָט די וואָך ביינאַכט געמאַכט אַן איבערפאַל ביי אַ פויער נישט ווייט ווו איך האָב געוווינט און האָט מיך ביי דעם פויער געזוכט.

ביי דעם פויער האָט זיך אויסבאַהאַלטן זיין ווייבס אַ ברודער, וואָס איז געווען אַנטלאָפן כדי נישט צו גיין אַרבעטן קיין דייטשלאַנד, האָט עמעצער געזאָלט זאָגן פאַר דער געשטאַפּאָ, אַז דאָס בין איך וואָס באַהאַלט זיך דאָרט אויס. אויף דעם פויער האָט די געשטאַפּאָ געשאָסן און ער ליגט אין שפּיטאָל. זיין ווייבס ברודער האָט די געשטאַפּאָ מיטגענומען און אויף מיר האָבן זיי געזאָלט זאָגן, אַז אויב זיי וועלן מיך ערגעץ געפינען, דערשיסן זיי מיך באַלד. איך בין איצט אין אַ געדריקטער שטימונג. אויך באַסשכאַערטס האָט זיין עסן געלאָזט שטיין און דעם מיטאָג אין מויל נישט גענומען. — וואָס פאַראַ ווערט האָט מיין לעבן, ווען יעדע מינוט וואַרט אויף מיר דער טויט.

דאָנערשטיק דעם 14־טן סעפּטעמבער.

דעם 28־טן יולי, ווען באַסשכאַערטס פּרוי איז צוריקגעקומען פון ליער מיט דעם נייעס פון דער געשיסעריי ביים פויער פּירענס אין ליער און אַז די געשטאַפּאָ זאָל מיך דאָרט האָבן געזוכט, האָט באַסשכאַערטס שטאַרק מורא באַקומען מיך ווייטער צו האַלטן. קעגן פאַרנאַכט האָט באַסשכאַערטס מיט זיין פרוי צו מיר געזאָגט, אַז איך מוז איצט אַוועקגיין פון זייער היים. איך האָב אפילו שוין לאַנג געטראַכט פון באַסשכאַערטסן אַליין אַוועקצוגיין. אָבער איצט, ווען איך האָב געהערט, אַז די געשטאַפּאָ זוכט מיך אַזוי שטאַרק אַרום, איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַ שרעקלעכע מורא און איך וואָלט געווען צופרידן, ווען באַסשכאַערטס וואָלט מיך געלאָזט ווייטער זיין ביי אים.

פאַרנאַכט האָט באַסשכאַערטס ווייב מיר נאָך אויסגעפּרעסט אַביסל וועש, וואָס זי האָט פאַר מיר געהאַט אויסגעוואַשן און זי האָט מיר אַביסל צוגעשוירן מיינע האָר. ווען איך האָב געהאַלטן ביים אַוועקגיין פון באַסשכאַערטסן, האָב איך ביי אים צוריקגעבעטן מיין באַוויז אויף די פינף טויזנט פראַנק. דעמאָלט האָט זיך באַסשכאַערטס שטאַרק צעבייזערט און געשריגן, אַז אַלץ איז צווישן אונז געענדיקט. איך האָב, האָט ער געזאָגט, דריי וואָכן אויסגעשטאַנען שרעק פאַר דיר און איצט פאַרלאַנגסטו דעם באַוויז צוריק. — איך וועל דיר דעם באַוויז צוריקגעבן, האָט ער געזאָגט, אָבער געבראַכט האָט ער אים נישט. איך האָב געזען, אַז אין באַסשכאַערטסן ברענט אַ שטאַרקער כעס. איך האָב אָנגעהויבן מורא צו באַקומען פאַר אים, אַז איצט, ווען איך וועל דעם באַוויז אויף די פינף טויזנט פראַנק צוריקנעמען, קאָן ער נאָך גיין מיך פאַראַטן. איך האָב מיך שטאַרק צעוויינט און געבעטן ביי באַסשכאַערטסן, ער זאָל מיר מוחל זיין פאַר דעם, וואָס איך האָב מיין באַוויז ביי אים צוריקגעפאָדערט און אַז איך האָב ווירקלעך, האָב איך צו אים געזאָגט, געהאַנדלט נישט טאַקטיש מיין באַוויז פון אים צוריק צו פאָדערן. באַסשכאַערטס איז צוריק רואיק געוואָרן און צו מיר געזאָגט, אַז איך מעג צו אים שטענדיק צוריקקומען, נאָר איך מוז צוערשט אַ חודש, אָדער צוויי וואָכן בלייבן אויף אַן אַנדער אָרט.

ווען עס איז געוואָרן גוט פינצטער — די טעג זענען נאָך דעמאָלט געווען זייער לאַנגע און מען האָט לאַנג געמוזט וואַרטן ביז איך האָב פון באַסשכאַערטסן געקאָנט אַוועקגיין, ווייל אַ סך מענטשן זענען נאָך גע־שטאַנען פאַר זייערע הייזער און געשמועסט. דער זייגער איז שוין געווען האַלב: עלף, ווען איך בין פון באַסשכאַערטסן אַוועקגעגאַנגען. איך מוז

באַמערקן, אַז לויטן געזעץ האָבן קיין שום מענטשן זיך נישט געטאָרט געפינען, האַלב עלף, אויף דער גאַס. באַסשבאַערטס האָט מיך באַגלייט און געוויזן דעם וועג איבערן פעלד ביז צו זיין שווער, דעם פויער באַגע־מאַנס. ביי באַגעמאַנס זענען שוין אַלע געשלאָפן, איך האָב אָבער נאָך געהערט עפּעס רודערן ביים קאַליקע אין שטובל. איך האָב ביי אים אָנגעקלאַפּט, ער איז זיך פּונקט געגאַנגען לייגן שלאָפן. דער קאַליקע האָט מיר אויפגעמאַכט זיין הייזל. ער איז נאָך געזעסן אין זיין וועגעלע. — זשול, האָב איך צו אים געזאָגט, דיין שוואָגער האָט מיך איצט ווידער פון אים אַוועקגעשיקט. — ער האָט זיך ווידער, האָב איך געזאָגט אַ ליגן, געקריגט מיט זיין שכן. איך האָב געמיינט, אַז ביים פויער באַגעמאַנס וועלן זיי נאָך נישט די געשיכטע פון זוכן מיך ביים פויער פירענס אין ליער. אָבער דער קאַליקע האָט מיר באַלד געענטפערט — דו קאָנסט טאָן וואָס דו ווילסט, ביי אונז וועסטו קיין איין מינוט נישט קענען בלייבן. — די געשטאַפּאָ, האָט ער צו מיר געזאָגט, זוכט דיך אַרום און אַ מענטש איז צוליב דיר געשאָסן געוואָרן אין ליער. איך האָב מיך געמאַכט, אַז איך ווייס פון דער געשיכטע גאָרנישט. זשול, דער קאַליקע, האָט מיר געגעבן אַ דעק און צו מיר געזאָגט — קריך אַריין אין שכויל־קעלער, אָבער אינדערפרי זאָלסטו פונדאַנען אַוועקגיין. שבת אינדערפרי, ווען איך בין אַרויסגעקראָכן פון שכויל־קעלער, האָב איך געגעסן אַ שטיקל ברויט מיט אַ טאָס קאַווע ביים פויער באַגעמאַנס, אָבער איך האָב זייער הויז באַלד געמוזט פאַרלאָזן.

# עלפטער קאַפּיטל

איך האָב אייגנטלעך איצט נישט געוווּסט וואוהין איך זאָל גיין. איך האָב געוווּסט, אַז יעדע מינוט קאָן איך איצט אַריינפאַלן דער געשטאַפּאָ אין די הענט. איך האָב גענומען מיין פּעקל און בין אַוועק צום פּויער ווערומפּיי. ער האָט פּונקט געאַרבעט אין פעלד ביים אַראָפּנעמען די תבואה. די דינסט איז געגאַנגען אים רופן. אויך זיין זון זשעף איז מיט אים פון פעלד מיטגעקומען. איך האָב פאַרן פּויער ווערומפּיי מיט זיין ווייב און זיין זון זשעף דערציילט, אַז איך האָב איצט נישט ווו אַריינצוגיין און אַז פון דעם אָרט, ווו איך בין ביז איצט געווען, האָב איך געמוזט אַוועק. דער פּויער ווערומפּיי האָט איבערגערעדט מיט זיין ווייב און זיין זון. אָבער ביי זיי אין הויז צו בלייבן איז געווען צו געפערלעך, ווייל ביי אים פלעגן שטענדיק קומען פיל מענטשן און ער אַליין האָט אויך געהאַט אַ זון, וואָס איז געווען אַרבעטס־פליכטיק און האָט זיך איצט געפונען אין שפּיטאָל קראַנק אויף שקאַרלאַטין.

— אויב דו ווילסט, האָט דער פּויער ווערומפּיי צו מיר געזאָגט, קאָנסטו יעדע נאַכט ביי מיר קומען שלאָפן אויפן בוידעם פון פערד־שטאַל. איך האָב אים דאַן געפרעגט, צי עס איז נישט מעגלעך, אַז אויב איך וועל בלייבן אויפן פערד־שטאַל בייטאָג און ביינאַכט, מען זאָל מיר ברענגען עסן. — איך וועל, האָב איך אים געזאָגט, פאַרן עסן באַצאָלן, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז דער פּויער ווערומפּיי איז זייער אַ גוטער מענטש, און ער וואָלט אפשר קיין געלט פאַר מיין עסן נישט פאַרלאַנגט. אָבער איך האָב געוואָלט האָבן דאָס רעכט אויף מיין עסן, מען זאָל פון מיר נישט שנעל מיד ווערן. איך בין באַלד שבת אינדערפרי אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם פון פערד־שטאַל. מיטאָגצייט האָט מיר דער עלטסטער זון, זשעף, געברענגט עסן. דאַן בין איך אויפן פרישן היי אַ פּאָר שעה געשלאָפן. פאַרנאַכט האָט זשעף מיר ווידער געברענגט עסן.

זונטיק אינדערפרי בין איך אַוועק צום פּויער באָגעמאַנס, ווייל איידער איך האָב געוווּסט, אַז איך וועל מוזן אַוועקגיין פון באַסשכאַערטסן, האָב איך געהאַט מיטגעגעבן אַ בריוול מיט באַסשכאַערטס פרוי צו פאַלקס, זיין

ווייב זאָל מיך זונטיק אינדערפרי קומען זען. ווען איך בין אַריינגעקומען צום פויער באָגעמאַנס, האָב איך ביי אים אין שטוב נישט געטאָרט בלייבן. איך האָב געמוזט אַריינקריכן אין קאַלטן שכויל־קעלער אַזייגער אַכט אינדערפרי און וואַרטן ביז מיס פאַלקס איז געקומען. אַזייגער עלף פאַר מיטאָג, איך בין אין שכויל־קעלער געהאַט איינגעשלאָפן. אָבער ווען די פרוי פאַלקס איז געקומען, איז די פויערטע באָגעמאַנס מיך געקומען רופן און האָט מיך אויפגעוועקט פון מיין שלאָף. פרוי פאַלקס האָט אויף דעם פויער באָגעמאַנס מיט זיין ווייב אָנגעוואָרפן אַזאַ שרעק מיט אירע איבער־געטריבענע מעשיות, אַז מען זוכט מיך, אַז דער פויער באָגעמאַנס האָט איצט קיין איין מינוט מער נישט געוואָלט מיך לאָזן בלייבן אין זיין שטוב.

איך ווייס נישט, אָבער מיר דוכט זיך, אַז די פרוי פאַלקס איז אויסן געווען, איך זאָל אין קלוסטערהיידע ביי קיינעם נישט קאָנען זיין, און דאַן, ווען איך וועל מוזן אָנהויבן זוכן אַן אַנדער אָרט, וועל איך אפשר אַריינפאַלן דער געשטאַפּאָ אין די הענט. ווייל זי האָט צו מיר אויך געהאַלטן אין איין זאָגן, איך זאָל פון קלוסטערהיידע אַוועקגיין. זי האָט מיר געהייסן אַרומגיין פון איין דאָרף אין צווייטן, און יעדע נאַכט שלאָפן אין פעלד, ווען זי האָט גוט געוווסט, אַז יעדע צען שריט האָבן די געשטאַפּאָ־לייט געלויערט און איך האָב איבערהויפּט קיין פּאַס נישט געהאַט. אָבער פרוי פאַלקס האָט געהאַט איין געדאַנק, בין איך איבערצייגט: איך זאָל געכאַפּט ווערן, דאַן וועט זי קאָנען ווערן די בעל־הביתטע איבער מיין סחורה וואָס איז ביי איר געלעגן. איך בין צוריק אַוועק צום פויער ווערומפּיי, אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם פון פערד־שטאַל און מיך אַוועקגעלייגט אויפן היי.

אַזוי איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט, ווי איך בין געלעגן אויפן פערד־שטאַל ביי טאָג און ביינאַכט און יעדעס ביסל עסן האָט מען מיר געמוזט דאָרט אַרויפברענגען. אַ סך מאָל האָט מען מיר קיין עסן אין דער צייט נישט געקאָנט ברענגען צוליב די פרעמדע מענטשן, וואָס פלעגן כסדר צו דעם פויער קומען און איך האָב אַ סך מאָל פון איין מאָלצייט צום צווייטן לאַנג געמוזט הונגערן.

איינמאָל, געדענק איך, בין איך געלעגן פון אינדערפרי ביז עלף אַזייגער ביינאַכט, ביז מען האָט מיר געקאָנט ברענגען אַביסל עסן.

איך האָב אַפילו מיינע באַדערפענישן אויפן הויף נישט געקאָנט טאָן בייטאָג, נאָר אויפן בוידעם פון היי, ווו איך בין געלעגן און דאַן אין אַ שטיק פּאַפּיר שפּעטער אַרויסוואַרפן אין פעלד.

אַזוי בין איך געלעגן גאַנצע טעג און נעכט אויפן פערד־שטאַל. ביינאַכט און בייטאָג זענען די ראַטן נעבן מיר אַרומגעלאָפן. אָבער די

חיהלעך פון פאַרשידענע קאָלירן האָבן, זעט אויס, גאָרנישט אין זין געהאַט מיר שלעכטס צו טאָן. אַ סך מאָל האָב איך זיך צוגעקוקט, ווי זיי שפּאַצירן אַרום אויף די בעלקעס. אָפט פלעגט זיך איינע פון זיי אָפּ־שטעלן און מיך מיט די קליינע אייגעלעך אָנקוקן. זיי האָבן פאַר מיר קיין סך מורא נישט געהאַט און איך האָב זיי קיין סך אויך נישט גע־שטערט.

אָפט האָט איך מיר קיין אָרט נישט געקענט געפינען פאַר לאַנג־ווייליקייט. אַ צייטונג וואָס דער זון פון פויער האָט מיר יעדן טאָג מיט־געברענגט פון ליער, ווייל ער איז יעדן טאָג געפאָרן אין שטאָט אַריין מיט מילך, פלעג איך פאַר לאַנגווייליקייט אַדורכלייענען עטלעכע מאָל. איך פלעג אַ סך מאָל ליגן און דענקען וועגן פאַרשידנס. איך פלעג מיר אויפבויען אין מיינע געדאַנקען רעפּעראַטן, אַז איך וועל איבערלעבן די מלחמה, האָב איך געטראַכט, וועל איך האַלטן רעפּעראַטן איבער פלע־מישע שרייבער.

כמעט יעדן פאַרנאַכט פלעגן זיך צוזאַמענקומען צום פויער אויפן הויף ייִנגלעך און מיידלעך, פלעגן זינגען און לאַכן. איינער פלעגט שפּילן אויף אַן אַקאָרדעאָן. איך פלעג זיך צו דער מוזיק און זייער לאַכן און זינגען צוהערן. דורך אַ קליין פענצטערל פון דאַך האָב איך צו זיי גע־קאָנט אַרויסקוקן, נאָר זיי האָבן מיך נישט געקאָנט זען. איך פלעג דאַן טראַכטן, ווי טרויעריק עס איז דאָס לעבן. — איינער זינגט און לאַכט, האָט גענוג עסן, ווען אין דער זעלבער צייט שטאַרבן טויזנטער מענטשן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן און יידישע מוטערס מיט זייערע קינדער גייען אויס פון הונגער, אָדער אַנדערע פּייניקונגען. איך פלעג אַ סך מאָל זען, ווי מען פלעגט דעם הונט ביים פויער געבן גאַנצע שטי־קער ברויט. און אין דער זעלבער צייט, האָב איך געטראַכט, זיצן אוודאי מיינע קינדער, וויינען און בעטן זיך אַ שטיקל ברויט.

נאָך אַ וואָך צייט ווי איך בין אַזוי אָפּגעלעגן אויפן פערד־שטאַל, בין איך אין אַ זונטיק אינדערפרי אַוועק צו באַסשכאַערטסן. איך בין געלאָפן איבערן פעלד, מען זאָל מיך נישט מערקן. אָבער ווי איך האָב שפּעטער געהערט, ווען דער ענגלענדער איז אַריין קיין בעלגיע, האָט מען מיך דאָך ביים פויער ווערסווייוול איבערן פעלד געזען. איך האָב באַסשכאַערטסן געפרעגט, וואָס ער דענקט וועגן מיר און צי איך קאָן צו אים צוריקקומען, ווייל עס ווערט מיר נמאס אַזוי צו בלייבן ליגן טאָג און נאַכט אויפן פערד־שטאַל. באַסשכאַערטס האָט מיר געזאָגט, אַז אויב איך וויל גיין ליגן ביי אים אויפן ציגן־שטאַל, קאָן איך צוריק־קומען, אָבער אויך ערשט נאָך אַ וואָך שפּעטער. איך האָב באַסשכאַערטסן

געענטפערט, אַז אויף אַ פערד־שטאַל, וואָס איז צוויי מאָל אַזוי הויך ווי דער ציגן־שטאַל, איז מיר שווער אויסצוהאַלטן, וועל איך דאָך אוודאי אויפן ציגן־שטאַל אין די היצן דערשטיקט ווערן. — יאָ, האָט מיר באַסשכאַערטס געזאָגט, איך מיט דעם פויער ווערסוויוול מאָלן איצט יעדן טאָג קאַרטאָפל אויף קאַרטאָפל־מעל, וועלכע מיר פאַרקויפן. און דער פויער ווערסוויוול מיט זיין ווייב און זיינע קינדער דרייען זיך דאָ ביי מיר אַרום אַ גאַנצן טאָג. דאַן האָט באַסשכאַערטס מיר געגעבן אַנצו־הערן, אַז אויב איך וויל צו אים צוריקקומען, מוז איך אַנשטאָט צוועלף הונדערט פראַנק, באַצאָלן פופצן הונדערט פראַנק אַ חודש. איך האָב זיך ביי באַסשכאַערטסן אַפּגעוואָשן מיט ספּעציעל פאַר מיר צוגעוואַרעמט וואַסער, און בין אַוועק פון באַסשכאַערטסן מיט גאָרנישט. באַסשכאַערטס מיט זיין ווייב, האָב איך געזען, גייט נאָר אין איין זאַך, איך זאָל זיי באַצאָלן מער געלט, ווי ביז איצט.

אַזוי בין איך ווייטער געווען געצוואונגען צו בלייבן ביים פויער ווע־רומפּיי. נאָך אַ צוויי וואָכן צייט ווי איך בין אַזוי אָפּגעלעגן ביי אים אויפן פערד־שטאַל, האָב איך דעם פויער באַצאָלט צו דרייסיק פראַנק אַ טאָג און אים געבעטן, ער זאָל מיך ווייטער לאָזן בלייבן ביי אים נאָך צוויי וואָכן אויפן פערד־שטאַל.

איך האָב צו ווערומפּיי געזאָגט, אַז די מלחמה־געשעענישן גייען איצט מיט אַזאַ שנעלן טעמפּאָ צו גונסטן פון די אַליאירטע, אַז עס קאָן גאַנץ גוט מעגלעך זיין, אַז נאָך צוויי וואָכן וואָס איך וועל ביי אים נאָך קענען בלייבן, קאָן דער ענגלענדער שוין זיין אין בעלגיע. איך האָב טאַקע קיין טעות נישט געהאַט, ווייל אויף דער צייט וואָס איך האָב פאַראויסגעזאָגט, איז אַזוי געשען, מיט אַכט טעג שפּעטער האָט זיך דער ענגלענדער געפונען אין ליעזש.

אינצווישנצייט האָב איך געשיקט אַ זון פון פויער ווערומפּיי צו מיט פאַלקס נאָך עטלעכע פאַר זאַכן און זיך געפרעגט, צי מיין פרוי מיט די קינדער געפינען זיך נאָך אין מאַלין. מיט האָט מיר דורך דעם פויערס זון געלאָזט וויסן, אַז מיין פרוי געפינט זיך נאָך אַלץ אין מאַלין. אָבער אין אמתן האָט מיט געוווסט, אַז מען האָט מיין פרוי מיט די קינ־דער שוין געהאַט אַוועקגעשיקט פון מאַלין, נאָר זי האָט מיר דעם אמת נישט געוואָלט זאָגן.

עס האָט זיך שוין באַלד געענדיקט די פערטע וואָך ווי איך בין געווען ביים פויער ווערומפּיי. שבת האָב איך געדאַרפט פון אים אַוועק־גיין, ווייל ער האָט מיר דערקלערט, אַז עס ווערט אַזוי פאַר מיר, ווי פאַר אים געפערלעך לענגער ביי אים צו בלייבן. דורך אַ צופאַל האָט

מיך אַ פרוי, וואָס איז צום פויער ווערומפּיי געקומען וואָשן וועש זיבן אַזייגער אינדערפרי געזען, ווען איך בין געגאַנגען טאָן מיין באַדער־פעניש אויפן הויף. די פרוי האָט מיך געקענט. איצט האָב איך שוין אַפילו ביז שבת נישט געקענט מער בלייבן ביי ווערומפּיי.

פרייטיק זעקס אַזייגער פאַרטאָג האָט מיך זשעף, דער עלטסטער זון פון ווערומפּיי און זיין חבר בעער, וואָס האָט די גאַנצע צייט פון מיר געוווסט, מיך מיט אַ פערד און וואָגן און אַ צוגעדעקטן מיט אַ דעק אַוועק־געפירט קיין בערלאַאַר, אַ דאָרף וואָס האָט זיך געפונען צען קילאָמעטער פון ליער. אין בערלאַאַר האָבן זיי מיך אַראָפּגעלאָזט אין פעלד איבער אַ בריקל פון אַ לויפנדיקן טייכל. איך האָב זיך מיט זשעפן און בעערן געזעגנט און זיי געדריקט די הענט. עס איז נאָך איצט געווען פרי, אָבער די פויערים האָבן שוין געאַרבעט אין די פעלדער. דער טאָג איז געווען אַ שיינער. די זון האָט באַלד אינדערפרי געוואַרעמט. איך האָב זיך געלאָזט זוכן ביי עטלעכע באַקאַנטע, וואָס איך האָב געהאַט אין בערלאַאַר, אַן אָרט ביי זיי צו קאָנען בלייבן. פון אַלע מיינע באַקאַנטע, צו וועלכע איך האָב זיך געוואָנדן, האָט מיך קיין איינער נישט געוואָלט אַריינגעמען. אַ פויער, וועלכן איך האָב גוט געקענט, האָט מיך אַפילו ביי אים קיין איין נאַכט נישט געוואָלט לאָזן איבערנעכטיקן. איך האָב דעם פויער אָנגעבאָטן געלט, ער האָט נישט געוואָלט הערן. דאַן בין איך אַוועק צו אַ באַקאַנטן שמוגלער, וואָס איך פלעג פריער אַ סך מאָל ביי אים אין דער מלחמה פאַרשידענע זאַכן קויפן. ער איז נישט געווען אינדערהיים, נאָר זיין ווייב. איך האָב איר דערציילט מיין געשיכטע און ביי איר געבעטן, זי זאָל מיך ביי איר לאָזן זיין אַ צוויי וואָכן. — איך וועל, האָב איך איר דערקלערט גוט באַצאָלן. די פרוי האָט מיר דער־קלערט, אַז זי מוז וועגן דעם פרעגן איר מאַן, וועלכער וועט פאַרנאַכט קומען פון דער אַרבעט. דער מאַן איז געווען אַ מויערער. די פרוי איז פונקט געווען שוואַנגער און האָט זיך איצט יעדן טאָג געריכט אין קימ־פּעט. איך האָב דאָרט ביי דער פרוי געגעסן מיטאָג. איך בין געזעסן און צוגעקוקט, ווי די פרוי האָט זיך אַלץ גרייט געמאַכט צו דער קימ־פּעט. זי איז געזעסן ביי אַ ניי־מאַשין און פאַריכט פאַרשידענע זאַכן.

ווען דער שמוגלער איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, האָט ער מיר קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז נישט נאָר וואָס איך וועל ביי אים נישט קאָנען זיי, נאָר איך קאָן אַפילו ביי אים קיין איין נאַכט נישט אי־בערנעכטיקן. וויפיל איך האָב זיך נישט ביי אים געבעטן, ער זאָל מיך כאָטש איין נאַכט לאָזן איבערנעכטיקן, האָט עס אַלץ נישט געהאָלפן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט צופאָרן צו אַ פויער זען, אויב ער

דאַרף נישט קיין מענטש צו דער אַרבעט, נאָר פון נעכטיקן ביי אים איז נישטאָ קיין רייד. ער איז צוריקגעקומען פון פויער מיט גאָרנישט, מכלומרשט, אַז דער פויער האָט די וואָך פונקט צוגענומען אַ מענטש צו דער אַרבעט. איך האָב דעם שמוגלער באַצאָלט 25 פראַנק פאַרן עסן און בין אַוועק.

דאָ איז געוואָרן שפּעט. די נאַכט האָט שוין אָנגעהויבן צוצופאַלן. איך האָב נישט געוווּסט, וווּ איך זאָל גיין איבערנעכטיקן. איך האָב געוואָלט גיין צו מיין באַקאַנטן פויער, וואָס האָט געוווינט אין צווייטן עק בערלאַאַר. אָבער ווי איך האָב גענומען גיין צום פויער, האָב איך געזען אַ סך שמוג־לערס גיין צום צוג. איצט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דעם שמוגלערס ווייב האָט מיר געזאָגט, אַז האַלב ניין אַזייגער גייט נאָך אַוועק אַ צוג קיין אַנטווערפּן און גייט אַדורך קלוסטערהיידע. איך בין גלייך אַוועק צו דער סטאַציע און געקויפט אַ בילעט קיין קלוסטערהיידע. צופעליק האָט דער צוג געהאַט אַ פאַרשפּעטיקונג, אַזוי בין איך דעם זעלבן טאָג פרייטיק, וואָס מען האָט מיך אַוועקגעפירט קיין בערלאַאַר, ביינאַכט זיך ווידער געפונען אין קלוסטערהיידע.

איך האָב זיך איצט ווידער געלאָזט גיין צו באַסשכטערטסן. עס איז שוין געווען גוט פינצטער, ווען איך בין אויסגעשטיגן אין קלוסטערהיידע און איך האָב נישט מער געוווּסט געגנוי דעם וועג טראָץ דעם, וואָס איך האָב דאָס אָרט אַזוי גוט געקענט. איך האָב געפרעגט דעם וועג ביי מענטשן, וואָס זענען אויך אויסגעשטיגן פון צוג.

ווען איך בין אָנגעקומען צו באַסשכאַערטסן, זענען די מענטשן שוין כמעט איבעראַל געשלאָפן. ביי באַסשכאַערטסן האָט זיך נאָך געלויכטן אַ נאַפט־לאָמפּ. באַסשכאַערטס ווייב איז שוין געלעגן אין בעט, נאָר באַסשכאַערטס האָט צופעליק נאָך געדאַרפט טאָן אַ מענטשלעך באַדער־פעניש. ער איז געזעסן אין אָפּטריט, און ווען איך בין אָנגעקומען אויפן הויף, האָט ער זיך פאַר מיר שטאַרק דערשראָקן. ער האָט געמיינט, אַז אַ באַנדיט איז אָנגעקומען אויף זיין הויף. ער האָט מיר דערקלערט, אַז ווען נישט דאָס, וואָס איך בין עס, וואָלט יעדער איינער פון אים באַקו־מען געשלאָגן, אַזוי אומגעריכט ביינאַכט אַרויפצולויפן אויפן הויף. באַסשכאַערטס האָט אויפגעוועקט זיין ווייב, וועלכע איז באַלד אַראָפּגע־קומען און זיך אָנידערגעזעצט אַביסל פאַרשלאָפן אין דער טונקל־באַ־לויכטענער קיך.

באַסשכאַערטס האָט אַרויפגעדרייט אַביסל דעם לאָמפּ און זיך אָנגע־הויבן צו באַראַטן מיט זיין ווייב, וואָס מען זאָל מיט מיר טאָן. — איך האָב דיך דערוואַרט, האָט ער צו מיר געזאָגט, נאָר מיט צוויי טעג שפּע־

טער. — נו, האָט ער געפּרעגט זיין ווייב, וואָס דענקסטו, קאָן מען אים צוריק אַריינגעמען? — יאָ, האָט זיין ווייב געזאָגט. — אין זיין שטוב אינדערהויך, ווו ער איז פריער געוועזן, קאָן מען נישט, ווייל זי איז פול מיט קאַרטאָפל־מעל. נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת האָט באַסשכאַערטס מיטן ווייב באַשלאָסן מיר צו געבן אַן אָרט אין פּראָנט־שטיבל, מיטן פענצטער אַרויס צו דער באַן־ליניע.

דאָס גאַנצע טראַכטן און איבעררעדן פון באַסשכאַערטסן מיט זיין ווייב, צי מען זאָל מיך צוריק אַריינעמען, איז נאָר געווען אַן אָנשטעל. זיי האָבן נאָר געצילט אין זאַך, איך זאָל זיי געבן מער געלט. אָבער באַסשכאַערטס איז געווען אַ קלוגער פוקס, ער האָט געשמעקט, אַז די אַליאירטע אַרמייען רוקן אַריין אין בעלגיע און וויפיל ער וועט פאַרדי־נען איז גוט. צווייטנס טויג איצט נישט מיך אַוועקצויאָגן, ווייל ער האָט דאָך אויך געוואָלט פון מיר באַקומען די באַלוינונג פון די פינף טויזנט פראַנק. באַסשכאַערטס מיט זיין ווייב האָבן אַריינגעבריינגט פון שטאָל אַ בינטל שטרוי און מיר געמאַכט אַ געלעגער אויף די קאַלטע פּאָ־סאַדזקעס. אָבער באַסשכאַערטס האָט מיט מיר אָפּגעמאַכט, אַז נאָר פערצן טעג וועט ער מיך ביי אים לאָזן זיין אויפן אַלטן פּרייז. נאָך די פערצן טעג מוז איך אים צאָלן פופצן הונדערט פראַנק אַ חודש. אָבער זונטיק אינדערפרי, ווען איך האָב באַסשכאַערטסן געוואָלט באַצאָלן פאַר די פערצן טעג, האָט ער קיין געלט נישט געוואָלט נעמען, איך זאָל באַ־צאָלן זיין ווייב, האָט ער צו מיר געזאָגט. ווען איך האָב מאָנטיק אינ־דערפרי זיין ווייב געוואָלט באַצאָלן פאַר די פערצן טעג, האָט זי מיר קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז איך מעג טאָן וואָס איך וויל — דאָס קאָסט 1.500 פראַנק אַ חודש.

איך האָב געוואַרט ביז ביינאַכט נאָכן נאַכטמאָל, דאַן האָב איך דער־קלערט באַסשכאַערטסן, אַז פאַרלויפיק איז מיר נישט מעגלעך מער צו צאָלן, ווייל איך האָב נישט מער קיין סך געלט. אין צוויי וואָכן אַרום, האָב איך אים געזאָגט אַ ליגן, וועל איך גיין קיין ליער נאָך געלט, דאַן וועל איך אים מער צאָלן. אין דער אמתן האָב איך געהאַט באַשלאָסן אין צוויי וואָכן אַרום פון אים אַוועקצוגיין און זיך לאָזן וואַנדערן אין די דערפער צו מיינע באַקאַנטע אין דער געגנט פון דער שעלדע, וואָס איך האָב געהאַט פון די יאָרן וואָס איך בין אַרומגעגאַנגען הויזירן.

נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת האָט באַסשכאַערטס באַשלאָסן מיך צו לאָזן בלייבן ביי אים פערצן טעג אויפן אַלטן פּרייז. איך בין שוין אָבער איצט געווען גוט קראַנק. דאָס עסן ביי באַסשכאַערטסן איז געווען אוממעגלעך צו פאַרטראָגן. זופּ האָט באַסשכאַערטס ווייב געקאָכט אָן אַביסל פעטס.

אַ זופּ צו די קאַרטאָפל האָט זי געמאַכט פון בלויז קאַרטאָפל־מעל מיט וואַסער. קאַרטאָפל האָב איך איבערהויפּט נישט געקענט פאַרדייען. דאָס בעקער־ברויט איז געווען אוממעגלעך צו עסן, איבערהויפּט פאַר אַ קראַנקן מאָגן. איך בין געווען געצווּנגען מיר צו קויפן פאַר מיין אייגן געלט ווייצן־ברויט און מילך. קיין פוטער האָב איך פון באַסשכאַערטסן איבער־הויפּט נישט באַקומען, אַזוי אַז איך האָב באַסשכאַערטסן כמעט גאָרנישט געקאָסט. וויפיל איך האָב זיך נישט ביי זיי געבעטן, מען זאָל מיר באַ־זאָרגן אַ שטיקל פוטער, איז אַלץ געבליבן ביים זעלבן.

די זעלבע וואָך, וואָס איך בין געקומען צו באַסשכאַערטסן, האָבן אָנ־געהויבן אָפּצוציען די דייטשע אַרמייען. ביי טאָג און ביינאַכט האָט מען געהערט דאָס גערויש פון די דייטשע אויטאָס. צוגן מיט מאַטעריאַל און מיליטער האָבן כסדר געצויגן אַוועק קיין דייטשלאַנד. איך האָב עס נישט געקענט גלויבן, אַז דאָס איז אַ ווירקלעכקייט, ביז עס איז געקומען דער זונטיק, צען טעג ווי איך בין געווען ביי באַסשכאַערטסן. ביינאַכט האָט מען געזען גרויסע פייערן אויפן הימל און פונדערווייטנס שטאַרקע עקס־פּלאָזיעס. מאָנטיק אינדערפרי זענען אַוועקגעגאַנגען די לעצטע דייטשע צוגן און די דייטשן האָבן אויפגעריסן אַלע בריקן. דאַן בין איך געוואָרן פול מיט פרייד, און זיך פריי געלאָזט גיין אין דאָרף אַריין שפּאַצירן טראָץ דעם, וואָס אויף די וועגן לעבן דאָרף האָבן נאָך געצויגן דייטשע זעלנער.

מאָנטיק האָט באַסשכאַערטס געשיקט זיין טאָכטער קיין קעסל נאָך פוטער, נאָר איך האָב געמוזט צו שטייער־געבן צו דער פוטער.

דינסטיק אינדערפרי, דעם 6־טן סעפּטעמבער, האָט זיך אין קלוס־טערהיידע פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די ענגלענדער זענען שוין אין ליער. דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן צו גיין קיין ליער. איך האָב גערעכנט, אַז אויב מיין פרוי מיט די קינדער זענען נאָך אין מאַלין, וועל איך זיי גיין ברענגען. פאַרמיטאָג נאָך האָב איך מיר גרייט געמאַכט מיין פעקל זיך צו לאָזן גיין קיין ליער. באַסשכאַערטס מיט זיין ווייב זענען נישט געווען אינדערהיים, זיי זענען ביידע געווען באַשעפטיקט אַרויסצוציִען קלעצער אין פעלד, וואָס די דייטשן האָבן געהאַט אַריינגעזעצט קעגן פאַראַשו־טיסטן. איך בין געגאַנגען אין פעלד אַריין אויפזוכן באַסשכאַערטסן מיט זיין ווייב. זיי האָבן מיר געגעבן דעם שליסל פון הויז און זענען ביידע אויך באַלד אַהיימגעקומען. ווען איך האָב גענומען אַוועגיין, האָב איך פאַרלאַנגט ביי באַסשכאַערטסן ער זאָל מיר צוריקצאָלן פאַר פיר טעג עסן, וועלכע איך האָב געהאַט פאַראויס באַצאָלט. — אייגנטלעך האָט באַסשכאַערטס מיר געדאַרפט צוריקצאָלן פאַר פינף טעג, איך האָב

אָבער צו אים געזאָגט, אַז דעם היינטיקן טאָג, דינסטיק, רעכן איך נישט, ווייל איך בין דאָך נאָך די האלבן טאָג ביי אים געווען, טראָץ דעם, וואָס איך האָב ביי אים גאָרנישט געגעסן. ווען באַסשכאַערטס האָט גע־הערט, אַז איך וויל פון אים צוריק געלט פאַר די פיר טעג, איז ער געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט. — וואָס נאָך, האָט ער געשריגן, איך האָב נעכטן געשיקט ספּעציעל נאָך פוטער פאַר דיר און איצט הייבסטו דיך אויף און גייסט אַוועק. איך האָב זיך שטאַרק צעוויינט. זשעף, דער זון פון פויער ווערומפּי, איז פונקט אַריינגעקומען צו באַסשכאַערטסן און מיך געטראָפן וויינען. דאַן האָט באַסשכאַערטס פּרוי מיר צוריקגעצאָלט פאַר פיר טעג עסן. — אָבער געדענק, האָט באַסשכאַערטס צו מיר געזאָגט און מיר געדראָט, פּרוביר נישט זיך קעגנצושטעלן און נישט וועלן באַצאָלן מיינע פינף טויזנט פראַנק, ווייל דעמאָלט וועט זיין שלעכט מיט דיר. איך האָב ווײנענדיקערהייט גענומען מיין פּעקל און זיך געלאָזט קיין ליער. אַ זון פון פויער באַגעמאַנס, לואי, האָט מיר געהאָלפן טראָגן מיין פּעקל פון קלוסטערהיידע קיין ליער.

ווען איך מיט לואי זענען אָנגעקומען אין דער געגנט, ווו איך האָב געוווינט, האָבן אַלע איינוווינער גערופן — אָט דאָ גייט דאָס יידעלע. אַזוי האָט מען מיך גערופן אין דער געגנט, נישט דער ייד, נאָר דאָס יידעלע. אַלע מיינע באַקאַנטע פלעמער, פרויען און מענער, האָבן מיך אַרומגערינגלט. איך בין אַריין אין אַ הויז פון אַ באַקאַנטן פלעמער און זיך שטאַרק צעוויינט.

דאַן האָב איך זיך געלאָזט גיין צו מיין הויז. אָבער אַנדערע מענטשן האָבן שוין אין אים געוווינט. איך האָב קיין אַנדערע עצה נישט געהאַט, נאָר אַריינצוגיין צו מיט פאַלקס, וועלכע האָט שוין געהערט פון מיין קו־מען, זי האָט מיך אָפּגעוואַרט פאַר איר הויז.

איך האָב מיטן געפרעגט, צי מיין פרוי און קינדער זענען נאָך אין מאַלין, האָט זי מיר געענטפערט, אַז זי האָט שוין לאַנג פון מיין פרוי קיין שרייבן נישט געהאַט און אַז ביי הערצפעלדן האָט מען איר גע־זאָגט, אַז זי זאָל מער קיין פּעקלעך קיין מאַלין נישט שיקן. דאַן האָב איך באַלד פאַרשטאַנען, אַז מיין פרוי מיט די קינדער געפינען זיך נישט מער אין מאַלין. איך בין אויסגעבראָכן אין אַ שטאַרק געוויין. איך בין באַלד אַהינגעלאָפן צו הערצפעלדן, האָט די פרוי הערצפעלד מיר דער־קלערט, אַז עס איז שוין מער ווי אַ חודש, ווי מיין פרוי געפינט זיך נישט אין מאַלין. איך בין געווען זייער נידערגעשלאָגן.

איך בין פון הערצפעלדן אַרויס צוריק אין גאַס. איך האָב געזען, ווי די הייזער זענען באַהאַנגען מיט בעלגישע און אַליאירטע פענער. אַלע

מענטשן האָבן געטראָגן די בעלגישע נאַציאָנאַלע קאָלירן. מענטשן האָבן געטאַנצט אין די גאַסן. אומעטום האָט געשפּילט מוזיק. איך בין געגאַנגען איבער דער גאַס און טרערן האָבן זיך מיר כסדר געגאָסן איבער מיין פּנים. אַהיימגייענדיק קעגן פאַרנאַכט, האָב איך געזען אַ צוג מיט מאַניפעסטירנדע מענטשן, וואָס האָט זיך געצויגן פון מאַרק ביז ליפּס, וווּ איך האָב געוווינט. טויזנטער מענער, פרויען און קינדער האָבן מאַרשירט מיט מוזיק פון פאָרנט. זיי האָבן געטאַנצט און געשריגן פון צופרידנקייט וואָס מען איז פּטור געוואָרן פון דייטש. די מאַניפעסטאַציע האָט אויף מיר אַזוי געווירקט — גאָט מיינער! איך האָב אַזוי שטאַרק געוויינט, ביז איך בין צוגעקומען צום הויז פון די פאָלקס.

# צוועלפטער קאַפּיטל

## פאַרגעסענע דעראינערונג

ווען דער דייטש האָט אָנגעהויבן צו דעפּאָרטירן די יידן פון בעלגיע, האָב איך מיט מיין פרוי איבערגערעדט, צי עס וואָלט נישט געווען גלייך די קינדער צו מאַכן עפּעס אַ צייכן אויפן לייב, טאָמער קומט דער דייטש אונז נעמען. מיר האָבן נאָך דעמאָלט נישט געוווסט, אַז דער דייטש הרגעט די יידישע קינדער. מיר האָבן געמיינט, אַז דורך עפּעס אַ צייכן געמאַכט ביי זיי אויפן לייב, וועט אונז זיין לייכטער זיי שפּעטער אויפצוזוכן. מיר האָבן געקלערט זיי צו לאָזן טאַטואירן. אָבער אין ליער האָבן מיר נישט געפונען קיין טאַטואירער. דאַן האָבן מיר באַשלאָסן זיי צו לאָזן שטעלן פּאָקן אויף די רעכטע הענטלעך. איך בין דאַן אַוועק צום דאָקטאָר סעליאַרטס, אַ יונגער פלעמישער דאָקטאָר, וואָס האָט געוווינט אויף ליפּס. איך האָב אים געפרעגט, צי ער וואָלט נישט געוואָלט שטעלן פּאָקן מיינע קינדער אויף די רעכטע הענטלעך. — איך האָב דעם דאָקטאָר דערקלערט דעם צוועק דערפון. דער דאָקטאָר האָט מיר דאַן דערקלערט, אַז אויב איך וויל, קען ער מיט אַ טאַטואיר־נאָדל זיי איינשפּריצן אונטער דער הויט, יעדן אויף דעם רעכטן הענטל, צו פיר קליינע פּינטעלעך מיט כינעזישער טינט.

מיין פרוי איז דאַן אַוועק מיט די קינדער צום דאָקטאָר. אַביסל שפּעטער בין איך אָנגעקומען, האָט דער דאָקטאָר שוין געהאַלטן אין אַדורכפירן די אָפּעראַציע, אָבער אָנשטאָט צו געברויכן אַ טאַטואיר־נאָדל, האָט ער באַנוצט אַ געוויינלעכע נאָדל, וואָס מען געברויכט צו אַלע סאָרטן איינשפּריצונגען. ווען איך בין אָנגעקומען, האָט דער דאָקטאָר געהאַלטן אין מאַכן די איינשפּריצונגען מיין קלענערן ייִנגעלע. דאָס דאָזיקע קינד איז געווען האַרט אויף יסורים, אָבער עס האָט געמוזט שרעקלעך וויי־טאָן, ווייל ער האָט שטאַרק געוויינט. — איך האָב קיינמאָל אַזעלכע זאַכן נישט געקענט זען. מיין גרעסער ייִנגל האָט נאָך שטאַרקער גע־

ווייגט, אַז עס האָט מיין פּאַטערלעך האַרץ צעבראָכן. איך האָב מיין פרוי נאָך געמוזט צוהעלפן זיי פעסט צו האַלטן. איך האָב מיינע קינדער געמוזט אָנטאָן בחינמדיקע יסורים, אַלץ צוליבן דייטש.

איך האָב געהאַט אָפּגעמאַכט מיט מיט פּאַלקס, אַז איך זאָל מיר קויפן מיינע ראַציעס און איך וועל ביי איר קענען מיטעסן.

איך האָב אָבער באַמערקט, אַז מיט פּאַלקס איז נישט אויסן געווען מיין טובה, נאָר איר פּראָפיט. אַזוי למשל, האָב איך באַמערקט, אַז פּוטער, וואָס איך האָב מיר געקויפט און וואָס איז דעמאָלט געווען זייער שווער צו באַקומען אַפילו פאַר געלט, האָט מיר פון איינמאָל עסן צום צווייטן שטענדיק געפעלט, טראָץ דעם וואָס מיט האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז מיט דער גרעסטער מי און געבעט קען איך קוים ערגעץ באַקומען אַ שטיקל פּוטער. אינדערצייט, ווען מיט האָט באַקומען גענוג פּוטער געשיקט פון עפּעס ערגעץ אַ דאָרף. אָנשטאָט וואָס זי האָט מיר געזאָלט העלפן, ווען זי האָט געוווסט, אַז איך בין קראַנק אויפן מאָגן, האָט זי נאָך פון מיין קליין שטיקל פּוטער גענבעט. איר האָב איר באַזונדער באַצאָלט פאַר די פעטסן, וואָס זי האָט געברויכט פאַר מיין עסן. איך האָב איר געגעבן שפּעטער פאַרשידענע זאַכן, גאַנצע קילאָס צוקער, וואָס איך האָב שפּעטער געפונען אין מיין נייער וווינונג. אָבער דאָס איז אַלץ נישט געווען גענוג. זי האָט נאָר געזוכט צו פּראָפיטירן פון מיין אומגליק, פון מיין סחורה, וואָס איז ביי איר געלעגן, האָבן מיר געפעלט פאַרשידענע זאַכן. זי האָט מיר צוגעשטעלט אַ רעכענונג פאַר די פּעקלעך, וואָס זי האָט געשיקט צו מיין פרוי קיין מאַלין, און לויט ווי איך האָב אויסגערעכנט — האָט זי קיין העלפט נישט אויסגעגעבן. און ווען די אַליאירטע אַרמייען וואָלטן אַזוי שנעל נישט געווען אַריינמאַרשירט אין בעלגיע, וואָלט זי מיך געווען אינגאַנצן באַגנבעט. מיין ברויט, וואָס איך פלעג מיר לאָזן ספּעציעל באַקן פון ווייצן־מעל, פלעגן זיי מיר אויפעסן. און ווען איך האָב געדאַרפט גיין עסן, האָב איך נישט געקענט עסן צו דער זאַט, ווייל זי האָט מיר צוגעטיילט אַ שטיקל ברויט.

די ערשטע נאַכט, וואָס איך בין געשלאָפן ביי די פּאַלקס, איז באַלד אינדערפרי, ווען איך בין נאָך געלעגן אין בעט, געקומען מיך זוכן אַ מאַן פון דער "ווייסער בריגאַדע". דער מאַן האָט מיר דערקלערט אַזוי ווי די דייטשן האָבן דיר אַלץ צוגענומען, זאָלסטו גיין אויף ליפּס אין דער וווינונג פון אַ דייטש, וואָס האָט דאָרט געוווינט און אַרויסגענומען דאָס גאַנצע מעבל און אַלע זאַכן וואָס געפינען זיך דאָרט, נאָר דו מוזט זען, אַז עמעצער זאָל דיר העלפן.

איך האָב זיך שנעל אָנגעטאָן, עפּעס געגעסן און געגאַנגען רופן

איניקע שכנים. אַלע שכנים זענען כמעט געווען איינשטימיק מיר צו העלפן אַרויסנעמען דאָס מעבל פונעם דייטש. איך האָב געברענגט אַ וואָגן און דער צוג איז געגאַנגען אין באַוועגונג. אָבער איך האָב נישט באַגריפן, אַז מיינע שכנים האָבן גאַרנישט געמיינט מיין טובה, נאָר זייערע. יעדער איז געקומען מיט דער דעה עפּעס צו פּראָפיטירן. אַ סך האָבן מיטגעבערענגט זעק, העק, אַממערסטן האָט גערודערט און גערעדט מיט פּאַלקס.

ווען מיר זענען צוגעקומען צום הויז פונעם דייטש, איז אָבער די טיר געווען פאַרשלאָסן און דעם שליסל האָט מען נישט געקענט געפינען. דאַן האָט פּאָנס פּאַלקס מיט נאָך אַ שכן אויפגעבראָכן די טיר. עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ סך מענטשן אין דער גאַס און צוגעקוקט צו דעם גערויב וואָס דאָ קומט פאָר. אַ סך פּלעמער האָבן געזאָגט, עס איז גאַנץ גוט אַזוי. — די דייטשן האָבן ביי אים אויך אַלץ צוגענומען. מיט פּאַלקס איז אַריין אין דער וווינונג. זי האָט אָנגעהויבן איינפּאַקן אין קוישן קליניקייטן, ווי געפּעס און גלאָזוואַרג. און די מענער האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוטראָגן אויפן וואָגן דאָס מעבל. אינצווישן איז אָנגעקומען אַ פּאָליציאַנט — האַלט, האָט ער געזאָגט, וואָס פּאַר אַ ראַבירן קומט דאָ פּאָר? מיינע שכנים האָבן אים דערציילט, אַז זיי האָבן באַקומען די דערלויבעניש פון דער ״ווייסער בריגאַדע״ אַרויסצונעמען די זאַכן און דאָס מעבל פונעם דייטש. — גוט, האָט דער פּאָליציאַנט געזאָגט, די ״ווייסע בריגאַדע״ האָט אַזעלכע זאַכן נישט צו באַפעלן, עס איז פון היינט אָן פון דער ענגלישער מאַכט שטרענג פאַרבאָטן צו ראַבירן וווינונגען — ווען דאָס וואָלט געווען פאַרגעקומען נעכטן, וואָלט געווען פאַרפאַלן, היינט קען איך דאָס נישט צולאָזן. — יאָ! איז דאָס ריכטיק, האָבן מיינע שכנים געטענהט מיט דעם פּאָליציאַנט, איז דאָס ריכטיק, די דייטשן האָבן אים אַלץ צוגענומען און מיר ווילן אים העלפן, לאָזט דו נישט. יאָ, האָט דער פּאָליציאַנט געענטפערט, איך פאַרשטיי אַלץ זייער גוט, אָבער צוליב דעם געזעץ קען איך דעם רויב נישט דערלויבן. — לאָז ער אַריינגיין וווינען דאַן אין דער וווינונג. האָבן זיך געהערט אַ סך שטימען. מיר האָבן דאָס מעבל, וואָס מען האָט געהאַט אַרויסגעטראָגן אויפן וואָגן, געמוזט צוריק אַריינטראָגן, און וואַרטן אויף אַן ענטפער פון שטאָט-הויז, צי איך מעג אַריינגיין וווינען אין דער וווינונג. איך בין אַוועק אין שטאָט-הויז וועגן דער דערלויבעניש, וועלכע איז מיר באַלד געגעבן געוואָרן. דערווייל האָט די טאָכטער און דער זון פון די פּאַלקס געהאַט פון דער וווינונג אַרויסגעטראָגן צו זיך אַ ראַדיאָ און אַ וועסטמינסטער זייגער.

איך האָב זיך אַריינגעצויגן אין דער וווינונג פונעם דייטש, מיט האָט ביי מיר גענומען די שליסלען, מכלומרשט אַז זי מיט דער טאָכטער גייען די וווינונג אַביסל אויפּרוימען. זי האָט מיט דער טאָכטער די וווינונג גוט אַדורכגעזוכט און צוגענומען פאַרשידענע זאַכן. אויסער דעם נאָך, וואָס איך האָב איר באַזונדער געגעבן.

פאַלקס האָט מיר אַן עצה געגעבן, אַז מיר קענען ביינאַכט אַרויס־טראָגן פאַרשידענע זאַכן, איידער מען קומט פון שטאָט־הויז אויפשרייבן דאָס מעבל. ער האָט צו מיר געזאָגט, קודם־כל דאַרפסטו זאָרגן, דו זאָלסט האָבן אַ שלאָף־צימער מיט אַ פּאָר שטולן. איך האָב אים געפאָלגט. צוויי טעג שפּעטער ווי איך האָב זיך געהאַט אַריינגעצויגן אין מיין נייער וווינונג, האָב איך אין אַ טונקעלן אָוונט איבער אַ פעלד מיט דער הילף פון די פאַלקס אַרויסגעטראָגן אַ גאַנץ שלאָף־צימער און עס אַריינגע־שטעלט צו די פאַלקס. דאַן בין איך אַוועק אויפן שטאָט־הויז און געבעטן, מען זאָל קומען אויפשרייבן אַלץ וואָס געפינט זיך ביי מיר אין הויז, כדי איך זאָל קענען אַריינברענגען מיינע זאַכן, וואָס איך האָב נאָך אין באַזיץ, האָב איך דערקלערט. איידער דער אַגענט איז געקומען פון שטאָט־הויז, האָב איך נאָך אַרויסגעטראָגן צו אַ שכן איניקע פאָטעלן, פיר בענקלעך און עטלעכע כאַדניקעס. אַ שיין אייזערן אייוועלע האָב איך געהאַט אַריינ־געשטעלט אין דער קאַמער. איך האָב געמיינט, אַז דאָרט וועט דער אַגענט נישט אַריינגיין. ער איז אָבער יאָ אַריינגעגאַנגען און האָט דאָס אייוועלע אויפגעשריבן. איך האָב דאַן געבעטן דעם אונטער־קאָמיסאַר, מען זאָל דאָס אייוועלע אויסשטרייכן, און זיי האָבן עס מיר צוליב־געטאָן. אָבער מיין שכן, צו וועלכן איך האָב געהאַט אַריינגעשטעלט די פאָטעלן מיט די שטולן, האָט מיר אַרויסגעגנבעט דאָס אייוועלע פון דער קאַמער. איך האָב אָנגעגעבן אַן אָנקלאַגע וועגן דעם ביי דער פּאָליציי. מען האָט ביי אים געמאַכט אַ הויז־זוכונג, אָבער מען האָט דאָס אייוועלע נישט גע־פונען.

נאָך דעם, ווי דער אַגענט פון שטאָט־הויז איז געווען אויפנעמען ביי מיר דאָס מעבל, האָב איך געזאָגט צו די פאַלקס, אַז איך וואָלט גע־וואָלט מען זאָל צוריקטראָגן דאָס שלאָף־צימער. — וואָס, האָט מיט פאַלקס געזאָגט, ווען איך וואָלט געווען געוווּסט, אַז דו וועסט עס אַזוי שנעל וועלן צוריקטראָגן, וואָלט איך דאָס שלאָף־צימער דאָך נישט גע־ווען צוזאַמענגעשטעלט און ווידער צוריק פונאַנדערנעמען. מיט פאַלקס און דער מאַן מיט די קינדער זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע נעז און זיי האָבן זיך נישט געאיילט מיר צו העלפן צוריקצוטראָגן דאָס שלאָף־צימער. איך האָב געזען, אַז איך בין דאָ מיאוס אַריינגעפאַלן, די

פאַלקס וועלן מיר דאָס שלאָף־צימער נישט צוריקגעבן און וועל האָבן געווען אַ גנב פאַר אַנדערע. איך האָב דאַן באַשלאָסן צו גיין מיטן אמת. איך בין אַוועק צום אונטער־קאָמיסאַר און אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע מיטן שלאָף־צימער, מיטן ראַדיאָ און מיטן זייגער. דאַן האָב איך געזאָגט צו די פאַלקס, איר זאָלט וויסן, אַז איך האָב דערציילט דעם קאָמיסאַר דעם אמת וועגן שלאָף־צימער, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל אַלץ צוריקטראָגן, די פאַלקס האָבן איצט נישט געהאַט קיין אַנדערע עצה. שטאַרק העלפן האָבן זיי מיר נישט געוואָלט און איך האָב כמעט אַליין געמוזט צוריקטראָגן דאָס שלאָף־צימער, וואָס איז נישט געווען קיין לייכטע אַרבעט אין אַ פינצטערער נאַכט. מיט האָט מיר דערקלערט, ווען איך וואָלט געוואָלט, וואָלט איך דיר נישט צוריקגעגעבן דאָס שלאָף־צימער, ווייל קיינער קען נישט באַווייזן, אַז דאָס שלאָף־צימער איז נישט מיינס און וואָס אַוועק איז אַוועק, האָט זי צו מיר געזאָגט אין פלעמיש. זי האָט געקריצט מיט די ציין. זי האָט אָבער דאַן מורא געהאַט זיך איינצוריייסן מיט דער פּאָליציי.

איך האָב אַריינגעטראָגן צו מיר דעם ראַדיאָ, אָבער ווען עס איז געקומען צום וועסטמינסטער זייגער, האָט זי מיר קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז דעם זייגער וועט זי מיר נישט צוריקגעבן. איך בין דאַן ווידער אַוועק צום קאָמיסאַר און אים דערציילט די געשיכטע מיטן זייגער. דער קאָמיסאַר האָט באַלד געשיקט אַ פּאָליציאַנט און ער האָט מיר געברענגט דעם זייגער. איך האָב זיך שטאַרק געפרייט, ווען איך האָב צוריק געהאַט דעם זייגער, ווייל ער איז געווען שיין. איך האָב ליב געהאַט צו הערן זיין קלינגען און ער האָט מיר אַריינגעברענגט לעבן אין הויז.

מיט האָט זיך מיט מיר איצט כסדר געקריגט. דריי וואָכן זענען איצט געהאַט אַוועק, ווי איך האָב ביי איר געגעסן. איך האָב איר דערקלערט, אַז איך וועל פון היינט אָן מיר אַליין גרייט מאַכן עסן. און בין פון די פאַלקס אַוועק. נאָך אַ זאַך האָט מיר מיין האַרץ וויי־געטאָן אויף מיט פאַלקס, ווען איך האָב זי איינמאָל געפרעגט, פאַרוואָס זי אַלס פריינט פון אונז האָט גאָרנישט געטאָן צו ראַטעווען מיין פרוי מיט די קינדער פון דער געשטאַפּאָ. האָט זי מיר געענטפערט — ווו וואָלט דיין ווייב געגאַנגען מיט דריי קליינע קינדער? אויף אַזאַ געמיינעם ענטפער האָב איך זיך נישט געריכט און איצט האָב איך זיך איבערצייגט, אַז איך האָב קיין טעות נישט געהאַט, אַז אויך מיט האָט אפשר אָנטיילגענומען אין דעם פאַראַט קעגן מיר.

איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַלע שכנים האָבן זייער געמיין געהאַנדלט. ווען די געשטאַפּאָ איז נאָך אונז געקומען, האָבן זיי

נישט געהאַט קיין גענויעם אַדרעס. אַ האַלבע שעה איז דער אויטאָ פון דער געשטאַפּאָ געשטאַנען לעבן מיין הויז און אונז געזוכט און קיין איין שכן האָט נישט געפונען פאַר נייטיק צו גיין מיין פרוי וואָרענען. מיין פרוי האָט גאָרנישט געוווּסט, אַז אינדרויסן פאַר דער טיר שטייט אַן אויטאָ פון דער געשטאַפּאָ און אַז מען זוכט אונז. עס איז געווען באַלד איינ־דערפרי האַלב ניין אַזייגער און זי איז געווען באַשעפטיקט אָנצוטאָן די קינדער.

אַלע שכנים האָבן נאָר אין זינען געהאַט צו נעמען און צו פּראָפּי־טירן. אַזוי ווי די געשטאַפּאָ האָט ביי מיר צוגענומען מיינע זאַכן, האָבן די שכנים זיך איינגעטיילט מיט מיין האָלץ און די קוילן און אַלץ וואָס האָט זיך נאָר געפונען אין אַ קאַמער אויפן הויף. איך האָב זיך אויך דער־וווּסט, אַז ווען דער געשטאַפּאָ איז אַריינגעגאַנגען פרעגן צו זשאַנעט לאַנג־מאַנס, וווּ עס וווינט דאָ דער ייִד, האָט זי אים באַלד געזאָגט. אַנשטאָט זי האָט געזאָלט זאָגן, אַז זי ווייס נישט און אינצווישנצייט צו וויסן טאָן מיין פרוי. מיין פרוי מיט די קינדער האָבן לייכט געקענט אַנטלויפן. איך האָב געוווינט אין אַ פריי פעלד און דאָס קאָרן איז געשטאַנען הויך צען שריט פון מיין טיר. אָבער קיין איין שכן האָט עס נישט געטאָן. און דאָס איז דער גרעסטער הימל־געשריי, וואָס איך קען זיי קיין איינעם נישט מוחל זיין. און לויט מיין מיינונג וואָלטן די אַלע שכנים געדאַרפט באַשטראָפט ווערן. אַ שכן האָט מיר דערציילט, אַז מיינע קינדער האָבן שרעקלעך געוויינט, ווען די געשטאַפּאָ איז אַריין צו מיר אין הויז און די געוואַלטן, געשרייען און געוויין, האָט מען געהערט אינדרויסן ווייט אין דער גאַס. מיינע קינדער האָבן שטענדיק שרעקלעך מורא געהאַט, ווען זיי האָבן געזען אַ דייטש. און זיי האָט געטראָפן דער שרעקלעכער גורל אַריינצופאַלן דעם דייטש אין די הענט.

טראָץ דעם, וואָס דער דייטש איז נאָך געזעסן אין די פּאָרשטעט פון אַנטווערפּן, בין איך אַריבערגעפאָרן קיין אַנטווערפּן הערן, צי מען קען מיך נישט אינפאָרמירן עפּעס וועגן מיין פרוי און קינדער. אויף דער לאַנגער־לעעם גאַס האָט זיך געפונען דער יידישער פריש־איינגע־ריכטעטער קאָמיטעט. איך האָב דאָרט געטראָפן באַקאַנטע מענטשן. מע־נער, פרויען און קינדער. די משפחות, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק זיך אויסצובאַהאַלטן פאַרן דייטש מיט זייערע פרויען און קינדער, האָב איך שטאַרק מקנא געווען. מיין האַרץ האָט מיר שטאַרק וויי־געטאָן, ווען איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב נישט מער דאָס גליק צו האָבן מיין פרוי און קינדער.

די יידן, וועלכע איך האָב דאָרט אין קאָמיטעט געטראָפן, האָבן אַ סך

פון זיי אויסגעזען נידערגעשלאָגן און צעבראָכן פון זייער לאַנגן לעבן אין שרעק. צוויי פרויען, וואָס איך האָב דאָרט געטראָפן, האָבן מיר דערציילט, אַז צוויי יאָר צייט זענען זיי אָפגעלעגן אין עראַזמוס־שפיטאָל אָן אַרויסצוקומען אַמאָל אויף דער לופט, זיי זענען אָנגעגאַנגען פאַר שטאַרק קראַנקע, וואָס קענען נישט טראַנספאָרטירט ווערן. אַזוי אַרום זענען זיי ניצול געוואָרן. אָבער ווי איך האָב אין זיי געקענט באַמערקן, האָבן זיי אויסגעזען מער טויט ווי לעבעדיק. איינע איז נאָך געווען זייער יונג, אפשור אַ יאָר זעקס און צוואַנציק, אָבער זי האָט פון שוואַכקייט כמעט נישט געקענט גיין אויף די פיס. אין קאָמיטעט האָט מען דערווייל געטיילט שטיצע 700 פראַנק אַ חודש אויף צו לעבן. דאָס וואָס איז לויט מיין מיינונג גענוג געווען פאַר מיר אויף אַ וואָך. קיינער האָט זיך נישט געזאָרגט, ווו די אויסבאַהאַלטענע אָרעמע יידן זאָלן איצט גיין וווינען. קיין מעבל האָבן זיי נישט מער געהאַט, ווייל דער דייטש האָט עס צוגענומען. אַ סך יידן וואָס האָבן געהאַט באַהאַלטן זייערע מעבל ביי פלעמער, האָבן זיי נישט צוריקבאַקומען, וואָס די אַנטשפרעכנדיקע עוולה־טוער האָבן געוואָלט פאַרענטפערן מיט פאַרשידענע, פאַלשע אויסריידן.

עס זענען אויך געווען פאַלן, וואָס די פלעמער האָבן געהאַט באַזעצט די יידישע הייזער און האָבן זיי נישט געוואָלט צוריקגעבן. אַזוי אַז דער ייד וואָס איז געווען דער אייגנטימער פון זיין הויז אָדער זיין וווינונג איז איבער זיין אייגנטום איצט געווען אָנמעכטיק.

אין קאָמיטעט אין דער לאַנגער לעעם־גאַס האָט מען מיך אינפאָרמירט, אַז מיינע קינדער האָט מען מיטגעשיקט מיט דער מוטער. דאָס הייסט מיט מיין פרוי. אַנדערע האָבן עס ווידער נישט געקענט פאַרשטיין, ווייל עס האָט געהייסן, אַז קינדער האָט מען לעצטנס נישט אַוועקגעשיקט. קינדער האָט דער דייטש געזאָלט אַרויסגעבן צוריק צום יידן־ראַט. עס זענען טאַקע געווען אַ סך אַזעלכע פאַלן, וואָס מען האָט איינגעהאַלטן די עלטערן און די קינדער האָט דער דייטש אַרויסגעגעבן. אין בריסל האָבן זיך געפונען עטלעכע היימען מיט אַזעלכע יידישע קינדער. עמעצער האָט מיר אָנגעוויזן אַזאַ משפחה, וואָס איז אַדורכגעגאַנגען אַזאַ פאַל און מען האָט די קינדער געפונען אין אַ קינדער־היים אין בריסל. איך בין אַוועק געוויער ווערן וועגן דעם פאַל, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז עס איז אמת. מען האָט מיר דאַן געראַטן, איך זאָל אַריינפאָרן קיין בריסל אין יידן־ראַט. דאָרט וועט מען מיך אַמבעסטן קענען אינפאָרמירן, צי מיינע קינדער געפינען זיך ערגעץ אין בעלגיע.

עס איז געווען אַ פאָר טעג פאַר יום־כפור, ווען איך בין אַריבערגעפאָרן קיין בריסל אין יידן־ראַט אַריין. ווי קאָמיש און שרעקלעך איז

דאָס לעבן. איך האָב געטראָפן די זעלבע טראַמען און צוג־באַדינער. איך האָב אין בריסל געטראָפן די זעלבע פּראָסטיטוטקעס, וועלכע איך האָב געזען מיט פּופּצן, צוואַנציק יאָר צוריק. זיי האָבן ווייטער אויסגעאיבט זייער פּראָפעסיע אין דער גאַס אַזוי ווי שטענדיק און עס האָט מיר אויס־געזען, אַז פאַר זיי איז די מלחמה נישט געווען קיין גרויסע געשעעניש, ווייל זיי זענען געבליבן אויף זייער אָרט אַזוי ווי אַלעמאָל. ווי שרעקלעך האָט מיר אַלץ אויסגעזען, ווען איך האָב אַלץ געטראָפן אין בריסל אַזוי ווי פריער. די געשעפטן, די הייזער, די באַוועגונג אין די גאַסן. די קאַ־פעס אומעטום איבערפולט מיט מענטשן אַזוי ווי פריער. דאָס איז דאָס שרעקלעכסטע, האָב איך מיר געטראַכט, די מלחמה. מיליאָנען מענטשן שטאַרבן אויף די שלאַכט־פעלדער און דורך אַנדערע מערדערייען, אין דער צייט וואָס אַנדערע האָבן דאָס גליק צו געניסן פון זייער לעבן און פילן נישט די שרעק פון דער מלחמה. דאָס האָט נאָך מער אַרויסגערופן ביי מיר מיין ווייטיק.

ווען איך בין אָנגעקומען פאַרן טויער פונעם יידן־ראַט אין בריסל, האָב איך דאָרט געטראָפן אַ שרעקלעך געדראַנג פון מענער און פרויען. מען האָט זיך געקריגט מיט די וועכטער (אויפפּאַסער), וואָס זענען גע־שטאַנען פאַרן טויער. איינער האָט געשריגן — וואָס איז דאָס פאַר אַן אָרדענונג, מען צאָלט נישט אויס קיין שטיצע, פון וואָנען זאָל איך לעבן? אַנדערע האָבן ווידער געשריגן, לאָזט מיך אַריין, איך וויל געוווּיער ווערן, ווו מיינע קינדער געפינען זיך, אָדער משפחות פון אויסבאַהאַלטענע קינדער. איך האָב אויך געהערט, אַז דער יידן־ראַט האָט געקענט פאַר פינף און צוואַנציק טויזנט פראַנק אַרויסנעמען מיינע קינדער פון די דייטשע הענט. אויב דאָס איז אמת, דאַן זענען אין יידן־ראַט געזעסן גרויסע פאַרברעכער, וואָס פאַרדינען געמשפּט צו ווערן. אַ פאַקט איז, אויב אַ בעלגיער האָט אַריינגעשיקט פאַר אַ ייד אַ פּעקל עסן אין דער קאַזאַרמע קיין מאַלין, האָט ער נאָך געמוזט פאַר יעדן פּעקל, וואָס האָט געקאָסט אַ סך געלט אין מלחמה־צייט, יעדעס מאָל באַצאָלן פאַר דער עקספּעדיציע צוואַנציק פראַנק.

איך האָב געזען, אַז איך וועל פאַר דעם טויער דאַרפן שטיין אַ גאַנצן טאָג. דאַן האָב איך זיך געווענדעט צו אַ וועכטער, אַז איך קום פון דער פרעמד און איך מוז נאָך היינט צוריקפאָרן און עס זענען נישט פאַראַן קיין סך צוגן. איך האָב דעם וועכטער דערקלערט, אַז איך בין נישט געקומען נאָך קיין שטיצע, נאָר זיך אינפאָרמירן וועגן מיינע קינדער. דער וועכטער האָט מיך דורכן טויער אַדורכגעלאָזט. אין דער הויף, איך געדענק נישט מער, צי אויפן ערשטן אָדער אויפן צווייטן שטאָק, האָב

איך געמוזט אַביסל וואַרטן, האָט מיך אויפגענומען אַ פרייליין, וואָס איז געווען אַמבעסטן אינפאָרמירט וועגן דעם ענין. דאָס איז געווען אַ ברו־נעטקע פון אַ יאָר עטלעכע צוואַנציק, וואָס האָט גערעדט פראַנצויזיש. זי האָט מיר דערקלערט, אַז זי ווייסט באַשטימט, אַז מיינע קינדער זענען מיטגעשיקט געוואָרן מיט דער מוטער. זי האָט מיר אויך דערקלערט, אַז זי האָט מיין פרוי פאַרן אַוועקפאָרן געזען מיט די קינדער און אַז דאָס קלענסטע קינד, דאָס הייסט, מיין טעכטערל איז געווען "ספּלענדיט", האָט זי מיר דערקלערט אין פראַנצויזיש, דאָס הייסט, אויסערגעוויינלעך שיין. איך בין פון יידן־ראַט אַוועק מיט אַ צעבראָכן האַרץ, נאָך אַזאַ מין דערקלערונג.

איך האָב אָבער מיין האָפענונג נאָך נישט אויפגעגעבן. איך בין נאָך אַ צווייט מאָל אַריבערגעפאָרן קיין בריסל זוכן מיינע קינדער. עס איז דעמאָלט געווען אַ שטאַרק רעגנדיקער טאָג. איך בין אַראָפּגעפאָרן קיין לאַאַקען זוכן די יידישע היים מיט די פאַרלאָזענע קינדער. נאָך אַ לאַנגן זוכן אין גאָס־רעגן, וואָס האָט מיך אינגאַנצן אַדורכגעווייקט, האָב איך געפונען די היים. איך האָב באַלד דערקענט אין דער אָפּגעלאָזנקייט פון דעם אויסזען פון דעם הויז אין דרויסן, אַז אינעווייניק מוז הערשן אַ גרויסע אָרעמקייט. איך האָב זיך טאַקע נישט טועה געווען. אַ יידישע פרוי פון אַ יאָר עטלעכע דרייסיק האָט מיר אויפגעמאַכט די טיר. זי האָט מיך געפרעגט וואָס איך פאַרלאַנג. איך האָב איר דערקלערט, אַז איך בין געקומען זען, צי מיינע קינדער געפינען זיך נישט אַמאָל דאָ. זי האָט מיך געפרעגט זייערע נעמען און מיר באַלד דערקלערט, אַז נישט. איך האָב עטלעכע קינדער געזען אין הויז. זיי האָבן אויסגעזען אַזוי ווי געפאַנגענע. די קעפּלעך אינגאַנצן אָפּגעשוירן. אין צעריסענע שיכלעך און זעקעלעך. איך בין דאַן צוריק אַרויס פון דער היים.

ווען איך בין שוין געווען אויף דער גאַס, האָב איך זיך באַטראַכט, פאַרוואָס האָב איך נישט געבעטן צו קענען זען אַלע קינדער, אפשר וועל איך דאָך מיינע קינדער געפינען צווישן זיי. איך האָב נאָך אַמאָל אָנגע־קלינגען. איך האָב דער פרוי געפרעגט, צי עס איז נישט מעגלעך, איך זאָל אַלע קינדער מעגן זען. זי האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס קען געטאָן ווערן נאָר מיט דער דערלויבעניש פון דער דירעקטאָרין, וועלכע איז איצט נישטאָ. די פרוי האָט אָבער דערקענט מיין ווייטיק, האָט זי מיר דערקלערט, אַז די קינדער גייען איצט עסן און וועלן זיצן אויסגעסדרט ביי די טישן. אויב איך וויל, קען איך זיי אַלע זען פונדערווייטנס דורך די שויבן פון די טירן. איך האָב אַזוי געטאָן. איך האָב אַדורכגעקוקט דורך די שויבן, אָבער מיינע קינדער האָב איך נישט געזען. מיין האַרץ

האָט מיר דעמאָלט אַזוי ווײ־געטאָן. איך האָב געהאַט בײַ מיר אין אַ קלײַן רענצל אַביסל פּרוכטן, האָב איך דער פרוי געבעטן, זי זאָל עס בײַ מיר צונעמען און עס אַוועקגעבן די קינדער. און אינדרויסן האָב איך זיך שטאַרק צעווײנט. איך בין אויך נאָך דעם זעלבן טאָג אַוועק אין אַ יידישער היים פון זויגלינגען, צי מײַן קלײַן טעכטערל געפינט זיך נישט אַמאָל דאָרט, אָבער אויך דאָרט האָט מען מיר דערקלערט, אַז אַזאַ קינד געפינט זיך נישט בײַ זיי.

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין קלוסטערהיידע, בין איך אין צווייטן טאָג אַוועק צו דער "ווייסער בריגאַדע" און אָנגעגעבן אַן אָנקלאַגע קעגן דער אלמנה סאַנדערס און דער אלמנה בראַבאַנטס. איך האָב אויך קעגן די צוויי פּערזאָנען אָנגעגעבן אַן אָנקלאַגע בײַ דער פּאָליצײ פון ליער. איך האָב פאַרלאַנגט, מען זאָל די פּערזאָנען אַרעסטירן, אָבער דאָס האָט די "ווייסע בריגאַדע" נישט געטאָן און אויך נישט די פּאָליצײ, טראָץ דעם, וואָס מען האָט מענטשן אַרעסטירט פאַר קלענערע חטאים. איך בין דאָן אין אַ נאָכמיטאָג אַוועק צום בירגערמייסטער פון ליער און פאַר־לאַנגט זײַן אינטערווענץ, מען זאָל די אלמנות סאַנדערס און בראַבאַנטס אַרעסטירן. אָבער אויך נאָך מײַן אינטערווענץ בײַם בירגערמייסטער איז נישט געקומען דערצו. איך בין געווען שרעקלעך פאַרביטערט. איך בין דאָן ווידער אַוועק צום שכעפן אייזנמאַן — אַן אַדוואָקאַט, וואָס איז גע־ווען, אַזוי צו זאָגן, וויצע־בירגערמייסטער. איך האָב זיך בײַ אים צע־ווײנט. ער האָט מיך געטרייסט און מיר צוגעזאָגט זײַן אינטערווענץ בײַם בירגערמייסטער וועגן דעם ענין. אָבער אויך נאָך מײַן באַזוך בײַ שכעפן אייזנמאַן זענען די אלמנה סאַנדערס און די אלמנה בראַבאַנטס שטענדיק געבליבן אויף דער פרײַ.

מײַן ערשטע אָנקלאַגע בײַ דער "ווייסער בריגאַדע", האָט מען מיט־געטיילט, איז פאַרלוירן געגאַנגען. איך בין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער אַוועק קיין מאַלין צום קריגס־אוידיטער און געוואָלט וויסן, וואָס עס איז די סיבה, פאַרוואָס עס ווערט נישט געגעבן קיין לויף מײַנע אָנקלאַגעס קעגן די סאַנדערס און די בראַבאַנטס. איך האָב פאַרלאַנגט אויפגענומען צו ווערן דורכן קריגס־אוידיטער, אָבער איך בין אויפגענומען געוואָרן דורך עפּעס אַ גרעפיע, אַ מענטש מיט וואָנסעס, וואָס האָט זיך קאַלט באַצויגן צו מײַנע ווערטער. נאָך מײַן גאַנצער דערקלערונג האָט ער צו מיר געזאָגט, אַז איך זאָל וועגן דעם שרײַבן אַ בריוו צום קריגס־אוידיטער, אָבער איך האָב אַזאַ רעאַגירונג פאַראויסגעזען און איך האָב בײַ מיר אין דער טאַש געהאַט צוגעגרייט אַזאַ בריוו. איך האָב דעם גרעפיע דערלאַנגט מײַן בריוו. אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך גערופן געוואָרן אין קריגס־

גערינגט קיין מאַליז. איך האָב געמוזט אונטער אַ שבועה באַפּעסטיקן מיין אָנקלאָגע קעגן די סאַנדערס און די בראַבאַנטס. אָבער אויך נאָך מיין שבועה אין קריגס־געריכט, זענען די סאַנדערס און די בראַבאַנטס ווייטער געבליבן אויף דער פריי.

אַ פּאָר טעג נאָך מיין קומען פון קלוסטערהיידע, האָב איך אויך נישט פאַרגעסן מיין ערשטן ווילטעטער, די פאַמיליע וואַטערס. איך בין ביי די וואַטערס זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן. די פרוי וואַטערס האָט מיר כסדר געהאָלפן מיט אַ שטיקל פּוטער, וואָס איז דעמאָלט פאַר קיין געלט אין ערגעץ נישט געווען צו באַקומען. איך פלעג אויך אַ סך מאָל פון די וואַטערס באַקומען אַ ברויט, וואָס זיי פלעגן באַקן פאַר זיך.

איך האָב איינמאָל דערציילט פאַר די וואַטערס מיין ענין מיט באַסשכאַערטסן און אַז ער באַזיצט נאָך פון מיר אַ באַוויז אויף פינף טויזנט פראַנק. די גאַנצע פאַמיליע וואַטערס האָט געהערט צו דער "ווייסער בריגאַדע". עטלעכע טעג שפּעטער אין אַ זונטיק, דעם ערשטן זונטיק נאָך מיין צוריקקומען פון קלוסטערהיידע, איז אַן אויטאָ פון דער "ווייסער בריגאַדע" מיט פיר מענער באַוואָפנט מיט ביקסן און רעוואָלווערן מיך געקומען אָפּזוכן ביי די פאַלקס.

איך בין מיט די "ווייסע בריגאַדע"־מענער אין אויטאָ מיטגעפאָרן קיין קלוסטערהיידע צו באַסשכאַערטסן. דער פירער פון די "ווייסע בריגאַדע"־מענער איז געווען אַ געוויסער הער דע־ברוין. ער האָט מיך געפרעגט, צי עס איז אמת, אַז באַסשכאַערטס האָט מיך געשלאָגן. און ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז יאָ, האָט ער אויסגערופן צו די איבעריקע "ווייסע בריגאַדע"־חברים — דער באַסשכאַערטס מוז פון יעדן איינעם פון אונז באַקומען פיר פּעטש. איך האָב דאַן געבעטן ביי דעם הער דע־ברוין, ער זאָל באַסשכאַערטסן נישט שלאָגן, איך וויל עס נישט האָבן, האָב איך אים דערקלערט, ער האָט אַ פרוי און אַ קינד, און איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז זיין קינד זאָל זען, ווי מען שלאָגט זיין פאָטער. דער הער דע־ברוין האָט מיר דאַן צוגעזאָגט באַסשכאַערטסן נישט צו שלאָגן. ווען דער אויטאָ איז צוגעפאָרן פאַרן הויז פון באַסשכאַערטסן, איז געוואָרן אַן אָנגעלויף אין דאָרף. דער הער דע־ברוין מיט נאָך צוויי פון דער "ווייסער בריגאַדע" זענען אַריין צו באַסשכאַערטסן מיט די רעוואָלווערן אין די הענט. און איינער איז אין דרויסן פון פאָרנט פאַרן הויז געבליבן האַלטן וואַך מיט אַ ביקס אין די הענט. נאָך אַביסל צייט איז דער הער דע־ברוין אַרויסגעקומען, און מיר געבערענגט מיין באַוויז אויף די פינף טויזנט פראַנק. דער הער דע־ברוין האָט מיך דאַן אַרויס־

גערופן פון אויטאָ, איך זאָל מיט אים מיטגיין צו באַסשכאַערטסן, בכן באַסשכאַערטס זאָגט, אַז איך בין ביי אים זייער גוט באַהאַנדלט געוואָרן, אַז איך האָב יעדן טאָג ביי אים באַקומען פלייש און אַז איך בין דורך דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן פון אים נישט אַוועקגעגאַנגען. איך האָב נאַטירלעך געזאָגט, אַז דאָס איז אַ ליגן, אַז דורך דער גאַנצער צייט וואָס איך בין ביי אים געווען, האָב איך אייני־מאָל אינגאַנצן באַקומען אַ שטיקל פלייש. און דאָס וואָס ער זאָגט, האָט איך דערקלערט, אַז איך בין קיינמאָל פון אים נישט אַוועק געווען, קען מען גיין פרעגן ביים פויער וואַן רומפּיי. באַסשכאַערטס האָט נאַטירלעך נישט געהאַט קיין אַנדערע עצה, ווי מיטצוגיין צום פויער וואַן רומפּיי.

דער פויער וואַן רומפּיי האָט באַשטעטיקט דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט, אַז איך בין ביי אים געלעגן כמעט אַ גאַנצן חודש אויפן פערד־שטאַל. באַסשכאַערטס איז געוואָרן בלאַס. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל איצט זאָגן. די מענער פון דער "ווייסער בריגאַדע" זענען גע־ווען שרעקלעך אויפגערעגט, אָבער באַסשכאַערטסן האָבן זיי נישט גע־שלאָגן. אַזוי האָט זיך דורך דער הילף פון די וואַטערס דערווייל אינגאַנצן געענדיקט מיין אַוואַנטורע מיט באַסשכאַערטסן, ווייל די "ווייסע ברי־גאַדע" און די פּאָליציי האָבן געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל קעגן באַסשכאַערטסן.

— און וואָס דערפון וועט אַרויסקומען, האָב איך נישט געוווּסט.

# דרייצנטער קאַפּיטל

דינסטיק דעם 23־טן יאַנואַר 1945.

איך האָב מיר היינט פאַרגענומען עפּעס צו שרייבן ווייטער פון מיינע דערינערונגען. אָבער איין גאָט ווייס, איך בין אַזוי אומגעדולדיק און נערוועאיש, אַז איך קען אַ סך מאָל מיין אייגענע האַנטשריפט נישט לייענען. עס איז איצט האַלב דריי נאָכמיטאָג.

דער אויוון איז אויסגעגאַנגען און עס איז קאַלט אין שטוב, ווייל מען באַקומט נישט קיין קוילן. עס איז נאָך איצט אונטערן ענגלענדער ערגער געוואָרן מיט הייצונג, ווי אונטער דער דייטשער באַזעצונג. איך האָב אויפגעדרייט דעם ראַדיאָ און בריסל האָט געגעבן אַ פאָרטראַג איבער בעעטהאָווענס, דוכט מיר, דריטער סאָנאַטע. די מוזיק האָט אַזוי אויף מיר געווירקט, אַז איך האָב באַשלאָסן זיך אַוועקזעצן ביים טיש, אַפילו אין דער קעלט, און עפּעס שרייבן.

נעכטן האָב איך געהאַט אַ שרעקלעכן חלום. עס האָט זיך מיר גע־חלומט, אַז איך זע מיין גרעסער יינגעלע אין דער עלטער פון פיר יאָר. איך בין צו אים צוגעלאָפן אויסשטרעקנדיק מיינע הענט און געררופן — דוד, דודל — דערקענסט נישט מער דיין פאָטער, דיין פּאַפּאַ? איך האָב אים געזען אַרויפגיין אויף עפּעס טרעפּן. איך האָב אים אַזוי דייט־לעך געזען אין די זעלבע קליידער, ווי ער האָט געטראָגן אין דער עלטער פון פיר יאָר. איך האָב אים געוואָלט אַרומנעמען, אָבער ער איז מיר פון מיינע הענט פאַרשוווּנדן און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שרעקלעך געשריי און געיאָמער.

איידער איך זעץ ווייטער פאָר דאָס שרייבן מיינע דערינערונגען, וויל איך דערמאָנען, אַז די באַאַמטע פון ליערער שטאָט־הויז האָבן זיך די גאַנצע צייט פון דער מלחמה זייער גוט באַצויגן צו מיר. איבערהויפּט דער באַאַמטער פינגערהוטס און דער סעקרעטאַר פון שטאָט־הויז — שלאָטס. ווען איך בין צוריקגעקומען פון קלוסטערהיידע, האָט מיר הער ראָטהאָף געגעבן אַ טאָפּלטע ראַציע־קאַרטע. אין דעם האָט מיר אויך גע־

האָלפן פרייליין וויטפּראַו, דאָס וואָס איז לויטן געזעץ שטרענג פאַר־באָטן. אַזוי איז אויך געווען מיט דעם פּאָליציי־אינספּעקטאָר, דער דעפּרע און דער אונטער־קאָמיסאַר — הער וואַן־בעעמד. די אַלע מענטשן האָבן מיט אַלע מיטלען מיר געזוכט צו העלפן און צו טרייסטן מיט אַלעם מעגלעכן. אָבער וואָס האָט דאָס אַלץ מיר געקענט העלפן. עס האָט מיך נישט אינטערעסירט גאָרנישט, נישט קיין געלט, נישט קיין רייכטום. מיין בענקשאַפט נאָך מיין פרוי און קינדער איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ שטאַרקע דעפּרעסיע־שטימונג — אין מרה־שחורה. איך האָב מיר אין ערגעץ קיין אָרט נישט געקענט גע־פינען און האָב אויך קיין געדולד נישט געהאַט צום שרייבן. נאָר די מוזיק פון אַ בעטהאָווען האָט מיך געקענט אויף אַביסל צייט דער־האַלטן ביים טיש.

נאָך עטלעכע טעג ווי דער ענגלענדער האָט געהאַט באַזעצט בעל־גיע האָבן די בעלגישע צייטונגען געשריבן, אַז מען וועט באַקומען מער ברויט, פּוטער, פלייש, קוילן. די מענטשן האָבן זיך עס אַליין נישט געגלויבט, אַז מען זאָל דאָס אַלץ גיין באַקומען. אָבער דערווייל האָט מען ווייטער באַקומען דאָס שלעכטע שוואַרצע ברויט אַזוי ווי בעת דער דייטשער באַזעצונג. פּוטער האָט מען איבערהויפּט נישט באַקומען. פלייש — דאָס זעלבע. מיט קוילן איז אויך אַזוי געווען. אין דער זעלבער צייט האָבן די ענגלישע זעלנער געגעסן ווייס ברויט, פּוטער, סאַרדין, קאַווע. דאָס האָבן זיי אַלץ געהאַט אין איבערפלוס. איך האָב מיט מיין קראַנקן מאָגן שלעכט געקענט פאַרטראָגן דאָס שוואַרצע בעקער־ברויט, און שטענדיק גיין בעטן ביי די וואַטערס אַ ברויט, האָב איך אויך נישט גע־וואָלט, ווידער קויפן אַ ווייס ברויט אין שמוגל האָט געקאָסט פּופציק פראַנק. איך בין דאַן געפאַלן אויף אַן אַנדערן פּלאַן. איך בין אַוועק צו די סטאַציאָנירטע ענגלישע זעלנער און געבעטן זיי זאָלן מיר פאַרקויפן אַ ברויט, בכן איך באַזיץ אַ קראַנקן מאָגן. דאָס ערשטע מאָל האָב איך געטראָפן אַן ענגלישן סערזשאַנט אין טענט (פּאַלאַטקע), וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט אַמוניציע. דער סערזשאַנט האָט מיך געלאָזט אַביסל וואַרטן אין זיין טענט, דאָס וואָס ביים דייטש וואָלט זיכער אַזאַ זאַך נישט מעגלעך געווען. אַ ציוויל אַליין צו לאָזן אין טענט פול מיט אַמוניציע אין צייט פון קריג. נאָך אַביסל צייט וואַרטן איז דער סערזשאַנט צוריק־געקומען מיט אַ ברויט אונטערן אָרעם. אָבער קיין געלט האָט ער נישט געוואָלט נעמען. צוויי טעג שפּעטער בין איך ווידער אַוועק צו דעם סערזשאַנט, אָבער איך האָב אים נישט געקענט געפינען. איך האָב דאַן פון אַן אַנדערן סערזשאַנט באַקומען אַ האַלב ברויט. אַ דריט מאָל,

ווען איך בין ווידער אַוועק נאָך ברויט, האָב איך קיין ברויט מער נישט באַקומען. זיי האָבן געזען, אַז איך מאַך צופיל געברויך און זיי ווען פון מיר נישט פּטור ווערן. טראָץ דעם וואָס איך האָב דאָס ברויט נישט פאַרלאַנגט פאַר בחינם און איך האָב געוווּסט, אַז די זעלנער פאַרקויפן פון אַלעם. אָבער ביי מיר האָבן זיי קיין געלט נישט געוואָלט נעמען. עס איז מיר דאַן מיאוס געוואָרן שטענדיק צו גיין בעטלען. אָבער דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל האָבן עסן גענוג.

איך בין איינמאָל אַריינגעפאָרן קיין אַנטווערפּן. דאָרט האָבן די מענטשן זיך דעמאָלט געמוזט אַוועקשטעלן יעדן טאָג אין אַ ריי נאָך ברויט. איך האָב ביי מיר געהאַט אַ האַלב ברויט אין מיין רענצל. אויף דער גאַס האָב איך געטראָפן אַ באַקאַנטן אַנטווערפּענער גראָסיסט פון באַנגעטערי. ער האָט מיר דערציילט די געשיכטע מיט דעם אַוועקשטעלן זיך נאָך ברויט און דאַן גייט מען נאָך אַ סך מאָל אַוועק מיט גאָרנישט. דער גראָסיסט האָט זיך אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע אויסבאַהאַלטן אין דרום־פראַנקרייך און ער איז נאָך נישט לאַנג געהאַט צוריקגעקומען פון פראַנקרייך. ער האָט געהאַט דאָס גליק זיך צו קענען אויסבאַהאַלטן מיט זיין פרוי און זיין עלף־יעריק יינגל. איך האָב אים דאַן אַוועקגעגעבן דאָס האַלבע ברויט, וואָס איך האָב ביי מיר געהאַט.

אין דער זעלבער צייט האָט דער דייטש אָנגעהויבן צו שיקן פליענ־דיקע באָמבעס אויף אַנטווערפּן. אַ סך איינוווינער האָבן אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. דער גראָסיסט האָט מיך געפרעגט, צי עס וואָלט נישט געווען קיין מעגלעכקייט ער זאָל אַרויסקומען ווינען מיט זיין פרוי און קינד אויף אַביסל צייט צו מיר קיין ליער. איך האָב אים געזאָגט, אַז יאָ. טראָץ דעם וואָס איך האָב אויף מיין צושטימונג באַלד חרטה געהאַט, ווייל איך האָב מורא געהאַט, אַז ער וועט מיך שוין די גאַנצע צייט פון דער מלחמה נישט ווענען אָפּטרעטן. און ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויס־געוויזן, האָב איך טאַקע קיין טעות נישט געהאַט אין מיין רעכענונג.

עטלעכע טעג שפּעטער איז דער גראָסיסט אַרויסגעקומען צו מיר קיין ליער מיט זיין פרוי און קינד. קעגנאיבער מיר האָבן דעמאָלט גע־לאַגערט קאַנאַדישע זעלנער, וואָס האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו פאַ־רינכטן צעבראָכענע אויטאָס. זיי האָבן געלאַגערט אין אַ מאַרגאַרין־פאַב־ריק. זיי האָבן דאָרט אויך געהאַט זייער קיך. דאָס יינגל פון דעם גראָ־סיסט פלעגט אַ סך מאָל אַריבערלויפן צו די ענגלישע זעלנער, ביז ער האָט זיך אויך אַריינגעכאַפּט אין דער ענגלישער קיך. דער געהילף פון דעם קוכער האָט געקענט פליסנד רעדן דייטש. ער איז געווען אַ זון פון עסטרייכישע עלטערן, וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט קיין קאַנאַדע.

דער געהילף־קוכער מיטן נאָמען עריק איז געווען געבוירן אין קאַנאַדע, אָבער זיינע עלטערן האָבן צווישן זיך שטענדיק גערעדט דייטש. אַזוי אַרום האָט ער אויך גוט געקענט די דייטשע שפּראַך.

די מוטער פון דעם גראָסיסטס יינגל איז אויך געווען געבוירן אין דייטשלאַנד, זי האָט זיך אויך שטענדיק באַנוצט מיט דער דייטשער שפּראַך און האָט אויך מיט איר יינגל שטענדיק גערעדט דייטש. טראָץ דעם, וואָס דער פאָטער, דער גראָסיסט, האָט נישט אַנדערש גערעדט נאָר יידיש, האָט דאָך דאָס יינגל קיין יידיש וואָרט נישט געקענט, נאָר דייטש. ווען דער קוכער־געהילף האָט געהאַט די געלעגנהייט זיך מיט עמעצן אַדורכצורעדן אין דייטש, איז ער געווען זייער צופרידן. ער פלעגט שטענדיק געבן דעם יינגל אין דער קיך צו עסן, אַזוי אַז דאָס יינגל פלעגט ביי דעם קוכער־געהילף אָוועקבלייבן גאַנצע טעג. ער האָט אַזוי ווייט געברענגט, אַז ער האָט דעם קוכער־געהילף אַריינגעברענגט צו מיר אין הויז. דעם ערשטן אָוונט, וואָס דער קוכער איז צו מיר אַריינ־געקומען, האָט ער מיטגעברענגט צוויי שטיקער זייף, אַ ווייס ברויט, אַ שאַכטל סאַרדין האָט ער פריער דעם זעלבן פאַרמיטאָג געהאַט מיט־געגעבן מיטן יינגל. דער קוכער־געהילף האָט פאַר דעם זייף מיטן ברויט קיין געלט נישט פאַרלאַנגט, אָבער איך בשותפות מיטן גראָסיסט האָבן אים דערפאַר באַצאָלט. מיר האָבן אים דאַן געפרעגט, צי עס איז נישט מעגלעך ביי אים פאַר געלט צו באַקומען מער פאַרשידענע אַרטיקלען. — יאָ, האָט ער געענטפערט, אַזויפיל וויפיל איר ווילט, איך בין גע־ווינט צו פאַרקויפן. אַזוי האָב איך געטאָן ווען איך בין געווען אין ענג־לאַנד, אַזוי האָב איך אויך געטאָן אומעטום, ווו איך בין געווען אין בעלגיע.

צומאָרגנס ביינאַכט איז דער קוכער־געהילף געקומען מיט אַ פולן זאַק פון פאַרשידענע פּראָדוקטן: פלייש, זייף, סאַרדין, קעז, פּוטער, רייז. מיר האָבן אויך אָנגעהויבן צו קויפן פון אַנדערע זעלנער ציגאַרעטן, שאָ־קאָלאַד, קאָלדרעס. איצט האָט מען געדאַרפט קענען די סחורה פאַרקויפן. אין ליער האָב איך מיר מיין נאָמען נישט געוואָלט פאַרשמוצן. איך בין דאַן מיטן גראָסיסט אַריבערגעפאָרן קיין אַנטווערפּן, אָבער דאָרט האָבן מיר קיין סך בעלנים אויף אונזער סחורה נישט געפונען. עס איז פונקט דעמאָלט געווען, ווען דער פינאַנץ־מיניסטער אין בעלגיע האָט אַריינגעצויגן דאָס גאַנצע געלט, וואָס איז געווען אין אומלויף אין לאַנד. און יעדער איינער האָט נישט מער באַקומען ווי צוויי טויזנט פראַנק, אַזוי אַז די מערסטע מענטשן האָבן איצט נישט געהאַט קיין געלט, אויסער די וואָס האָבן געפירט געלט־געשעפטן מיט ענגלישע זעלנער אויף דער שוואַרצער בערזע. דאָס ענגלישע מיליטער האָט געקענט אויסטוישן אַלט

בעלגיש געלט אומבאַגרענעצט. דאָס ענגלישע מיליטער, וואָס האָט סטאַ־ציאָנירט אין האָלאַנד, האָט אויך געקענט טוישן גולדנס אויף בעלגיש געלט אומבאַגרענעצט. אַ סך יידן און בעלגיער האָבן זיך געכאַפּט אויף דעם טריק און האָבן געמאַכט גוטע געשעפטן מיטן ענגלישן מיליטער. די מענטשן האָבן פאַרדינט אַ סך געלט און דער שטאַט האָט איבער זיי קיין קאָנטראָל נישט געקענט האָבן. אַזעלכע מענטשן האָב איך אַ סך נישט געקענט אין אַנטווערפּן. מיין גראַסיסט האָט זיי יאָ געקענט, אָבער ער איז געווען צו שטאָלץ זיי פאַרצושלאָגן עפּעס צו פאַרקויפן. אַזוי אַז מיר האָבן געמוזט אָנקומען מיט אונזער סחורה צו אַ דריטער האַנט. אַזוי גערענק איך, איז געשען דאָס ערשטע מאָל ווען מיר זענען אַריינ־געפאָרן מיט אונזער סחורה קיין אַנטווערפּן און מיר האָבן זי נישט גע־קענט פאַרקויפן. דאַן איז דער גראַסיסט אַוועק צו זיין שוואָגער, וואָס האָט זיך אויך געהאַט אויסבאַהאַלטן פאַרן דייטש אין דרום־פראַנקרייך. ער האָט אונזער סחורה אָפּגעקויפט, אָבער אין אונזער קעגנוואַרט האָט ער גענומען פאַר אַ שאַכטל קעז צוויי הונדערט פראַנק, אונז האָט ער נישט געוואָלט מער געבן ווי הונדערט דרייסיק פראַנק. מיט הוצאות האָט אונז אַליין אויסגעמאַכט אַזאַ שאַכטל קעז אַכציק פראַנק. האָבן מיר ביידע פאַרדינט נאָר פופציק פראַנק און ער אַליין האָט פאַרדינט זיבציק פראַנק. אַזוי אַז נאָך אונזער גאַנצן פאַרקויף האָבן מיר צוויי ווינציקער געהאַט פאַרדינסט אין אונזער סחורה, ווי דעם גראַסיסטס שוואָגער אַליין. מיר האָט אַפילו, וואָס אַן אמת, אַזאַ האַנדל נישט געפעלן. איך בין גע־ווען אויפגערעגט אויפן גראַסיסט, וואָס פון אונזער טאַראַראַם בלייבט אונז גאָרנישט און דער קאַנאַדער מיינט, אַז גאָט ווייס וויפיל מיר פאַרדינען.

איך האָב געהאַט שטאַרק פאַרדרוס, וואָס איך האָב דעם גראַסיסט צו מיר אַריינגענומען. זיין פרוי האָט כמעט קיינמאָל די שטוב נישט אויפגערוימט. זי האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן איבער מיר צו שפּילן ווי אַ בעל־הביתטע. דאָס הויז האָט אָנגעהויבן אויסצוזען שמוציק, דאָס וואָס איך בין ביי מיין פרוי נישט געווען געוווינט. דעם גראַסיסטס פרוי האָט איבערהויפּט נישט ליב געהאַט צו אַרבעטן. זי איז געווען געוווינט צו האָבן משרתים. אין אַ געשפּרעך אַמאָל מיטן גראַסיסט וועגן זיין פרוי, האָט ער מיר דערקלערט, דאָס ער ווייס, אַז זיין פרוי טויג צו גאָרנישט, אַז זי פלעגט אים מיט איר פירונג אַ סך מאָל פאַרטרייבן די קונים פונעם געשעפט.

ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז זיין פרוי האָט נישט ביי אים קיין גליקלעך לעבן. ער האָט מיט איר נישט חתונה געהאַט פון ליבע, נאָר

גלאַט אַזוי, ער זאָל נישט זיין אַליין אויף דער וועלט. דער גראָסיסט איז געווען צוואַנציק יאָר עלטער פון זיין איצטיקער פרוי. זיין ערשטע פרוי — האָט ער מיר געזאָגט — האָט ער שטאַרק ליב געהאַט. נאָך דער חתונה איז ער מיט זיין ערשטער פרוי אַוועק קיין דרום־אַמעריקע. ער האָט דאָרט פאַרדינט אַ סך געלט אין האַנדל. זיין פרוי האָט געוואָלט האָבן אַ קינד, וואָס עס איז נישט מעגלעך געווען אָן אַן אָפּעראַציע. אָבער זי איז בשעת דער אָפּעראַציע געשטאָרבן. ער האָט מיר געוויזן אַ בילד פון זיין ערשטער פרוי, ווי זי ליגט אויפן קראַנקן־בעט נאָך דער אָפּעראַציע און אַ בילד פון איר קבר. נאָך זיין ערשטער פרויס טויט איז ער געפאָרן קיין איראָפּע קויפן פאַרשידענע סחורות. אין אַנט־ווערפּן האָט ער קענען געלערנט זיין צווייטע (איצטיקע) פרוי. זי אָבער האָט — פונקט פאַרקערט ווי די ערשטע — קיין קינדער נישט געוואָלט האָבן. זי האָט גורם געווען דורך אירע מיטלען, וואָס זי פלעגט צוליב דעם נעמען, אַז זי האָט געמוזט אַדורכמאַכן אַן אָפּעראַציע פון אויס־שניידן די געבער־מוטער. אַזוי אַז נישט ער פילט עפּעס צו זיין פרוי — האָט ער מיר דערקלערט — און אויך דאָס זעלבע איז פון איר זייט. ער גייט כמעט קיינמאָל מיט זיין פרוי אין ערגעץ נישט אַרויס, צוליב וואָס זי פילט זיך זייער נידערגעשלאָגן און נערוועאיש. דער גראָסיסט האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אין זיין לעבן שוין אַ סך מיטגעמאַכט, אַז אין דער מלחמה פון 1914, איז ער נישט ווינציקער און נישט מער געווען פאַראורטיילט, ווי צו הונדערט יאָר געפענגעניש. אַז דער אָפיציר, וואָס האָט אים דאָס לעצטע מאָל פאַראורטיילט, האָט צו אים געזאָגט — אויב דו ווילסט אָפּזיצן דיינע אַלע שטראָפן, דאַרפסטו לעבן צוויי הונ־דערט יאָר.

# פערצנטער קאַפּיטל

מיין איינציקער געדאַנק איז איצט געווען פּטור צו ווערן פון דעם גראָסיסט, ווייל איך בין נישט מער געווען פריי.

נאָך איין זאַך האָט מיך אויף אים פאַרדראָסן. דער גראָסיסט האָט אין זיין וווינונג אין אַנטווערפּן געהאַט ליגן נאָך אַ סך קוילן און וויפיל איך האָב אים נישט געבעטן אַביסל קוילן מיטצוברענגען, האָט ער זייער ווייניק אַכט געלייגט אויף מיין פאַרלאַנג. אַז ער האָט מיטגעברענגט אַמאָל צען קילאָ קוילן, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט מיטגעברענגט פופציק. טראָץ דעם וואָס זיין פרוי האָט אַ גאַנצן טאָג געברענט דעם אויוון. נאָך אַ זאַך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער גראָסיסט איז אַן עכטער גאַליציאַנער, נישט ווייל ער איז געווען טאַקע פון גאַליציע, נאָר זיין כאַראַקטער איז געווען אַזוי. ווען ער איז צו מיר געקומען ווינען, האָט ער מיטגעברענגט אַ פלעשל אייל פון אַ האַלבן ליטער, וואָס עס האָט שוין דערפון באַלד אַ פערטל געפעלט.

איך פלעג פאַר אים באַקן "פּיטאַטאָ פּריט", אַזוי הייסט עס אויף פלעמיש. דאָס מין פּיטאַטאָ פּריט פאָדערט אַ סך אייל אָדער פעטס. יעדן טאָג האָט ער געדאַרפט פעטס צו זיין מיטאָג, אָבער זיין פלעשל אייל האָט ער געוואָלט, זאָל בלייבן גאַנץ. אַ צווייט מאָל האָט ער איינגעלאַדנט דעם קוכער־שעף אויף פּיטאַטאָ־פּריט. דער גראָסיסט איז פּונקט דעם אָונט געבליבן שלאָפן אין אַנטווערפּן. דער קוכער־שעף איז געקומען מיט נאָך אַ חבר. איך האָב זייביידע אויפגענומען מיט פּיטאַטאָ־פּריט. איך האָב זיי אויך דערלאַנגט ברויט מיט פּוטער. אַזוי ווי איך האָב דעמאָלט פּונקט נישט געהאַט קיין סך פּוטער, האָב איך זיי געגעבן צו עסן פונעם גראָסיסטס פּוטער. שפּעטער האָט ער מיך באַרעדט ביי אַ פלעמישן שכן, אַז איך נוץ אויס זיין אייל און איך עס אים אויף זיין פּוטער. און דאָס איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט נאָך באַזיצט צוויי ברילאַנטענע רינגען פאַר אַ האַלבן מיליאָן פראַנק, אויסער נאָך געלט און פרעמדע וואַלוטע און איך האָב גאָרנישט פאַרמאָגט.

דאַן האָט ער ווידער אָנגעהויבן וואַרפן אַ חשד ביי דעם פלעמישן

שכן, אַז איך קויף ביים קוכער אונטער זיין וויסן סחורה, דאָס וואָס עס איז אין דערווירקלעכקייט נישט אמת געווען. אין דער זעלבער צייט, בין איך געווויער געוואָרן, פאַרט ער יעדן טאָג קיין אַנטווערפּן און מאַכט דאָרט געלט־געשעפטן מיט ענגלישע זעלנער און פאַרדינט יעדן טאָג אַ פּאָר טויזנט פראַנק. דער מענטש האָט מיך געעקלט. אַז ער פלעגט פאָרן קיין אַנטווערפּן מיט אַביסל סחורה, איז שטענדיק פון פאַרדינסט געוואָרן אַש. טראָץ דעם, וואָס ער איז יעדן טאָג געפאָרן קיין אַנטווערפּן צוליב זיינע געשעפטן, אָבער דעמאָלט ווען ער האָט מיטגענומען אַביסל סחורה, האָט ער נישט פאַרגעסן אַראָפּצורעכענען פאַר די הוצאות קיין אַנטווערפּן.

אָבער פלוצלינג איז געשען אַ זאַך, וואָס האָט מיך פונעם גראָסיסט מיט זיין ווייב באַלד באַפרייט. פון די פליענדיקע באָמבעס וואָס דער דייטש האָט געשיקט אויף אַנטווערפּן, האָבן אויך אייניקע אָנגעהויבן צו פאַלן אין ליער. די ערשטע פליענדיקע באָמבע איז געפאַלן אין אַ פּרייטיק אינדערפרי אויף אַ פעלד הינטער אַ באַן־ליניע נישט ווייט פון מיר. די צווייטע פליענדיקע באָמבע איז געפאַלן זונטיק נאָכמיטאָג, אַ צוויי הונדערט מעטער פון מיין הויז אין מיין גאַס. דאָס איז געווען פונקט צוויי וואָכן נאָך דעם ווי דער גראָסיסט איז געקומען וווינען ביי מיר. איך האָב מיך אין דעם מאָמענט ווען די באָמבע איז געפאַלן, געפונען אין מיין הויז. איך האָב מיט איינמאָל געהערט אַ שרעקלעכן קנאַל, און פון אַלע זייטן זענען געפאַלן די שויבן פון די פענצטער און עס האָט זיך געהערט דאָס ברעכן פון גלאָז. איך האָב מיך אומגעקוקט, האָב איך געזען, אַז דאָרט ווו די באָמבע איז געפאַלן האָט אויסגעזען ווי נאַכט, אַ שוואַרצער רויך־וואָלקן האָט זיך דערהויבן ביזן הימל. אין דער גאַס איז געוואָרן אַ געלויף, אַ גערעמער, אַ געוויין. פרויען, מענער מיט קליינע קינדער אויף די הענט זענען געלאָפן ווי ווילד פאַר שרעק. אַ סך מיט צעבלוטיקטע קעפּ. גאַנצע הייזער זענען איינגעפאַלן און פאַרשיט די מענטשן, וועלכע האָבן זיך אינעווייניק געפונען.

מיין גראָסיסטס פרוי האָט נאָך דער געשעעניש קיין פינף מינוט נישט גערעדט. אין דער גרעסטער בהלה האָט זי געכאַפּט איר ייִנגל און איז אַנטלאָפן קיין בריסל. זי האָט זיך אפילו מיט מיר אָדער מיט איר מאַן נישט געזעגנט, זי איז אַוועק אָן אַ וואָרט צו זאָגן. אַזוי אַרום בין איך קודם כל פטור געוואָרן פונעם גראָסיסטס ווייב. דער גראָסיסט האָט אָבער נישט געוואָלט מיך אָפּטרעטן. ער איז איצט ווייטער געבליבן ביי מיר, נישט ווייל ער האָט ביי זיין ווייב נישט געוואָלט זיין, ניין, אים

איז געווען אַ שאָד ער זאָל מיך אַליין איבערלאָזן צו פירן דאָס געשעפט מיטן קוכער.

אָבער דער קוכער־געהילף האָט שוין איצט כמעט מער קיין סחורה נישט געברענגט. איך ווייס נישט, וואָס עס איז געווען די סיבה, צי זיי האָבן נישט געהאַט מער אַזוי פיל צו פאַרקויפן, אָדער האָבן זיי אויך פאַרקויפט צו אַנדערע. איך מיין, אַז מיין צווייטע השערה איז געווען די ריכטיקע, ווייל איך פלעג אַריינקומען צום קוכער־שעף אַליין און מיט אים רעדן. אָבער נאָך מיין גאַנצן רעדן פלעג איך איצט זייער שווער נאָך באַקומען עפּעס. דער קוכער־געהילף האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו אונז צו קומען. איך מיין, אַז די סיבה איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געזאָלט האָבן אַ וואָרט־אויסטויש מיטן קוכער־שעף.

דער גראָסיסט ווידער האָט מיך חושד געווען, אַז איך מאַך געשעפטן מיטן קוכער אין זיין אָפּוועזנהייט וואָס עס איז נישט געווען אמת. ער האָט מיך באַרעדט פאַר אַ פּלעמישן שכן, אַזוי געמיין איז ער געווען, אין דער צייט ווען ער האָט געוווסט, אַז דאָס האָט געקאָנט מיטברענגען אַ געפאַר, אַזוי גוט פאַר מיר, ווי פאַר אים. איך געדענק, דאָס איינמאָל, נאָך אַ לאַנגען רעדן מיטן קוכער־שעף, האָט ער מיר אַליין אַריינגע־ברענגט צען קילאָ רייז, עטלעכע שאַכטלעך פלייש, קעז און הערינג. איך האָב דאָס אַלץ געזאָגט דעם גראָסיסט, טראָץ דעם וואָס ער איז געווען אָפּוועזנד עטלעכע טעג. אָבער טראָץ דעם וואָס איך האָב אַלץ דערציילט, איז ער מיך ווייטער חושד געווען און איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ לאַנגער נאָז. איך בין שרעקלעך בייז געוואָרן. איך האָב מיר איצט געטראַכט, אויב ער איז מיך יאָ חושד, זאָל ער מיך כאָטש חושד זיין פאַר עפּעס. איך האָב באַשלאָסן, אַז פון איצט אָן וועל איך אים מער נישט זאָגן פון אַלעם וואָס איך וועל באַקומען פון קוכער. איך האָב מיר געטראַכט, ער פאַרמאָגט גענוג געלט און פאַרדינט גענוג יעדן טאָג אין אַנטווערפן מיט וואַלוטע־געשעפטן. עס איז נייטיקער, אויב איך וועל באַקומען אַ שאַכטל קעז אָדער פלייש, איך זאָל דעם פאַרדינסט האַלטן פאַר מיר.

אָבער דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב אים געוואָלט אָפּנאַרן בין איך אַריינגעפאַלן. איך בין נישט געווען קיין גענוג קלוגער גנב. איך האָב מיט גרויס מי באַקומען פון קוכער אַ צוויי שאַכטלעך קעז. איך האָב זיי געהאַט אַריינגעשטעלט אין אַ שענקל ביי מיר אין דער קיך. ווען דער גראָסיסט איז אַהיימגעקומען, בין איך נישט געווען אין שטוב. ער איז מיך געקומען אויפזוכן ביים קוכער. באַלד האָט ער זיך מיט מיר אָנגעהויבן צו קריגן, אַז איך טראָג די שולד וואָס דער קוכער קומט

מער נישט אַריין צו אונז און אַז איך פיר געשעפטן מיטן קוכער־שעף אַליין, וואָס עס איז נישט געווען אמת. דער גראָסיסט האָט זיך מיט מיר אַזוי שטאַרק געקריגט, אַז ער האָט מיך געדראָט צו שלאָגן, אַזאַ געמיינער טיפּ, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזויפיל געלט און איך האָב געמוזט זיין פאַר אים אַ משרת. יעדן טאָג קאָכן עסן, וואַשן זיין געפעס. נאָך מער האָט דעם גראָסיסט אויפגערעגט, ווען איך האָב די צוויי שאַכטלען באַהאַלטענע קעז געוואָלט אַריינטראָגן אין אַ צווייטע שטוב. איך האָב געהאַט פאַרגעסן, אַז אויפן פענצטער פון דער צווייטער שטוב הענגט נישט קיין פאָרהאַנג און ער האָט דאָס געזען דורכן פענצטער. דעמאָלט האָט ער מיך אָנגעהויבן צו דראָען, אַז ער וועט גיין מיך אָנגעבן אויף דער פּאָליציי, אַז איך האַנדל מיט ענגלישע סחורות. איך האָב דאַן צו אים געזאָגט — גוט, קום אויף דער פּאָליציי, אָבער ווען ער איז געהאַט אַרויס אויף דער גאַס, האָב איך די טיר פון מיין הויז צוגעשלאָגן. ער האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן אין דער טיר. איך האָב מורא באַקומען פאַר אַ סקאַנדאַל. איך האָב מיין גוטע רענאָמע אין ליער נישט געוואָלט באַשמוצן און איך האָב אים די טיר אויפגעמאַכט. ער האָט אין בעט נישט מער געוואָלט שלאָפן, נאָר איז געבליבן ליגן אויף אַ סאָפע אַ גאַנצע נאַכט. אינדערפרי האָט ער זיך מיט מיר אָפּגערעכנט. איך האָב אים אויסגעצאָלט זיין ריווח וואָס ער האָט נאָך ביי מיר צו גוט געהאַט, און ער איז אַוועק מיט זיין פּעקל זאַכן. אַזוי אַרום בין איך איצט פּטור געוואָרן אויף פונעם גראָסיסט.

איך בין איצט ווידער אַליין געזעסן אין מיין הויז און מיך אויפ־געגעסן פאַר בענקשאַפט. איך האָב אַזוי געבענקט נאָך מיין פרוי און קינדער. איך האָב ערשט איצט געזען, אַז איך האָב מיין שיינע פרוי נישט געוווסט ווי צו שעצן, זיך אַ סך מאָל מיט איר געקריגט צוליב נאַרישקייטן. פאַר מיין האַנדלונג פלעג איך איצט אַ סך מאָל פאַרגיסן טרערן. איך מיין, אַז אַ סך מענער זענען אָפטמאָל אַזוי, זיי וויסן נישט צו שעצן זייער שיינע פרוי. נישט ווייל איך האָב געהאַט צו טאָן מיט אַנדערע פרויען, ווייט פון דעם, די גאַנצע צייט וואָס איך בין געווען חתונה געהאַט מיט מיין פרוי, האָב איך זיך מער אויף קיין אַנדערע פרוי נישט אומגעקוקט, נאָר אַזוי, צוליב קלייניקייטן, פלעג איך מיך מיט איר אַ סך מאָל קריגן. זי האָט שטענדיק געהאַט אַ ווייטן בליק אויפן לעבן. זי האָט אַלץ געוואָלט האָבן נאָר שיינס און גוטס און איך האָב ליבער געהאַט צו האַלטן געלט. צוליב דעם איז ביי אונז אַ סך מאָל אויסגעבראָכן שטאַרקע מחלוקות.

מיין בענקשאַפט און איינזאַמקייט, האָב איך געפילט, עסט איצט אויף

מיין האַרץ. איך האָב געפילט, אַז נאָך אַזאַ שיינע פרוי ווי איך האָב געהאַט, וועל איך מיך אַזוי שנעל צו קיין אַנדערע פרוי נישט קאָנען צוזירן, יעדנפאַלס נישט קענען אונטערהאַלטן מיט איר לאַנגע באַציאונגען. אָבער דאָ איז ווידער געשען אַ זאַך, אויף וועלכער איך האָב מיך נישט גערעכט. דער גורל אַליין האָט אוודאי אַזוי געוואָלט, אַז איך זאָל נישט איינגיין פאַר בענקשאַפט, פונקט אַזוי ווי דער גורל האָט מיך געוואָלט מציל זיין פון די דייטשע הענט.

דער גראָסיסט האָט ביי מיר געוווינט אַ חודש. עטלעכע טעג שפּעטער ווי ער איז פון מיר געהאַט אַוועק, האָב איך באַקומען אַן איינלאַדונג צו קומען אין קריגס־געריכט קיין מאַלין. עס איז דעמאָלט געווען אַ רעגנדיקער טאָג. מיטן אויטאָבוס בין איך אַראָפּגעפאָרן פון ליער קיין מאַלין. ווען איך האָב מיך געהאַט אָפּגעפאַרטיקט אויפן קריגס־געריכט, האָב איך באַשלאָסן אַראָפּצופאָרן אַביסל קיין בריסל. ווען איך בין אָבער געקומען צו דער סטאַציע, זענען די צוגן קיין בריסל נישט געגאַנגען ווייל אַ פּאָר טעג פריער איז געהאַט געפאַלן אַ פליענדיקע באָמבע אויף דער ליניע בריסל־אַנטווערפּן און די ליניע באַשעדיקט. אַ סך רייזנדע האָבן זיך איצט געלאָזט גיין צום שאָסיי אַנטווערפּן־בריסל, טראַכטנדיק צו קאָנען פאָרן ביז בריסל מיט אַ געלעגנהייטס־אויטאָ. איך בין אויך מיטגעגאַנגען מיט די רייזנדע. דער רעגן האָט נישט אויפגעהערט צו גיסן און אַזוי שנעל האָט מען קיין געלעגנהייטס־אויטאָ נישט געקאָנט באַקומען. די ענגלישע מיליטערישע אויטאָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן אויפצונעמען ציווילע פּערזאָנען אויף זייערע אויטאָס אַזוי, אַז מען האָט נאָר געקאָנט מיטפאָרן מיט אַ ציווילן אויטאָ און דאָס איז נישט געווען אַזוי לייכט צו באַקומען, ווייל כמעט אַלע זענען געפאָרן געלאָדנט מיט פאַרשידענע סחורות אָדער מיט פאַר די פליענדיקע באָמבעס אַנטלויפנדיקע איינוווינערס פון אַנט־ווערפּן.

ווי איך בין אַזוי געשטאַנען און געוואַרט אויף אַן אויטאָ, האָב איך באַמערקט שטיין אָנגעלענט לעבן אַ וואַנט פון אַ הויז, אַ מיידל פון מיטעלן וווקס מיט אַ שיין־געבויטן קערפּער. זי האָט מיר געשיינט צו זיין אַ פראַנצויזין אָדער אַ יידישע. אָבער אין איר יידישקייט האָב איך אַביסל געצווייפלט. איך האָב מיט איר פאַרפירט אַ געשפּרעך וועגן דעם, וואָס מען מוז אַזוי לאַנג שטיין און וואַרטן אויף אַן אויטאָ. איך האָב צו איר גערעדט פלעמיש, דאַן פראַנצויזיש. זי האָט מיר מיט אַ פאַרזאָרגט פנים וועגן דעם געענטפערט, אָבער עס האָט מיר געשיינט, אַז זי האָט נישט קיין סך לוסט מיט מיר צו פירן אַ געשפּרעך. איך בין אַביסל געבליבן שטיין לעבן איר און דאַן פון איר זיך דערווייטערט. אָבער עס האָט נישט

לאַנג געדויערט, ווי איך האָב מיין געשפּרעך מיט איר געהאַט געפירט, איז אָנגעקומען אַ לאַסט־אויטאָ און האָט אַלע וואַרטנדיקע רייזנדע אויפ־גענומען קיין בריסל. דאָס מיידל איז אויך אין דעם אויטאָ איינגעשטיגן. זי האָט ביי זיך געהאַט אַ קליינע וואַליזקע, וואָס האָט זייער שווער געוויגן. איך האָב דאַן פון איר גענומען די וואַליזקע און איר געהאָלפן איינשטייגן אין אויטאָ, ווייל מען האָט געמוזט אין דעם אויטאָ הויך אַרויפקלעטערן. איך בין שטיין געבליבן לעבן דעם מיידל. איך האָב מיך צו איר געהאַט זייער נאָענט צוגערוקט, אַזוי אַז אַ טייל פון מיין קערפּער איז געלעגן אויף אירן. אַביסל שפּעטער האָט זי אויף מיין אָנשפּאַרן זיך אויף איר רעאַגירט און זיך אַביסל דערווייטערט פון מיר.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין בריסל, האָב איך דאָס רייזע־געלט אויך פאַר איר באַצאָלט. מיר האָבן געדאַרפט נעמען דעם טראַם קיין בריסל, ווייל דער אויטאָ האָט אונז אַראָפּגעלאָזט אין סכאַערבעעק, אַ פאָרשטאָט פון בריסל. איך האָב איר ווייטער געהאָלפן טראָגן די וואַליזקע. אין טראַם האָב איך זי געפרעגט, וואוהין זי דאַרף פאָרן. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי דאַרף פאָרן מיטן טראַם צו דער מידי־סטאַציע און דאָרט נעמען דעם צוג קיין שאַרלערואַ.

ווען מיר זענען אָנגעקומען צו דער מידי־סטאַציע האָט זי נאָך געהאַט צו וואַרטן צוויי שעה צייט אויף איר צוג. זי האָט אַריינגעגעבן איר וואַליזקע אין דעפּאָ, ווייל זי האָט נאָך געהאַט צו דערליידיקן איניקע אָנגעלעגנהייטן אין בריסל. איך האָב זי דאַן געפרעגט, צי זי וואָלט נישט געוואָלט מיט מיר מיטגיין אין קאַפע עפּעס טרינקען. — איך האָב נישט קיין סך צייט, האָט זי מיר געענטפערט, איך האָב עפּעס צו דערליידיקן אין שטאָט. איך האָב צו איר דאַן געזאָגט, אַז איך האָב נאָך קיין מיטאָג נישט געגעסן, אויב זי וויל מיט מיר מיטגיין ביז איך וועל האָבן אויפגעגעסן מיינע פאָר שטיקלעך ברויט, וואָס איך האָב ביי מיר געהאַט, וועל איך דאַן מיט איר מיטגיין אין שטאָט אַריין און דאָס, האָב איך איר געזאָגט, וועט נישט לאַנג דויערן.

זי איז דאַן מיט מיר מיטגעגאַנגען אין אַ זייער עלעגאַנטן קאַפע קעגנאיבער דער מידי סטאַציע. איך האָב ביי מיר געהאַט ווייס ענגליש ברויט אָנגעשמירט מיט גוטע פּוטער און באַגלייט מיט סאַרדין, וואָס דאָס איז דעמאָלט נאָך געווען אַ זעלטנהייט. איך האָב זי געבעטן, זי זאָל מיט מיר מיטעסן. — אַזוי ווי דו האָסט ביי דיר אַזעלכעס, וואָס נישט יעדער האָט אַ צוטריט דערצו, האָט זי מיר געענטפערט, וועל איך דיר צוליב־טאָן און מיטעסן. איך האָב ביי מיר אויך געהאַט ענגלישע שאָקאָ־לאַדע און ענגלישע ציגאַרעטן. איך האָב באַמערקט, אַז זי קוקט אויף

דעם אַלעם פֿאַרוואונדערט, האָב איך צו איר דאָן געזאָגט — אויב זי וויל קען איך איר באַזאָרגן אַזאַ ווייס ברויט, ענגלישע ציגאַרעטן און אויך שאָקאָלאַדע. די ציגאַרעטן, האָט זי מיר דערקלערט, ווייל זי נעמען צו פֿאַרקויפֿן, ווייל אַזוי ווי עס איז שטיל מיט די פֿאַרדינסטן, מוז מען זען בײַ עפּעס אַנדערש צו פֿאַרדינען. לויט ווי זי האָט מיר שפּעטער דערציילט, האָט זי געריזיזט מיט אַרטיקלען פֿאַר דענטיסטן.

ווען מיר האָבן געהאַט אָפּגעגעסן, האָב איך זי באַגלייט אין שטאָט אַריין ביז צו דער בערזע. דער רעגן האָט נאָך אַלץ געגאָסן, און איך בין מיט איר געגאַנגען אונטער איר שירם. זי האָט מיר אין קאָפּע געזאָגט, אַז יעדן זונטיק פֿאָרט זי פֿון אַנטווערפּן צו אירע עלטערן קיין קאַנטיק און בלייבט דאָרט אַ גאַנצן טאָג. אויב איך וויל זי זען, זאָל איך זונטיק פֿאַרמיטאָג וואַרטן אויף איר אין קאָפּע קעגנאיבער דער סטאַנציע פֿון קאַנטיק. זי האָט מיר נאָך געזאָגט אַ צייכן, אַז דער בעל־הבית פֿון דער קאָפּע איז אַ בעקער. ווען איך האָב זיך מיט איר געזעגנט בײַ דער בערזע, האָב איך איר געוואָלט געבן אַ קוש, זי איז געווען אַזוי סימפּאַטיש, אַז פֿונעם ערשטן מאָמענט אָן בין איך פֿון איר געווען אַנטציקט. איבערהויפּט אירע באַהנטע אויגן האָבן מיך פֿאַרשיכורט. איבער דעם האָב איך זיך געוואָגט אויף אַזאַ שריט, טראָץ דעם וואָס איך האָב געמערקט, אַז דאָס איז אַ פֿרוי, וואָס אָן צו האָבן סימפּאַטיע צום מאַן, קען מען נאָר בײַ איר צייט פֿאַרלירן. ווען איך האָב איר אָבער געוואָלט געבן אַ קוש, האָט זי זיך צוריקגעצויגן, און צו מיר געזאָגט — אויב דו ווילסט איך זאָל זונטיק קומען, מוזטו דיך ערנסט אויפֿפֿירן. איך האָב זי דאָן געפֿרעגט, צי איז מען דען נישט ערנסט, ווען מען וויל אַ פֿרוי געבן אַ קוש?

— יאָ, האָט זי געזאָגט, עס איז טאַקע נישט אַזוי, אָבער דאָס ווערט דאָך נישט געטאָן אין דער גאַס, וווּ אַזוי פֿיל מענטשן גייען אַדורך. — און צווייטנס פֿאַרלאַנג איך, דו זאָלסט דיך ערנסט אויפֿפֿירן, אויב דו ווילסט נאָך מיך זען. איך בין דאָן פֿון איר אַוועק און אַלץ נישט געוווּסט, צי זי איז אַ יידישע, ווייל זי האָט נאָר גערעדט פֿראַנצויזיש. איך האָב אַפֿילו נישט שטאַרק געגלויבט, אַז זי זאָל זונטיק קומען נאָך מיין אויפֿפֿירן זיך מיטן וועלן איר געבן אַ קוש.

שבת בײַנאַכט בין איך געווען בײַ די וואַטערס, און בין שפּעט אַהיימגעקומען. בײַ די וואַטערס האָב איך געהאַט געטרונקען פֿאַרשידענע אַלקאָהאָל־געטראַנקען. דער קוכער־שעף האָט מיר געזאָגט, אַז זיין אָפּטיילונג גייט אַוועק קיין האָלאַנד, און אַזוי ווי אין האָלאַנד באַקומט מען גאָרנישט, וואָלט ער געוואָלט מיטנעמען אייניקע פֿלעשער קאָניאַק, אָדער

ראַם. אַזוי ווי וואַטערס האָט געהאַנדלט, אויסער זיין מיל און קוילן־האַנדל, אויך מיט פאַרשידענע ליקערן, האָב איך אים דאָרט אַהינגעפירט. דער קוכער־שעף האָט געטאַנצט ביי די וואַטערס מיט זיינע טעכטער און נאָך אַנדערע מיידלעך, וואָס פלעגן אַריינקומען צו די וואַטערס. אַזוי אַרום דערקלערט זיך, וואָס איך בין פונקט דעם שבת ביינאַכט אַזוי שפּעט אַהיימגעגאַנגען. איך האָב צוליב מיין מאָרגנדיקער ראַנדעווו נישט געקענט אַ גאַנצע נאַכט שלאָפן.

זונטיק בין איך זייער פרי אויפגעשטאַנען, און זיך געלאָזט אויף דער רייזע קיין קאַנטיק. עס איז אינדערפרי שוין געווען גוט קאַלט. איך האָב ביי מיר געהאַט פאַרן מיידל, אַ וויס ענגליש ברויט, הונדערט ציגאַ־רעטן און אַ שטיק שאָקאָלאַדע.

קיין קאַנטיק בין איך אָנגעקומען האַלב עלף אַזייגער. איך בין אַריין אין דער קאַפע קעגנאיבער דער סטאַציע. אַ מיידל האָט פונקט איינגע־הייצט דעם אויוון. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט לעבן אייזערנעם אויוון און זיך געוואַרעמט. איך האָב געבעטן אַ טאַס קאַווע אָנשטאָט ביר. די בעקערין האָט פונקט געהאַלטן אין עסן פרישטיק, און זיי האָבן געהאַט געמאַכט פרישע קאַווע. אַביסל שפּעטער איז די בעקערין אַריינגעקומען אין קאַפע און זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר. איך האָב איר דערקלערט, אַז איך דאַרף דאָ אויף עמעצן וואַרטן. איך בין געווען זייער אומגעדולדיק און נייגעריק, צי זי וועט קומען. איך האָב ביי מיר געטראַכט, אַז זי מוז זיין אַ יידישע. אירע עלטערן האָבן זיך אוודאי אויסבאַהאַלטן אין קאַנ־טיק פאַרן דייטש און זיי זענען ווייטער געבליבן דאָ וווינען. און דערפאַר קומט זי יעדן זונטיק קיין קאַנטיק.

האַלב צוועלף אַזייגער איז אָנגעקומען דער צוג פון אַנטווערפן. זי איז אַריינגעקומען אין קאַפע אָנגעטאָן אין אַן אַנדערן מאַנטל און אין אַן אַנדערן הוט, ווי איך האָב זי געהאַט געזען אין בריסל. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אַ טישל און איך קעגנאיבער איר. איך האָב איר דערלאַנגט דאָס אַלץ, וואָס איך האָב פאַר איר מיטגעבראַכט. פאַרן ברויט מיט דער שאָקאָלאַדע, האָב איך ביי איר קיין געלט נישט געוואָלט נעמען. זי האָט מיר דאַן באַצאָלט בלויז פאַר די ציגאַרעטן, און דערביי דערקלערט, אַז אויב איך וועל קיין געלט פאַרן ברויט נישט נעמען, וועט זי מער נישט האָבן קיין דרייסטקייט נאָך אַמאָל ביי מיר אַ ברויט צו פאַרלאַנגען. איך האָב איר דערקלערט, אַז דאָס ברויט קאָסט מיך קיין געלט נישט. אין אמתן האָט מיך אַזאַ ברויט געקאָסט צוואַנציק פראַנק. איך האָב זי דאַן געפרעגט, צי איך קען זי זען נאָכדעם ווי זי וועט האָבן געגעסן מיטאָג? ניין, האָט זי מיר דערקלערט, איך קען נאָכ־

מיטאָג פון מיינע עלטערן נישט אַוועקגיין. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך וואָלט מיט איר געוואָלט אַביסל שפּאַצירן נאָכמיטאָג. זי האָט מיר דאַן דערקלערט, אַז זי האָט אַ חתן. איך האָב זי דאַן געפרעגט, וואַהין זי פאָרט מאָרגן אויף דער רייזע, האָט זי מיר געזאָגט קיין בריסל. איך האָב זי דאַן געפרעגט, צי איך וואָלט זי מאָרגן נישט געקענט זען אין בריסל. — עס איז נישט נייטיק, האָט זי מיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט פאָרן קיין בריסל, איך דאַרף די וואָך זיין אין ליער, וועל איך צו דיר אַריבער־קומען, האָט זי מיר דערקלערט. איך האָב איר דאַן געזאָגט, אַז איך האָב נישט וואָס צו טאָן אינדערהיים, און איך וועל מאָרגן פאָרן קיין בריסל. זי האָט מיר דאַן געגעבן אַ ראַנדעוווּ אין אַ קאַפע קעגנאיבער דער נאָרד־סטאַציע אין בריסל. האַלב איינס בין איך צוריקגעפאָרן קיין ליער. איך האָב געוווּסט, אַז איך זע היינט נישט גוט אויס, ווייל איך בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב איר היינט אוודאי איבערהויפּט נישט געמוזט געפעלן ווערן.

# פופצנטער קאַפּיטל

מאַנטיק אינדערפרי בין איך אַריינגעפאָרן קיין בריסל. דאָס מיידל האָט מיר געזאָגט, אַז זי וועט קומען מיטן צוג פון צען אַזייגער, און אויב איך וועל זי מיט דעם צוג נישט זען, זאָל איך וואַרטן אין אַ קאַפע צווישן איינס און צוויי אַזייגער. איך האָב זי ביי דעם צוג פון צען אַזייגער נישט געזען. די קאַפע איז צוליב עפּעס אַ שטראָף געווען געשלאָסן. איך האָב דאַן געוואַרט פאַר דער קאַפע ביז צוויי אַזייגער, אָבער זי איז נישט געקומען. איך בין געווען זייער דערשטױנט פון איר אויפפירונג. אַהיימפאָרנדיק צוריק קיין ליער, בין איך אָפּגעטרעטן אין דער קאַפע קעגנאיבער דער סטאַציע אין קאַנטיק. איך האָב געשריבן אַ בריוו און געבעטן די בעל־הביתטע פון קאַפע זי זאָל אים איבערגעבן דער פריילין, וואָס איך בין מיט איר דאָ נעכטן געזעסן. די בעל־הביתטע פון דער קאַפע האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס איז נישט קיין פריילין, נאָר אַ פרוי. איך האָב זי דאַן געפרעגט, ווי די פרוי הייסט, האָט זי מיר געזאָגט איר נאָמען, ווייל איך האָב דאָך געמוזט וויסן צו קענען אַדרעסירן מיין בריוו. די בעקערין האָט מיר אויך דערקלערט, אַז זי קען גוט אירע עלטערן, און זיי ווינען שוין לאַנג אין קאַנטיק. פאַר דער מלחמה פלעגן זיי שטענדיק ביי איר קויפן ברויט.

אין דעם נאָמען האָב איך איצט געזען, אַז די פרוי איז נישט קיין יידישע. איך מוז באַמערקן, אַז די בעקערין, וואָס איז שוין געווען אַ פרוי אוודאי ביי די פופציק, איז געווען זייער אַ סימפּאַטישע און אינטעליגענטע. זי האָט מיך געפרעגט, צי די פרוי האָט מיר געגעבן אַ ראַנדעוווּ. האָב איך איר געזאָגט דעם אמת, אַז יאָ, נאָר זי איז נישט געקומען, האָב איך איר דערקלערט. איך האָב דער בעקערין געפרעגט, צי מיין בריוו קען נישט אַמאָל ברענגען קיין געפאַר פאַר דער יונגער פרוי. — איך גלויב נישט, האָט די בעקערין מיר געענטפערט. — איך וועל זען, איך זאָל דעם בריוו איבערגעבן איר שוועסטער, וואָס איז נאָך אינדערהיים, און זי וועט דעם בריוו, גלויב איך, נישט עפענען. איך בין דאַן אַהיימגעפאָרן קיין ליער און געוואַרט אויף אַן ענטפער אויף מיין

בריוו. אַנדערש האָב איך געהאַט באַשלאָסן נאָך אַ מאָל אַראָפּצופאָרן זונטיק קיין קאַנטיק.

די זעלבע וואָך, וואָס דער גראָסיסט איז פון מיר אַוועק, איז אויך דער קוכער־שעף, וואָס פלעגט צו מיר קומען, אַוועק מיט זיין אָפּטיילונג קיין האָלאַנד. אַזוי, אַז דער גראָסיסט האָט איבערהויפּט שוין צו מיר קיין טענות נישט געקענט האָבן. דעם זעלבן טאָג וואָס דער קוכער־שעף איז אַוועק מיט זיין אָפּטיילונג, איז בײנאַכט אויף דעם זעלבן אָרט, ווו די אָפּטיילונג איז איינגעשטאַנען, געפאַלן אַ פליענדיקע באָמבע. מיין הויז איז איצט צום צווייטן מאָל שטאַרק באַשעדיקט געוואָרן. מאָנטיק און דינסטיק אַ גאַנצן טאָג האָב איך געמוזט אויפּרוימען דאָס קאַלך פון די סופיטן און די ווענט און די שטיקער צעבראָכענע גלאָז פון די פענצטער.

מיטוואָך מיטאָג, איך שטיי אַזוי פאַר דער טיר און קוק אַזוי אויף דער גאַס, וואָס פאַר אַ חורבן די באָמבע האָט אָנגעמאַכט, זע איך פּלוצ־לינג די יונגע פרוי פון אַנטווערפּן אָנקומען. זי האָט ביי זיך געהאַט דאָס זעלבע רענצל, וואָס ווען איך האָב זי באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל אויפן לאַסט־אויטאָ. זי האָט זיך דערנענטערט צו מיין הויז מיט אַ שמייכל. איך האָב איר דערציילט וועגן דער באָמבע וואָס איז מאָנטיק געפאַלן, און איר געוויזן דעם חורבן וואָס זי האָט אָנגעמאַכט אין מיין הויז. זי איז אַביסל שטיין געבליבן פאַר דער טיר. איך האָב זי אַריינגע־בעטן, אָבער זי האָט צוערשט אָפּגעזאָגט. — איך בין געקומען, האָט זי מיר דערקלערט, זיך אַנטשולדיקן, וואָס איך בין אין בריסל נישט גע־ווען אויף דער ראַנדעוווּ. איך האָב צו איר געזאָגט — דו האָסט נאָך אוודאי קיין מיטאָג נישט געגעסן. — איך האָב, האָב איך פאַרגעזעצט, אייל, און אויב דו ווילסט קענסטו דיר מאַכן פּיטאַטע־פּריט. זי האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל. איך האָב איר געברענגט קאַרטאָפל, און זי האָט זיך גענומען שיילן די קאַרטאָפל.

אין דער צייט ווען זי האָט געשיילט די קאַרטאָפל, האָט זי מיך געפרעגט — ווו זיינען דיין פרוי מיט די קינדער? — פונוואַנען ווייסטו, האָב איך זי געפרעגט, אַז איך האָב אַ פרוי מיט קינדער?

— הער, האָט זי צו מיר געזאָגט, איך האָב דיין אַדרעס, וואָס דו האָסט מיר געגעבן, פאַרלוירן און איך האָב מער נישט געדענקט די גאַס און דעם נומער. בין איך געגאַנגען אין שטאָט־הויז פרעגן דיין אַדרעס. איך האָב נאָר געדענקט דיין נאָמען. ווען איך האָב געזאָגט דיין נאָמען, האָבן די באַאַמטע מיר געזאָגט, אַז אַזאַ נאָמען איז נאָר דאָ איינער אין ליער און דאָס איז אַ ייד, וואָס די דייטשע געשטאַפּאָ האָבן אַוועקגעשיקט

זיין פרוי מיט די קינדער. איך האָב צו איר געזאָגט, אַז זי איז אַן אָס. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איידער זי גייט אין אַ הויז פון אַ מאַן אַליין, האָט זי געוואָלט וויסן, מיט וועמען זי האָט צו טאָן. איך האָב עס איר נישט פאַראיבל גענומען.

איך האָב זיך די גאַנצע צייט פון איר צוגרייטן דעם מיטאָג זיך ערנסט געהאַלטן טראָץ דעם, וואָס זי איז געווען אַזוי שיין. איר שלאַנקער קערפּער האָט מיך אויסערגעוויינלעך גערייצט, איבערהויפּט דער שיי־נער בוי פון איר קערפּער. ווען זי האָט געהאַט אויפגעגעסן איר מיטאָג און אָפּגעוואַשן די טעלער, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פּלושענער סאָפע, וואָס איז ביי מיר געשטאַנען אין שטוב. איך געדענק נישט, ווי אַזוי עס איז דערצו געקומען. נאָך אַ לאַנגן שמועס מיט איר פונדער־ווייטנס, ווייל ווען זי איז געזעסן אויף דער סאָפע, בין איך געזעסן אויף אַ שטול פונדערווייטנס. מיט איינמאָל, האָב איך געברענגט די איינגע־בונדענע צייטונגען, ווו עס זענען געווען געדרוקט מיינע דערציילונגען און זיי איר געוויזן. ווען איך האָב איר געוויזן דעם לעצטן באַנד איינ־געבונדענע דערציילונגען, האָב איך אים אַוועקגעלייגט אויפן טיש. איך האָב געפלאַמט פאַר אויפרעגונג. איך האָב זי דאַן אַרומגענומען און אָנ־געהויבן צו קושן. זי האָט זיך אַביסל געוועהרט, אָבער צום לעצט האָט זי זיך מיר אינגאַנצן איבערגעגעבן. זי האָט צו מיר דאַן געזאָגט, אַז זי איז מיר מוחל מיין אויפפירונג, ווייל איך בין שוין לאַנג אָן אַ פרוי.

פאַרנאַכט האָב איך זי באַגלייט צום טראַם, וואָס האָט זיך גע־שטעלט נישט ווייט פון מיין הויז, און זי איז אַהיימגעפאָרן קיין אַנט־ווערפּן. איך האָב זי דאַן געפרעגט, ווען זי קומט מיך ווידער אַמאָל באַ־זוכן. האָט זי מיר געענטפערט — מעגלעך שבת ביינאַכט. איך האָב איר אויך איצט מיטגעגעבן אַ וויס ענגליש ברויט, הונדערט ציגאַרעטן און אַ שטיק שאָקאָלאַדע. פאַר די ציגאַרעטן האָט זי מיר באַצאָלט, נאָר פאַרן ברויט מיט דער שאָקאָלאַדע, האָב איך אויך איצט נישט געוואָלט נעמען קיין געלט.

מיין איינציקע זאָרג איז איצט געווען, פונוואַנען איך וועל פאַר איר ווייטער נעמען ענגליש וויס ברויט, ציגאַרעטן און שאָקאָלאַדע, ווייל דער קוכער־שעף, אַזוי ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, איז אַוועק מיט דער אָפּטיילונג קיין האָלאַנד. איך האָב דאָס פאַראויסגעזען און איידער דער קוכער־שעף איז אַוועק, האָב איך אין דעם זעלבן טאָג באַלד איינדערפרי ביי אים געקויפט עטלעכע וויסע ברויטן, נאָר ציגאַרעטן האָב איך נישט מער געהאַט און נישט קיין שאָקאָלאַדע. אָבער אין דער זעלבער וואָך זיינען געקומען אַנדערע קאַנאַדער לאַגערן אויף דעם זעלבן אָרט, ווו מיין

פריערדיקער קוכער־שעף האָט געלאָגערט. איך האָב איצט קענען־גע־לערנט דעם נייעם קוכער־שעף, וואָס האָט מיר אויך פאַרקויפט פון אַלעם, נאָך מער ווי מיין ערשטער קוכער־שעף. אַזוי, אַז איך האָב גע־האָט איצט פאַר מיין יונגער מאַדאַם פאַרשידענע סחורות: קאַווע, פּוי־טער, קעז, סאַרדין, רייז און קאַלדרעס. דאָס אַלץ האָב איך אַליין גע־קענט פאַרקויפן מיט אַ גוטן פאַרדינסט. אָבער דעם גרעסטן טייל פון אַלע סחורות האָב איך איר שטענדיק אָוועקגעגעבן מיט זייער אַ קליינעם פאַרדינסט, און אַ סך מאָל אין קאָסטן־פּרייז. אַזוי למשל, האָט זי פון מיר באַקומען אַ סך קאַלדרעס. ביי יעדער קאַלדרע האָט זי פאַרדינט הונדערט פינף און זיבעציק פראַנק. איך האָב איר שטענדיק די אַלע קאַלדרעס געגעבן אין קאָסטן־פּרייז.

שבת ביינאַכט האָב איך מיין יונגע מאַדאַם דערוואַרט מיט אומגע־דולד. מיט איינמאָל, עס איז געווען האַלב זיבן אַזייגער, האָב איך גע־הערט אַ קלינג. איך בין שנעל געלאָפן עפענען די טיר און זי איז עס געווען. אָנגעטאָן ווידער אין אַ שוואַרצן פעלצן אַסטראַקאַן־מאַנטל. אַ שיין קלייד פון ברוינעם קאָליר מיט אַ גאָלדן קעלנערל, וואָס דאָס האָט איר אַזוי שיין געקליידט. איך האָב נישט געהאַט געגעסן קיין נאַכט־עסן. זי האָט זיך גענומען גרייט מאַכן פאַר אונזביידע נאַכט־עסן. זי האָט מיר דערקלערט, אַז זי וויל נאָך היינט צוריקפאָרן קיין אַנטווערפּן. איך האָב צו איר דאָן געזאָגט, אַז עס האָט זיך נישט געלוינט צו קומען, אַז דו זאָלסט באַלד צוריקפאָרן, איך האָב געמיינט, האָב איך צו איר גע־זאָגט, אַז דו וועסט בלייבן נעכטיקן, און איך וועל מיט דיר קענען ער־גער אַביסל אַרויסגיין. — וואוהין, האָט זי מיך געפרעגט, ווילסטו גיין? איך האָב איר געזאָגט, אַז איך וויל גיין אין אַ קאַפע, וווּ עס קומט אַ סך ענגליש מיליטער. עס שפּילט דאָרט, האָב איך איר ווייטער געזאָגט, אַ דזשאַז־אָרקעסטער. אַ זינגערין זינגט דאָרט יעדן אָוונט, און מען לאַכט זיך דאָרט אַ סך אָן. — האָב איך, האָט זי מיך געפרעגט, פון ליער פאַר־בינדונג קיין קאַנטיק? — יאָ, האָב איך איר געזאָגט, האַלב צען אַזייגער אינדערפרי מיטן טראַם ביז דיפּל, און פון דיפּל האָסטו דעם עלעקטרישן צוג קיין קאַנטיק. אַזוי, אַז דו וועסט נאָך פריער זיין אין קאַנטיק, ווי מיטן צוג פון אַנטווערפּן. דאָן איז זי באַשטאַנען צו בלייבן ביי מיר נעכטיקן.

איך בין דאָן מיט מיין יונגער מאַדאַם נאָך פאַר אַכט אַזייגער אַוועק אין קאַפע. די קאַפע איז געווען איבערפולט מיט ענגלישע, אַמעריקאַ־נישע און קאַנאַדישע זעלנער און אָפיצירן. כמעט אַלע טישן זענען גע־ווען באַזעצט, און אַ סך זעלנער און אָפיצירן האָבן געמוזט אין קאַפע

בלייבן שטיין, ווייל זיי האָבן נישט געפונען קיין פּלאַץ ביי די טישן. איך האָב אָבער פּאַר מיר און מיין יונגער מאַדאַם נאָך געפונען צוויי פּלעצער ביי אַ טישל, דורך דעם וואָס צוויי זעלנער זענען פּונקט אַוועקגעגאַנגען פון טישל.

דער דזשאַז־אָרקעסטער האָט אָן אויפהער געשפּילט. די זינגערין האָט געזונגען פאַרשידענע לידער, וועלכע די זעלנער און די אָפיצירן האָבן מיטגעזונגען. אַ סך זעלנער זענען געווען שיכור. אָבער אָפילו שיכורערהייט האָבן זיי זיך גוט באַנומען. זיי האָבן נאָר געזונגען. ביי אַ סך זעלנער האָט מען געקענט באַמערקן אין זייער זינגען אַ געוויסע בענקשאַפט און אַ פאַרלאַנגען צוריק נאָך אַ נאָרמאַל לעבן.

אין קאַפע האָבן זיך אויך געפונען אייניקע פרויען, וואָס האָבן מיט די זעלנער געטאַנצט. אַ פרוי קעגנאיבער מיר ביי אַ טישל, אין געזעלשאַפט פון פאַרשידענע זעלנער, איז געווען שיכור, זי האָט געשלוקעכצט און געמאַכט פאַרשידענע גרימאַסן מיט איר פּנים. איך האָב דאָס געמאַכט אויפמערקזאַם מיין באַגלייטערין. זי האָט מיר געענטפערט — אַ פרוי שיכור דאָס איז דאָס אבשוילעכסטע וואָס קען נאָר געבן.

מיין באַגלייטערין איז כמעט פון אַלע זעלנער און אָפיצירן באַאַכטעט געוואָרן. זי האָט דאָס גאַנץ גוט באַמערקט, אָבער אַזוי ווי זי האָט זיך געפונען אין געזעלשאַפט פון אַ מאַן, האָט קיינער פון די זעלנער, אָדער אָפיצירן, נישט געהאַט די דרייסטקייט זי אָנצושפּרעכן. אָבער איידער איך האָב שוין גענומען אַהיימגיין, איז צוגעקומען צו מיין טישל אַ יונגער ענגלישער אָפיציר און מיך געפרעגט, צי דאָס איז מיין טאָכטער. איך האָב אים געענטפערט, אַז דאָס איז מיין פרוי. מיין באַגלייטערין האָט קיין ענגליש נישט פאַרשטאַנען. זי האָט מיך געפרעגט, וואָס דער אָפיציר פרעגט מיך. איך האָב איר געזאָגט, אַז ער פרעגט מיך, צי דו ביזט מיין פרוי. — און וואָס האָסטו אים געזאָגט? — האָט זי מיך געפרעגט. איך האָב אים געזאָגט, האָב איך איר געענטפערט, אַז יאָ. — דאָס האָסטו נישט געדאַרפט טאָן, האָט זי מיר דערקלערט, מען זעט צופיל דעם אונטערשיד פון עלטער, און דו זאָלסט עס קיינמאָל נישט מער טאָן, האָט זי מיר קאַטעגאָריש געזאָגט. ווען זי וואָלט נאָך געווען געוווסט דעם אמת, אַז ער האָט מיך געפרעגט, צי זי איז מיין טאָכטער. נאָך גוט וואָס זי האָט קיין ענגליש נישט פאַרשטאַנען, אַז נישט, וואָלט איך זיך געוווען געפילט שטאַרק געקרענקט. דער אָפיציר איז געווען זייער אַ שיינער, אינגאַנצן אַ 23 יאָר אַלט. הויך, שלאַנק געבויט. אַ קלאָר ווייס פּנים. די איידעלקייט האָט מען געקענט לייענען אויף זיין פּנים. ער איז שטאַרק צוגעשטאַנען, איך און מיין באַגלייטערין זאָלן מיט אים עפּעס טרינקען.

קאָניאַק, ראָם, אָדער ווײַן. איך האָב זיך דערפֿון אָפּגעזאָגט, און דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן מײַן באַגלייטערין. מיר האָבן אים קיין געלט נישט געוואָלט אויסברענגען, ווײַל אַ גלעזל קאָניאַק, וואָס איז געווען מער וואַסער ווי קאָניאַק, האָט געקאָסט 25 פֿראַנק.

צען אַזייגער האָט מען געשלאָסן די קאַפֿע, ווײַל אַזוי האָט געפֿאָדערט דאָס געזעץ. און איך בין מיט מײַן באַגלייטערין אַהיימגעגאַנגען. אַהיימקומענדיק האָב איך נאָך געמאַכט טיי, וועלכע מיר האָבן געטרונקען.

צוליב די פֿליענדיקע באָמבעס פֿלעג איך שלאָפֿן אין קעלער, דאָס וואָס די מערסטנטייל מענטשן פֿון ליער האָבן געטאָן. ווען איך האָב זיך געוואָלט גיין לייגן שלאָפֿן, האָט מײַן יונגע מאַדאַם מיך געפֿרעגט, וווּ זי וועט שלאָפֿן. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך שלאָף אין קעלער. — אין קעלער, האָט זי געזאָגט, וועל איך נישט שלאָפֿן. — וווּ דען ווילסטו שלאָפֿן? — האָב איך זי געפֿרעגט. — דאָ אויף דער סאָפֿע, וואָס איז געשטאַנען בײַ מיר אין קיך, האָט זי מיר דערקלערט. איך האָב צו איר געזאָגט, אַז אויף דער סאָפֿע איז דאָך אוממעגלעך צו שלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט, ווײַל זי איז צו קליין. — עס מאַכט נישט, האָט זי מיר געזאָגט, איך וועל שוין שלאָפֿן, ווײַל אין קעלער אַרײַן שלאָפֿן, וועל איך נישט גיין. איבעריקנס האָב איך איר געזאָגט, האָב איך נישט אַזוי פֿיל קישנס און קאָלדרעס. — איך וועל זיך צודעקן מיט מײַן מאַנטל, האָט זי מיר געענטפֿערט. איך בין געווען זייער אויפֿגערעגט. אויף דעם האָב איך זיך נישט גערעכנט. איך בין געשטאַנען פֿונדערווײַטנס, און זי איז געזעסן אויף דער סאָפֿע. איך האָב זי נישט אָנגערירט. איך האָב געוווּסט, וואָס אין איר קומט פֿאַר. דער יונגער אָפֿיציר האָט אויף איר אַזוי געווירקט, נישט מער אַלט געווען ווי 31 יאָר און האָט אויסגעזען פֿון 25 יאָר. און איך בין דאָך שוין געווען אַ מאַן פֿון 44 יאָר. איך האָב אירע געדאַנקען געלאָזט נאָכפֿאָלגן. איך האָב געוווּסט, אַז זי וועט זיך אויפֿצולעצט באַרויקן. ווען עס איז געוואָרן שפּעט, שוין צוועלף אַזייגער, האָב איך זי געפֿרעגט — אַלזאָ ווי בלײַבט עס? — קום, האָב איך צו איר געזאָגט, קוק אָן דעם קעלער, ער איז אַזוי ווי אַ שטוב. — דו האָסט דאָך אַוודאי פֿאַר מיר נישט קיין מורא? — האָב איך זי געפֿרעגט. אין דער אמתן, איז עס נישט אָנגענעם פֿאַר אַ פֿרוי צו גיין שלאָפֿן אין אַ קעלער מיט אַ מאַן, וואָס מען קען נאָך נישט לאַנג. די פֿרוי ווייסט דאָך קיינמאָל נישט דעם כאַראַקטער פֿונעם מאַן. אָבער זי איז דאָך מיט מיר מיטגעגאַנגען אין קעלער שלאָפֿן און האָט זיך איבערצייגט אין מײַן רויִקן כאַראַקטער.

איך פֿלעג איצט אַלץ פֿאַר איר האָבן. פֿון אַלע סחורות, אויסער צי־

גאַרעטן. איך פלעג דאַן קויפן ציגאַרעטן אין די קאַפעס צו אַ פראַנק פינף און צוואַנציק אַ שטיק און זיי איר אַוועקגעבן פאַר אַ פראַנק. אַזוי, אַז איך האָב צו יעדע הונדערט ציגאַרעטן צוגעלייגט 25 פראַנק. אָבער דאָס האָט לאַנג אַזוי נישט געדויערט. איך האָב קענען־געלערנט אַ קאַנאַדישן קאַפּראַל, וואָס איז געווען פון דער דערציאונגס־אָפּטיילונג, מיטן נאָמען ברינק, אָדער ברינקס. ער איז פון אָנטאַריאָ — האָט ער מיר אַמאָל געזאָגט. ער האָט געדאַרפט יעדן טאָג וויסן די ראַדיאָ־באַריכטן, און אַזוי ווי איך האָב געהאַט אַ גוטן ראַדיאָ, האָב איך אים דערקלערט, אַז ער קען יעדן טאָג אינדערפרי צו מיר קומען אויפנעמען די באַריכטן.

דער ברינק איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר 38. אַ הויך־וווקסיקער מיט אַ שיין, סימפּאַטיש פּנים און זייער אַ גוטער קערל. ער האָט מיר געבראַכט ציגאַרעטן, וויפיל איך האָב נאָר געוואָלט. שאָקאָלאַד, וויפיל איך האָב געוואָלט. ער האָט זיך די גרעסטע מי געגעבן, איך זאָל קיינמאָל נישט זיין אָן קיין ציגאַרעטן און שאָקאָלאַדע. ער פלעגט מיר אויך ברענגען קאָלדרעס — דאָס, וואָס מיין יונגע מאַדאַם האָט אַממערסטן געוואָלט האָבן. איך מוז זאָגן, אַז איך האָב געהאַט אַ סך צו פאַרדאַנקען ברינקן, וואָס מיין יונגע מאַדאַם האָט זיך ביי מיר געהאַלטן. דערפאַר איז דער מענטש ביי מיר אַזוי געבליבן איינגעקריצט אין זכרון. ער האָט עס זיכער נישט געוווסט, וויפיל איך האָב אים גערן געזען. איך האָב פאַר אים שטענדיק ספּעציעל געקויפט אַ קאַסטן ביר, ווייל איך פלעג אים שטענדיק מיט עפּעס מכבד זיין. מיט אַן עפּל, אַ טאַס קאַווע. אַ סך מאָל פלעגט ער ביי מיר אינדערפרי מיטעסן. אָבער ווען ער האָט ביי מיר געגעסן אַיין שטיקל ווייס ברויט, איז ער באַלד געלאָפן אין דער קיך אַריין און מיר געבראַכט דערפאַר אַ גאַנץ ווייס ברויט. אַזאַ מענטש איז דאָס געווען, אַ מענטש אָן אַ גאַל. איך האָב נישט געהאַט קיין האַנ־טיכער אָפּצווישן מיין פּנים, האָט ער מיר באַזאָרגט האַנטיכער. זייף צום וואַשן דאָס פּנים און זייף צו וועש, ראַזיר־מעסערלעך, ראַזיר־זייף, אַלץ האָט ער מיר געבראַכט, און אַ סך מאָל נישט געוואָלט דערפאַר נעמען קיין געלט. איינמאָל, געדענק איך, האָט ער מיר פאַרקויפט צוויי שאַכט־לעך פּראַלינען, וואָס מען האָט אים געשיקט פון קאַנאַדע. די צוויי שאַכט־לעך פּראַלינען זענען ווערט געווען אַכט הונדערט פראַנק, האָט ער זיי מיר פאַרקויפט פאַר הונדערט פינף און זיבעציק פראַנק, טראָץ דעם, וואָס ער האָט געוווסט דעם ווערט פון זיי. ברינק פלעגט יעדן פרימאָרגן צו מיר קומען און גאַנץ אָפט עטלעכע מאָל אין טאָג. ער האָט זיך גע־פילט היימיש. ער האָט געפילט, אַז איך בין אים אַ פריינט.

טראָץ דעם וואָס איך האָב אויך איצט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן

פון מיין פרוי און קינדער, און אַז איך האָב זיך אין זיי דערמאָנט, פלעג איך וויינען, איז אָבער מיין יונגע מאַדאַם קיין איין מינוט נישט אַרויס פון מיינע געדאַנקען. איך האָב זי וואָס אַמאָל שטאַרקער ליב באַקומען. איך האָב זי איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען זי איז ביי מיר געווען, און מיר זענען געזעסן ביים אויוון און פון פאַרשידנס גערעדט, געפרעגט, אַז חלילה־וחס מיין פרוי זאָל נישט צוריקקומען, צי זי וואָלט נישט געווען גרייט מיט מיר שטענדיק צו בלייבן אין אינטימע באַציאונגען. אויף דעם האָט זי מיר גאָרנישט נאָכדענקענדיק געענטפערט קאַטעגאָריש ניין. איך האָב צו איר געזאָגט, זי זאָל זיין אויפריכטיק און זאָל נישט קיין מורא האָבן מיר צו געבן דעם ענטפער, וועלכן זי געפינט פאַר נייטיק איך בין געווען אַפילו דורך איר ענטפער נידערגעשלאָגן, ווייל איך האָב זי שרעק־לעך ליב געהאַט. זי פלעגט צו מיר טענהן — דו מוזט מיך נישט אַזוי שטאַרק ליב האָבן, ווייל ווען איך וועל פון דיר מוזן אַוועקגיין, וועט דאָס זיין פאַר דיר אַ שווערער קלאַפּ. דו ווייסט, אַז איך האָב אַ חתן, און מיינע עלטערן ווילן דווקא האָבן, איך זאָל מיט אים חתונה האָבן און איך קען עס נישט ענדערן. דו דאַרפסט זיין צופרידן, ווען איך קום צו דיר, ווייל אַ סך רייכערע מענער פון דיר, האָבן דאָס גליק נישט גע־האַט ביי מיר, וואָס דו.

איך האָב זי אויך איינמאָל געבעטן, זי זאָל מיר זאָגן דעם אמת, וועלכע אורזאַך האָט זי צו מיר געבראַכט, איז עס געווען נאָר אַ ריין־געשעפטלעכע, אָדער האָט זי צו מיר געפילט וועלכע עס איז סימפּאַטיע. אַזוי ווי איך בין געווען איבערגעצייגט, אַז זי קען קיין ליגן נישט זאָגן, האָב איך געוווסט, אַז אויך איצט וועט זי מיר זאָגן דעם אמת. זי האָט מיר דאַן מיט אַ שמייכל באַלד געענטפערט — זיכער נישט קיין גע־שעפטלעכע סיבה איז עס געווען, וואָס האָט מיך צו דיר געבראַכט, נאָר אַ געוויסע סימפּאַטיע צו דיר.

איך בין געווען מיט דעם ענטפער זייער גליקלעך, ווייל אין אמתן, ווען זי איז צו מיר געקומען דאָס ערשטע מאָל, האָט זי איבערהויפּט נישט געוווסט, אַז איך וועל פאַר איר האָבן פאַרשידענע סחורות, און זי האָט ביי אירע דענטיסטן־אַרטיקלען פאַרדינט גענוג געלט. זי האָט מיר נאָך דאַן דעם זעלבן אָוונט דערקלערט, אַז זי קען אין שאַרלערוואַ אַ מאַן, אַ חתונה געהאַטן דענטיסט, אַן אויסערגעוויינלעך־רייכער מאַן, ער וויל זי באַשיטן מיט גאָלד, זי זאָל מיט אים זיין אין אינטימע באַ־ציאונגען, אָבער זי האָט עס אים שטענדיק אָפּגעזאָגט — און מיין נישט, האָט זי צו מיר געזאָגט, אַז ער איז עפּעס אַ מיאוסער מענטש, ניין,

גערעדע זייער אַ שיינער מאַן, אָבער דער מאַן וואָס געפעלט מיר נישט, קען ביי מיר גאָרנישט אויפטאָן.

איך האָב מיט איר איינמאָל אויך געהאַט אַ שמועס וועגן איר משפחה. איך האָב איר דאַן געזאָגט, אַז זי האָט מיך געראַטעוועט פון אַ פיזישן און גייסטיקן צוזאַמענברוך, און אַז דורך איר פריינטשאַפט, וואָס זי האָט מיר געשאָנקען, האָט זי מיר דערמעגלעכט צו קענען ווייטער שרייבן מיינע דערינערונגען. איך האָב, האָב איך אויך געזאָגט, דערפאַר באַשלאָסן איר צו שענקען אַ קאַפּיטל אין מיינע דערינערונגען, און זי געבעטן, זי זאָל מיר עפּעס דערציילן וועגן אירע עלטערן און וועגן זיך. איך האָב איר אויך דאַן געפרעגט, צי זי האָט נישט דאַקעגן, איך זאָל פאַרעפנטלעכן איר אויטענטישן נאָמען. זי האָט מיר מיט אַ שמייכל געענטפערט, אַז ניין.

מיין פאָטער, האָט זי מיר אָנגעהויבן צו דערציילן, איז עלטער פון מיין מוטער מיט 15 יאָר. מיין פאָטער, האָט זי ווייטער פאָרגעזעצט, איז שוין איצט אַ מאַן פון 75 יאָר. מיין מוטער, האָט זי ווייטער דערציילט, האָט אַלס מיידל געקענט אַ יונגנמאַן פון איר דאָרף אין די אַרדענען, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער פראַנצויזישער גרענעץ. מיין מוטער איז אייגנטלעך אַ פראַנצויזין, אָבער אַלס פינף־יעריק קינד זענען אירע עלטערן פון פראַנקרייך געקומען וווינען קיין בעלגיע אין דעם דאָרף, פון וועלכן מיר זענען. מיין מוטער איז מיט דעם יונגנמאַן לאַנג געגאַנגען. זי האָט אים ליב געהאַט און ער זי אויך. אָבער איינמאָל האָט דער יונגערמאַן פאַר דער חתונה געבעטן מיין מוטער, זי זאָל מיט אים לעבן אין אינטימע באַציאונגען, דאָס האָט אויף מיין מוטער אַזוי געווירקט, אַז זי האָט אים באַלד געלאָזט שטיין, און קיינמאָל נישט מער צו אים זיך צוריקגעקערט.

מיין מוטער האָט נאַטירלעך מיין פאָטער געקענט, ווייל ער איז אויך געווען פונעם זעלבן דאָרף וואָס זי. אָבער זי האָט קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז ער זאָל אַמאָל ווערן איר מאַן, ווייל ער איז שוין געווען אַן עלטערער יונגערמאַן. אָבער אַזוי איז געשען. זי האָט אים קענענגעלערנט און מיט אים חתונה געהאַט. טראָץ דעם, וואָס מיין מוטער האָט דעם ערשטן יונגנמאַן שטאַרק ליב געהאַט, איז זי אָבער דאָך געווען אַ גוטע פרוי צו מיין פאָטער. זי האָט מיט מיין פאָטער געהאַט פינף קינדער: פיר טעכטער און איין זון. און זי איז אויך געווען אַ גוטע מוטער צו אירע קינדער. מיין מוטער האָט מיר דערציילט, האָט זי פאָרגעזעצט, אַז שוין לאַנג נאָך דער חתונה האָט איר ערשטער יונגערמאַן זי באַגעגנט אין דער גאַס, האָט ער זי אָפּגעשטעלט און צו

איר געזאָגט — איך האָב דיך ליב געהאַט און וועל דיך שטענדיק ליב האָבן, און ליב דיך נאָך אַלעמאָל.

מיין פאָטער איז געווען אַ האָלץ־הענדלער. מיר באַזיצן אַן אייגן הויז און לאַנד אין די אַרדענען, און איצט לעבן זיי פון זייער אָפּגעשפּאָרט געלט. דאַן האָט זי אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן איר אייגן לעבן. איך האָב צוגעזאָגט צו פאַרעפנטלעכן איר פולן נאָמען. זי האָט געהייסן זשאַן דעלוואַ. — איך בין, האָט זי געזאָגט, נישט אַזוי ווי אַלע אַנדערע פרויען און האָב שטענדיק געזוכט אַזעלכע צו זיין. איך האָב שטענדיק ליב געהאַט אַלץ וואָס איז אָריגינעל. איך האָב ליב ספּאָרט, ווי למשל שווימען און אַנדערע ספּאָרטן. ווען איך בין געווען אַ קינד, האָב איך ליב געהאַט אַרומצולויפן אויף די בערג פון די אַרדענען און אין אירע וועלדער. איך האָב ליב געהאַט שטענדיק מיטצולויפן אויף געיעג. איך האָב ליב געהאַט די נאַטור. אַלס קינד, האָב איך שטענדיק געחלומט צו רייזן און צו זען, וואָס עס געפינט זיך דאָרט ווייטער פון מיר. לויט דעם אַלעם האָב איך געקענט זען, אַז זי טראָגט אין זיך אַן עמפּפינדלעכע און בענקענדע נשמה, וואָס איז אויך, לויט מיין מיינונג, געווען די סיבה פון איר שטענדיקער אומ־צופרידנקייט.

איין שוועסטערל, האָט זי ווייטער פאָרגעזעצט, איז ביי אונז גע־שטאָרבן, איך קען מיר איר פּנימל נישט מער פאָרשטעלן, ווייל איך בין דעמאָלט אויך נאָך געווען קליין. איך געדענק, אַז איך האָב זי געזען טויט. די מאַמע איז דעמאָלט געווען קראַנק.

ווען מיר, קינדער, זענען עלטער געוואָרן, האָבן מיר געזוכט אַביסל צו פאַרגרינגערן אונזער פאָטער זיין לאַסט פון הויז. מיר האָבן גע־שטרעבט צו גיין ערגעץ וווינען אין אַ גרויסע שטאָט. מיר האָבן זיך דאַן אַוועקגעצויגן קיין קאַנטיק, אַ דאָרף נישט ווייט פון אַנטווערפּן. איך און מיין ייִנגערע שוועסטער האָבן געלערנט נייען. און אַזוי האָבן מיר אונזער פאָטער אָנגעהויבן צו העלפן אין זיין לאַסט.

איידער מיר האָבן זיך נאָך געהאַט אַוועקגעצויגן קיין קאַנטיק, בין איך אַמאָל אַראָפּגעפאָרן אויף אַ באַזוך צו מיינער אַ קוזינע, וואָס האָט געוווינט אין אַנטווערפּן. איך בין דעמאָלט אַלט געווען פופצן יאָר. אין אַנטווערפּן האָב איך קענען־געלערנט אַ וואַלאָנעריך, וואָס איז גע־וואָרן מיין בעסטע פריינדין, וואָס איך האָב אַמאָל געהאַט אין לעבן. זי איז געווען אַן אלמנה. זי איז אויך שפּעטער געשטאָרבן אויף אויס־צערונג. איך האָב איר טויט שטענדיק שטאַרק באַוויינט, ווייל זי איז מיר שטענדיק געווען מיין בעסטע ראַטגעבערין אין לעבן. ביי מיין

קוזינע אין אַנטווערפּן האָב איך געהאַט קענען־געלערנט אַ פלעמישן יונגנמאַן, מיט וועלכן איך בין געגאַנגען. ער איז געווען פון שטרענג־קאַטוילישע עלטערן אַזוי ווי איך. אין צווישנצייט, ווען איך בין גע־גאַנגען מיט דעם פלעמישן יונגנמאַן, האָב איך דורך אַ צופאַל קענען־געלערנט אַ וואַלאַנישן יונגנמאַן. ער איז געווען אַ מוזיקער ביים מילי־טער. ער איז געווען כמעט פון מיין עלטער. שלאַנק, הויך, אַביסל נער־וועז אין זיין באַנעמונג. גאָט מיינער! פון דעם ערשטן אויגנבליק בין איך אין אים געווען פאַרליבט. דער — האָב איך געטראַכט און געזאָגט — מוז ווערן מיין מאַן.

איך האָב דאַן דעם פלעמישן יונגנמאַן געלאָזט שטיין, און וויפיל ער האָט מיך נישט געבעטן, האָב איך אָבער נישט געקענט צוריקקומען אויף מיין באַשלוס, אַז איך מוז חתונה האָבן נאָר מיט דעם וואַלאַנישן יונגן מוזיקער. דער פלעמישער יונגערמאַן איז דעמאָלט קראַנק גע־וואָרן, ער איז געלעגן אין שפּיטאָל. ער האָט מיר פון שפּיטאָל גע־שריבן אַ בריוו און מיך געבעטן, איך זאָל אים קומען באַזוכן. איך האָב אים געמאַכט אַ באַזוך אין שפּיטאָל, פון וועלכן ער איז געווען זייער גליקלעך. ער האָט שפּעטער חתונה געהאַט און איז אַוועק וווינען עפּעס ערגעץ אין דער פּראָווינץ פון אַנטווערפּן, און האָב אים כמעט קיינמאָל מער נישט געזען.

צו איין און צוואַנציק יאָר האָב איך חתונה געהאַט מיט דעם וואַ־לאַנישן מוזיקער. דאָס איז געווען דער גליקלעכסטער טאָג אין מיין לעבן. איך בין געווען אַזוי גליקלעך. אַלץ האָט זיך מיר אויסגעדוכט צו זיין שיין. מיין האַרץ האָט שטענדיק פּאַר אים געקלאַפּט. ווען ער האָט געדאַרפט קומען אויף מיטאָג, פינף מינוטן פריער האָט מיין האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן, מיט אַזוי פיל אומגעדולד האָב איך אים שטענדיק דערוואַרט. אַזוי איז געווען יעדעס מאָל, ווען ער האָט גע־דאַרפט אַהיימקומען. איך פלעג לויפן צום פענצטער קוקן, צי ער קומט שוין. אָבער מיין גליק האָט נישט לאַנג געדויערט. פינף יאָר נאָך מיין חתונה איז מיין מאַן קראַנק געוואָרן אויף אַ לונגן־אָנצינדונג און איז געשטאָרבן. איך קען אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן. איך קען כמעט נישט נאָך אים קיין אַנדערן מאַן מער אַזוי ליב האָבן. און ווען איך רעד, אָדער דערינער זיך פון אים, נעמט עס מיך צום וויינען. איך ווייס נישט, האָט זי ווייטער דערציילט, איך בין נישט קיין מוראַדיקע, איך שטעל זיך אַ סך מאָל נישט אָפּ פאַר קיין שום אַוואַנטורע. אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, האָב איך אַ סך פּאַטריאָטן געהאָלפן אַריבערשמוגלען די פראַנצויזישע גרענעץ מיט זייערע וואַליזן און אַלץ. איך האָב אַ סך

מאָל ריזיקירט מיטן לעבן פאַר מענטשן, פון וועלכע איך האָב שפּעטער קיינמאָל נישט מער געהערט, אָדער געזען.

איך האָב אויך אויסבאַהאַלטן פאַרן דייטש צוויי יידישע קינדער. די מוטער פון די צוויי יידישע קינדער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין ליעזש. ווען די אַליאירטע זענען אַריין קיין בעלגיע, איז די מוטער פון די קינ־דער געווען אַזוי גליקלעך. זי איז מיך אַמאָל געקומען באַזוכן. איך האָב דעמאָלט פּונקט געדאַרפט אָוועקפאָרן אויף עטלעכע טעג קיין שאַר־לערואַ. איך האָב דאַן די יידישע פרוי ביי זיך אַליין געלאָזט ביז איך וועל צוריקקומען. אָבער ווען איך בין צוריקגעקומען אַהיים, האָב איך די פרוי געפונען טויט אין מיין שטוב.

איך האָב געהאַט אַביסל אומאַנגענעמלעכקייטן פון די אויטאָריטעטן, אָבער דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט, אַז זי איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־קראַנקהייט. איך קען אין דער שטוב, ווו זי איז געשטאָרבן נישט מער שלאָפן. איך דערצייל דיר, האָט זי צוגעגעבן, אַזעלכע איינצל־הייטן, ווייל איך ווייס, אַז מיט מיר האָבן פּאַסירט זאַכן, וואָס פּאַסירן נישט מיט אַנדערע. איך וואָלט דיר אַ סך פון מיר געקענט דערציילן, איך וואָלט פון מיר געקענט אַ בוך שרייבן. איך שמועס אַ סך מאָל מיט מיין יינגערער שוועסטער וועגן מיר, זאָגט זי צו מיר — זשאַן, דו האָסט דאָך אַזאַ באַוועגלעך לעבן, און איז אַ סך מאָל שטוינענדיק פאַר פאַרוואונדערונג, וואָס מיר פּאַסירט אַלץ אין לעבן.

אַ וואָך פאַר "קריסטמעס" האָט דער דייטש אָנגעהויבן אַן אָפענ־סיווע קעגן בעלגיע און עס האָבן זיך פאַרשפּרייט פאַרשידענע אַלאַרמיס־טישע קלאַנגען. איך בין געוואָרן זייער אומרואיק. איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן צו פאַרלאָזן בעלגיע. איך האָב נישט געוווסט, וואָס איך זאָל טאָן מיט מיין וואַליזע מאַנוסקריפּטן. איך בין אַוועק צום גלח, וואָס האָט געוווינט נישט ווייט פון מיר, און ער האָט מיר צוגעזאָגט צו באַ־האַלטן אין דער קירכע מיין וואַליזע מאַנוסקריפּטן. אַ פּאָר טעג פאַר "קריסטמעס" האָב איך מיט ברינקן איינגעאָרדנט אַ "קריסטמעס"־יום־טוב פאַר אָרימע קינדער פון ליער. איך מיט ברינקן האָבן אויך גע־מוזט האָבן דאָ די מיטהילף פון דעם גלח.

פרייטיק אָוונט, אַ טאָג פאַרן "קריסטמעס"־אָוונט, איז מיין יונגע מאַדאַם צו מיר געקומען. זי האָט געוואָלט שבת אינדערפרי צוריקפאָרן קיין אַנטווערפּן. זי האָט מיך געפרעגט, וואָס איך דענק וועגן דער דיי־טשער אָפענסיווע, און צי איך האָב נאָך נישט קיין מורא. איך האָב איר געענטפערט, אַז איך דענק צו פאַרלאָזן בעלגיע. איך האָב זי געפרעגט, צי עס וואָלט נישט געווען קיין מעגלעכקייט, זי זאָל באַ־

האַלטן בײַ זיך מײַן וואַליזע מאַנוסקריפּטן, און נאָך עטלעכע אַנדערע קעגנשטאַנדן. זי האָט מיר געענטפערט, אַז יאָ, זי קען דאָס אַלץ באַהאַלטן בײַ אירע עלטערן אין קאַנטיק. איך האָב זי געבעטן, זי זאָל בײַ מיר בלײַבן נאָך אַ טאָג, דאָס הייסט ביז זונטיק, ווײַל איך וויסן לויט די ראַדיאָ־באַריכטן, ווי אַזוי איך האָב צו האַנדלען. אויב די באַריכטן וועלן זיך פאַרערגערן קען איך דאַן מיט איר זונטיק אינדערפרי מיטפאָרן קיין קאַנטיק. זי האָט אין אָנפאַנג נישט געוואָלט בלײַבן, אָבער זי האָט דאָך, זעט אויס, גענומען ערנסט מײַן רעזאָנירן און איז געבליבן.

שבת דרײַ אַזייגער נאָכמיטאָג בין איך מיט איר אַוועק אויף דעם קינדער־יום־טוב, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ שולע, וווּ די קאַנאַדער האָבן סטאַציאָנירט. מײַן יונגע מאַדאַם האָט געזען, ווי איך בין וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון די רעליגיעזע שוועסטערס (נאָנעס). די קינדער וואָס זענען געקומען אין דער צאָל פון עטלעכע זיבעציק, האָבן באַקומען זייער גוט צו עסן. אַ מיטאָג מיט פלייש און פאַרשידענע קוכנס. און צולעצט האָט יעדעס קינד באַקומען אַ טיטל מיט צוקערוואַרג און שאָקאָלאַדע. אָבער מער פון אַלעם האָט מײַן יונגע מאַדאַם געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. כמעט אַלע אָפיצירן און אונטער־אָפיצירן זענען מיך געקומען פרעגן, צי זי איז מײַן פרוי. און ווען איך האָב זיי געזאָגט, אַז יאָ, האָבן זיי אַלע צו מיר געזאָגט — דו ווייסט, זי איז זייער שיין, דו האָסט זייער אַ שיינע פרוי. שבת בײַנאַכט זענען אָנגעקומען בעסערע באַריכטן פון פראַנט, און איך האָב מײַנע מאַנוסקריפּטן מיט מײַן יונגער מאַדאַם נישט מיטגעגעבן, און אויך נישט געטראָגן זיי צום גלח.

שבת דעם 17־טן פעברואַר 1945.

איך בין הײַנט אַראָפּגעפאָרן קיין מאַלין, זיך אײַנשרײַבן צוריק אין האַנדלס־רעזשיסטער, ווײַל דער דײַטש האָט געצוווּנגען יעדן ייד זיך פרײַוויליק אָפּצוזאָגן פון זײַן האַנדלס־רעזשיסטער. אויפן וועג, ווען איך בין געגאַנגען צום טראַם, איך ווייס נישט וואָס עס איז געווען די סיבה, אַז איך האָב זיך פּלוצלינג דערמאָנט אין מײַן קלענער ייִנגעלע, מײַן בערעלע. איך האָב זיך דערמאָנט, ווי מיט אַ יאָר צוריק, ער איז דעמאָלט אַלט געווען פיר יאָר און איז געגאַנגען אין דער שפּיל־שולע. ער פלעגט אַ סך מאָל אַהיימקומען מיט אויסגעלערנטע אין שולע פאַרשידענע לידלעך. איך האָב אַזוי ליב געהאַט צו הערן זײַן שטימעלע. פון אַלע זײַנע לידלעך, וואָס ער פלעגט זינגען, איז מיר איין לידל אַמ־

מעורסטן געבליבן איינגעקריצט אין זכרון. און דאָס לידל האָב איך זיך אויך איצט גייענדיק צום טראָם דערמאָנט, און ווען איך וואָלט זיך נישט געווען געשעמט פאַר מענטשן אין גאַס, וואָלט איך זיך אוודאי געווען צעוויינט. ער פלעגט דאָס לידל זינגען אין פלעמיש. איך ווייס נישט, צי ער האָט דאָס לידל ריכטיק געזונגען, אָבער די פאַרטייטשונג דערפון איז אַזוי:

קליין, קליין לאָבוסל, וואָס טוסטו אין מיין גאָרטן.
דו רייסט אַלע בלימעלעך אַראָפּ.
די מאַמע וועט שרייען, דער טאַטע וועט טראַכטן,
קליין, קליין לאָבוסל.

איך האָב אַזוי ליב געהאַט אים צו הערן זינגען דאָס לידל, און וואָלט נאָך אַזוי געוואָלט אין מיין לעבן זיין שטימעלע הערן.

טראָץ דעם, וואָס איך ווין איין־און־איינציקער ייד אין גאַנץ ליער, לאָזט מען מיך דאָך נישט צורו. עס קומט אַ סך מאָל עמעצער קלינגען ביי מיין טיר, אַמאָל אינדערפרי, אַמאָל ביינאַכט. פונקט איצט ווען איך האָב געשריבן מיין דערינערונג וועגן מיין בערעלע, האָט עמעצער גע־געבן צוויי שטאַרקע קלינג אין דער טיר. איך האָב געהערט עמעצן אַנטלויפן, אָבער אַזוי ווי עס איז געווען זייער פינצטער היינט אָוונט, האָב איך נישט געקענט זען, וואָהין די פערזאָן איז אַנטקומען.

מיטוואָך דעם 22־טן פעברואַר 1945.

איך מאַך מיר גרייט מיטאָג. איך האָב אויפגעדרייט דעם ראַדיאָ. בריסל האָט טראַנסמיטירט רוסישע לידער. צווישן די לידער האָב איך געהערט דאָס ליד "שוואַרצע אויגן" און "בובליטשקי". די מוזיק האָט אויף מיר אַזוי געווירקט, איך האָב זיך אַזוי צעוויינט, אַז איך האָב זיך נישט געקענט שטילן פאַר ווינען. די טרערן האָבן זיך מיר אָן אויפהער געגאָסן. איך גלויב, אַז די רוסישע נשמה מוז נישט זיין ווייט פון גאָט, ווייל זייערע לידער און זייער מוזיק ברענגען מיך שטענדיק אין די טרויעריקסטע טיפעניש פון מיין נשמה.

איך פלעג אַ סך מאָל קומען אין געשפּרעך מיט פאַרשידענע שיכטן פון אַמעריקאַנישן און ענגלישן מיליטער. אַזוי האָב איך אַמאָל קענען־געלערנט אַ יידישן דאָקטאָר פון טשיקאַגאָ. זיין פאָטער, האָט ער מיר דערציילט, האָט אויסגעוואַנדערט פון רוסלאַנד. אין די אָוונטן פלעגט זיין פאָטער, ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע, נעמען מעדיצינישע קורסן ביז ער האָט געענדיקט אַלס אויגן־דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט כמעט

מער קיין יידיש נישט געקענט רעדן. זיין פאָטער און מוטער אינדערהיים, האָט ער מיר געזאָגט, רעדן נאָך צווישן זיך יידיש, אָבער ער איז שוין אינגאַנצן אַסימילירט. זיין האַרץ האָט אים שטאַרק געווייטיקט ווען ער האָט געהערט, וואָס די דייטשן האָבן געטאָן מיט די אייראָפּעאישע יידן. ער האָט געטראָגן אַן אָפּצייכענונג פון אַ פריימויערער־לאָזשע אין אַמע־ריקע. אָבער מיט איינמאָל האָט ער אַרויסגענומען פון זיינס אַ טאַש און מיר געוויזן אַ בלוי־ווייס שטיקל זייד, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעניית אין בלוי־ווייס אַ ספר־תורה. דאָס, האָט ער מיר געזאָגט, האָט אים זיין מוטער מיטגעגעבן און דאָס באַהאַלט ער פעסט ביי זיך. איך בין געווען שטאַרק גערירט און פאַרוווּנדערט, אַז אַ מענטש וואָס איז אין אַ פריי־מויערער־לאָזשע האָט נאָך רעספּעקט פאַר אַ ספר־תורה.

אַביסל שפּעטער פלעגט צו מיר אַריינקומען אַ יידיש־אַמעריקאַנישער זעלנער פון ניו־יאָרק, אַ געוויסער סידניי רעזניק. דאָס איז געווען זייער אַ גוטהאַרציקער יונגערמאַן. אויך ער האָט מער קיין יידיש נישט געקענט רעדן. ווען דער דייטש האָט געהאַט אַדורכגעפירט אין דעצעמבער זיין אָפּענסיווע קעגן בעלגיע, האָט רעזניק געמוזט פּלוצלינג אַוועק אויפן פראָנט. איך האָב אים געזען אַוועקפאָרן מיט זיינע אַנדערע אַמעריקאַ־נישע חברים. ער האָט אויסגעזען זייער בלאַס און נידערגעשלאָגן. ער האָט גענומען מיין אַדרעס און מיר צוגעזאָגט צו שרייבן, אָבער עס זענען געהאַט אַוועק כמעט צוויי חדשים און ער האָט מיר נישט געשריבן. איך האָב געמיינט, אַז ער איז געפאַלן אויפן פראָנט, ווייל איך האָב גע־האַט געלייענט אין ציימונג, אַז אויפן בעלגישן פראָנט זענען ביי דער דייטשער אָפּענסיווע אין די אַרדענען געפאַלן פּערציק טויזנט אַמערי־קאַנער. אָבער ווי איבעראַשט בין איך געווען, ווען אין חודש פעברואַר האָב איך פּלוצלינג באַקומען אַ בריוו, אין וועלכן ער טיילט מיר מיט, אַז ער און זיינע חברים, וועלכע איך האָב געקענט, זענען נאָך אַלע ביים לעבן, און ער בעט מיך שטאַרק איך זאָל אים שרייבן, דאָס וואָס איך האָב נאַטירלעך געטאָן.

# זעכצנטער קאַפּיטל

אין צווייטן הויז פון מיר איז געווען אַ שענק, אין וועלכער איך פלעג אַ סך מאָל אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן אַריינגיין אַביסל זיצן. עס האָט זיך דאָך מיר אַ סך מאָל געלאַנגווייליקט אין מיין הויז אַליין איינזאַם. אין האָב אויך נישט געהאַט קיין קוילן דעם אויוון צו הייצן, און פאַר אַ פּאָר פראַנק פלעג איך אין דער שענק פאַרברענגען מיין אָוונט. אין דער שענק פלעג איך זיך אַ סך מאָל אונטערהאַלטן מיט ענגלישע, אַמע־ריקאַנישע, קאַנאַדישע זעלנער און אָפיצירן.

איינמאָל האָב איך אין דער שענק קענען־געלערנט אַן אירלענדישן זעלנער, אַ פּריוויליקער אין דער ענגלישער אַרמיי. ער איז אַלט געווען אַ יאָר 26, זייער אַ שווייגנדיקער. גערופן האָט ער זיך לערי. ווען ער האָט זיך דערוווסט, אַז איך בין אַ ייד, האָט ער מיך אַמאָל געבעטן, איך זאָל אים דערקלערן, פאַרוואָס היטלער האָט אויסגעמאָרדעט אַזוי פיל מיליאָנען יידן, פרויען און קינדער. זיין פאָטער, האָט ער מיר דערקלערט, האָט אַמאָל צו אים געזאָגט, אַז דאָס מאָרדן די יידן פון די דייטשן לייגט זיך גאָרנישט אויפן מענטשלעכן שכל, און אַז דאָס איז נאָך ווי לאַנג די וועלט באַשטייט נישט פאָרגעקומען סיסטעמאַטיש צו נעמען און צו מאָרדן אַ פאָלק טאָג־איין, טאָג־אויס. אַלטע, פרויען און קליינע קינדער, און אַזוי יאָרנלאַנג, און די וועלט האָט דאָס אַזוי קאַלטבלוטיק צוגעלאָזט.

— לערי! — האָב איך צו אים געזאָגט — אַזוי ווי עס איז איצט נאָר דריי אַזייגער נאָכמיטאָג און מיר זענען דאָ אַליין, ווייל די זעלנער פלעגן ערשט קומען אין אָוונט, און דאָס איז געווען אַ ריינער צופאַל, וואָס לערי איז צוליב דער שטאַרקער קעלט זיך געקומען וואַרעמען ביים אויוון, וועל איך דיר דערקלערן, פאַרוואָס די גאַנצע וועלט האָט נישט אינטער־וועניִרט קעגן דעם מאָרדן פונעם יידישן פאָלק אין אייראָפּע.

דו רעדסט מיר פון מאָרדן קליינע קינדער, לערי, איך וועל דיר עפּעס דערציילן אַ סצענע, וואָס איך האָב געזען אין מיין גאַס. דאָ נישט ווייט פון מיר האָט געוווינט אַ קאַלאַבאָראַטאָר, וואָס האָט מיטגעאַרבעט מיטן דייטש. ווען די אַליאירטע זענען אַריין קיין ליער, האָט מען אים אַרעסטירט. ער האָט אוודאי קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן זיינע קינ־דער. ער האָט אַ קליין יינגל פון אַ יאָר זיבן, וואָס גייט אין דער שולע.

נאַטירלעך, די אַנדערע קינדער פלעגן דאָס קינד אין דער שולע פּלאָגן, אַז זיין פאָטער איז געווען אַ קאָלאַבאָראַטאָר. דאָס קינד וויל נאַטירלעך דערפאַר נישט מער גיין אין שולע. איינמאָל האָב איך געזען, ווי די מוטער האָט דאָס קינד מיט געוואַלט געשלעפּט אין דער שולע. דאָס קינד האָט נישט געוואָלט גיין און זיך געבעטן ביי דער מוטער, אַז די קינדער פּלאָגן אים צוליב זיין פאָטער. דאָס קינד האָט באַקומען שטאַרק געשלאָגן פון זיין מוטער, און זי האָט אים געשלעפּט איבער דער גאַנצער גאַס מיט געוואַלט אין דער שולע. ווען איך האָב די סצענע געזען, האָב איך זיך צעוויינט, ווייל וואָס פאַר אַ שולד האָט דאָס קינד פאַר זיין פאָטער. — זעסטו לערי! בלויז נאָר אַזאַ סצענע האָט מיך געבראַכט צום וויינען, ווי אַזוי האָבן די דייטשן געקענט טאָג און נאַכט, חדשים און יאָרן, מאָרדן קליינע, אומשולדיקע קינדער?

לערי איז געזעסן לעבן אויוון דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, און מיך שווייגנדיק אויסגעהערט. זאָלסט וויסן לערי, האָב איך אים אָנגעהויבן צו דערקלערן, אַז לויט מיין מיינונג, איז כמעט יעדע מלחמה נישט שטענדיק געווען צוליב עקאָנאָמישע סיבות. אָבער די מלחמה פון 1940 איז די שרעקלעכסטע, וואָס האָט אַמאָל אין דער וועלט געגעבן. דאָ איז נישט אַזוי ווייט געווען געמיינט דער עקאָנאָמישער דראַנג, נאָר מער אַ קאַמף קעגן אַן אידעע, וואָס האָט איר אורשפּרונג אין דער וועלט שוין טויזנטער יאָרן, דאָס איז דער קאָמוניזם. — איך ווייס נישט פאַרוואָס מען האָט אַרויפגעלייגט אויף די יידישע פּלייצעס, אַז דער קאָמוניזם איז אַן אורשפּרונגלעך יידיש אַרטיקל, איך האַלט עס נישט פאַר אַ פּלעק פאַרן יידישן פאָלק, פאַרקערט, נאָר איך דערמאַן זיך, אַז איך האָב ערגעץ אַמאָל געלייענט אין אַ בוך, אַז נאָך לאַנג פאַרן קריסטנטום, האָט אין גריכנלאַנד עקזיסטירט אַ קאָמוניסטישע אָרדענונג אונטער דער אָנפירונג פון אַ קעניג מיט אַ קעניגין. דער קעניג איז אַזוי ווייט געגאַנגען, אַז ער האָט איינגעפירט אייזערן געלט, כדי די מענטשן זאָלן קיין רייץ צו קיין געלט נישט האָבן. אָבער דעם קעניג מיט דער קעניגין האָט מען דעמאָלט דערמאָרדעט און די אָרדענונג פאַרניכטעט. אַזוי, אַז דער שטענדיקער קאַמף קעגן קאָמוניזם איז נישט קיין נייעס.

אין מיטל־אַלטער האָט אין באָהעמיע זיך געהאַט געגרינדעט אַ קאָמוניסטישע רעפּובליק, אונטער דער אָנפירונג פון אַ קאַרדינאַל. דעם קאַרדינאַל האָט מען מכלומרשט איינגעלאַדן אויף אַ קאָנגרעס קיין בוקאַרעשט. דאָרטן האָבן די קאַרדינאַלן אים פאַראורטיילט צום טויט צו פאַרברענען. אויך דעמאָלט האָבן די דייטשן אויף זיך גענומען די מיסיע, מיט דער צושטימונג פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, צו פאַרניכטן די קאָ־

מוניסטישע רעפּובליק. די דייטשן האָבן דעמאָלט אויך אויסגעמאָרדעט איבער פּערציק טויזנט מענער, פרויען און קינדער פון דער קאָמוניס־טישער רעפּובליק אין באָהעמיע. אַזוי זעסטו, אַז דאָס מאָרדן פון פרויען און קליינע קינדער איז ביי די דייטשן נישט קיין נייעס. און אויך איצט האָבן זיי אויף זיך גענומען די מיסיע מיט דער צושטימונג פון דער גאַנ־צער וועלט, צו פאַרניכטן דעם קאָמוניזם אין אייראָפּע. — דו זאָלסט נישט מיינען, אַז טשערטשיל איז ווינציקער אַנטי־קאָמוניסט, אָדער אַנטי־ייד, ווי היטלער. פונקט ווי עס איז אַן אַנטי־ייד, אַ פּלעמער, אַ פּאָלאַק, אַ פראַנצויז און נאָך אַ סך אַנדערע. דאָס דערקלערט זיך שטענדיק אויך נאָר צוליב ריינע עקאָנאָמישע סיבות, ווייל ווען דער פרעמדער אין אַ לאַנד שטויסט אַרויס דעם איינגעזעסענעם פון זיינע פּאָזיציעס, ציט ער אויף זיך דעם האַס פון דעם איינגעזעסענעם. דער אונטערשיד איז נאָר שטענדיק געווען, וואָס די נישט־יידן האָבן שטענדיק געהאַט זייער פּאָטערלאַנד און זייערע פּאַרשטייער, וואָס פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן, און דער ייד האָט קיינמאָל נישט געהאַט ווער עס זאָל אים נעמען אין שוץ און דערפאַר האָט מען שטענדיק אַרויפגעוואָרפן אויף זיינע פּלייצעס די סיבות פון אַלע עקאָנאָמישע קריזיסן. — נו, לאָמיך נאָר נישט אַוועק־גיין פון מיין ריכטיקער טעמע. — יאָ, האָט לערי מיר איבערגעהאַקט מיינע ווערטער, מיין פאָטער האָט מיר געזאָגט, אַז מען דאַרף טשערטשילן פונקט אַזוי משפּטן ווי היטלערן. — יאָ, לערי, האָב איך ווייטער פאָר־געזעצט, דייטשלאַנד האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו פאַרניכטן דעם קאָמוניזם, אָבער זי האָט אויך פאַרלאַנגט די צושטימונג פון אַלע פעלקער צו פאַרניכטן דאָס יידנטום פון דער גאַנצער וועלט, ווייל דייטש־לאַנד, ווען זי וואָלט געווען געווינען די מלחמה, וואָלט זי אויך שפּעטער געווען פאַרניכטעט דאָס גאַנצע יידנטום פון אַלע עקן וועלט. אַלע פעל־קער, גאַנץ אַמעריקע, אַלע נאָרד־ און זיד־אַמעריקאַנער שטאַטן האָבן אָנגעהויבן שטיצן דייטשלאַנד, און נאָך אַממערסטן פון אַלע — ענגלאַנד.

מען האָט דייטשלאַנד געגעבן געלט, וויפיל זי האָט נאָר געוואָלט. מען האָט איר געגעבן די מעגלעכקייט אויסצובויען די שטאַרקסטע אַרמיי פון דער וועלט און צו ווערן דער מעכטיקסטער שטאַט פון אייראָפּע. אַלץ נאָר כדי צו פאַרניכטן דעם קאָמוניזם, ווייל ווען די וועלט וואָלט געוואָלט, האָט מען דעם שרעקלעכסטן מאַסן־מאָרד איבערן יידנ־טום געקענט אָפּשטעלן אין פיר און צוואַנציק שעה. ווען אַלע פעלקער וואָלטן געווען געשלאָסן אַ בלאָק, די זיד־אַפריקאַנישע שטאַטן זאָלן נישט פאַרקויפן קיין סחורות און קיין עסן צו די נייטראַלע לענדער, ווי למשל, שפּאַניע, פּאָרטוגאַל, טערקיי, שווייץ, שוועדן א. א. וו. און די נייטראַלע

לענדער וואָלטן געווען געזאָגט צו דייטשלאַנד — אויב דו שטעלסט נישט אָפּ די מאַסן־מאָרדן איבערן יידנטום, וועלן מיר דיר נישט פאַרקויפן פאַר קיין איין פראַנק קיין סחורה. דאַן וואָלט דייטשלאַנד אוודאי געווען געמוזט נאָכגעבן, ווייל עס וואָלט איר געווען אוממעגלעך צו פירן ווייטער די מלחמה אָן דעם מאַטעריאַל, וואָס זי האָט באַקומען פון די נייטראַלע לענדער. אָבער די גאַנצע וועלט האָט געוואָלט די אויסראָטונג פונעם יידנטום, אפילו זייער ברודער־ראַסע, די אַראַבער. אַזאַ האַס האָט די וועלט געטראָגן קעגן קאָמוניזם — דערפאַר, זאָג איך, אַז אַלע מלוכה־מענער, וואָס זענען געשטאַנען דעמאָלט ביים רודער, איבערהויפּט די פון די נייטראַלע לענדער, דאַרפן געשטעלט ווערן צו דער וואַנט. — וואָס פאַר אַ מיאוסע ראָל האָט געשפּילט אַרגענטינע מיט איר נישט־נאָכגיביקייט ביי אַמעריקע, אָבער דאָס קען איך נאָר פאַרשטיין, איז געווען אונטער דעם איינפלוס פון ענגלאַנד. וואָס האָט געטאָן די שווייץ? די יידן וואָס זענען געקומען צו אירע גרענעצן, האָט זי זיי צוריקגעשיקט טראָץ דעם וואָס זי האָט געוווסט, אַז זי שיקט די מענטשן אויף אַ זיכערן טויט. וואָס האָט געטאָן שוועדן? ביז דער לעצטער מינוט האָט זי גע־שפּילט אַ צוויי־פּנימדיקע פּאָליטיק. עס האָט געהייסן, אַז זי איז פאַר די אַליאירטע, אָבער אין האַרצן איז זי געווען פאַרן דייטש. דאָס האָט מען געקענט זען, ווען די דייטשן האָבן נישט נאָר געמאָרדעט די סקאַנ־דינאַווישע יידן, נאָר אויך זייער ברודער־פאָלק — די נאָרוועגער און דענער, און שוועדן איז אין מלחמה נישט אַריינגעגאַנגען. אַזוי איז אויך געווען מיט טערקיי.

וואָס האָבן געטאָן ענגלאַנד און די אַמעריקאַנער שטאַטן? ווען דער דייטש האָט פאַרלאַנגט פון לאַוואַל, אָדער פון פעטענען, אַז פראַנקרייך זאָל אים אַרויסגעבן די יידן. אויב עס איז אמת, אַז לאַוואַל האָט געזאָגט צו ענגלאַנד און אַמעריקע — אויב איר ווילט די יידן פון פראַנקרייך צו אייך נעמען, וועל איך זיי דעם דייטש נישט אויסליפערן. ענגלאַנד און אַמעריקע האָבן גאַנץ גוט געוווסט, אַז פראַנקרייך קען זיך דאָך נישט קעגנשטעלן דעם דייטש. אָבער זיי האָבן די יידן נישט געוואָלט צונעמען טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן גאַנץ גוט געוווסט, אַז זיי וועלן אונטערליגן אַ זיכערן טויט. — איך מיין, אַז לאַוואַל איז דאָ געווען מער אויפריכטיק ווי די ענגלענדער אָדער די אַמעריקאַנער. — וואָס האָבן געטאָן שפּאַניע און פּאָרטוגאַל? פאַרשלאָסן די טויערן פאַרן ייד. יאָ, די גאַנצע וועלט האָט געוואָלט האָבן דאָס יידישע פאַרגאָסענע בלוט פון מוטערס און קליינע קינדער. דו וועסט מיר אוודאי זאָגן, לערי, אַז דער דייטש האָט געהרגעט פּאָלאַקן און רוסן און נישט נאָר יידן אַליין. — יאָ, דער דייטש

האָט געמיינט צו אַנעקסירן אַ העלפט פון רוסלאַנד, און צו האָבן וואָס ווינציקער באַפעלקערונג פון די רוסן אָדער פּאָלאַקן. ער האָט זיך גע־שטעלט די אויפגאַבע, וואָס מער דייטשן צו קענען קאָלאָניזירן. — דו וועסט זאָגן, דער דייטש האָט באָמבאַרדירט ענגלאַנד און געמאַכט אַ סך קרבנות, אָבער דאָס איז אַלץ געווען קאָמופּלירט, מען זאָל נישט אַזוי קענען מערקן די שרעקלעכע מאַסן־שחיטה, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פון דער גאַנצער וועלט קעגן יידישן פאָלק.

דו וועסט דיך אוודאי פרעגן, ווי אַזוי קומט דאָס, וואָס ענגלאַנד און אַמעריקע האָבן געהאָלפן רוסלאַנד אין דער מלחמה קעגן דייטשלאַנד. דאָס וועל איך דיר אויך דערקלערן. אין יאָר 1939, ווען ענגלאַנד האָט אַוועק־געגעבן די סודעטן צו דייטשלאַנד, האָט רוסלאַנד געבעטן, אַז ענגלאַנד און אַמעריקע זאָלן מיט איר שליסן אַן אָפּמאַך קעגן דייטשלאַנדס אַגרע־סיווע פּלענער, און אין פאַל פון אַ מלחמה מיט דייטשלאַנד. אָבער ענג־לאַנד און אַמעריקע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שליסן אַזאַ אָפּמאַך מיט רוס־לאַנד, מכלומרשט, אַז זיי האָבן צו רוסלאַנד קיין פאַרטרויען נישט געהאַט. אָבער אין אמתן איז עס אַזוי נישט געווען. די ענגלישע און אַמעריקאַנישע אַמוניציע־פאַבריקאַנטן האָבן מיט אַלע מיטלען געזוכט אַ מלחמה, צו ליג־דערן די אַרבעטסלאָזיקייט און אין דער זעלבער צייט אויך צו פאַר־ניכטן דעם קאָמוניזם אין אייראָפּע. אָבער שפּעטער האָבן ענגלאַנד און אַמעריקע זיך אַרומגעזען, אַז זיי האָבן דייטשלאַנד אַזוי מעכטיק געמאַכט, אַז עס דראָט זיי אַליין אַ געפאַר, און אַז דייטשלאַנד מיינט נישט בלויז צו פאַרניכטן דעם קאָמוניזם, נאָר מיינט צו באַקומען אויך די העגעמאָניע איבער דער וועלט. דעריבער זענען זיי איינגעגאַנגען צו העלפן רוסלאַנד אין דער מלחמה קעגן דייטשלאַנד. ערשטנס וועלן זיי מאַכן גוטע געשעפטן און צווייטנס וועלן דייטשלאַנד מיט רוסלאַנד זיך אַזוי לאַנג שלאָגן, ביז זיי וועלן זיך טויט שלאָגן, און ווען רוסלאַנד וועט זיין געשלאָגן, וועלן זיי אויך דייטשלאַנד קענען דיקטירן זייערע באַדינגונגען. אָבער ענגלאַנד און אַמעריקע האָבן אונטערגעשעצט די מאַכט פון רוסלאַנד, און צוריקדרייען איצט די קאָרבע, ווידער גיין מיט דייטשלאַנד קעגן רוסלאַנד, איז נישט מער געווען מעגלעך, ווייל דער אַרבעטער־קלאַס פון דער גאַנצער וועלט וואָלט געזען דעם אָפּענעם שווינדל. מיט די ענגלענדער און פּאָלאַקן וואָלט עס אפשר נאָך מעגלעך געווען צו גיין מיט דייטשלאַנד קעגן רוס־לאַנד, אָבער נישט מיט די קאַנאַדער, און נאָך ווינציקער מיט די אַמערי־קאַנער. דאָ האָבן זיי געהאַט דערפאַרונג פון יאָר 1919. ווען אַמעריקע האָט געשיקט אַן עקספּעדיציע־קאָרפּוס קעגן דער דעמאָלטיקער רוסיש־קאָמוניסטישער רעגירונג, האָבן די אַמעריקאַנישע זעלנער געשאָסן אויף

זייערע אָפּיצירן אָנשטאָט אויף די רוסן. און זיי האָבן דעמאָלט געמוזט שנעל צוריקרופן זייער עקספּעדיציע־קאָרפּוס.

— לערי, איך האָב די וואָך באַגעגנט אַ פּויער. ער האָט מיך אָפּגע־שטעלט און מיך געפרעגט, וואָס איך דענק איבער דער מלחמה. איך האָב געטראַכט, וואָס איך זאָל אים ענטפערן. — הער, האָט דער פּויער צו מיר געזאָגט, איך וועל דיר זאָגן אויף מיין פּויערישן שטייגער, וואָס דאָס איז אַזעלכעס מלחמה. — מלחמה, האָט ער צו מיר געזאָגט, איז פּונקט ווי דאָס פאַמיליע־לעבן. ווען די גרויסע קריגן זיך, באַקומען די קליינע געשלאָגן.

— ווען מיינסטו, האָט ער מיך ווייטער געפרעגט, וועט זיך די מלחמה ענדיקן? איך האָב ווייטער געקלערט. — דאָס וועל איך דיר אויך דער־קלערן, האָט דער פּויער צו מיר ווייטער געזאָגט. זאָלסט וויסן, אַז טשער־טשיל און רוזוועלט האָבן ביידע אַ נאָטיץ־ביכל, און דאָרט שטייט איינ־געשריבן די דאַטע, ווען די מלחמה זאָל זיך ענדיקן, און ווען די דאַטע וועט קומען, וועט זיך אויך די מלחמה ענדיקן.

— דו מיינסט, האָט דער פּויער ווייטער פאָרגעזעצט, אַז דעם 20־טן יולי, ווען עס איז פאָרגעקומען דער אַטענטאַט אויף היטלערן, האָט ער זיך דאָרט, אויף דעם אָרט, געפונען — ניין, ברודערל, דאַן האָסטו אַ גרויסן טעות. ער איז דאָרט נישט געווען, ווייל דער אַטענטאַט איז פאַראַטן געוואָרן פון ענגלאַנד און אַמעריקע אַליין. די מלחמה האָט זיך נאָך דע־מאָלט נישט געטאָרט ענדיקן. מען האָט נאָך געדאַרפט פּראָדוצירן טויזנ־טער אַוויאָנען און אַנדערע מכשירים. אין דייטשלאַנד האָבן נאָך אפשר געלעבט ערגעץ אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אַ פּאָר טויזנט יידן. זיי האָבן אויך נאָך געדאַרפט פאַרשווינדן, ווייל מיט אייך יידן האָט ענגלאַנד אָפּגעשפּילט די געמיינסטע שפּיל. — וואָס האָט זי געטאָן מיט די טויזנטער פּליטים פון היטלער־דייטשלאַנד, זיי אין ערגעץ נישט אַריינגעלאָזט. נישט קיין פּאַלעסטינע און נישט אין אירע קאָלאָניעס. האָט זיי געלאָזט אַרומ־וואַנדערן אויפן ים. מוטערס מיט קליינע קינדער. און אַ סך מאָל האָט מען די שיפן ספּעציעל טאָרפּעדירט. דאַן האָט דאָס געהייסן אַן אומגליקס־צו־פאַל. דאָס האָט אָפּגעטאָן דאָס דעמאָקראַטישע ענגלאַנד. ענגלאַנד טוט אָן דער וועלט אַזוי פיל צרות אונטערן נאָמען פון דעמאָקראַטיע, ווי דייטש־לאַנד אונטערן נאָמען פון מיליטאַריזם. איך בין געווען דערשטוינט פון דעם אָריגינעלן פאַרשטאַנד פון דעם פּויער. איך האָב מיר געטראַכט, אַז די פילאָזאָפן ברעכן זיך אַ סך מאָל די קעפּ צו זאָגן אַ קלאָרן געדאַנק, ווען ביי דעם פּראָסטן פּויער באַקומט מען עס אַזוי לייכט און פּשוט.

אין דרויסן איז שוין געווען גוט טונקל. לערי איז נאָך אַלץ געזעסן

דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און מיך אויסגעהערט. — זעסטו לערי, האָב איך צו אים ווייטער געזאָגט, דער פֿויער האָט געזאָגט, אַז ענגלאַנד טוט אַן פּונקט אַזוי פיל צרות אונטערן נאָמען פון דער דעמאָקראַטיע, ווי דער דייטש אונטערן מיליטאַריזם. אָבער לערי, איך בין דאָך געקומען אין קאָנטאַקט מיט ענגלישע זעלנער, זיי זענען נישט קיין דייטשן. דער ענג־לישער פֿאָלקס־מענטש איז בטבע אַ גוטער מענטש. אין דער צייט, ווען יעדער דייטש איז אַ דערצויגענער מערדער. דאָס זענען די ענגלישע מלוכה־מענער, וואָס שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום קרבנות צו פאַר־ווירקלעכן זייער אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק. אָבער דער דורכשניטלע־כער ענגלענדער איז נישט קיין מערדער. דו האָסט געדאַרפט זען, לערי, ווי אַזוי די דייטשע פעלד־זשאַנדאַרן האָבן געוואָרפן די יידישע קינדער. ווען זייערע מוטערס האָבן געיאָמערט און אויסגעשטרעקט די הענט נאָך זיי, האָבן די זשאַנדאַרן זיי די קינדער אַ סך מאָל אַזוי צוגעוואָרפן, אַז דאָס קינד איז אויפן אָרט צעשמעטערט געוואָרן. — צי האָט, לערי, די געשטאַפּאָ באַפוילן די זשאַנדאַרן זיך אַזוי צו באַגיין מיט די קינדער און צי האָט די געשטאַפּאָ באַפוילן, אַז ווען מ׳כאַפּט אַ מוטער אויף דער גאַס און זי וויינט און שרייט, אַז זי האָט איבערגעלאָזט אַ זויגלינג אינדערהיים, העלפט עס גאָרנישט. מען נעמט די מוטער מיט געוואַלט מיט און דער זויגלינג שטאַרבט אינדערהיים וויינענדיק. און ווען אפילו, לערי, די געשטאַפּאָ האָט אַזעלכע באַפעלן אַרויסגעגעבן, האָבן די פעלד־זשאַנדאַרן זיך דאָך נישט געמוזט באַנעמען מיט אַזוי פיל אומרחמנות קעגנאיבער אומשולדיקע נפשות. — לערי, לויט מיין מיינונג, דאַרפן אַלע דייטשע פעלד־זשאַנדאַרן פון דער איצטיקער מלחמה דערשאָסן ווערן. דאָס זענען נישט געווען קיין מענטשן, נאָר חיות. אָבער ענגלאַנד מיינט נישט אויפריכטיק די מער־דער צו באַשטראָפן, ווייל זי האָט זיי געדאַרפט. — לערי, די דייטשע נשמה איז דורך און דורך פאַרדאָרבן. אַ דייטש באַזיצט איבערהויפּט נישט קיין נשמה. — איך האָב, לערי, אַדורכגעלייענט אַ וועלט ליטעראַטור און קיין דייטשע שרייבער האָב איך קיינמאָל נישט געקענט לייענען, ווייל שטענדיק קומט אַרויף פון אויבן זייער פאַרדאָרבענע נשמה. דאָס זענען נישט קיין יידן, קיין רוסן, קיין פּאָלאַקן, פראַנצויזן, ענגלענדער, אָדער אַמעריקאַנער. איך לייען נאָך ליבער אַ כינעזער אָדער אַ נעגער, איידער אַ דייטש. נאָך גוט, וואָס זיי האָבן געהאַט אַ געשמדטן ייד, וואָס האָט אַביסל אויסגעפילט זייער ליטעראַטור, איך מיין דאָ היינע.

ניטשע פאַרקערפּערט אין זיך די דייטשע נשמה. ער פּרעדיקט רחמנות־לאָזיקייט, דאָס קעגנגעזעצטע פונעם ייד שפּינאָזאַ. שפּינאָזאַ זאָגט אויך, אַז מאַכט איז אַלץ און אַז מען דאַרף לעבן לויטן פאַרשטאַנד. זיין

פראַקטיש אין לעבן. אָבער ער זאָגט אויך, אַז דער וואָס מיידט אויס די הילף פאַרן צווייטן, האָט נישט וואָס צו זוכן אין דער געזעלשאַפט. איך ווייס נישט, וואָס די וועלט האָט זיך אַזוי אָנגעכאַפּט אין שילערן און אין געטע. איך האָב זיי קיינמאָל נישט געקענט לייענען, און געדענק נישט קיין וואָרט פון זייערס אַ ווערק. עס איז נישטאָ קיינמאָל ביי קיין דייטשן שרייבער דאָס געטלעכע פייער, וואָס פאַרלאַנגט דאָס אַלגעמיינע מענטשלעכע גליק.

איך בין אַביסל שטיל געבליבן. דאַן האָב איך לערי׳ן געפרעגט, ווי אַזוי קומט דאָס, אַז ער, אַלס אירלענדער, האָט זיך אַנגאַזשירט פרייוויליק אין דער ענגלישער אַרמיי. — מיין פאָטער האָט צו מיר געזאָגט, האָט מיר לערי געענטפערט, גיי מיין זון, פאַרטיידיק די מענטשלעכע רעכט — דו ביזט נאָך יונג, דער דייטש דראָט דער גאַנצער מענטשהייט מיט אונטערגאַנג. — מיר האָבן מיטן ענגלענדער טאַקע אַן אַלטן חשבון, אָבער איצט גייט עס וועגן גאַנצן. אויב דער דייטש זאָל די מלחמה געווינען, וואָלט די מענטשהייט צוריקגעגאַנגען צו דעם שרעקלעכסטן באַרבאַריזם, וואָס האָט נאָך ווי לאַנג די וועלט באַשטייט נישט עקזיסטירט.

איך האָב נאָך לערי׳ן אַ צייט שפּעטער באַגעגנט, אָבער ער איז געוואָרן נאָך מער שווייגנדיק, ווי פריער. ער האָט מיט מיר וועגן דער מלחמה קיינמאָל מער נישט גערעדט, און ער האָט וועגן מיר מיט קיין אַנדערן נישט גערעדט. ער פלעגט נאָר זיצן און טראַכטן. אָבער איינמאָל, אַ פּאָר טעג איידער לערי איז אַוועק אויפן פראָנט, האָט ער מיך צוגערופן און געפרעגט. — דו האָסט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז מען דאַרף אַלע דייטשע פעלד־זשאַנדאַרן פון דער איצטיקער מלחמה דערשיסן. — פאַרוואָס זאָל מען אויך נישט דערשיסן די דייטשע גענעראַלן און דעם גאַנצן דייטשן גענעראַל־שטאַב, וואָס האָבן די מערדערייען פון דער געשטאַפּאָ לייכט צוגעקוקט? זיי האָבן דאָך געהאַט די מאַכט אין די הענט, פאַרוואָס האָבן זיי נישט אָפּגעשטעלט דעם מאַסן־מאָרד איבער מיליאָנען אומשולדיקע און ווערלאָזע מענטשן? איצט האַלטן די געפאַנגענע גענעראַלן דורכן מאָסקווער ראַדיאָ שיינע רעדעס צום דייטשן פאָלק. אָבער ווו זענען זיי געווען אין לובלין, ווו זענען זיי געווען אין אָשוויענטשים?... ווו זענען זיי געווען אין כאַרקאָוו, קיעוו און נאָך אַנדערע קאָנצענטראַציע־לאַגערן? איך האָב אַ סך נאָכגעטראַכט: ענגלאַנד פרעדיקט איצט גערעכטיקייט, אָבער ווי אַזוי וועט זי זיך קענען שפּעטער ריין־וואַשן פון איר שולד אין דעם סיסטעמאַטישן מאָרד איבער זעקס מיליאָן יידן, וואָס האָבן נאָר געדאַרפט דינען אירע פּאָליטישע אינטערעסן? און איבערהויפּט, ווי אַזוי וועט זיך די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט קענען ריין־

וואַשן פֿון דער שרעקלעכער שולד, וואָס ליגט אויף איר, איבער דעם מאָטן־מאָרד און פּייניקונגען פֿון מיליאָנען פּרויען און אומשולדיקע קינ־דער, וואָס איז ביי די ווילדסטע פֿעלקער און שטאַמען נישט פֿאָרגעקומען. אַלע פֿעלקער האָבן טאַקע אין דעם מאָרד די שולד, ווי איך האָב זיך שפּעטער איבערצייגט, אַז דאָס, וואָס דו האָסט מיר דערציילט, איז אַלץ אמת.

איך געזעגן זיך מיט דיר, האָט לערי צו מיר געזאָגט, איך גיי אויפֿן פֿראָנט, איך ווייס נישט, אויב איך וועל דיך נאָך אַמאָל צוריקזען, אָבער מיין האַרץ טוט מיר ווי, ווען איך דערמאָן זיך וועגן דיר, און איך שעם זיך איבער מיין אייגן פֿאָלק וואָס פֿאָדערט גערעכטיקייט פֿון אַנדערע און האָט אויך, ביי דעם מאָרדן פֿון דיין פֿאָלק, די שטים נישט אויפֿגעהויבן. ווען איך האָב אויפֿגעהויבן מיין קאָפּ זיך צו געזעגענען מיט לערי'ן, האָב איך געזען, אַז איבער זיין פּנים האָבן זיך געגאָסן טרערן. — יאָ, האָט לערי ווייטער געזאָגט, ענגלאַנד האָט דערגרייכט דאָס וואָס זי האָט געוואָלט. זי האָט די יידן צוגעזאָגט צו געבן פּאַלעסטינע, אָבער זי האָט קיינמאָל נישט ערנסט געמיינט די יידן דאָרט צו באַזעצן. איצט פּרעדיקט ענגלאַנד גערעכטיקייט, זי וועט ווייטער זאָגן פֿאַר דער וועלט, אַז זי גיט צוריק די יידן זייער לאַנד, ווייל זי ווייס, אַז איצט וועט נישט זיין ווער עס זאָל דאָרט אַהינפֿאָרן. דאָס האָבן די דייטשן פֿאַר איר פֿאַרטיק גע־מאַכט. איך מוז דיר זאָגן, האָט לערי ווייטער געזאָגט, אַז דו האָסט רעכט, אַז אַלע פֿעלקער האָבן אָנטיילגענומען אין דער שרעקלעכער שחיטה קעגן דיין פֿאָלק, די שרעקלעכסטע שחיטה וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דער מענטש־לעכער געשיכטע קעגן ווערלאָזע מענטשן.

זונטיק דעם 4־טן מערץ 1945.

ברינק, אָדער ברינקס, איז היינט אַוועקגעפֿאָרן אויפֿן פֿראָנט. איינ־דערפֿרי איז ער ביי מיר געוועזן זיך מיט מיר צו געזעגענען. ער האָט קיין סך נישט געזאָגט. איך האָב אים מיטגעגעבן אַ בייטל מיט שיינע רויטע עפּל. ער האָט גענומען מיין אַדרעס און מיר צוגעזאָגט צו שרייבן און אַז ער וועט קומען קיין דייטשלאַנד, וועט ער זיך אומזען אויב ער וועט נישט קענען געוויער ווערן עפּעס וועגן מיין פֿרוי און קינדער.

דזשים דער קוכער, אָדער ווי ער האָט זיך גערופֿן מיט זיין ריכטיקן נאָמען, דזשעמס ב. עדוואַרד האַמילטאָן פֿון אָנטאַריאָ, קאַנאַדע, איז אויך היינט אַוועק אויפֿן פֿראָנט. דער דזשים, דאָס איז אויך געווען אַ גוטער טיפּ. אַזוי לאַנג ווי ער איז געווען אין ליפּס, האָט מיר גאָרנישט געפֿעלט.

ער האָט מיר אַריינגעברענגט אין שטוב פון אַלעם און פּאָר אַ סך זאַכן
האָט ער ביי מיר איבערהויפּט קיין געלט נישט געוואָלט נעמען. ווי למשל,
ברויט, קאָנדענסירטע מילך, שפּעק, מאַרמעלאַדע, צוקער, מעל. ער פלעגט
ביי מיר אַ סך מאָל זיצן גאַנצע אָוונטן. דאָס איז געווען זייער אַ סענטי־
מענטאַלער מענטש. ער האָט ליב געהאַט קינדער און אָרעמע מענטשן.
פאַרן אָוועקפאָרן האָט ער שטאַרק געוויינט. אַ קליין מיידעלע פון אַ יאָר
צען, וואָס האָט געלאָמט אויף אַ פיסל, פלעגט אַ סך מאָל צו אים אַריינ־
קומען אין דער קיך. ער פלעגט דעם מיידעלע געבן צו עסן, ווייל זי איז
געווען אַ קינד פון אַן אומגליקלעכער מוטער, וואָס האָט געהינקט פּונקט
אַזוי ווי איר קינד, און איר מאַן איז פון איר אַוועק און זי געלאָזט אַליין
מיט איר קינד. דאָס קליינע מיידעלע, ווען זי האָט געזען דזשימען אַוועק־
פאָרן, האָט זי שטאַרק געהעשעט. דזשים האָט זי אויפגעהויבן אין זיינע
אָרעמס, זי שטאַרק געקושט. צוויי מאָל איז ער פון זיין וואָגן צוריק אַראָפּ־
געגאַנגען דאָס מיידעלע צו קושן און זיך מיט איר צו געזעגענען.

איך מוז זאָגן, אַז אין אַלגעמיין זענען די קאַנאַדער געווען זייער גוטע
יונגען. אַ פּאָר טעג שוין, איידער זיי זענען אַוועקגעגאַנגען אויפן פראָנט,
האָבן זיי אַלע אָנגעהויבן שטאַרק צו שיכורן. יעדן טאָג זענען די מערסטע
פון זיי געווען שיכור. אָבער די מערסטע פון זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי
שיכורן דערפאַר צו פאַרגעסן זייערע עגמת־נפשן. אַ סך האָבן געהאַט זין
אויף די פראָנטן. אַזוי איז געווען איינער מיטן נאָמען פּעדי, אַ מאַן פון
עטלעכע פערציק יאָר. ער האָט געהאַט אַ זון, וואָס איז פאַרווונדעט גע־
וואָרן אויפן פראָנט. ער האָט צוויי וואָכן צייט, איידער ער איז אַוועק אויפן
פראָנט, נישט אויפגעהערט צו שיכורן. ער האָט פון זיך אַלץ פאַרקויפט,
ער זאָל קענען שיכורן. און ווען ער האָט געזען קינדער, האָט ער געזאָגט,
אַז זיין האַרץ ברעכט זיך צוזאַמען פון בענקשאַפט נאָך זיינע קינדער
אין קאַנאַדע. ער פלעגט דעמאָלט שטענדיק וויינען. און אַזוי זענען געווען
אַ סך אַזעלכע ווי ער. איך מוז זאָגן, אַז די בעסטע דערינערונגען זענען
מיר געבליבן פון די קאַנאַדער. און דאָס האָב איך אויך געזאָגט ברינקן,
ווען ער איז אַוועק אויפן פראָנט. דאָס זענען מענטשן, וואָס זענען שטאַרק
געוווינט צו דער פרייהייט.

דינסטיק דעם 6־טן מערץ 1945.

היינט מיטאָג האָט דער ראַדיאָ איבערגעגעבן אַ געשיכטע, ווי אַן אָפּי־
ציר פון אַ האָלענדישער קריגס־שיף איז געגאַנגען באַזוכן די 500 האָלענ־
דישע קינדער אין קאָווענטרי (ענגלאַנד). ווען דער אָפיציר איז צוריקגע־

קומען אויף זיין שיף, האָט ער דערציילט דער מאַנשאַפט פון דער שיף, אַז די קינדער האָבן איבערהויפּט נישט קיין שום שפּילצייג. דאַן האָט די גאַנצע מאַנשאַפט פון דער שיף זיך גענומען מיט אייפער צו מאַכן שפּילצייג פאַר די קינדער. יעדער פון זיי האָט געמאַכט, וואָס ער האָט נאָר געקענט. פון אַפּיציר ביז צום מאַטראָז. די אָפיצירן האָבן זאָגאָר נישט גענומען אין אַכט, וואָס די מאַנשאַפט קומט נישט נאָך די פליכטן פון דער קריגס־שיף, דורך זייער אַזוי שטאַרקע באַשעפטיקונג ביים מאַכן די שפּיל־צייג. נאָך אַכט טעג צייט, האָט די מאַנשאַפט פון דער קריגס־שיף איבער־געבן זייער שפּילצייג די קינדער. די געשיכטע האָט מיך אַזוי שטאַרק גע־רירט, אַז איך האָב אַ סך טרערן פאַרגאָסן.

די וואָך שבת האָב איך באַזוכט אַ יידישע משפּחה, וואָס איז באַ־שטאַנען פון צוויי אַלטע מענטשן, אַ מאַן מיט זיין פרוי. דאָס זענען געווען דייטשע יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון היטלער־דייטשלאַנד. זיי האָבן די גאַנצע צייט פון דער מלחמה אויך געוווינט אין ליער. די דייטשע פעלד־זשאַנדאַרן זענען אַמאָל צו זיי געקומען זיי אַוועקצופירן. די זשאַנדאַרן האָבן געזאָלט אין דעם זעלבן טאָג, ווען זיי זענען ביי זיי געווען, נאָכמיטאָג נאָך זיי צוריקקומען, אָבער זיי זענען נישט מער צוריקגעקומען. זיי האָבן געהאַט מער מזל פון מיר. אויב די פרוי האָט נאָך אַביסל מענטשלעך אויסגעזען, האָט אָבער דער מאַן אויסגעזען ווי אַ סקעלעט, אַ צעבראָכע־נער שאַרבן, אַ מענטש אַריינצולייגן אין גרוב אַריין.

די זעלבע וואָך, אויך אין אָוונט, האָבן ביי מיר געקלינגען צוויי פלע־מישע יינגלעך מיט אַ זעלנער. איך האָב זיי געפרעגט, וואָס זיי פאַרלאַנ־גען. האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז זייער מוטער האָט זיי געזאָגט, אַז איך קען ענגליש, און דער זעלנער וואָלט מיט מיר געוואָלט רעדן. איך האָב דעם זעלנער געפרעגט, וואָס ער וויל מיט מיר רעדן. איך האָב אים דאַן געפרעגט, וואָס איז ער, אַן ענגלענדער אָדער אַן אַמעריקאַנער, און צי ער איז אַ ייד, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער איז אַ ייד. איך האָב אים דאַן אַריינגעבעטן אין שטוב.

דער יונגערמאַן, וואָס איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר, האָט איבער־הויפּט נישט אויסגעזען ווי קיין ייד. זיינע האָר זענען געווען בלאָנד מיט אַ שניי־ווייס פּנים. קיין יידיש האָט ער מער כמעט נישט געקענט רעדן, אָבער ער האָט אין זיך נאָך געטראָגן אַ וואַרעם יידיש האַרץ. ווען ער האָט געהערט וועגן מיין געשיכטע מיט די דייטשן, האָט ער מיט מיר דווקא געוואָלט רעדן. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער הייסט וויליאַם האַרענסקי, איז פון באַלטימאָר. זיינע עלטערן זענען פון רוסלאַנד און זענען, האָט ער מיר געזאָגט, פרומע יידן. זיין מוטער צינדט יעדן פריי־

טיק ליכט, און דער שבת ווערט ביי זיי אינדערהיים נאָך שטאַרק אָפּגע־היטן. די אַמעריקאַנישע זעלנער פון זיין קאָמפּאַניע גלויבן נישט, אַז ער איז אַ ייד. — זאָל זיין אַזוי, האָט ער צוגעגעבן, ווייל זיי שיקאַנירן אַ סך מאָל די יידישע חברים. זיי שיכורן, און די יידן ווילן נישט שיכורן. — איך הער זיך אַ סך מאָל צו, האָט ער ווייטער געזאָגט, צו זייערע גע־שפּרעכן וועגן די יידן, ווייס איך דאַן איבערצוגעבן די געשפּרעכן מיינע יידישע חברים. — אין אַמעריקע, האָט ער ווייטער פאָרגעזעצט, פעלן אויך נישט קיין אַנטיסעמיטן, און אויך דאָרט ווערן די יידן שיקאַנירט, אָבער מיר האָבן, האָט ער נאַאיוו געזאָגט, אַ רבי וויס, און אַ פּרעזידענט רוזוועלט, וואָס איז גוט צו אונז. איך האָב געטראַכט וועגן דער נאַאיווי־קייט פון דעם יונגנמאַן און וועגן דער אַסימילאַציע פונעם יונגן יידישן דור אין אַמעריקע, וואָס קען נישט מער קיין יידיש, קען נישט, נישט נאָר די יידישע נביאים, נאָר אפילו נישט קיין יידישע שרייבער.

# זיבצנטער קאַפּיטל

דינסטיק דעם 13־טן מערץ 1945.

דער פילהאַרמאָנישער אָרקעסטער פון ניו־יאָרק גיט אין בריסל אַ קאָנצערט פון שובערטס מוזיק. שוין עטלעכע טעג ווי איך וויל עפּעס ווייטער שרייבן אַ פּאָר ווערטער פון מיינע דערינערונגען, אָבער עס קומט אַלץ נישט דערצו. די מוזיק האָט מיך ווידער צוגעקלעבט צום טיש. פון מיין אָנקלאָגע אין קריגס־געריכט קעגן דער פאַמיליע בראַבאַנטס, הער איך אַלץ גאָרנישט. איך ווייס נישט, וואָס מיט דער געריכטס־פּראָצעדור אין בעלגיע קומט פּאָר. אמתע שולדיקע ווערן געלאָזן אויף דער פרייהייט און אַ סך נישט־שולדיקע ווערן געהאַלטן אין תפיסה, אַזוי שרייבן די בעלגישע צייטונגען און אַזוי איז עס אויך. איך האָב דערצו דעם בעסטן באַווייז פון מיין פאַל.

די טעג האָב איך באַגעגנט די אלמנה בראַבאַנטס. זי האָט מיך געפרעגט, פאַרוואָס איך האָב זי אָנגעקלאָגט ביי דער פּאָליציי. איך האָב איר דאַן געענטפערט, ווייל זי און אירע טעכטער האָבן מיך פאַראַטן. — יאָ, האָט זי מיר געענטפערט — דו האָסט אַוועקגעשיקט די צוויי קינדער פון דיין שוועגערין קיין מאַלין, כדי דו זאָלסט האָבן דאָס מעבל. און דערפאַר האָבן זיי מיך פאַראַטן, איך זאָל נישט קענען האָבן דאָס מעבל. איין גאָט ווייס, אַז איך האָב זיך קיינמאָל מיט אַזאַ געדאַנק נישט אַרומגעטראָגן. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווסט, וואָס דער דייטש האָט אין זינען צו טאָן מיט די יידן, און דערפאַר זענען אויך טויזנטער יידן, רייכע מיליאָנערן אַליין געגאַנגען קיין מאַלין, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז מען שיקט זיי צוריק קיין פּוילן, צוליב דעם וואָס די בעלגישע פאַשיסטן ווילן זיי נישט האָבן אין זייער לאַנד. קיינער האָט נישט געגלויבט, אַז דער דייטש וועט אַלע יידן אויסמאָרדן. אין יידישן קאָמיטעט האָט מען געזאָגט, אַז אויב די קינדער וועלן גיין קיין מאַלין, וועט מען זיי אָפּשיקן צו זייער מוטער. איך האָב אַליין דערוואַרט, אַז די דייטשן זאָלן נאָך אונז יעדן טאָג קומען. ווי אַזוי האָב איך דאַן געקענט האָבן אין זינען מעבל אָדער

געלט, אַזוי ווי די פאַמיליע בראַבאַנטס באַשולדיקט מיך. איך האָב דאַן צו דער אלמנה בראַבאַנטס געזאָגט, אַז אויב זי איז ווירקלעך אַ קריסטלעך־גלויביקע, וועט זי פאַרן טויט מוזן מתוודה זיין איר חטא, אַז פאַר אַביסל מעבל האָט זי פינף מענטשן געוואָלט שיקן צום טויט, און אין די שרעק־לעכסטעליידן, און פיר נפשות האָט זי טאַקע געשיקט צום טויט, און נאָך דערצו אַ מוטער מיט דריי קליינע קינדער — אַ קינד פון צען וואָכן, און אַ מוטער וואָס איז ערשט נישט לאַנג אַרויס פון דער קימפעט. זי איז דאַן זייער בלייך געוואָרן און האָט נישט געוווסט וואָס מיר אויף דעם צו ענטפערן. איך האָב זיך איצט איבערצייגט, אַז איך האָב קיין טעות נישט געהאַט, אַז די פאַמיליע בראַבאַנטס האָט מיך פאַראַטן ביי דער געשטאַפּאָ, כדי צו קענען באַזיצן דעם רויב פון מיין שוועגערין און פון נאָך אַ יידישער פרוי.

די טעג האָב איך באַגעגנט אַ שכן פון דער אלמנה סאַנדערס. איך האָב אים געפרעגט, צי ער וואָלט זיך דאָס אַמאָל אין לעבן פאָרגעשטעלט, אַז די פאַמיליע בראַבאַנטס, וואָס האָט מיט אונז געשפּילט די ראָלע פון אַזעלכע גוטע פריינט, זאָל אונז גיין פאַראַטן צוליב אַביסל מעבל. — מיין פריינט, האָט דער שכן צו מיר געזאָגט, — דו וווּנדערסט זיך, אַז די פאַמיליע האָט דיך פאַראַטן צוליב אַביסל מעבל. — ערשטנס, איז דאָס די שלעכטסטע און קאָרומפּירטסטע פאַמיליע פון ליער. איך האָב געוווינט לעבן דער אלמנה סאַנדערס. יעדן טאָג איז דאָרט געווען, צווישן איר און איר מאַן, אַ גיהנום. אַזאַ מרשעת ווי עס איז זי און איר מוטער מיט אירע טעכטער, זענען ווייניק צו געפינען. איר מאַן, דער אַלטער סאַנדערס, האָט ביי איר געהאַט לעבעדיקערהייט דאָס גיהנום. איך האָב דאַן צו דעם שכן געזאָגט, ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַ פאַמיליע, וואָס שפּילט די ראָלע פון צו זיין קריסטלעך, זאָל קענען צוליב אַביסל מעבל שיקן פינף מענטשן אין טויט אַריין. — הער, האָט דער שכן צו מיר געזאָגט, איך בין פון איבערצייגונג אַ קאָמוניסט. יאָרן בין איך שוין איינגעשריבן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָבער איך זאָג דיר, אַז אַן אמתער קריסט וואָלט אַזעלכעס נישט געטאָן. דאָס זענען פאַר־שטעלטע קריסטן. דאָס זענען מערדער מיט אַ הייליק פּנים. איבערהויפּט אַזאַ קנאהדיקע פאַמיליע ווי עס זענען די בראַבאַנטס זענען ווייניק צו גע־פינען. דאָס זענען שלאַנגען אין אַ מענטשלעך געשטאַלט. די מוטער מיט אירע טעכטער לעבן אין איין הויז און רעדן יאָרן נישט צווישן זיך, אַלץ צוליב געלט־זאַכן. זיי וועלן נישט בלויז פינף מענטשן אין טויט אַריינ־שיקן צוליב אַביסל מעבל, נאָר זיי זענען פעאיק איין שוועסטער די אַנ־דערע צו ממית פאַרן געלט. דאָס זענען מענטשן, וואָס די תענוגים פון

עולם־הזה שטייען ביי זיי העכער פון אַלעם. זייער ראַפינירטקייט גייט אַזוי ווייט, אַז פאַר זיי עקזיסטירט גאָרנישט אויף דער וועלט, נאָר די אייגענע פאַרגעניגנס. — גוט פרעסן און זויפן, שיינע קליידער, און נאָך עפּעס דערביי, דו פאַרשטייסט אוודאי וואָס. אויף דעם וועג גייען אַלע פּראָסטע מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין אידעאַל אין לעבן. — און דערפאַר, זאָג איך דיר, האָט ער פּאַטעטיש אויסגערופן — אויב די קאָמוניסטישע אידעע זאָל אויף דער וועלט נישט פאַרווירקלעכט ווערן, איז בעסער, אַז די וועלט זאָל אינגאַנצן אונטערגיין. איך ווייס נישט, האָט ער נאָך צוגעגעבן, וואָס מיט מיין פאָלק איז געוואָרן. די קינדער וועלן פאַרקויפן פאַר געלט זייער פאָטער און מוטער און די עלטערן — זייערע קינדער. אַזוי שטאַרק איז ביי זיי אַלע געוואָרן אַנטוויקלט דער ווילן צו די תענוגים פון עולם־הזה. מיין פאָלק איז דאָך אַמאָל אַזוי נישט געווען. די מענטשן זענען אַמאָל געווען פּשוט און פאַמיליאַל. אָבער דאָס האָט מיטגעבראַנגט די ציוויליזאַציע, וואָס האָט די מענטשן געברענגט צו דער העכסטער שטופע פון ראַפינירטקייט, פונעם מיינען, אַז אין לעבן איז גאָרנישט דאָ נאָר דאָס לעבן אַליין. מיין פאָלק איז רוי, נאָך זייער רוי. עס קען גאָרנישט נאָר עגאָאיזם. עס באַגרייפט נישט, אַז נאָר דורך שטרעבן צום גליק פאַר אַלע, וועלן זיי אויך קענען האָבן זייער אייגן גליק.

איך עס זיך די לעצטע צייט אויף פון בענקשאַפט און איינזאַמקייט. מיין בענקשאַפט נאָך מיין פרוי און קינדער איז ביי מיר געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו מיין ליבע צו מיין יונגער מאַדאַם איז שטאַרק אָפּגעקילט געוואָרן. — איך בין נייגעריק, ווי לאַנג נאָך מיין יונגע מאַדאַם וועט צו מיר קומען, ווייל די קאַנאַדער זענען איצט אַוועק און אַנדערע קומען נישט מער. אַזוי, אַז איך האָב פאַר איר קיין שום סחורות נישט, וואָס זי זאָל קענען מאַכן געשעפטן דורך מיר. זי פלעגט צו מיר קומען איינמאָל אין דער וואָך. דאָס לעצטע מאָל, ווען זי איז ביי מיר געווען, האָב איך נאָך פאַר איר געהאַט אַביסל סחורה. איך האָב מיר געהאַט אַביסל רעזערווירט. — דו זעסט, זשאַן, האָב איך צו איר געזאָגט, דו ביזט דאָך נישט געקומען בחינם. אויף וואָס זי האָט מיר געענטפערט, אַז אַפילו דו וואָלסט פאַר מיר גאָרנישט געהאַט, וואָלט איך אויך גאָרנישט געווען.

איך ווייס נישט, וואָס זי האָט דערמיט געמיינט צו זאָגן, אַז ווען אַפילו איך וועל פאַר איר קיין סחורות נישט מער האָבן, וועט זי אויך צו מיר ווייטער קומען. איך האָב איר אַזעלכעס נישט געפרעגט. נאַטירלעך, מוז איך דאָ אָננעמען אַן אָפּוואַרטנדיקע האַלטונג. מיר דאַכט זיך, אַז אין אַ שיינעם העלן טאָג, וועט זי פון מיר פאַרשווינדן. איך קען פון

איר נישט אַרויסבאַקומען, צי זי איזווירקלעך צו מיר געקומען אויס סימפּאַטיע, אָדער האָבן זי געלאָקט די געשעפטן, וואָס זי וועט דורך מיר קענען מאַכן. איך מוז נאָך אַמאָל צוגעבן, אַז זי באַזיצט אַ סך חן. זי פאַר־שטייט זיך אַזוי צו קליידן מיט געשמאַק, אַז אפילו מיר דוכט זיך, איך האָב זי נישט מער אַזוי ליב, אָבער ווען איך דערזע זי, בין איך אַנטציקט פון איר חן. אין איר שמייכל ליגט אַ סך רייץ. לעצטנס איז זי געקומען אין אַ ראָזאַ, וואָלן, געשטריקט בלוזקעלע, געשטריקט מיט דער האַנט. דאָס האָט איר אויסערגעוויינלעך געקליידט. איך ווייס, אַז ווען דער טאָג וועט קומען און זי וועט פון מיר אַוועקגיין, וועט זי מיר פאַרשאַפן אַ סך ווייטיק. זי האָט מיר פאַראויסגעזאָגט, אַז עס וואָלט פאַר מיר אַ סך בעסער געווען, איך זאָל זיך צו איר נישט צוגעוווינען. אָבער אַזוי איז דאָס לעבן. זי האָט מיר אויך אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל שטענדיק פאַרניכטן אַלע אירע קאָרעס־פּאָנדענציעס צו מיר. איך האָב אָבער אַלע אירע בריוו פון איר צו מיר באַהאַלטן, אויסער איין בריוו, ווו זי שרייבט מיר, אַז זי קען דעם אָוונט נישט קומען נעכטיקן, האָב איך אין איר קעגנוואָרט פאַרברענט. זי האָט אָבער נישט געוווּסט, אַז איך באַהאַלט אירע בריוו צו מיר. די טעג האָט זי מיר געשאָנקען אירס אַ בילדל. ווי דערשטוינט בין איך געבליבן, ווען איך האָב אין איר בילדל געזען אַזאַ ענלעכקייט צו דער העלדין פון מיינס אַ דערציילונג א. נ. "העלען מאַרגאַריט", וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין דער יידישער וואָכן־צייטונג פון בריסל. אַזאַ ענלעכקייט וואָלט איך מיר נישט געקענט פאָרשטעלן. דער אונטערשיד איז נאָר געווען פון איר צו העלען מאַרגאַריט, וואָס זי איז געווען אַ שאַטינקע און העלען מאַרגאַ־ריט איז געווען אַ בלאָנדע.

# אַכצנטער קאַפּיטל

דינסטיק דעם 20־טן מערץ 1945.

די פאַבריקע וואָך בין איך ווידער אַריינגעפאָרן קיין בריסל הערן אין יידישן קאָמיטעט, צי זיי וויסן נאָך גאָרנישט פון מיין פרוי און קינדער. אָבער דאָרט האָט מען פונקט אַזוי פיל געוווסט ווי איך. איך האָב דאָרט, אין יידישן קאָמיטעט, געטראָפן באַקאַנטע יידן פון אַנטווערפן, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק זיך אויסצובאַהאַלטן מיט זייערע פרויען און קינדער. איך האָב זיי אַזוי מקנא געווען. ווען איך וואָלט געהאַט דאָס גליק ביי מיר צו האָבן כאָטש איינס פון מיינע קינדער.

די פאַבריקע וואָך, פרייטיק ביינאַכט, בין איך אַוועק צוליב לאַנגווייליקייט אין אַ סינעמאַ. אָבער אַלע פּלעצער זענען געווען אויספאַרקויפט און איך האָב נאָר געקענט באַקומען דעם ביליקסטן פּלאַץ צווישן אַרבעטער. איך האָב געזען נאָך אויף אַ סך רייען פרייע פּלעצער. איך האָב נישט געוווסט, אַז זיי זענען באַזעצט. די פּלעצער זענען נישט געווען נומערירט, נאָר עס פלעגט קומען אַ פערזאָן און אָפּקויפן די גאַנצע ריי פּלעצער און זיי האַלטן רעקוויזירט ביז די אַנדערע פלעגן קומען. די אַנדערע, זייענדיק זיכער מיט זייערע פּלעצער, פלעגן קומען אין דער לעצטער מינוט. ווען איך האָב זיך געוואָלט אַנידערזעצן אויף אַזאַ פּלאַץ, האָט צו מיר אַן עלטערע פרוי געזאָגט, אַז די פּלעצער זענען באַזעצט. איך האָב איר דאַן געמאַכט אַ באַמערקונג, פאַרוואָס זי האָט דאָס מיר באַלד נישט געזאָגט, נאָר זי לאָזט מיך צוערשט אַדורכשטופּן די גאַנצע ריי און וואַרט ביז איך גיי זיך אויף דעם פּלאַץ אַנידערזעצן, זאָגט זי מיר דאָס ערשט — דאָס, האָב איך צו איר געזאָגט, איז חוזק מאַכן פון עמעצן, די אַנדערע מענטשן זאָלן פון מיר לאַכן. די אַלטע פרוי האָט צו מיר דאַן געזאָגט, אַז איך בין פרעך, ווייל איך האָב נישט צוערשט געפרעגט, צי די פּלעצער זענען באַזעצט. — פּלעצער, וואָס זענען נישט נומערירט, האָב איך געזאָלט פרעגן, צי זיי זענען נישט באַזעצט. איך האָב איר דאַן געזאָגט, אַז דאָס איז נישט שיין אַזוי צו האַנדלען. אויף מיין ענטפער, האָט אַ

מאַן זיך דאָרט אויפגעשטעלט און מיך געוואָלט שלאָגן. איך האָב דאַן געזען, אַז דעם פלעמישן אַרבעטער פעלט נאָך אַ סך פון דערציאונג. איך האָב זיך איבערצייגט אין דעם אמת פון די ווערטער, וואָס דער פלעמי־שער קאָמוניסט האָט מיר די פאַריקע וואָך געזאָגט, אַז זיין פאָלק איז נאָך רוי.

די וואָך האָט מיר אַ פלעמישע פרוי דערציילט אַזאַ געשיכטע. אין ליפּס, נישט ווייט פון מיר, האָט אַ פלעמישע משפחה אויסבאַהאַלטן פאַרן דייטש צוויי יידישע קליינע מיידלעך פון זעקס און עלף יאָר. דעם ערשטן טאָג ווען די אַליאירטע זענען אַריין קיין ליער, האָט מיך די פרוי באַגעגנט מיט די צוויי מיידלעך. זי האָט מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און מיך צוגעפירט צו די צוויי מיידלעך און צו מיר געזאָגט — דריק זיי די הענטלעך, ווייל דאָס זענען צוויי יידישע קינדער, וואָס איך האָב געוווסט אויסצובאַהאַלטן פאַרן דייטש. זייערע עלטערן האָבן די דייטשן אויך דעפּאָרטירט. איך האָב דאַן געדריקט די הענטעלעך פון די צוויי מיידלעך און זיך צעוויינט. — איינמאָל, האָט די פרוי מיר דערציילט, איז דאָס עלטערע מיידל געשטאַנען פאַר דער טיר און האָט געזונגען דאָס לידל "ראָזשינקעס מיט מאַנדלען". עס איז פונקט פאַרבייגעגאַנגען אַ קאַ־נאַדישער זעלנער. ווען ער האָט געהערט דאָס לידל, האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט און געפרעגט דאָס מיידל, פונוואַנען זי קען דאָס לידל. זי האָט אים דאַן דערקלערט, אַז זי איז אַ יידיש קינד, וואָס האָט זיך דאָ ביי דער פאַמיליע אויסבאַהאַלטן מיט איר קליין שוועסטערל, און אַז איר מוטער פלעגט איר, ווען זי איז געווען קליין, זינגען דאָס לידל — און, אַז זי דערמאַנט זיך אין אירע עלטערן זינגט זי שטענדיק דאָס לידל. דער זעל־נער איז אויך געווען אַ ייד. ער האָט זיך שטאַרק צעוויינט, אויפגעהויבן דאָס מיידל אין זיינע אָרעמס, זי געקושט און צוזאַמען מיט איר דאָס לידל ווייטער געזינגען. פון דעמאָלט אָן, איז דער זעלנער יעדן טאָג גע־קומען באַזוכן ביי דער פלעמישער משפחה די צוויי יידישע קינדער, און וואָס ער האָט נאָר געקענט האָט ער פאַר די קינדער מיטגעברענגט, ביז ער איז אַוועק מיט צוויי וואָכן צוריק אויפן פראָנט.

מאָנטיק דעם 26־טן מערץ 1945.

היינט האָב איך געפלאַנצט גרינס אין מיין גאָרטן. איך האָב זייער אַ שיינעם גאָרטן פון קנאַפּע 30 קוואַדראַט־מעטער. עס געפינען זיך אין אים צוויי אַבריקאָסן־ביימער, איין באַרנבוים, רויטע וויינפּערלעך־ביימלעך און אַ סך בלומען־ביימלעך. עס געפינען זיך אויך אין מיין גאָרטן טרויבן־

ביימלעך. איך האָב אין מיין גאָרטן געפלאַנצט קאַרטאָפל און גרינס. ווען איך וואָלט געהאַט דאָס גליק צוריקצוזען מיין פרוי און קינדער, ווי וואָלטן זיי זיך געפרייט מיט אַזאַ שיינעם גאָרטן.

די פאַבריקע וואָך דינסטיק בין איך אַראָפּגעפאָרן אין מיניסטעריום אַריין קיין בריסל בעטן, מען זאָל מיר געבן טעקסטיל־מאַרקעס, איך זאָל קענען אָנהויבן צוריק מיין האַנדל, ווייל איך האָב געזען, אַז אַזוי צו זיצן האָט דאָך קיין צוועק נישט. איך האָב דאָך אַמאָל געלערנט אַם אין קמה — אין תורה. איבערהויפּט האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ דע־קרעט איידער די מלחמה האָט זיך נאָך געענדיקט, צו העכערן דאָס דירה־געלט מיט 40 פּראָצענט מער נאָך, ווי עס איז געווען פאַר דער מלחמה. פאַרוואָס די רעגירונג האָט זיך געאיילט מיט אַזאַ פּראָיעקט, ווען דאָס לעבן איז נאָך איבערהויפּט נישט געווען נאָרמאַל? איך האָב איצט לויטן געזעץ געדאַרפט צאָלן אַנשטאָט צוויי טויזנט פינף הונדערט פראַנק דירה־געלט פינף טויזנט פראַנק.

איך האָב אָבער אין מיניסטעריום באַלד קיין מאַרקעס נישט באַקו־מען, איך האָב נאָך געדאַרפט וואַרטן. איך האָב דאַן גערעכנט, איך וועל אפשר אַזוי אַראָפּפאָרן קיין סינט־ניקלאָס צו מיינע באַקאַנטע גראָסיסטן און פאַבריקאַנטן, אפשר וועל איך אַזוי קענען קויפן אַביסל סחורה. אָבער די פּרייזן זענען געווען אַזעלכע, אַז עס איז נישט מעגלעך געווען אָנצו־הויבן צו האַנדלען. איבערהויפּט איז קיין סחורה נישט געווען צו באַ־קומען. די סוחרים אין סינט־ניקלאָס האָבן איבערהויפּט קיין סחורה נישט געוואָלט פאַרקויפן.

איך בין אין סינט־ניקלאָס אויך אַוועק צו אַ פאַבריקאַנט פון עלאַס־טיק, אַ געוויסער ווערמערן, מיט וועלכן דער האָלענדישער ייד בלאָך פלעגט האַנדלען. איך האָב פאַרלאַנגט צו רעדן מיט איינעם פון דעם פאַבריקאַנטס זין. איך האָב געהאַט ווייניק צייט צום צוג. אַזוי ווי דער זון איז נישט צו מיר געקומען שנעל אין ביוראָ, ווו איך האָב אויף אים געוואַרט, האָב איך באַשלאָסן אַריינצוגיין אין זייער ווילאַ, כדי אים צו זאָגן, אַז איך מוז נאָך האָבן צוריק מיין צוג און איך האָב נישט קיין צייט צו וואַרטן. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון זייער שטוב. זיי האָבן פּונקט געהאַלטן אין עסן אוודאי זייער 4־נאָכמיטאָג־עסן. — מיט וואָס פאַר אַ דרייסטקייט, האָבן זיי מיך געפרעגט, האָסטו דיר דערלויבט צו קלאַפּן ביי אונז אין דער שטוב? — איך האָב זיי דערקלערט, אַז איך מוז האָבן מיין צוג און איך קען נישט בלייבן וואַרטן.

דאַן האָט זיך אויפגעשטעלט איינער פון זיינע זין מיטן נאָמען פּיער און מיך געפרעגט, וואָס איך פאַרלאַנג. איך האָב אים דאַן געפרעגט,

צי ער האָט געקאַנט דעם הער בלאָך — אַזוי ווי איך האָב אַ סך פון אייערע סחורות פאַרקויפט פאַרן הער בלאָך, וואָלט איך געוואָלט, איר זאָלט מיר איצט ווייטער געבן אַביסל סחורה. איך האָב אים געזאָגט, אַז עס איז זייער חוב אונז צו העלפן. ווען איך האָב אים דערציילט, אַז די דייטשן האָבן דעם הער בלאָך געכאַפּט נאָך אין יאָר 1942, האָט ער מיר פשוט געענטפערט — וואָס אינטערעסירט עס מיך, וואָס די דייטשן האָבן געטאָן מיט דעם הער בלאָך. — גאָט מיינער! איך האָב נישט גע־גלויבט, אַז מען קען זיין אַזוי גלייכגילטיק צו אונזערעליידן. אין דעם מאָגער מענטשל פיער ווערמערן האָט געברויזט אַזוי פיל נידערטרעכטי־קייט און פאַרפּעסטעטער אַנטיסעמיטיזם, און צולעצט האָט ער מיר גע־ענטפערט — איך האָב נישט קיין סחורה, מיר האָבן שוין באַשטעלונגען אויף אַ האַלב יאָר צייט פאָראויס. איך קען דיר, האָט ער מיר געזאָגט, קיין סחורה נישט געבן.

קיין סינט־ניקלאָס בין איך געפאָרן איבער אַנטווערפּן. אין אַנט־ווערפּן האָב איך באַשלאָסן צו גיין אין יידישן קאָמיטעט בעטן שטיצע. איך האָב מיר געטראַכט, אַז מיט מיין שעמעוודיקייט וועל איך מיינע פּאָר פראַנק שנעל אויפעסן. — פאַרוואָס, האָב איך געטראַכט, קען איך אין ליער פלעמער, וואָס האָבן געהאַט געלט אין דער באַנק און זענען געגאַנגען נעמען אַרבעטסלאָזע שטיצע. איך האָב געקענט אין ליער אַזאַ פלעמישן אַרבע־טער. ער האָט אַליין געהאַט געלט אין דער באַנק, זיינע דריי ברידער און זייער פאָטער האָט געאַרבעט, זיין פאָטער האָט געהאַט זיין אייגן הויז מיט אַ שיינעם גרויסן גאָרטן, און דאָך איז דער איינער זון געגאַנגען נעמען אַרבעטסלאָזע שטיצע. — פאַרוואָס זאָל איך זיך שעמען צו נעמען שטיצע, ווען איך קען מיין האַנדל נישט ערלעך אויספירן צוליב די מלחמה־אומשטענדן. נאַטירלעך, האָט מען געזאָגט, אַז פאַר אַ פרעמדן צו נעמען שטיצע ביי דער רעגירונג איז נישט זייער ראַטזאַם, ווייל עס הייסט, אַז דער פרעמדער פאַלט דער רעגירונג צו־לאַסט. אָבער פאַרן יידישן קאָ־מיטעט האָב איך דאָך נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן. עס איז טאַקע אמת, אַז אין יידישן קאָמיטעט האָט מען נאָר געגעבן 400 פראַנק אַ חודש, דאָס וואָס עס איז פּונקט גענוג געווען פאַר מיר צו באַצאָלן אַ חודש דירה־געלט. אָבער דאַן האָב איך דאָך כאָטש געהאַט צושטייער אויף דירה־געלט און מיין זאָרג איז נישט געווען אַזוי גרויס.

אין קאָמיטעט האָב איך געטראָפן אַ באַקאַנטן ייד, וואָס האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז זיין ווייב איז געשטאָרבן אין פראַנקרייך, ווו ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן, און אַז אַלע זיינע מעבל, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין זיין הויז, האָט דער פלעמישער בעל־הבית פון הויז

פּאַרקויפט, און איצט זאָגט ער, אַז די דייטשן האָבן עס צוגענומען. — יאָ, האָט דער ייִד ווייטער געזאָגט, דאַן זאָג איך צו דעם פלעמער גיב מיר אַ באַווייז, אַז די דייטשן האָבן מיין מעבל צוגענומען, ווייל ער מיר אַזאַ באַווייז נישט געבן, ווייל ער ווייס, אַז ער קען אַזאַ באַווייז נישט געבן, ער האָט דאָך אַליין דאָס מעבל פאַרקויפט. — איך גיי אויף דער פּאָלי־ציי, ענטפערט מען מיר, אַז זיי קענען גאָרנישט טאָן. — אַן אָפּענער רויב, האָט דער ייִד געקלאָגט.

דאַן האָט ווידער אַ פרוי פאַר מיר געוויינט, אַז זי האָט די זעלבע געשיכטע. איר מעבל איז נאָך נישט פאַרקויפט, זי זעט איר מעבל נאָך שטיין, אָבער דער פלעמער וויל עס נישט אַרויסגעבן. נישט דער ייִדישער קאָמיטעט קען עפּעס אויפטאָן, און די פּאָליציי וויל גאָרנישט טאָן. אַזעלכע טראַגעדיעס זענען דאָ הונדערטער. עס איז אַן אָפענע בייזוויליקייט פון דער בעלגישער געריכטס־מאַכט. דער אַנטיסעמיטיזם איז, דוכט זיך מיר, אין בעלגיע גאָרנישט פאַרמינדערט, ווי ער איז געווען פאַר דער מלחמה, איבערהויפּט אין אַנטווערפּן. ווען איך קום קיין אַנטווערפּן און איך קוק זיך צו צו דער באַציאונג פון אַ סך פלעמער צו דעם ביסל אומגליק־לעכע ייִדן, וואָס זענען נאָך איבערגעבליבן, דוכט זיך מיר, אַז זיי וואָלטן זיי אַלע געוואָלט איינשלינגען. — יאָ, אַ יונגערמאַן האָט מיר אין קאָמיטעט געמאַכט אויפמערקזאַם. — איך האָב, האָט ער מיר געזאָגט, לעצטנס גערעדט מיט אַ בעלגישן קריגס־ריכטער, וואָס איז שוין 28 יאָר קריגס־ריכטער, האָט ער צו מיר געזאָגט אין אַ געשפּרעך — מען קען דאָך נישט פאַרבאָטן די בעלגיער צו האַסן די ייִדן.

איך האָב זיך לעצטנס אויך געווענדעט צו דער בעלגישער מאַכט, מען זאָל מיר אַרויסגעבן דאָס מעבל פון מיין פרויס שוועסטער, וואָס האָט זיך געפונען ביי אַ פלעמער אין ליער, און וואָס זענען געווען די סיבה פון מיין אומגליק. איך האָב געטראַכט, אַז אַזעלכע פלעמער, וואָס האָבן געשיקט פיר מענטשן אין טויט אַריין, דאַרף איך דאָך נישט לאָזן שטיין ביי זיי דאָס מעבל פון מיין אומגליקלעכער שוועגערין. אָבער דער אַדוואָקאַט האָט מיר געענטפערט, אַז איך האָב נישט קיין רעכט דאָס מעבל צו פאָדערן, ווייל מיין שוועגערין האָט זיי אַריינגעגעבן צו די מענטשן, זיי זאָלן אויף זיי אויפפּאַסן. און ווען חלילה מיין שוועגערין זאָל נישט צוריקקומען, וועלן, הייסט עס, די מענטשן שטענדיק קענען זאָגן, אַז מען האָט זיי געגעבן דאָס מעבל, זיי זאָלן אויף זיי אויפפּאַסן. איך פאַרשטיי נישט אַזאַ גערעכטיקייט, איך אַלס שוואָגער האָב נישט קיין רעכט אויפצופּאַסן אויף דעם מעבל און די אַלע אַנדערע זאַכן, וועש

און קליידער, און אַ פרעמדער האָט מער רעכט זיי צו באַזיצן. ווי טראַגיש דאָס קומט מיר דאָך פאָר דאָס אַלץ.

איך ווין אין אַ הויז פון אַן עכטן דייטש, וואָס האָט געאַרבעט אין דער קאַזאַרמע, פון וואַנען מען האָט אַוועקגעשיקט די אומגליקלעכע יידן. דער דייטש האָט זיך געבריינגט קיין ליער פאַרשידענע געראָבטע יידישע מעבל, ווייל איך האָב געפונען טישטעכלעך נאָך אויסגענייט מיטן מגן־דוד. אָבער איך האָב פון די אַלע מעבל קיין רעכט גאָרנישט צו נעמען, און מען האָט יעדעס שטיקל, וואָס געפינט זיך ביי מיר אין הויז, אויפגעשריבן. און פאַרקערט, ווען די יידן קומען און רעקלאַמירן זייער אייגן פאַרלוירן האָב־און־גוטס, קענען זיי עס נישט צוריקבאַקומען.

# נײַנצנטער קאַפּיטל

דאָנערשטיק דעם 29־טן מערץ 1945.

די נאַכט האָב איך געהאַט אַ שרעקלעכן חלום. איך האָב געחלומט, אַז מײַן פֿרוי איז צוריקגעקומען. איך בין מיט איר געשלאָפֿן אין איין בעט. אָבער ווען איך האָב מיט איר גערעדט, האָב איך געזען, אַז זי איז שטאַרק פֿאַרענדערט. איר פּנים האָב איך נישט מער געקענט דער־קענען. זי האָט מיר אויסגעזען צו זײַן נישט נאָרמאַל. איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט און ווידער צוריק אײַנגעשלאָפֿן. דאַן האָב איך ווייטער גע־חלומט, אַז אויך מײַנע צוויי ייִנגלעך זענען צוריקגעקומען און זיי האָבן נעבעך אַזוי שלעכט און מאָגער אויסגעזען. איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון דעם חלום שפּעט אינדערפֿרי מיט אַ שווער געמיט.

פֿרײַטיק דעם 30־טן מערץ 1945.

איך האָב הײַנט באַקומען אַן ענטפֿער פֿון מיניסטעריום פֿאַר עקאָ־נאָמישע אָנגעלעגנהייטן, ווו מען טיילט מיר מיט, אַז אויף מײַן אָנפֿראַגע צו קענען צוריקבאַקומען מײַן דערלויבעניש צו האַנדל, וואָס איך האָב אין יאָר 1942 אונטערן דרוק פֿונעם דײַטש זיך אַליין געמוזט אָפּזאָגן (אָדער אָפּגעבן). — אַז צוליב די מלחמה־אומשטענדן קען מען מיר דער־ווײַל די דערלויבעניש נישט צוריקגעבן. איך פֿאַרשטיי נישט, פֿאַרוואָס בעלגיער, וואָס זענען געוואָרן באַשעדיקט פֿון באָמבעס, און זייערע היי־זער אָדער געשעפֿטן זענען רואינירט געוואָרן, האָט מען זיי באַלד גע־געבן די מעגלעכקייט זייערע געשעפֿטן ווייטער פֿאָרצוזעצן. נאָר מיר, האָט דער מיניסטער פֿון עקאָנאָמישע ענינים אַזוי מורא, אַז צוליב די מלחמה־אומשטענדן, וועל איך קיין האַנדל נישט קענען צוריק אָנהויבן. — וואָס אונטער דעם אַלעם שטעקט קען איך נישט קלוג ווערן. אין דער צייט, ווען איך האָב דרײַ יאָר געלעבט אין שרעק און אין אַנגסט און די גאַנצע צייט קיין פֿראַנק נישט פֿאַרדינט, ענטפֿערט מען מיר,

אַז איך מוז צוערשט באַווייזן, אַז איך קען נאָרמאַל מיין האַנדל אָנהויבן. דאָס וואָס דער מיניסטער ווייס, אַז דאָס דאַרף נאָך לאַנג דויערן און קיינער פּירט דאָך ווירקלעך נישט אינגאַנצן קיין נאָרמאַלן האַנדל. אָבער מיך וויל מען צווינגען מיט געוואַלט צו ווערן אַ בעטלער. איך זע אין דעם אַלעם נישט מער, נאָר אַ שטאַרקע שנאה צום פרעמדן אין בעלגיע און איבערהויפּט צום ייד. יאָ, אפילו די צען פּראָצענט פון די יידן, וואָס זענען נאָך געבליבן אין בעלגיע, זענען מיר אַלע צופיל אין די אויגן. און איך מיין אַזוי איז עס אויך אין אַנדערע לענדער. און דערפאַר זע איך אַזוי, אַז דאָס דעפּאָרטירן דורך די דייטשן די יידן פון אַלע איירא־פּעאישע לענדער קיין פּוילן אין די שעכט־הייזער, איז געווען אין איינ־שטימונג פון אַלע רעגירונגען. אויב נישט אָפיציעל, איז עס געווען אויף אַ באַהאַלטענעם אופן. נאָך גאָרנישט לאַנג, קורץ נאָך דעם ווי די אַלי־אירטע אַרמייען זענען אַריין קיין בעלגיע, איז די בריסעלער סאָציאַליס־טישע צייטונג "לע פּעפּל" אַרויס מיט אַן אַנטיסעמיטישן אַרטיקל, אַז די יידן זענען שולדיק, וואָס עס הערשט הונגער אין בעלגיע. און אַז די יידן טרייבן דעם שוואַרצן מאַרק. — ווער האָט געטריבן דעם שוואַרצן מאַרק אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע? אָבער עס זענען איבעריק קאָמענטאַרן.

איך ווער לעצטנס דאָס לעבן אַזוי מיד, אַז איין גאָט זאָל מיר זיין אין מיין הילף, איך פיל, אַז מיין האַרץ ברעכט זיך צוזאַמען פון בענק־שאַפט און איינזאַמקייט. איך זיץ איצט ביים טיש נאָכמיטאָג. דער ראַדיאָ שפּילט מוזיק פון יאָהאַן סעבאַסטיען באַך. עפּעס אַ שטאַרק טרויעריקע מוזיק. דורכן פענצטער זע איך ווי די גרינע בלומען־ביימלעך בייגן זיך אונטערן ווינט. די זון האָט זיך איצט געזעצט אויף דער מויער פון מיין גאָרטן קעגנאיבער מיין פענצטער. אָבער דער הימל איז אַביסל פאַר־וואָלקנט. די זון גייט אויף און אונטער און אַ סך מאָל שטעלט זיך אויף אַ שאָטן אויף דער מויער.

מיטוואָך דעם 4־טן אַפּריל 1945.

ווי אייגנאַרטיק דאָס איז, וואָס אַממערסטנטיילס פלעמער, וועלכע זענען רייך געוואָרן דורך יידן, זענען געוואָרן די גרעסטע אַנטיסעמיטן. אַזוי באַשטייט למשל שוין יאָרן אין אַנטווערפּן אויף דער קיוויט־גאַס אַ פלעמישער פיש־הענדלער, אַ געוויסער ביינס, וואָס איז רייך געוואָרן פון פאַרקויפן יידן פיש אויף שבת און ימים טובים.

די וואָך בין איך געווען ביי דער פאַמיליע וואַטערס. דאָרט האָב

איך געטראָפֿן אַ פּלעמישן יונגנמאַן פֿון אַ יאָר 20, וואָס האָט זיך גע־שדכנט צו אַ טאָכטער פֿון די וואַטערס. ווען מען האָט דעם יונגנמאַן מיך פֿאָרגעשטעלט און אים דערציילט, אַז איך בין אַ ייד, האָב איך באַ־מערקט, אַז ער דרייט מיט דער נאָז. איך האָב נאָך נישט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ זון פֿון דעם רייכן פֿיש־הענדלער ביינס. אָבער איך האָב דער־שמעקט, אַז דאָס מוז זיין אַ שטאַרקער אַנטיסעמיט. מיך האָט אַפֿילו גע־וווּנדערט, ווי אַזוי אַ פּראָווינצער יונגערמאַן זאָל קענען זיין אין אַזאַ גרויסער מאָס אַן אַנטיסעמיט. אָבער ווי איך האָב שפּעטער געהערט, וווינט די פֿאַמיליע ביינס לעבן ליער. זיי באַזיצן זייערע אייגענע פֿיש־צוכטן, הייזער און ווילאַס.

דער יונגער ביינס האָט צו מיר געזאָגט, אַז די יידן מאַכן צוריק גוטע געשעפֿטן מיט די ענגלישע זעלנער, און אַז זייט די יידן זענען צוריק־געקומען, זענען די קאַרפּן געשטיגן פֿון פּערציק פֿראַנק אַ קילאָ אויף ניינציק פֿראַנק. דאַן האָב איך אים געמאַכט אַ באַמערקונג — מאַכט איר דאָך גוטע געשעפֿטן, נעמט איר דאָך איין אַ סך געלט פֿאַר אייערע פֿיש. — און דאָס וואָס דו זאָגסט, אַז יידן מאַכן גוטע געשעפֿטן מיט די ענג־לישע זעלנער, האָב איך אים געזאָגט, איז עס איבערגעטריבן. איך האָב געזאָגט, אַז די פֿלעמער גנבענען ביים מיליטער. די גרעסטע אָפּקויפֿער פֿונעם מיליטער אין אַנטווערפּן זענען פֿלעמער, און אַז די יידן מוזן ערשט קויפֿן ביי די פֿלעמער. זאָגאַר פֿלעמישע פּאָליציי איז געווען פֿאַרמישט אין אַ סקאַנדאַל פֿונעם קויפֿן מיליטער־סחורות ביי די אַליאירטע זעל־נער. אויף דעם אַלעם האָט ער מיר גאָרנישט געענטפֿערט. ער האָט נאָר געהאַט איין איבערצייגונג, אַז יידן זענען שווינדלער. איך האָב נאַטירלעך מיט אַזאַ אידיאָט נישט געוואָלט רעזאָנירן. איך האָב נאָר געמאַכט אויפֿ־מערקזאַם די פֿרוי וואַטערס, אַז דער יונגערמאַן איז נישט געפּאַסט פֿאַר זייער טאָכטער. — יאָ, מיט אַזעלכע פֿאַרפֿעסטעטע איבערצייגונגען האָבן זיך אַרומגעטראָגן אַלע פֿלעמער פֿון אַנטווערפּן. זאָגאַר אַ פֿלעמישער ריכ־טער אין אַנטווערפּן האָט אָפֿן דערקלערט אין אַנטווערפּענער געריכט, אַז די יידן זענען אַלע שווינדלער. און דאָס איז געווען נאָך דער באַפֿריי־אונג. איך האָב זאָגאַר געהערט, אַז די בעלגישע רעגירונג קלייבט זיך צו געבן אויסווייזן די אַלע יידן, וואָס האָבן אַמאָל עפּעס געקויפֿט ביי אַן אַליאירטן זעלנער. נאַטירלעך, איז לייכט מיט אַזאַ פּרעטעקסט יידן אויסצוווייזן. דאַן וועלן די בעלגיער דאָך אַליין קענען טרייבן די געשעפֿטן.

איך האָב געהאַט אַ שמועס מיט אַ יידישער פֿרוי, וואָס וווינט אין אַנטווערפּן. זי האָט מיר געזאָגט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם אין אַנטווערפּן איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. — איר ווייסט, הער, האָט זי צו מיר גע־

זאָגט, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי. איך וועל אייך עס דערקלערן. ווען דער דייטש האָט דעפּאָרטירט די יידן פון בעלגיע, האָבן אַלע יידן באַהאַלטן זייער האָב־און־גוטס ביי די פלעמער. זיי טראָגן יידישע גאָלדענע אָרעם־בענדער, ברילאַנטענע רינגען, פעלץ־מאַנטלען און באַזיצן די יידישע מעבל און סחורות. אַזוי ווי זיי זעען איצט, אַז אַביסל באַהאַלטענע יידן זענען צוריקגעקומען, האָבן זיי מורא, אַז די אַנדערע זאָלן אויך נישט צוריקקומען, זיי זאָלן נישט דאַרפן זייער רויב צוריקגעבן. מיט דעם דערקלערט זיך דער שטאַרקער וווקס פונעם אַנטיסעמיטיזם אין אַנט־ווערפן, ווייל עס איז בישטאָ, האָט זי ווייטער געזאָגט, אַ הויז אין אַנט־ווערפן, וווּ עס זאָל זיך נישט געפינען קיין יידישער רויב און יידיש האָב־און־גוטס.

זונטיק דעם 8־טן אַפּריל 1945.

היינט בין איך אַריבערגעפאָרן קיין אַנטווערפן אין יידישן קאָמיטעט אַריין נאָך מיינע פיר הונדערט פראַנק שטיצע פאַרן חודש אַפּריל. אין קאָמיטעט האָט מען מיר דערקלערט, אַז די שטיצע צאָלט מען נאָר אויס מאָנטיק, דינסטיק און מיטוואָך. איך האָב דאַן געפרעגט די פּערזאָן, וואָס האָט מיר דאָס ערשטע מאָל די שטיצע אויסגעצאָלט — איר האָט דאָך מיר לעצטנס געזאָגט, אַז איר צאָלט די שטיצע אויס נאָר זונטיק? אויף דעם האָט ער מיר נישט געענטפערט. ער האָט דאָס, דוכט זיך, געהאַט פאַרגעסן. דאַן האָט מיך די פּערזאָן געשיקט צו עפּעס אַ הער שטערנ־בערג. דער דאָזיקער הער האָט צו מיר גערעדט דייטש. עס איז שטענדיק געווען אַ קראַנקהייט ביי דער יידישער פאָרשטייערשאַפט פון אַנטווערפן צו רעדן דייטש און נישט קיין יידיש. דער שטערנבערג האָט פון מיר גע־פאָדערט, איך זאָל אים אויפווייזן מיין סאָציאַלע לאַגע, אַז איך מוז געניסן פון שטיצע. איך האָב אים דאַן געפרעגט, צי עס איז נישט גענוג, אַז כמעט דריי יאָר צייט האָב איך געמוזט לעבן פון מיינע אייגענע כוחות אָן ווּעמענס הילף. און אַז די דייטשן האָבן מיר אַלץ צוגענומען. דאַן האָט דער שטערנבערג צו מיר געזאָגט, פאַרוואָס איך גיי נישט אַרבעטן. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך בין פון באַרוף אַ מאַרק־הענדלער, נאָר דער בעלגישער מיניסטער האַלט, אַז איך דאַרף זיך נאָך אַביסל אויס־רוען. דאַן האָב איך אים געזאָגט, אַז צו פיזישער אַרבעט בין איך נישט פעאיק, ווייל איך האָב אַ "ברוך" און אויך מיט מיין האַרץ איז נישט שטאַרק פויגלדיק. האָט ער צו מיר געזאָגט, איך זאָל אים ברענגען אַ באַווייז פונעם דאָקטאָר אויף דעם אַלעם. עס דאַכט זיך מיר, אַז דער

שטערנבערג האָט נישט ליב געהאַט, ווען מען איז צו אים געקומען אַנשטענדיק אָנגעטאָן און נאָך צו טראָגן לעדערנע הענטשקעס, וועלכע איך האָב געפונען ביים דייטש אין הויז.

אַרויסגייענדיק פונעם קאָמיטעט, האָב איך באַגעגנט אַ יידישן שוסטער, וועלכער האָט פאַר דער מלחמה געוווינט אין אַנטווערפּן מיט זיין פרוי און קינדער. איך פלעג מיר שטענדיק פאַריכטן ביי אים מיינע שיך. — לעמעל! האָט ער מיך אָנגעכאַפּט, וואָס הערט זיך עפּעס? — וואָס זאָל זיך הערן, האָב איך אים געזאָגט, מיין פרוי און קינדער האָט מען מיר צוגענומען. — יאָ, האָט ער צו מיר געזאָגט, אויך מיין פרוי און קינדער האָט מען מיר צוגענומען און איך האָב נישט קיין שום האָפענונג נאָך אַמאָל זיי צו זען, ווייל דאָס וואָס איך האָב זיך אין מיין לאַגער אָנגעהערט פון רוסן, פּאָלאַקן און אַפילו פון דייטשן, ווי אַזוי די דייטשן האָבן אויס־געהרגעט מיליאָנען יידן, פרויען און קליינע קינדער, איז שרעקלעך. איינמאָל האָט מיר אַ רוסיש יינגל פון דרייצן יאָר, וואָס די דייטשן האָבן געשיקט אויף אַרבעט קיין פראַנקרייך, דערציילט. — דו מוזט וויסן, אַז פון עלף הונדערט יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין מיין לאַגער אין פראַנק־רייך, זענען מיר נאָר איבערגעבליבן צוואַנציק, ווייל זיי האָבן אונז גע־דאַרפט אַלס פאַכלייט, אַזוי אַרום בין איך געבליבן לעבן. — נו יאָ, דאָס רוסישע יינגל מיטן נאָמען וולאַדימיר גודאָנאָוו האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען, ווי די דייטשן האָבן אין מינסק דערשאָסן צען טויזנט יידן, פרויען און קליינע קינדער. צווערשט, האָט ער דערציילט, האָט מען זיי אויסגעטאָן נאַקעט. ווען איך האָב אים נישט געוואָלט גלויבן, האָט ער זיך צעוויינט, איז אַוועקגעלאָפן און מיר גע־ברענגט אַ בלוזקע מיט אַ מגן־דוד, וועלכע ער האָט צוגעגנבעט, ווען די דייטשן האָבן די יידן געפירט צום שיסן. — אויב דו ווילסט מיר נישט גלויבן, זאָל עס זיין אַזוי, האָט דאָס יינגל וויינענדיק געזאָגט, אָבער זאָלסט וויסן, אַז איך האָב דיר דערציילט דעם ריינעם אמת. איך בין ביי דער געשיכטע פונעם שוסטער געוואָרן זייער טרויעריק. איך האָב געפילט, אַז דער מענטש האָט אין מיר אויסגעלאָשן יעדע האָפענונג נאָך אַמאָל צוריק־צוזען מיין פרוי און מיינע קינדער. — וואָס פאַר אַ ווערט האָט נאָך מיין לעבן, ווען איך זאָל וויסן, אַז איך באַזיץ נישט מער קיין שום האָפע־נונג נאָך אַמאָל צו זען אין מיין לעבן כאָטש איינס פון מיינע קינדער. ווי איז צו אַזאַ פאָלק, וואָס האָט צו אַזעלכעס אַזוי קאַלטבלוטיק צוגע־לאָזט. מיין האַרץ ווערט מיר פאַרצערט פונעם פייער, וועלכעס ברענט אין מיר קעגן דער גאַנצער וועלט. — נישט נאָר איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די גאַנצע וועלט איז אין דעם יידן־מאָרד שולדיק, נאָר אפילו דער

פראָסטער שוסטער האָט עס אויך פאַרשטאַנען. ווען איך בין אַזוי טרויע־ריק געשטאַנען און אויסגעהערט זיין געשיכטע, האָט ער צו מיר געזאָגט — לעמעל, גלויבט מיר, אַז דאָס מאָרדן פונעם יידישן פאָלק אין דער מלחמה, איז געווען די גרעסטע קאָמעדיע, וואָס איז ווען אַמאָל אויף דער וועלט געשפּילט געוואָרן. — דער מאָרד איבערן יידישן פאָלק אין אייראָפּע האָט געמוזט זיין פון גרויסער באַדייטונג פאַר די אייראָפּעאישע פעלקער, האָט ער צו מיר געזאָגט, ווייל זיי זענען נישט צוריקגעשטאַנען פאַר זייערע אייגענע קרבנות, כדי דעם פּלאַן פונעם מאָרד איבערן יידישן פאָלק צו קענען ברענגען צום אויספיר. אָבער פאַרוואָס די דייטשן האָבן געמאָרדעט קליינע קינדער און אַפילו זויגלינגען, לייגט זיך מיר נישט אויפן שכל. זיי האָבן דאָך געקענט אַמווייניקסטנס די קינדער דערציען אַלס דייטשן. — און דערפאַר, זאָג איך אייך הער לעמעל, אַז אַזאַ פאָלק וואָס האָט אַזעלכעס געקענט צום אויספיר ברענגען, דאַרף אינגאַנצן פאַרניכטעט ווערן. איך האָב געטראַכט, אַ פראָסטער שוסטער, אָבער באַגרייפט דעם אמת.

מאָנטיק דעם 9־טן אַפּריל 1945.

היינט בין איך ווידער געווען אין מיניסטעריום נאָך אַ באַן אויף אַכט און אַ האַלב טויז זאַקן, וואָס מען האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן פאַר מיין פאַרלוירענע סחורה. איך מוז זאָגן, אַז דער פלעמישער יונגערמאַן, אַ געוויסער מאַנסענס, האָט זיך צו מיר זייער פריינטלעך באַנומען, און דאָס איצטיקע מאָל שנעל דערליידיקט מיין ענין און מיר געגעבן דעם באַן. פאַרוואָס מיין ענין איז אַזוי שנעל דערליידיקט געוואָרן, ווייס איך אייגנטלעך נישט, נאָר איך מיין, אַז דאָ האָט געווירקט, וואָס מיין אָנ־פראַגע אויף דעם באַן, איז געשיקט געוואָרן דירעקט דורך דער פּאָליציי פון ליער מיט זייערס אַ קאָנווערט און דאָס האָט געהאַט מער אַן אַמט־לעכן ווערט.

איך האָב זיך געהאַט אָפּגערעדט מיט מיין יונגער מאַדאַם צו טרעפן היינט אין בריסל אין אַ רעסטאָראַן. זי האָט מיר קיין באַשטימטע ראַנ־דעוו נישט געגעבן. איך האָב איר געזאָגט, אַז האַלב איינס אַזייגער וועל איך דאָרט זיין, אָבער זי איז געקומען אַביסל שפּעטער. איך מוז דאָ ווידער צוגעבן, אַז זי האָט געהאַט אַ סך געשמאַק זיך צו קליידן. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן קאָסטיום. דאָס זשאַקעטל באַצירט מיט שוואַרצן אַסטראַקאַן. אונטערן זשאַקעטל האָט זי געטראָגן אַ וואָלן בלוז־קעלע פון אַ הימל־בלויען קאָליר, געשלאָסן ביים האַלז מיט אַ שלייפל,

וואָס דאָס האָט זי געמאַכט אויסזען אַזוי צניעותדיק און דאָס צניעותדיקייט האָט איר אַזוי געקליידט. איך בין געווען פאַרכישופט פון איר, ווייל זי האָט געהאַט אַזוי פיל חן און רייץ. איך האָב אין איר געזען די פערפעקציע פון אַ שיינער פרוי. זי איז געווען פון מיטעלן וווקס, שלאַנק, שיין געטאָ־ליערט. אירע פיס זענען געווען אַזוי ווי געשניצט פון אַ סקולפּטאָר, וועל־כע האָבן איר זייער געקליידט צו איר שיינעם קערפּער. איר פּנים איז נישט געווען צו גרויס און מיט אַ שיינעם שטערן. טראָץ דעם, וואָס איך האָב מער ליב געהאַט בלאָנדע פרויען, איז זי אָבער אַלס ברונעטקע געווען אַן אויסערגעווינלעכע שיינהייט. איבערהויפּט האָב איך ליב געהאַט איר שמייכל. ווי אַזוי אַזאַ שיינע, יונגע, רייצנדע פרוי וויל צו מיר כסדר קו־מען, פאַרשטיי איך ווירקלעך נישט, ווייל פּאַקטיש האָב איך איצט פאַר איר מער קיין סחורות נישט, וואָס זי זאָל נאָך דורך מיר קענען מאַכן גע־שעפטן. צווייטנס, מיין איך, אַז זי האָט אַ סך געלט פאַרדינט ביי אירע דענטיסטן־אַרטיקלען. זי האָט מיר איצט אויך געוויזן, אַז זי האָט גע־קויפט אין בריסל פאַר קנאַפּע צוואַנציק טויזנט פראַנק קינסטלעכע ציין. זי האָט באַלד נאָכמיטאָג געדאַרפט צוריק זיין אין אַנטווערפּן. און איך בין מיט איר צוזאַמען אַהיימגעפאָרן.

# צוואַנציקסטער קאַפּיטל

זונטיק דעם 15־טן אַפּריל 1945.

פּאַריקע וואָך האָב איך ווידער אויפמערקזאַם באַזוכט דעם יידישן קוואַרטאַל פון אַנטווערפּן. די וויפּ־גאַס, זאָמער־גאַס, אימודזעל־גאַס, לעװעריק־גאַס, קיוויט־גאַס, וואָס פאַר אַ חורבן האָב איך דאָרט געזען. די הייזער ליידיק, די פענצטער אַרויסגעריסן מיט די ראַמען. די הייזער מאַכן דעם איינדרוק פון סקעלעטן. קיין איין יידיש קינד האָב איך נישט מער געטראָפן זיך שפּילן אין דעם גאַנצן קוואַרטאַל. קיין איין יידישע מוטער און נישט קיין איין יידישע אַלטע פרוי, וואָס זאָל אַכטונג געבן אויף אירע אייניקלעך פאַר דער טיר, אַזוי ווי אַמאָל. אַ שרעק און אַ ציטער כאַפּט אָן דעם מענטש, ווען ער קוקט דאָס אַלץ אָן. דער ווייטיק איז גאָרנישט צום איבערטראָגן. ווען עס וואָלט אויפגעשטאַנען אַזאַ נביא ווי ירמיהו, וואָלט ער אוודאי מער געקלאָגט אויף דעם היינטיקן יידישן חורבן אין אייראָפּע, ווי אויף דעם אַמאָליקן חורבן פון בית־המקדש. איך בין אַהיימגעפאָרן פון דעם באַזוך מיד און צעבראָכן און זיך שטאַרק צעװיינט, איבערהויפּט ברענגט מיך פון זינען אַראָפּ דאָס נאַכטראַכטן איצט וועגן דעם פאַרגאַזן פון די יידישע קינדער דורכן דייטש. אויב איך זאָל פאַרלירן יעדע האָפענונג נאָך אַמאָל כאָטש איינס פון מיינע קינדער צוריקצוזען, וועל איך אוודאי דאָס נישט קענען איבערטראָגן און די וועלט וואָלט פאַר מיר אויסגעלאָשן געוואָרן. איך קען מיין ווייטיק און מיין שרעק איבער דעם געדאַנק מיט דער פען גאָרנישט צום אויסדרוק ברענגען. — איך ווייס נישט, אויב עס זענען פאַראַן נאָך אַ סך פאָטערס, וואָס זאָלן זייערע קינדער ליב האָבן מיט אַזאַ פייער, און דערפאַר נעמט דאָס פאַרגיסן פון טרערן ביי מיר גאָרנישט קיין ענדע. איך האָב אַ סך מאָל געהערט, אַז מענטשן פאַרלירן די ראיה פון אַ סך וויינען, אָבער ביי מיר איז עס דאָך נישט דער פאַל. — אפשר דערפאַר, ווייל איך בין פון דער נאַטור אַזוי שטאַרק סענטימענטאַל.

מיטוואָך דעם 18־טן אַפּריל 1945.

די וואָך בין איך געווען אין בריסל. איך האָב געטראָפן אַ באַקאַנטן, וועלכער האָט מיר דערציילט, אַז אייניקע יידן, וואָס עס איז זיי געלונגען צו אַנטלויפן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער פון אָשוויענטשים, האָבן דערציילט, אַז די דייטשן האָבן דאָרט אין דעם לאַגער פאַרברענט לעבעדיקערהייט די יידישע קינדער. איך האָב נאָך דער געשיכטע שטאַרק געוויינט. איך האָב געטראַכט, איז עס דאָך מעגלעך, אַז דאָס זאָל זיין אמת אַזעלכע גרויזאַמקייטן איבער קליינע אומשולדיקע קינדער? דער געדאַנק איבער אַזעלכע יסורים איבער קליינע קינדער האָט מיך אַזוי געפּייניקט. איך האָב נישט געקענט שטילן מיינע טרערן. — גאָט מיינער! די קינדער, וועלכע איך האָב אַרומגעטראָגן אויף די הענט גאַנצע נעכט, ווען זיי זענען געגאַנגען ציינדלעך, ווען זיי האָבן געמאָזלט, האָב איך ביי זיי גאַנצע נעכט געוואַכט. אין רעגנס און אין קעלטן בין איך שטענדיק געגאַנגען פאַר זיי זוכן עסן. — זיי, אַזעלכע ציטערדיקע, האָט געזאָלט טרעפן אַזאַ שרעקלעכער גורל. — ווער האָט דאָס צו דער שרעקלעכער מלחמה צוגעפירט, אַז אַזעלכעס זאָל געשען? — צי איז דאָס נישט שרעקלעך, אַז אייניקע גרויס־קאַפּיטאַליסטן זאָלן אָנצינדן אַזאַ פייער און דערנאָך פּרעדיקן זיי גערעכטיקייט. איך האָב נישט קיין כוח מער אויסצודריקן אין ווערטער מיין פאַרצווייפלונג און פאַרביטערונג קעגן די שולדיקע פון דעם גרויסן פאַרברעכן. איך ווייס, אַז מיינע טרערן הערן נישט אויף צו גיסן גאַנצע טעג און נעכט. איך קען שוין באַלד צווישן קיין מענטשן נישט קומען צוליב מיין שטענדיקן וויינען.

דאָנערשטיק דעם 26־טן אַפּריל 1945.

די וואָך בין איך ווידער געווען אין יידישן קאָמיטעט אין בריסל. דאָרט האָב איך צופעליק באַגעגנט אַ פרוי, וואָס איז אָנגעקומען וויינענדיק מיט אַ בריוו אין דער האַנט פון אירס אַ זון, וואָס האָט איר געשריבן פונעם קאָנצענטראַציע־לאַגער פון נאָרדהויזן. ער שרייבט איר, אַז ער לעבט נאָך, נאָר צי ער וועט נאָך אַהיימקומען ווייס ער נישט. ער האָט געוויגן עטלעכע זיבעציק קילאָ און וועגט איצט נאָר 45 קילאָ. דער זעלבער מאַן, וואָס שרייבט דעם בריוו צו זיין מוטער, איז אויך אָוועקגעשיקט געוואָרן מיטן זעלבן טראַנספּאָרט פון מאַלין וואָס מיין פרוי און קינדער. ער שרייבט אין בריוו, אַז דעם 31־טן יולי האָט מען זיי אָוועקגעשיקט פון מאַלין און דעם 3־טן אויגוסט זענען זיי אָנגעקומען קיין

אָשוויענטשים. דאָרט האָט מען די מענער אָפּגעטיילט פון די פרויען און ער ווייס אויך גאָרנישט פון זיין פרוי מיט זיין קינד. איצט האָב איך באַ־שטימט געוווּסט, אַז מיין פרוי מיט די קינדער זענען אַוועקגעגאַנגען אין דעם שרעקלעכסטן קאָנצענטראַציע־לאַגער. איך האָב דעם זעלבן טאָג ווידער שטאַרק געוויינט.

ווען איך הער לעצטנס דאָס געוויין פון אַ קינד, מאַכט עס מיך אינ־גאַנצן אויפציטערן, ווייל עס דוכט זיך מיר, אַז איך הער מיינע קינדער וויינען און יאָמערן. איך מייד לעצטנס אויס צו זען קינדער, ווייל ווען איך זע זיי, ברענגט עס מיך שטענדיק צום וויינען. איך מוז זאָגן, אַז ווען איך וואָלט באַזיצט די קוואַלן פונעם ים, וואָלט איך זיי אוודאי אויס־געוויינט.

ווען דוד המלך האָט געשריבן דעם "ממעקים" און געשיקט פון זיינע טיפענישן אַ געבעט צו גאָט, האָט ער אוודאי געפונען אַ באַרואיקונג פאַר זיינע ליידן. ווען איך וואָלט געווען נאָך אַזוי גלויביק און וואָלט געבעטן בייטאָג און ביינאַכט, פיל איך דאָך, אַז עס איז גאָרנישט פאַראַן אויף דער וועלט, וואָס זאָל קענען שטילן מיין ווייטיק. ווען איך זאָל וויסן, אַז איך האָב נישט מער קיין האָפענונג נאָך אַמאָל צו זען מיינע קינדער. איך קען מער מיין פעדער נישט נעמען אין דער האַנט. איך האָב צו גאָרנישט מער קיין געדולד. איך קען מיין שריפט נישט לייענען וואָס איך שרייב. איך פיל, אַז דאָס לעבן האָט פאַר מיר פאַרלוירן יעדן ווערט. איך האַלט זיך גאַנצע טעג און נעכט אין איין פרעגן, ווי אַזוי האָט די וועלט צו אַזעלכעס דאָך געקענט צולאָזן? — קיינער זאָל מיר נישט איינרעדן פון עמעצנס אומשולד אין יידן־מאָרד. די גאַנצע וועלט און אַלע פעלקער האָבן אין דעם מאָרדן פון קליינע קינדער באַוווּסטזיניק אָנטייל־גענומען.

דאָנערשטיק דעם 17־טן מאַי 1945.

די טעג האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אַ פּאָר וואָכן איידער די גע־שטאַפּאָ איז צו אונז געקומען, האָט מיין פרוי אַמאָל זיך אויפגעוועקט מיט אַ געיאָמער. איך האָב זי געפרעגט, וואָס איז געשען? — איי, האָט זי צו מיר געזאָגט, איך האָב געהאַט אַזאַ שרעקלעכן חלום. עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז די געשטאַפּאָ האָט מיך געכאַפּט מיט די קינדער און אַז איך האָב געזען, ווי מען שיסט און מען הרגעט יידן. איך האָב געשריגן און געוויינט אין חלום.

דאָנערשטיק דעם 17־טן מאַי 1945.

ווען איך טראַכט ווי שלעכט די מענטשן זענען. ווען מיינע פּלעמישע שכנים וואָלטן געווען געהאַט נאָר אַ קליין ביסל ווילן, וואָלטן זיי געווען מיין פרוי מיט קינדער געקענט ראַטעווען, ווייל די געשטאַפּאָ האָט מיין ריכטיקן אַדרעס נישט געוווּסט און האָט מיין הויז אַרומגעזוכט מער ווי אַ האַלבע שעה צייט, און זיך דייטלעך ביי מיינע שכנים געפרעגט אויף דעם ייד מיט די דריי קינדער. אַז איך האָב נישט קיין טעות געהאַט פון אָנפאַנג אָן איז מיין איבערצייגונג, באַווייזט דער פאַקט, וואָס האָט מיך היינט נאָך מער איבערצייגט, אַז מיינע שכנים האָבן זייער געמיין און נישט־מענטשלעך געהאַנדלט. היינט אינדערפרי האָט מיך באַגעגנט אַ פּאָסט־טרעגער, וואָס האָט געוווּנט נישט־ווייט פון מיר. ער האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט אויף זיינס אַ שכנה, אַז זי איז געווען אַ פאַרעטערין און האָט געזאָלט מיטאַרבעטן מיטן דייטש, און זי האָט מיך געזאָלט פאַראַטן. — אַז די פרוי האָט געזאָלט זאָגן אַ טאָג פריער ביי אים, אַז מען אַרעסטירט יידן אין אַנטווערפּן. און אַ טאָג שפּעטער איז די געשטאַפּאָ צו מיר געקומען. אָבער דער פּאָסט־טרעגער — מיטן נאָמען ספּאַדע, האָט אַזוי לאַנג גערעדט, ביז ער האָט גערעדט פון זיך. ער האָט מיר דערציילט, אַז דעם זעלבן פרימאָרגן, ווען די געשטאַפּאָ איז געקומען נאָך מיר, האָבן זיי אים באַגעגנט און אים געפרעגט מיין אַדרעס. דעם אַדרעס האָבן זיי נישט גענוי געוווּסט, אָבער זיי האָבן זיך געפרעגט אויף דעם ייד מיט די דריי קינדער. דער פּאָסט־טרעגער, לויט ווי ער האָט מיר אַליין איבערגעגעבן, האָט נאָך געהאַט גענוג צייט מיר צו וויסן צו געבן, ווייל די געשטאַפּאָ איז ערשט צו מיר געקומען אַ סך שפּעטער, און ער האָט דאָס נישט געטאָן. אַזוי אַז אַלע מיינע שכנים טראָגן אַ גרויסע שולד אין דעם אומגליק פון מיין פרוי און קינדער.

די לעצטע צייט האָב איך געהאַט אַן אינצידענט אין יידישן קאָמי־טעט אין אַנטווערפּן. מען האָט מיר געהאַט צוגעזאָגט צו געבן אַ פּאָר שיך, ווייל אַ פּאָר שיך אויפן שוואַרצן מאַרק האָבן געקאָסט צוויי טויזנט פראַנק און דאָס איז געווען אַ סך געלט. אָבער ווען איך בין געקומען אין קאָמיטעט אַריין נאָך דריי, פיר מאָל לויפן און בעטן, האָט מען מיר געוואָלט געבן, אַנשטאָט אַ פּאָר נייע שיך, אַ פּאָר אַלטע, האָבן איך זיי די שיך צוריקגעוואָרפן און זיי נישט געוואָלט נעמען.

דער מאַכער דאָרט אין קאָמיטעט, עפּעס אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען שטערגאָלד. — ווער עס האָט אים פאַקטיש אַרויפגעזעצט אויפן בענקל, ער זאָל שאַפן מיטן יידישן געלט פון אַמעריקע, ווייס איך נישט. אָבער

ער האָט געפונען, אַז עס איז נאָך נישט גענוג, וואָס מען האָט מיר צוגע־נומען די פרוי און קינדער, איך זאָל באַקומען אַ פּאָר שיך.

זונטיק דעם 15־טן יולי 1945.

לעצטנס בין איך געפאָרן קיין בריסל אין צוג צווייטע קלאַס. איך פּאָר איבערהויפּט לעצטנס נאָר צווייטע קלאַס, נישט דערפאַר, ווייל איך האָב צופיל געלט, נאָר ווייל די דריטע קלאַס איז שטענדיק אַזוי איבערפולט, אַז עס איז כמעט נישט מעגלעך אין צוג אַריינצוקומען. לעבן מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט דריי יונגע אַמעריקאַנישע מאַרין־אָפיצירן. איך האָב געלייענט אַ פראַנצויזישע צייטונג, אין וועלכער עס איז געווען אילוסט־רירט, ווי דער דייטש האָט ביי דער אָפענסיווע אין די אַרדענען אין יאָר 1944 געשאָסן 115 אַמעריקאַנישע קריגס־געפאַנגענע. און עטלעכע פון די ס. ס.־מענער, וואָס האָבן די געפאַנגענע געשאָסן, האָט מען געכאַפּט, און זייערע בילדער האָבן זיך איצט געפונען אויף דער צייטונג. דער יונגער אָפיציר, וואָס איז געזעסן לעבן מיר, האָב איך באַמערקט, ווי ער קוקט שטאַרק אויף דער צייטונג. דער יונגער אָפיציר איז געווען אינגאַנצן עטלעכע צוואַנציק יאָר אַלט. זייער אַ שיינער מיט אַ רונדיק, העל פּנים. זיין פיגור איז געווען אַזוי ווי געשניצט, אַ שיינע טאַליע. ער האָט געהאַט זייער פיינע מאַניערן, וואָס מען האָט געקענט מערקן, אַז זיי זענען נישט קיין אויפגעדרילטע, נאָר נאַטירלעכע, פון אַן עכטן אַדעלמאַן. איך האָב אים געפרעגט, צי ער וויל לייענען די צייטונג. ער האָט זיך זייער העפלעך באַדאַנקט און פון מיר גענומען די צייטונג. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין בריסל, האָבן זיך די אָפיצירן מיט מיר געזעגנט און מיר זענען זיך צעגאַנגען. איך וויל נישט פאַרגעסן צו שילדערן, אַז די אָפי־צירן האָבן געטראָגן בלויע קאָסטיומען מיט פאַרגילטע קנעפּ. אויף די אַרבל גאָלדענע לאַמפּאַסן. אָבער אַמבעסטן האָט דער אָפיציר־מונדיר געקליידט דעם יונגן, שיינעם אָפיציר. ער האָט אויסגעזען אין אים געטלעך און ווי אַ פּערפעקטער פּרינץ.

ווען איך בין צוריק אַהיימגעפאָרן, האָב איך נישט געהאַט קיין צוג ביז ליער און איך בין געווען געצוווּנגען צו נעמען דעם טראַם אין אַנט־ווערפּן, וואָס איז געגאַנגען קיין ליער. ווען איך בין געשטאַנען אין אַנט־ווערפּן און געוואַרט אויף מיין טראַם, האָב איך פּלוצלינג באַמערקט דעם יונגן אָפיציר מיט זיינס אַ חבר. איינער פון זיי, דער דריטער, האָט גע־פעלט. ווען דער יונגער אָפיציר האָט מיך דערזען, האָט ער אויסגערופן צו זיין חבר — דאָ איז אונזער פריינט. זיי האָבן מיך געפרעגט, וואָס איך

שטיי דאָ, האָב איך זיי געזאָגט, אַז איך וואַרט אויף מיין טראַם צו פאָרן קיין ליער. — ליער, האָט דער צווייטער אָפיציר געזאָגט, דאָס קלינגט פּונקט ווי דער נאָמען פון קעניג ליער פון שעקספּירן. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז אין בריסל האָבן זיי נישט לאַנג פאַרברענגט און אַז זיי זענען צוריקגעקומען קיין אַנטווערפּן צו גיין אין דער אָפּערע, פון וועלכער זיי קומען איצט און וואַרטן אויף אַ טראַם צו פאָרן צו די דאָקס, ווו זייער שיף ליגט פאַראַנקערט.

איך האָב מיט דעם יונגן אָפיציר פאַרפירט אַ שמועס וועגן שרייבער און ליטעראַטור. אָבער ער האָט באַמערקט, אַז איך בין מער באַקאַנט מיט אַמעריקאַנישע און ענגלישע שרייבער ווי ער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער קען טאָלסטאָי, אָבער אין אַלגעמיין איז ער נישט געווען קיין סך באַהאַוונט אין ליטעראַטור. ווען זייער טראַם, וואָס איז געגאַנגען צו די דאָקס, איז אָנגעקומען, האָבן זיך די אָפיצירן מיט מיר געזעגנט, אָבער פּלוצלינג האָב איך באַמערקט, ווען דער יונגער אָפיציר האָט זיך מיט מיר געזעגנט, אַז ער שטופּט מיר עפּעס אין דער האַנט אַריין. ער האָט מיך העפלעך געבעטן, איך זאָל פון אים נעמען אַ פּעקל ציגאַרעטן פון 20 שטיק, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ יקר־המציאות. איך בין געווען אַזוי גערירט פון דעם זשעסט, אַז איך האָב באַשלאָסן מיר דאָס פּעקל ציגאַרעטן צו באַהאַלטן אַלס דערינערונג, אָבער איך האָב געטראַכט, אַז מיט דער צייט וועלן דאָך די ציגאַרעטן קאַליע ווערן. איך וועל, האָב איך צו מיר געזאָגט, די ציגאַרעטן אויסרויכערן און האָב באַשלאָסן די באַגעגעניש מיט דעם יונגן אָפיציר איינצושרייבן.

פרייטיק דעם 27־טן יולי 1945.

לעצטנס בין איך געפאָרן פון אַנטווערפּן קיין סינט־ניקלאָס מיטן צוג, וואָס גייט אַוועק פון דער לינקער זייט שעלדע. דאָס איז אויך געווען אין אַ קופּע צווייטע קלאַס. קעגנאיבער מיר איז געזעסן אַ קראַנקן־שוועסטער. געקליידט איז זי געווען אין בלוי, אַזוי ווי עס קליידן זיך די בעלגישע קראַנקן־שוועסטער פון די שטאָטישע שפּיטעלער. זי האָט אויסגעזען זייער ערנסט און האָט קיין סך געוויכט נישט געלייגט אויף מיין אָנוועזנהייט. טראָץ דעם וואָס זי איז נאָך געווען זייער יונג און האָט אויסגעזען צו זיין ערשט עטלעכע צוואַנציק יאָר אַלט. איך האָב מיט איר פאַרפירט אַ שמועס, פון וואַנען זי איז. איך האָב זי געפרעגט, צי זי איז פון אַנטווערפּן. — ניין, האָט זי מיר געענטפערט, צום גליק בין איך נישט פון אַנטווערפּן, איך דאַנק און לויב גאָט, וואָס איך בין אין דער שטאָט נישט געבוירן

געוואָרן. — איך בין, האָט זי מיר געזאָגט, אין אַנטווערפּן אין סינט־קאָ־מיליוס־שפּיטאָל. אָבער איך בין פון אַנטווערפּן אַזוי מיד, ווייל איך זע נישט מער אין דער שטאָט נאָר פאַרדאָרבנהייט, געמיינהייט, קנאה־שנאה, זנות און תאווה. דאָס איז דאָס לעבן אין אַנטווערפּן. — איינער וואָלט נאָר געוואָלט דעם צווייטן איינשלינגען. — איך בין, האָט זי ווייטער פאָרגע־זעצט, אויפגעצויגן געוואָרן אין אַן אַנדערער סביבה. איך בין צופרידן, וואָס איך קען אַביסל אַהיימפאָרן קיין סינט־ניקלאָס, מיין געבורטס־שטאָט, זיך אַ פּאָר טעג אָפּרוען פון דעם, וואָס איז מיר אַזוי דערווידער. איך האָב איר דערציילט, אַז אַפילו אין די שפּיטעלער אין אַנטווערפּן, איז אויך פול מיט שלעכטס, און אין אַ סך שפּיטעלער איז נישטאָ קיין שום מיטלייד צום קראַנקן און אַלץ איז דאָרט נאָר דער עיקר געלט. אַ סך אומשולדיקע מענטשן שטאַרבן אין די שפּיטעלער, וואָס וואָלטן נישט גע־דאַרפט שטאַרבן. איך האָב איר דערציילט וועגן דער באַציאונגען פאַר דער מלחמה צו יידן אין אַ סך שפּיטעלער, די שיקאַנעס, וואָס די יידישע פרויען האָבן געהאַט אויסצושטיין אין די מוטער־הייזער, ווי די הייבאַנעס האָבן די יידישע פרויען געלאָזט ליגן און קרייסן און נישט געוואָלט אָננעמען אין דער צייט די קינדער ביי זיי, און די פרויען האָבן דערנאָך געהאַט צו ליידן און געמוזט אַדורכמאַכן פאַרשידענע אָפּעראַציעס.

מאָנטיק דעם 26־טן יוני 1945.

איך געפין זיך אין בלאַנקענבערג ביים ים. מיין יונגע מאַדאַם איז נאָך די פאַבריקע וואָך אַראָפּגעפאָרן צום ים. זי האָט מיר דאַן געשריבן, אַז אויב איך וויל, קען איך צו איר אַריבערקומען. זי האָט זיך שוין גע־פונען ביים ים זינט פאַבריקע וואָך מיטוואָך. עס האָט געהייסן, אַז זי פאָרט דאָרט, אין דער ים־געגנט צוליב אירע געשעפטן און אין דער זעלבער צייט וועט זי אויך פּראָפּיטירן פון דער געלעגנהייט צו זיין ביים ים. איבעריקנס, זי האָט געהאַט אַ באַן־קאַרטע צו פאָרן אויף די באַנען פון גאַנץ בעלגיע און דאָס פאָרן פאַר איר צום ים, איז נישט געווען פאַר־בונדן מיט קיין ספּעציעלע קאָסטן.

איך בין אַריבערגעפאָרן קיין בלאַנקענבערג. איך האָב אויפגעזוכט דאָס אָרט, ווו זי איז איינגעשטאַנען. דאָס איז געווען אַ סאָרט שענק, ווו מען האָט אויך פאַרדינגען צימערן צום שלאָפן, און אויך פאַר פאָרלעך, וואָס פלעגן דאָרט קומען פאַרברענגען. די שענק, ווו זי איז איצט איינגע־שטאַנען, האָט מיר וואָס אין אמתן נישט געפעלן. איך האָב באַמערקט, אַז פאַר געלט קען מען דאָרט אין דער שענק פאַרברענגען מיט פרויען,

וועלכע האָבן זיך דאָרט געפֿונען. איך האָב די בעל־הביתטע פֿון דער שענק געפֿרעגט וועגן מײַן יונגער מאַדאַם, האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי איז אינדערפֿרי אַוועקגעגאַנגען און זי האָט איר געזאָגט, אַז אויב עמעצער וועט זיך אויף איר פֿרעגן, זאָל זי זאָגן, אַז אַזייגער זעקס פֿאַרנאַכט וועט זי זײַן צוריק.

איך בין אָנגעקומען אין דער שענק אַזייגער פֿינף. זעקס אַזייגער, זי קומט נישט. עס איז געוואָרן 7 און 8 אַזייגער, און זי קומט אַלץ נישט. דאַן האָט מיר די טאָכטער פֿון דער שענקערין געזאָגט, אַז זי האָט מײַן יונגע מאַדאַם ערשט געזען ביים שטראַנד. זי האָט זי געפֿרעגט, אויב עס וואַרט עמעצער אויף איר. די טאָכטער פֿון דער שענקערין האָט מיר דער־קלערט, אַז זי האָט נישט געוווסט, אַז איך וואַרט אויף די יונגע מאַדאַם, און זי האָט איר געזאָגט, אַז קיינער וואַרט נישט אויף איר. דאַן האָט זי איר געזאָלט ענטפֿערן — גיי איך אין סינעמאַ אַרײַן. איך האָב געמערקט אין די רייד פֿון איר, אַז די טאָכטער פֿון דער שענקערין זאָגט אַ ליגן. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז מײַן יונגע מאַדאַם האָט עמעצן ביי זיך, ווייל איר חוב איז געווען מיך צו קומען זען זעקס אַזייגער, אַזוי ווי זי האָט געהאַט אָפּגערעדט און זי איז נישט געקומען, איך בין נאַטירלעך געווען אומ־געדולדיק.

אַכט אַזייגער בין איך אַוועק צום שטראַנד, בין דאָרט געבליבן ביז אַזייגער האַלב צען. ביים שטראַנד האָב איך קענען־געלערנט עפּעס אַ פֿראַנ־צויזישן הער פֿון בריסל, אַ פֿאַבריקאַנט, אַ מענטש פֿון אַ יאָר פֿערציק, זייער אַ סימפּאַטישער, ברונעטער, הויכער מאַן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין גוטע מיינונג וועגן יידן. — דאָרט ווו יידן קומען, האָט ער מיר דער־קלערט, מאַכן זיי אַ תל פֿונעם האַנדל, ווייל זיי ברענגען אַרײַן צופֿיל קאָנ־קורענץ. — אָבער אויף דעם, וואָס מען האָט געטאָן מיט אייך יידן, האָט ער מיר דערקלערט, בין איך נישט מסכים און קען עס נישט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי אַזעלכעס האָט געקענט געשען. דאָ, האָט ער צוגעגעבן, האָט גע־מוזט זײַן עפּעס אַזעלכעס, וואָס נישט נאָר דייטשלאַנד טראָגט אין דעם אַליין די שולד.

האַלב צען אַזייגער בין איך צוריקגעגאַנגען אין דער שענק אַרײַן פֿון מײַן יונגער מאַדאַם. איך האָב אויף איר אַלץ ווייטער אומגעדולדיק געוואַרט. עלף אַזייגער, ווען מען איז שוין געגאַנגען שליסן די שענק, איז זי געקומען צו גיין. איידער זי איז אַרײַן אין דער שענק, האָב איך געזען, האָט זי עפּעס גערעדט פֿאַר דער טיר מיט דער טאָכטער פֿון דער אײַנהאַ־בערין פֿון דער שענק. דאַן איז זי אַרײַנגעקומען און גלייך צוגעגאַנגען צו מײַן טישל. זי האָט זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז זי האָט געמיינט, אַז איך וועל

נישט קומען, ווייל לויט ווי זי האָט מיר געשריבן, האָב איך געדאַרפט אָנקומען קיין בלאַנקענבערג מיטאָג־צייט און איך בין ערשט אָנגעקומען פאַרנאַכט. דאָס איז טאַקע געווען אמת. — אָבער, האָב איך זי געפרעגט, פאַרוואָס ביזטו נישט געקומען זעקס אַזייגער זען, צי איך בין דאָ, אַזוי ווי דו האָסט געהאַט געזאָגט צו דער אינהאַבערין פון דער שענק? אויף דעם האָט זי מיר קיין ענטפער נישט געקענט געבן. דאַן האָט זי צו מיר געזאָגט — זאָלסט וויסן, אַז מיר וועלן נישט קענען לאָזשירן אין איין צימער. — ערשטנס איז דאָס בעט צו קליין. צווייטנס, בין איך קראַנק, מיין לייב איז אינגאַנצן פאַרברענט און איך פיבער. דריטנס, קען איך די אינהאַבערין פון דער קאַפע און איך צווייפל, אויב זי וועט זיין איינשטימיק, מיר זאָלן לאָזשירן אין איין צימער. — אויף דעם, האָב איך צו איר געזאָגט, זאָלסטו דיך נישט זאָרגן, ווייל איך זע נישט, אַז די קאַפע זאָל זיין אַזוי צניעותדיק. — איבעריקנס, האָב איך שוין מיט דער אינהאַבערין וועגן דעם גערעדט און זי האָט גאָרנישט דאַקעגן.

נאָכטירלעך, האָט מיין יונגע מאַדאַם איצט קיין אַנדערן אויסוועג נישט געהאַט און זי איז באַשטאַנען, מיר זאָלן לאָזשירן צוזאַמען. איך ווייס נישט, פאַרוואָס עס איז איר אַזוי שטאַרק געגאַנגען אין דעם, מיר זאָלן נישט לאָזשירן אין איין צימער. זי האָט מיר זאָגאַר דערקלערט, אַז זי זאָגט זיך נישט אָפּ מיט מיר צו פאַרברענגען, נאָר עס וואָלט גלייכער געווען, מיר זאָלן לאָזשירן יעדער אין אַ באַזונדער צימער. — וואָס די כוונה אירע איז דאָ געווען, קען איך נישט באַגרייפן, צי איז עס איר אַזוי שטאַרק געגאַנגען אין פּרעסטיזש? דאָס צימער, טראָץ דעם וואָס עס האָט געגוג טייער געקאָסט, איז טאַקע געווען זייער קליין. דאָס בעט איז אויך געווען זייער קליין און נישט גענוג ברייט פאַר צוויי מענטשן. איך האָב זיך די ערשטע נאַכט צו מיין יונגער מאַדאַם נישט געטאָרט צורירן. זי איז אַ גאַנצע נאַכט געלעגן און געקרעכצט, אַזוי איז איר קערפּער געווען פאַרברענט. איך האָב עס איר נישט געגלויבט, אָבער אַ טאָג שפּעטער האָב איך דאָס זעלבע געהאַט. דאַן האָט זי פון מיר געלאַכט — אַהאַ! האָט זי צו מיר געזאָגט, איצט וועסטו שוין גלויבן, אַז איך האָב דיר געזאָגט, דו זאָלסט מיך צורו לאָזן, האָסטו פון מיר געלאַכט, איצט בין איך צופרידן. אָבער דאָך האָט זי מיך איינגעשמירט מיט אַ זאַלב, וועלכע זי האָט געהאַט געקויפט.

זונטיק אינדערפרי, ווען מיר זענען אויפגעשטאַנען צום פרישטיק, האָט זי מיר דערקלערט, אַז זי גייט אין דער קירכע אַריין צום געבעט פון האַלב צען אַזייגער. — דו, האָט זי צו מיר געזאָגט, גיי צום שטראַנד, האַלב עלף אַזייגער וועל איך דיך קומען אָפּזוכן. איך האָב געוווסט, אַז זי גייט נישט אין דער קירכע אַריין, ווייל ווען מיר האָבן געהאַט אויפגעגעסן, איז שוין

לאַנג געווען נאָך האַלב צען אַזייגער. איך האָב געוווסט, אַז זי האָט אַ ראַנ־דעווו מיט דעם ענגלענדער, פון וועלכן זי האָט מיר נאָך שבת ביינאַכט אַליין דערציילט, אַז זי האָט ביים שטראַנד קענען־געלערנט צוויי ענג־לענדער, זייער סימפּאַטישע יונגעלייט און איינער רעדט אַביסל פראַנצוי־זיש. האַלב עלף אַזייגער איז זי מיך געקומען אָפּזוכן צום שטראַנד און צו מיר געזאָגט, אַז זי מוז נאָך צוריק אַהיימגיין און אין אונער צימער אַוועקלייגן איר לעדערנעם בייטל. איך האָב צו איר געזאָגט — הער, זשאַן, איך בעט דיך, דו זאָלסט מיך נישט לאָזן לאַנג וואַרטן, ווייל עס הייבט שוין מיר אָן צו ווערן דערווידער די גאַנצע געשיכטע. — ניין, האָט זי מיר געענטפערט, עס וועט קיין האַלבע שעה נישט דויערן און איך וועל זיין צוריק. עס איז טאַקע אַזוי געווען. זי האָט אַפילו קיין האַלבע שעה זיך נישט געזוימט, נאָר זי איז געקומען צום שטראַנד מיט אַן ענגלישן זעל־נער, זייער אַ סימפּאַטישער יונגערמאַן אין ברילן, מיט זייער שיינע מאַ־ניערן. זי האָט מיר אים פאָרגעשטעלט און מיך געפרעגט מכלומרשט, צי עס שטערט מיר נישט. אַזוי ווי איך וואָלט עפּעס געווען געהאַט ביי איר צו זאָגן.

מיר זענען ביים שטראַנד מער נישט לאַנג געזעסן, ווייל עס איז שוין געווען מיטאָג־צייט. איצט האָב איך זיך איבערצייגט, אַז איך האָב קיין טעות נישט געהאַט, אַז זי איז טאַקע נעכטן צו מיר געקומען נישט אין דער אָפּגערעדטער צייט, ווייל זי האָט געהאַט ביי זיך דעם ענגלענדער. מיר זענען אַוועק אין רעסטאָראַן עסן מיטאָג. דער ענגלענדער איז נאַטיר־לעך אַוועק עסן אין דער מיליטער־קוך. איך האָב פאַר מיר מיט מיין יונגער מאַדאַם באַצאָלט פאַר צוויי פישלעך מיט אַביסל קאַרטאָפל און אַביסל וואַסערדיקע זופּ צוויי הונדערט פראַנק, און די וועלט זאָגט, אַז יידן זענען וווכערער, און דאָס איז נאָך געווען נישט אין קיין ערשט־קלאַסיקן רעסטאָראַן.

נאָכמיטאָג זענען מיר נאָכאַמאָל אַוועק צום שטראַנד. די צוויי ענגלישע זעלנער זענען ווידער געקומען, אָבער דאָסמאָל כדי זיך צו געזעגענען. זיי זענען געהאַט געקומען קיין בלאַנקענבערג נאָר אויף דריי טעג אָפּרו. דאָס איז געווען מיין גליק, ווייל אַז נישט וואָלט איך געווען געדאַרפט צוריק־פאָרן. מיין יונגע מאַדאַם, האָב איך באַמערקט, איז געווען זייער נידער־געשלאָגן צוליבן אַוועקפאָרן פון די ענגלענדער. איך מוז צוגעבן, אַז דאָס זענען ווירקלעך געווען צוויי זייער שיינע און סימפּאַטישע יונגעלייט. גייענ־דיק צום שטראַנד האָב איך געקויפט אַ פראַנצויזישע צייטונג, וואָס דער־שיינט אין בריסל א. נ. "לאַ נאַסיאָן בעלזש". דאָרט האָב איך געלייענט, ווי אין בריסל איז אַ בעלגיער פאַרמשפּט געוואָרן צו באַצאָלן צוויי הונ־

דערט טויזנט פראַנק פאַר פאַראַטן דריי יידישע קינדער צום דייטש. "לאַ נאַסיאָן בעלזש" פרעגט, צי האָבן דריי יידישע קינדער, וואָס וועלן קיינמאָל נישט מער זען די ליכטיקע וועלט, נישט מער די ווערט ווי צוויי הונדערט טויזנט פראַנק? אָבער אַזוי איז עס. פאַר שיקן יידישע קינדער אין טויט אַריין, באַקומט מען נישט קיין שטראָף. אין געריכט הייסט מען דעם ייד שטענדיק ברענגען עדות. און אַזוי ווי דער ייד קען קיין עדות נישט שטעלן, ווייל די געשטאַפּאָ וועט דאָך נישט קומען עדות־זאָגן ווער דער פאַרעטער איז. אַפילו דעמאָלט ווען דער ייד ווייס באַשטימט, אַז די אָדער די פּערזאָן האָט אים פאַראַטן. אַזוי איז עס אין בעלגיע. אַזוי איז עס אין פראַנקרייך. און אַזוי איז עס אויך אומעטום. אויב מען פאַראורטיילט בעלגישע אָדער פראַנצויזישע פאַרעטער, איז עס נישט דערפאַר, ווייל זיי האָבן פאַראַטן יידן, נאָר ווייל זיי זענען באַגאַנגען אַנדערע חטאים.

די געשיכטע וועגן די דריי יידישע קינדער אין "לאַ נאַסיאָן בעלזש", האָט מיך באַלד אַריינגעבערענגט אין אַ טרויעריקער שטימונג. איך האָב געזען, ווי בעלגישע קינדער לויפן אַרום אויף דער פּלאַזשע, שפּילן זיך, פּליסקען אין ים און געניסן פון דער זון און לעבן. האָב איך זיך געפרעגט, צי מיינע קינדער, אַזעלכע שיינע, געזונטע און לעבעדיקע, האָבן נישט געהאָט אויך קיין רעכט צו לעבן? און אויב אַזעלכעס האָט געקענט געשען, צו נעמען און צו מאָרדן געזונטע, אומשולדיקע קינדער, האַלט איך, אַז די וועלט, וויפיל זי זאָל זיך איצט נישט באַוואָרענען פאַרן שלום, וועט דאָך אַמאָל דערפאַר מוזן באַשטראָפט ווערן. די וועלט איז מיט דעם נישט־שטערן צו מאָרדן אומשולדיקע קינדער דערגאַנגען ביז צו דער גרעסטער פאַרדאָרבנקייט. ווען איך דערמאָן זיך אין דעם מאָמענט, ווען די קינדער האָבן פאַרגאָסן זייערע טרערן פאַר הונגער, אָדער דורשט און די מוטער איז געווען אומבאַהאָלפן זיי צו העלפן, ווי גרויס מוזן זיין אַזעלכע מוטער־לעכעליידן אין אַזאַ מאָמענט: — צי האָט דאָס די וועלט באַגריפן? אָדער דער מאָמענט, ווען מען האָט די מוטער מיט אירע קינדער געפירט צום טויט. און דערפאַר, גלויב איך, אַז די וועלט מוז נאָך דערפאַר אַליין איר שטראָף אַדורכגיין. אויב דער גורל האָט מיך געלאָזט לעבן, איז עס נאָר דערפאַר, איך זאָל דאָס דער וועלט קענען זאָגן.

די אַלע פּראָצעסן, וואָס ווערן איצט איינגעריכט קעגן געשטאַפּאָ און אַנדערע קריגס־פאַרברעכער, זענען נישט מער ווי אַ קאָמעדיע־שפּיל און אַ קאַמופלאַזש פאַר דער וועלט. פאַר דעם גרויסן פאַרברעכן, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן. די דייטשן האָבן געגלויבט אין היטלערן, אַז זיי דאַרפן די פאַרברעכנס בלינד אויספירן. און היטלער האָט געגלויבט אין אַנדערע,

אַז ער וועט פאַר די פאַרברעכנס קיינמאָל נישט באַשטראָפט ווערן. און אויב איך בין זיך נישט טועה, האָבן די וועלט־פאַרברעכער אויך היטלערן אַליין אָפּגענאַרט, ווייל ווען ער האָט זיין שטיקל אַרבעט פּאַרטיק געמאַכט, האָט מען אים אַליין אויך פּונעם וועג אַראָפּגערוימט. די וועלט־רעאַקציע משפט די דייטשע פאַרברעכער, וועלכע זיי האָבן אויפגעשטעלט, ווייל זיי האָבן מורא פאַר זייער אייגענעם פאַרברעכן, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן.

פון מיין יונגער מאַדאַם קען איך גאָרנישט אַרויס. זי ווערט וואָס אַמאָל שענער. יעדער מאַן, וואָס קוקט זי אָן, איז אין איר אַנטציקט, אַזאַ חן באַזיצט זי. ווען איך האָב איר די טעג דערקלערט, אַז אַלע פּרויען לאָזן מיך קאַלט, אויסער איר קעגנוואַרט האָב איך ליב, ווייל איך פיל, אַז איך האָב זי ליב. — דו דאַרפסט מיך נישט ליב האָבן, האָט זי צו מיר ווידער געזאָגט און איך וויל עס נישט, ווייל פון אונז צוויי קען דאָך גאָרנישט ווערן. — איך בין אַ קריסטין און אַז איך וועל חתונה האָבן, וועל איך חתונה האָבן אין אַ קירכע, און דאָס קען מיט דיר נישט געשען. איך האָב איר געמוזט צוזאָגן, אַז איך וועל זי נישט ליב האָבן. אָבער פאַרוואָס זי וועצט פאַר צו מיר צו קומען און מיט מיר אונטערצוהאַלטן באַציאונגען, קען איך נישט באַגרייפן. — צי קען מיר עמעצער זאָגן, וואָס איז דאָס אַזעלכעס אַ פרוי?

מיטוואָך דעם 27־טן יוני 1945.

ברינק איז געווען אין ליפּס און האָט זיך אויף מיר געפרעגט. אָבער איך בין געווען ביים ים. איך האָב געהאַט אַ סך פאַרדרוס, וואָס איך האָב ברינקן נישט געטראָפן, ווייל איך האָב אַזוי געשטרעבט דעם מענטש נאָך אַמאָל צו זען.

דאָנערשטיק דעם 14־טן יולי 1945.

שוין עטלעכע נעכט ווי איך האָב כסדר שרעקלעכע חלומות וועגן מיין פרוי און קינדער.

שבת ביינאַכט דעם 16־טן יולי 1945.

ברינק איז די וואָך געווען אין ליפּס און מיר אָפּגעשטאַט אַ וויזיט. ווען ער איז אַריין אין מיין הויז, איז ער געווען אַזוי גערירט, אַז ער איז אַביסל שטיין געבליבן, און נישט געקענט ווייטער זיך באַוועגן. איך האָב דאָס באַמערקט. ער האָט מיך געפרעגט, צי איך האָב זיך שוין עפּעס דער־וווסט וועגן מיין פרוי און קינדער. און ווען איך האָב אים געזאָגט, ניין, איז

דער מענטש געווען שטאַרק נידערגעשלאָגן און אויף זיין פּנים איז געווען קענטיק אַ שטאַרקער ווייטיק. אַזוי טיף האָט ער מיט מיר מיטגעפילט. דאָס איז ווירקלעך געווען אַן איידעלער און אין העכסטן זין אַ גוטהאַר־ציקער מענטש. אים האָט שטאַרק ווי געטאָן, וואָס ער האָט מיך נישט געקענט טרייסטן. איך האָב דעם מענטש אַזוי ליב באַקומען, אַז איך וועל אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

זונטיק דעם 17־טן יולי 1945.

איך האָב לעצטנס געהאַט אַ וויכוח מיטן רעדאַקטאָר פון דער בריסע־לער יידישער וואָכן־צייטונג. איך האָב אים געבערענגט אַן אויסצוג פון מיינע דערינערונגען "טעג פון שרעק" און פאַרלאַנגט, ער זאָל דעם אויס־צוג אָפּדרוקן. אַ פּאָר וואָכן האָט ער דעם מאַנוסקריפּט געהאַלטן ביי זיך אין שופלאָד. מיט גרויס מי, האָט ער אַ קליינעם אויסצוג אָפּגעדרוקט. דער רעדאַקטאָר, אַ געוויסער הער ריבאַ, האָט צו מיר געטענהט, אַז מיינע דערינערונגען זענען נישט גענוג קינסטלעריש אויסגעהאַלטן און ער האָט מיר אָנגעהויבן צו דערציילן עפּעס וועגן אַ פראַנצויזישן שרייבער — זשיל ראָמען, ווי אַזוי ער באַשרייבט אַ הונט. — גאָט מיינער! האָב איך מיר געטראַכט, איך האָב ביי מיינע דערינערונגען פאַרגאָסן אַזוי פיל טרערן און זיי זענען געשריבן מיט אַזוי פיל ווי און בענקשאַפט, איז וויכטיקער, ווי אַזוי זשיל ראָמען באַשרייבט אַ הונט. ביי מיר האָט איין קינד מיינס געהאַט מער ווערט, ווי די גאַנצע עקזיסטירנדע קונסט. ביי מיר זענען מיינע דערינערונגען מער ווערט, ווי דאָס גרעסטע קינסטלע־רישע ווערק. אָבער איך האָב זיך איבערצייגט, אַז יעדער קוקט נאָר אויף זיינע אייגענע אינטערעסן. טראָץ דעם, וואָס איך זאָג אַרויס אין מיינע דערינערונגען אַזוי פיל אמת, איז אָבער ביי דעם הער ריבאַ געשטאַ־נען העכער צוערשט זיינע אייגענע אינטערעסן.

דינסטיק דעם 19־טן יולי 1945.

איך ווייס נישט. איך באַקום וואָס־אַמאָל מער פיינט פּראָסטע מענטשן, וועלכע גלויבן אין גאָרנישט, ווייל איך זע אין זיי, אַז זיי זענען פעאיק אויף יעדעס שלעכטס און עס באַשטעטיקט זיך ביי מיר די טעזע פון שפּינאָזאַ, אַז פּראָסטע מענטשן, וועלכע גלויבן אין גאָרנישט, גייען אַראָפּ פון מאָראַלישן און עטישן וועג. לויט שפּינאָזאַ איז סטראַטי געפינט זיך דאָס שלעכטס און גוטס נישט ביי גאָט, נאָר אין מענטש אַליין און אויב ער גלויבט אין גאָרנישט, ווערט דער שלעכטער אַ חיה.

דאָנערשטיק דעם 21־טן יולי 1945.

איך האָב לעצטנס געהאַט אַ געשפּרעך מיט אַ פלעמישער מאַרק־הענדלערין אויפן מאַרק פון אַנטווערפּן. האָט זי צו מיר געזאָגט — מיט אייך יידן האָט מען אַזוי געטאָן, ווי דער פויער טוט, ווען ער פלאַנצט צופיל פלאַנצן, רייסט ער שפּעטער איין טייל פלאַנצן אין מיטן וואַקסן אַרויס, כדי די אַנדערע פלאַנצן זאָלן בעסער און שענער קענען וואַקסן. — האָסט קיינמאָל נישט געזען, האָט זי מיך געפרעגט, למשל, מייערלעך (ריבן), ווען זיי שטייען צו געדיכט אויף איין אָרט, קענען זיי זיך נישט אַנטוויקלען, דאַן רייסט דער פויער די העלפט פון זיי אַרויס, וואַקסן נאָכער די אַנדערע דיקער און שענער. — מאַדאַם! האָב איך צו איר געזאָגט, מייערלעך זענען דאָך אַ טויטע זאַך, וואָס ווייסן נישט פון געבורט־ווייען, פון דיליידן און פריידן פון דערציען אַ קינד. — מאַדאַם, האָב איך צו איר ווייטער געזאָגט, עס זענען געווען פאַלן, ווען מען האָט די מוטערס צוגענומען זייערע קינדער, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי גייען אין אַ זיכערן טויט אַריין, זענען זיי דאָך געגאַנגען זייערע קינדער זוכן און זיך אַליין די קינדער איבערגעגעבן. דאָס איז די שטאַרקע ליבע פון עלטערן צו אַ קינד. דער מאַרק־הענדלערין זענען געקומען די טרערן אין די אויגן און זי האָט זיך צעוויינט. — איך ווייס נישט, האָט זי געזאָגט, ווי אַזוי אַזעלכעס האָט געקענט געשען.

די געשיכטע מיט די יידישע מוטערס, וואָס זענען נאָכגעלאָפן זייערע קינדער ביז אין טויט אַריין, דערמאַנט מיך איצט אין אַ קאָנגאָ־מעשהלע, וואָס איך האָב לעצטנס געלייענט. עס דערציילט זיך דאָרט, ווי אַ קינד האָט זיך געשפּילטביים טייך, איז געקומען אַ קראָקאָדיל און דאָס קינד איינגעשלינגען. די מוטער האָט עס דערזען פונדערווייטנס. אָבער ווען זי איז געקומען צו לויפן ברענגען דעם קינד הילף, איז דער קראָקאָדיל שוין אַוועקגעשווימען מיטן קינד. זי איז געווען פאַרצווייפלט. זי האָט געשריגן און געוויינט, געלאָפן ביים ברעג, וווּ דער קראָקאָדיל איז מיטן קינד אַוועקגעשווימען. מיט איינמאָל איז אָנגעפאָרן אַ מאַן מיט אַ שיפל, האָט ער זיך געפרעגט די פרוי, וואָס זי וויינט אַזוי. האָט זי אים דערציילט די געשיכטע מיטן קראָקאָדיל און אים געבעטן, ער זאָל זי מיטן שיפל ברענגען צום קראָקאָדיל. דער מאַן האָט געגעבן דער פרוי צו פאַרשטיין, אַז זי ריזיקירט מיטן אייגענעם לעבן ווען ער וועט זי ברענגען צום קראָקאָדיל. אָבער די מוטער האָט פון גאָרנישט געוואָלט וויסן, נאָר איין פאַרלאַנג האָט זי געהאַט, ער זאָל זי ברענגען צום קראָקאָדיל, וווּ עס געפינט זיך איר קינד. דער מאַן האָט די מוטער געברענגט

צום קראָקאָדיל. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט וויינען און בעטן, דער קראָקאָדיל זאָל איר צוריקגעבן איר קינד. אָבער דער קראָקאָדיל, אַנשטאָט איר צוריקצוגעבן דאָס קינד, האָט די מוטער אויך איינגעשלונגען.

דינסטיק 26־טן יולי 1945.

ווען איך בין לעצטנס געגאַנגען אין ליער, האָב איך באַגעגנט אַ יובילײ פון אַ פופציק־יעריקער חתונה. אין דעם צוג זענען געגאַנגען קליינע קינדער, אָנגעטאָן אין ווייסן מיט גרינע ביימלעך אין די הענטלעך. זיי האָבן אויסגעזען ווי מלאכימלעך, און איך האָב זיך באַלד דערמאַנט אין מיינע שיינע קינדער און זיך צעוויינט.

מאָנטיק דעם 1־טן אויגוסט 1945.

איך זיץ און טראַכט, צי איז דאָס ווירקלעך אמת, אַז מיין פרוי און די קינדער זענען טויט. איך קען מיר דאָס גאָרנישט לאָזן צוגלויבן, אַז דאָס זאָל זיין אַן אמת. און איך קען גאָרנישט פאַרשטיין, אַז אַזעלכעס האָט אויף דער וועלט געקענט געשען, צו נעמען געזונטע, אומשולדיקע קינדער און זיי הרגענען. אַזעלכע שיינע און קלוגע קינדער, ווי איך האָב געהאַט. איך וואַרף מיר פאָר, אַז איך בין נישט געווען גענוג פאָרזיכטיק, און איך קען מיר דעם חטא גאָרנישט מוחל זיין און עס איז מיר דערפאַר שווער אויף מיין הארץ. אָבער איין גאָט ווייס, ווי אַזוי דאָס איז געשען. פאַר מיר האָט די גאַנצע וועלט נישט מער קיין שום עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, אויב אַזעלכעס האָט געקענט אויף איר געשען. איך טראַכט מיר, איך בין ווען דאָס אַדורכגעגאַנגען די געסלעך ביי דער סטאַציע אין אַנטווערפן. איך האָב געזען די זעלבע פאָרטיערס, וואָס מיט צוואַנציק יאָר צוריק, שטייען נאָך ביי די נאַכט־הייזלעך, ווו מען טרייבט זנות. די זעלבע אויסגעפּאַשעטע פלעמער פון די נאַכט־הייזלעך, ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק, וואָס לעבן פון זנות. זיי האָבן געהאַט דאָס רעכט צו בלייבן לעבן, נאָר מיינע אומשולדיקע קינדער האָבן קיין רעכט נישט געהאַט אויף לעבן, נאָר ווייל זיי זענען געבוירן געוואָרן יידן.

איך דערמאָן זיך, ווי מיינע יינגלעך פלעגן מיך פרעגן, ווען זיי האָבן געהערט, וואָס דער דייטש טוט מיט די יידן, איך זאָל זיי דערקלערן, וואָס דאָס איז אַזעלכעס אַ ייד — פּאַפּאַ! — פלעגן זיי מיך אַ סך מאָל פרעגן, וואָס איז דאָס אַזעלכעס אַ ייד? ווי שרעקלעך איז דאָס און נישט צום באַגרייפן, אַז אַ גאַנצע וועלט האָט זיך גענומען צו אומשולדיקע קינדער.

מען דאַרף נישט פאַרוואַרפן די דייטשן אַליין דאָס מאָרדן יידישע קינדער, ווייל די גאַנצע וועלט טראָגט די שולד. די דייטשן האָבן נאָר בלינד אויס־געפירט דאָס, וואָס מען האָט זיי געהייסן. איך לאַך פון דעם, וואָס מען זעצט היינט אַרויף אויף די באַשולדיקונגס־בענק, נאָר די דייטשן. — פאַרוואָס זעצט מען נישט אַרויף אויף די באַשולדיקונגס־בענק, די ענג־לענדער, די אַמעריקאַנער, די פּאָלאַקן, די פראַנצויזן און אַלע אַנדערע, וואָס האָבן לאַנג פאַר דער מלחמה צוגעגרייט די שחיטה איבערן יידנטום. היטלער קומט מיר פונקט פאַר אַזוי ווי אַ שיפס־קאַפּיטאַן. די שיפס־געזעל־שאַפט האָט צו זאָגן איבערן קאַפּיטאַן. דער קאַפּיטאַן האָט צו זאָגן איבער דער שיפס־מאַנשאַפט. איינער מוז בלינד הערן דעם צווייטן. די קאָמפּאַניע פון די וועלט־פּאָליטיקער האָט אַרויפגעזעצט היטלערן, ער זאָל אויספירן זייערע באַפעלן. היטלער איז ווידער געוועזן דער קאַפּיטאַן איבערן דייטשן רודער. די געשטאַפּאָ, די ס. ס. האָבן געהאַט בלינד אויסצופירן זיינע באַפעלן. ער האָט זיי געהייסן מאָרדן, האָבן זיי געמאָרדעט. זיי האָבן ווי־דער געמאָרדעט, ווייל מען האָט געהייסן היטלערן מאָרדן. אויף די באַשול־דיקונגס־בענק וואָלטן געדאַרפט זיצן די יונקערס, די לאָרדן, די מיליאַר־דערן, וואָס האָבן צו דעם שרעקלעכן בלוט־באָד צוגעפירט. איך לאַך פון דעם שפּיל, וואָס איז איצט פאָרגעקומען מיט די וואַלן אין ענגלאַנד, ווו עס הייסט אַזוי צו זאָגן, אַז די אַרבעטער האָבן אָפּגעהאַלטן אַ זיג. — איך מיין, אַז די וועלט פאַרשטייט גאָרנישט, אַז דאָס איז אַ פּאָליטישער מאַנעווער. ענגלאַנד פילט, וואָס פאַר אַ שרעקלעכן פאַרברעכן זי איז באַגאַנגען. זי ווייס, אַז זי וועט זיך פון דעם שרעקלעכן פאַרברעכן קעגנ־איבער דעם יידישן פאָלק קיינמאָל נישט קענען אָפּוואַשן. אירע הענט זע־נען איינגעטונקען אינעם בלוט פון יידישע שוואַנגער־פרויען, זויגלינגען און קליינע קינדער. זי וויל דעם צאָרן פון דער וועלט אַביסל אָפּווענדן, האָט זי געגעבן די מאַכט די אַרבעטער אין די הענט אַריין, די וועלט די אויגן צו פאַרבלענדן. ווי גרויס איז די קאָמעדיע, וואָס מען משפט איצט דייטשן, ווייל וואָס אַרט דען די וועלט־פּאָליטיקער, ווען מען פאַרמשפּט איצט די זעלבע דייטשן, אָדער אַנדערע דייטשן, ווען זיי האָבן נאָר אויס־געפירט די שליחותן, וואָס זיי האָבן געדאַרפט אויספירן. און אויסגעפירט האָבן די דייטשן זייער שליחות פּינקטלעך. זיי האָבן יידן געמאָרדעט, קליי־נע קינדער און פרויען געמאָרדעט ביז צו דער לעצטער מינוט.

דאַנערשטיק דעם 4־טן אויגוסט 1945.

ווי דערשטוינט בין איך געבליבן, ווען איך בין מיך מאָנטיק ביינאַכט

געגאַנגען לייגן שלאָפן און לייענענדיק די פראַנצויזישע צייטונג, האָב איך מיך איבערצייגט, אַז נישט איך אַליין באַגרייף, אַז די גאַנצע וועלט טראָגט די שולד פונעם מאָרדן אומבאַהאָלפענע פרויען און קינדער, נאָר אַז עס זענען אויך דאָ אַנדערע וואָס ווייסן, אַז דער קאַמפּלאָט איז פאַרן יידישן פאָלק צוגעגרייט געוואָרן פון דער גאַנצער וועלט, נאָר קיינער וויל עס נישט אַזוי אָפן זאָגן ווי איך. אָבער דאָס וואָס פראַנסוואַ מאָריאַק זאָגט אין דער בריסעלער צייטונג "לע סואַר" איז שוין גענוג גערזאָגט. — אָט וואָס ער זאָגט. מיר זוכן נישט קיין אַנטשולדיקונג פאַרן אַלטן מאַרשאַל, ער מיינט דאָ פּעטען, וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען פאַרן געריכט. — מען מוז, זאָגט ער ווייטער, האָבן דעם קוראַזש עס צו באַשטעטיקן, ער האָט נישט איינגעפירט קיין נייע פּאָליטיק, ער איז נאָר געווען דער אויספירער. אין מינכן, זאָגט מאָריאַק ווייטער, זענען געווען די פאַרגייער. — און מינכן אַליין איז נאָך נישט געווען דער פאַראַט־פּונקט קעגן אייראָפּע. — אייראָפּע, זאָגט ער, קלייבט איצט די פרוכטן פון אומאויפהערלעכן פאַראַט און געמיינהייט. ביז צו דער לעצטער מינוט, זאָגט מאָריאַק, אפילו ווען מען האָט שוין געמאַכט דעם אַטענטאַט אויף היטלערן, האָט היטלער נאָך געגאָסן פון דער אָפענער הילף פון דער גאַנצער וועלט. דאָס איז טאַקע, וואָס איך באַגרייף אויך איצט די שפּיל, וואָס איז פאָרגעקומען מיט דעם זיג פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי אין ענגלאַנד. ענגלאַנד שרעקט זיך איצט פאַר דעם פאַרברעכן, וואָס זי איז באַגאַנגען. ענגלאַנד ווייס, אַז סוף כל סוף וועט זיך די וועלט דאָך אַמאָל מוזן אויסקריסטאַליזירן און יעדן פאָלק וועט צוגעשריבן ווערן דאָס גוטע און שלעכטע, וואָס עס האָט דער מענטשהייט געגעבן. און ווען מען וועט אַריינקוקן אין דער געשיכטע און זען, אַז דאָס ענגלישע פאָלק איז שולדיק אין אַזאַ גרויסן פאַרברעכן, ווי מאָרדן קליינע קינדער. די יללות פון די טויזנטער אומשולדיקע קינדער. פון זויגלינגען. פון מוטערס וואָס רייסן זיך די האָר פון די קעפּ, ווייל זיי זענען אומבאַהאָלפן זייערע קינדער צו העלפן פון זייער הונגער, דורשט און טויט. דאָס וועט אין דער צוקונפטיקער וועלט קיינמאָל די שולדיקע פעלקער נישט קאָנען פאַרגעבן ווערן. און דאָס פילט ענגלאַנד מער פון אַנדערע. זי וואָלט איר חטא געוואָלט אויף אַ באַטריגערישן אופן אויס־קויפן. — ווי צו אַזאַ פאָלק, וואָס האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַזעלכע מענער, ווי אַ בייראָן און אַן אָסקאַר ווילדע, און האָט אָנטיילגענומען אין אַזאַ גרויסן פאַרברעכן. עס טוט מיר נישט ווי אויף קיין שום לאַנד אַזוי, פאַר דעם אומגערעכטן וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן דעם יידנטום אין אייראָפּע, ווי אויף ענגלאַנד. ווייל זי האָט באַזיצט אַ האַלבע וועלט און אַזוי פיל רייכטום און האָט געלאָזט אויסמאָרדן זעקס מיליאָן ווערלאָזע

מענטשן נאָר צוליב דעם, אַז זי זאָל נישט געשטערט ווערן אין איר רו. איך וואָלט עס מיר קיינמאָל נישט געוועז פאַרגעשטעלט, אַז דאָס פאָלק וואָס האָט זיך שטענדיק פּראָקלאַמירט פאַר אַזאַ שטאַרקן אָנהענגער פון אונזערע נביאים, האָט געזאָלט צופירן צו אַזאַ גרויסן פאַרברעכן, ווי מאָרדן שוואַנגערע פרויען, זויגלינגען און קליינע קינדער.

מאָנטיק דעם 8־טן אויגוסט 1945.

לעצטנס האָב איך געטראָפן דעם פויער ווערומפּיי. ער האָט זיך מיט מיר זייער געפרייט. ער האָט מיך געפרעגט, צי איך האָב שוין עפּעס דערפאַרן וועגן מיין פרוי און קינדער און ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז זיי לעבן שוין זיכער מער נישט, ווייל אַ מוטער מיט קינדער, האָב איך אים דערקלערט, האָט מען נאָך שנעלער דערמאָרדעט, ווי אַן אַנדערע — דאָס איז געווען די ציוויליזאַציע פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ווערומפּיי האָט מיך געפּרוווט צו טרייסטן און מיך געבעטן איך זאָל אַמאָל צו אים אַרויסקומען. — דו ווייסט, האָט ער צו מיר געזאָגט, אַז ביי מיר איז שטענדיק געווען אַן אָפענע טיר, און נישט נאָר אין פרידנסצייט, נאָר אפילו אין דער מלחמה האָב איך מיך געטיילט מיטן עסן. — יאָ, האָט ער צוגעגעבן, איך בין נישט קיין געבוירענער פויער. — איך בין אַמאָל, אין מיינע יונגע יאָרן, געווען אַ פּאַרט־אַרבעטער און דערפאַר ווייס איך, וואָס אָרימקייט באַדייט. איך האָב ווערומפּיי געדאַנקט פאַר זיין גוטהאַרציקייט און אים צוגעזאָגט אַמאָל צו אים אַרויסצוקומען.

ווען איך קוק מיך צו צום לעבן, זע איך, אַז נאָר דער שלעכטער האָט מזל אָבער דער גוטער און אומבאַהאָלפענער ליידט אין לעבן דערפאַר, ווייל ער קאָן קיין שלעכטס נישט באַגיין. אַזוי קומט מיר פאָר אויך מיט דער גרעסטער טייל יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די דייטשע הענט... ווען איך קוק מיך צו צו די יידן, וואָס זענען פון די לאַגערס צוריקגעקומען, אָדער צו די יידן וואָס האָבן געוווסט זיך אויסצובאַהאַלטן אין פאַרשידענע לענדער, זע איך, אַז דאָס גוטע איז אַהינגעגאַנגען אין טויט אַריין און דאָס פסולת איז מערסטנטיילס געבליבן. גוטע יידישע פאָטערס און מוטערס מיט קליינע קינדער זענען פאַרניכטעט געוואָרן. יידן, וואָס האָבן געקאָנט מאָרדן, גזלנען, אויסשלאָגן ביים צווייטן ייד זיינע גאָלדענע ציין, אָפּשניידן זיינע פינגער, כדי צו באַזיצן זיין גאָלדענעם רינג, דערהרגענען יענעם אין שלאָף, כדי צו קאָנען צונעמען זיין שטיקל ברויט. יידן וואָס האָבן אָוועקגעשיקט מוטערס מיט קליינע קינדער אין טויט אַריין, כדי זיך אַליין צו קענען ראַטעווען און צו מאַכן ביי דעם גוטע

געשעפטן, אַזעלכע יידן זענען אַממערסטן פון די לאַגערס צוריקגעקומען. איך קוק מיך צו, אַז פון די יידן וואָס זענען צוריקגעקומען, האָבן קיין סך קיין געמיינזאַמעס מיטן יידנטום נישט צו טאָן. אַ סך רעדן נישט מער קיין יידיש. גייען נישט מער אין קיין שול. קענען נישט קיין שטרעבונג צו קיין שום אידעע. זענען נישט קיין יידן, און נישט קיין גויים. זענען גרייט צו פאַרלייקענען זייער אָפּשטאַמונג און זייער קולטור, נאָר דערפאַר מען זאָל זיי צורו לאָזן, זייער איינציק שטרעבן איז נאָר — פאַרדינען געלט. עסן און טרינקן און באַפרידיקן די תאווה. זיי לעבן ווי אַ חיה און שטאַרבן ווי אַ הונט. וואָס קיינער ווייס נישט פון זיי. איך האָב שטענדיק, למשל, געפילט אַן עקל צו די האָלענדישע יידן, ווייל זיי האָבןווירקלעך נישט געוווסט, מיט וואָס זיי זענען יידן. האָבן נישט געקענט די יידישע שפּראַך, נישט קיין יידישע געשיכטע. זייער גאַנצער געשפּרעך, ווען איך האָב מיך צו זיי צוגעהערט, איז נאָר שטענדיק געווען וועגן פרעסן און זויפן און די תאווה. איך האָב בעסער פאַרטראָגן אַ גוי, איידער אַזאַ ייד. דאָס זעלבע איז מיט די אַנדערע יידן וואָס זענען אין איירָאָפּע איבערגעבליבן. זיי פלעגן נישט מער די יידישע קולטור. די יידישע שרייבער. זייער איינציקער פאַרלאַנג איז נאָר געשעפט און פאַרדינען געלט. לאָזן זייערע קינדער קיין יידיש נישט מער לערנען און גייען אַוועק אויף פרעמדע וועגן. — אָט, דאָס איז כמעט פון גאַנצן יידנטום אין איירָאָפּע געבליבן. און אַזעלכע יידן האָבן מער מזל געהאַט צו בלייבן לעבן ווי אַנדערע.

מאָנטיק 15־טן אויגוסט 1945.

מיין יונגע מאַדאַם, האָב איך מיך איבערצייגט, קומט נישט צו מיר אַזוי פון ליבע, ווי צוליב אירע אייגענע אינטערעסן און אירע קאַפּריזן.

דאָנערשטיק 18־טן אויגוסט 1945.

איך קלאָג בייטאָג און ביינאַכט, און קאָן צו מיין ווייטיק קיין טרייסט נישט געפינען. איך קאָן מיר דאָס גאָרנישט פאָרשטעלן, אַז דאָס זאָל זיין אַן אמת, אַז מיינע קינדער זענען ווירקלעך טויט און אַז איך וועל זיי שוין מער קיינמאָל נישט צוריקזען. וויפיל איך טראַכט אַריין, קאָן איך דאָך מיר נישט לאָזן צוגלויבן, אַז אַזעלכעס האָט געקענט געשען אויף דער וועלט. ווען איך דערמאָן מיך, וויפיל אַ פאָטער און אַ מוטער שטייען אויס, ביז זיי דערציען אַ קינד ביז צו דער עלטער פון פינף און אַכט יאָר. איך דערמאָן זיך די פרייד פון מיין פרוי, ווען מיין ערשט יינגל איז געבוירן געוואָרן.

און אַזוי איז די פרייד געווען ביים צווייטן יינגל. און די פרייד פון דער מוטער ביים געבורט פונעם דריטן קינד, וואָס זי האָט אַזוי שטאַרק זיך געווונטשן צו האָבן אַ טאָכטער. און אַזעלכעס האָט מען גענומען און פאַר גאָרנישט דערמאָרדעט. איך דערמאָן מיך, אַז ווען אַ קינד איז געבוירן געוואָרן, בין איך ביי דעם מינדסטן פּישטשע, ביי דעם מינדסטן שאָרך אויפגעשפרינגען פון מיין בעסטן שלאָף פון מיין בעט. ביים גיין ציינדלעך האָב איך זיי אַרומגעטראָגן גאַנצע נעכט אויף מיינע הענט. ווען מען האָט זיי געדאַרפט אָפּערירן אויף "מאַנדלען", אָדער אויף אַ פּאָליפּ, האָב איך אַזויפיל טרערן פאַרגאָסן. ווען זיי האָבן געמאָזלט, בין איך ביי זיי געלעגן אויף דער ערד גאַנצע נעכט. און דאָס האָט געדאַרפט אונטערגיין מיט אַזאַ שרעקלעכן טויט. איך שטעל מיר שטענדיק פאָר דאָס געיאָמער פון די קינדער פאַר הונגער און דורשט אין די פאַרפּלאָמבירטע וואַגאָנען. און די ליידן פון דער מוטער, וואָס האָט אירע קינדער נישט געקאָנט העלפן. ווען איך הער היינט ערגעץ דאָס געשריי פון אַ קינד ווער איך אויפגע־ציטערט, ווייל עס דאַכט זיך מיר, אַז איך הער מיינע קינדער שרייען און איך וואָלט זיי געוואָלט קומען צו הילף, אַזוי ווי איך פלעג עס אַלעמאָל טאָן.

ווען איך הער אַ קינד אַרויסזאָגן דאָס וואָרט פאָטער, לויפט אַדורך אַ ציטער דורך מיין לייב, ווייל איך ווייס, אַז איך וועל דאָס וואָרט שוין קיינמאָל נישט פון מיינע קינדער הערן. איך שטעל מיר פאָר די מינוטן, ווען מען האָט די מוטער מיט די קינדער פאַרגאַזט. די יללות דעמאָלט. איך האָב געהערט, אַז ביי די קינדער פלעגן זייערע הערצלעך פּלאַצן און ווען מען האָט זיי אַוועקגעפירט צום פאַרברענען, האָט זיך זיי געגאָסן בלוט פונעם מויל און פון דער נאָז פון דער פאַרשטיקונג. — ווי שרעק־לעך דאָס איז, אַז אַזעלכעס האָט געקענט געשען אין צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט.

ווי טרויעריק דאָס איז, אַז די וועלט האָט אויפגעשטעלט אַזש אַכציק מיליאָן מערדער אין אייראָפּע צו מאָרדן אַ ווערלאָז פאָלק. איצט, ווען זי איז באַגאַנגען דעם שרעקלעכסטן פאַרברעכן וואָס איז ווען עס איז אין דער געשיכטע פאָרגעקומען, פּרעדיקט די וועלט דעמאָקראַטיע, כדי צו קענען פאַרטושן איר פאַרברעכן. דאָס איז אויך דער פאַל, וואָס אין ענג־לאַנד איז פּלוצלינג געבוירן געוואָרן אַן אַרבעטער־רעגירונג, די רעאַקציע אַליין שרעקט זיך פאַר דעם, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן און זי האָט מורא פאַר דעם יום־הדין.

מיין פאַרביטערונג קעגן דער וועלט איז אַזוי גרויס, ווייל איך זע, אַז די וועלט האָט געטרונקען דעם בעכער מיטן בלוט פון יידישע קינדער

ביז צום לעצטן טראָפּן. ווייל די וועלט האָט ביז צו דער לעצטער מינוט נישט רעאַגירט קעגן דעם מאָרדן פון קליינע קינדער. עס קומט מיר אויס, אַז די גאַנצע מלחמה איז מער נישט געווען געריכטעט, ווי קעגן יידישן פאָלק און אַז דאָס איבעריקע פון דער מלחמה האָט נאָר געדינט אַלס מיטל אויסצוראָטן דאָס יידנטום. אויב די וועלט האָט געקענט אַזוי נידעריק זינקען, אַז אַ גאַנצע וועלט האָט זיך פאַרלייגט צו מאָרדן אַ ווערלאָז פאָלק און האָט צוגעטראַכט אַזאַ טייוולאָנישן, קאָמבינירטן, ראַפינירטן פּלאַן, דאַן גלויב איך מיט דער טיפסטער איבערצייגונג פון מיין האַרץ, אַז די גאַנצע וועלט וועט פאַר דעם גרויסן פאַרברעכן נאָך אַדורכגיין אַ גרויסע שטראָף. די יללות פון די געמאָרדעטע מוטערס, פון קליינע קינדער און זויגלינגען אין די פאַרפלאָמבירטע וואַגאָנען פון הונ־גער און דורשט, וועלן קיינמאָל נישט פון גאָט פאַרגעסן ווערן.

איך ענדיק דאָס שרייבן ווייטער מיינע דערינערונגען, ווייל עס איז מיר דערווידער זיי ווייטער צו שרייבן. ווער ווייס, צי איך וואָלט זיי איבערהויפּט געווען געקענט אַמאָל אָנשרייבן, ווען נישט עפּעס אַ העכערע קראַפט, וואָס האָט מיך געשטויסן דערצו. איך זאָל זאָגן דער וועלט דאָס, וואָס איך האָב געפילט פאַר נייטיק איר צו זאָגן.

גערדרוקט אין דער בוכדרוקעריי
« LES EDITIONS POLYGLOTTES »
232, rue de Charenton
PARIS-12e

PRINTED IN FRANCE